STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11781

YORN FUN PAYN UN NISOYEN

F. Derorah Ayzner

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פ. דרורה אייזנער

יאָרן פון פּיין און נסיון

זכרונות פון דער צווייטער וועלט־מלחמה

פאַרלאַג „עמר"
תל־אביב תש"ם 1980

F. DRORA AIZNER

YEARS OF SUFFERING AND EXPERIENCE

פ. דרורה אייזנר

שנות סבל ונסיון

©

Copyright by F. Drora Aizner

כל הזכויות שמורות למחברת

Printed in Israel 1980

נדפס בישראל תש"ם

סידור עימוד והדפסה: משה חמיאל

תל-אביב, טל. 33 65 64

פ. דרורה איינער

יאָרן פון פּיין און נסיון

צום אייביקן אָנדענק
פון די משפּחות

פּנחס־אהרן פרידע
זדונסקאַ־וואָליע

אברהם־דוד אייזנער
לאָדזש

ת.נ.צ.ב.ה.

אַ וואָרט פריִער

איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו לייענען די דאָזיקע זכרונות אין כּתב־יד און וואָס מער איך האָב זיך אין זיי אַריינגעלייענט, אַלץ מער בין איך איבערגעצייגט געוואָרן אַז זיי זענען ראוי צו דערשיינען צווישן די טאָוולען פון אַ בוך און דאָס נישט נאָר צוליב דעם טעם פון „וכל המרבה לספר״, נייערט אויך צוליב דעם וואָס אין דעם דאָזיקן „סיפּור״ ווערן אַנטפּלעקט ווינקלען פון ייִדישעליידן און שטחים פון ייִדישן פּיין וואָס דאַרפן אומבאַדינגט פאַרפיקסירט ווערן אין אונדזער פאָלקס־זכּרון.

די שרייבערין פון די דאָזיקע זכרונות האָט געהאַט דאָס מזל געפירט צו ווערן צו איר רעטונג מיט באַזונדערע וועגן און זי האָט געזען און באַשריבן געשעענישן און סיטואַציעס וואָס גאָר ווייניק האָבן זיי געזען און נאָך ווייניקער האָבן וועגן זיי דערציילט אין זייערע זכרונות. אַזוי למשל האָט זי אין אירע כּסדרדיקע וואַנדערונגען איבער דעם נאַצי־אָקופּירטן פּוילן געזען אַ ריי שטעט און שטעטלעך וואָס זייער גורל איז, לפי שעה, געווען אַ גאַנץ אַנדערער ווי פון דעם רוב שטעט און שטעטלעך אין פּוילישן לאַנד; שטעט און שטעטלעך וואָס האָבן אין דער טיף פון יאָר 1942 נאָך געלעבט פריי, אָן געטאָס, בעת אַרום זיי האָט שוין געברענט דאָס גרויסע פייער פון דער מערדערישער ייִדן־אויסראָטונג.

ווי נאָר די צווייטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט פרוי דרורה אייזנער גענומען וואַנדערן און אירע וואַנדערונגען האָבן זי געפירט איבער פאַרשידענע ישובים אין פּוילן, ווי אויך איבער תּפיסות און דייטשישע אַרבעטס־לאַגערן. דאָס וואָס זי דערציילט

וועגן אירע איבערלעבונגען אין די דאָזיקע תּפֿיסות און לאַגערן זעט אָפּט מאָל אויס ווי אַ יוצא דופן אין דער נאַצישער אכזריות מיט וועלכער מיר זענען באַקאַנט פון אַלע אַנדערע שילדערונגען און גבית־עדותן און מען קען דעריבער זאָגן אַז איר איז אויסגעקומען צו זען און צו זיין אין די „קילע" ערטער פון נאַצישן גיהנום. אין לעצטן סך־הכּל קומען מיר אָבער צום אויספיר אַז דער גרויל איז אומעטום געווען דער זעלביקער און די נאַצישע פאַרברעכערישקייט — אין ערגעץ נישט קלענער. צום גרויסן ים פון ייִדן־פאַרניכטונג האָבן די דייטשן געמאַכט פליסן פאַרשידענע שטראָמען און די שרייבערין פון די זכרונות באַווייזט אונדז די שטראָמען וואָס זענען געפלאָסן מיט אַ קלענערער האַסטיקייט, אָבער מיט דער זעלביקער אויסגעחשבונטער כּוונה. דער רעזולטאַט איז געווען אַ פּאָרויס באַשטימטער — זעקס מיליאָן ייִדישע קרבנות.

איך, פון מיין זייט, וואָלט דעם דאָזיקן בוך אַ נאָמען געגעבן „אין געראַנגל פאַרן צלם אלוקים", ווייל דאָס איז אייגנטלעך דער לייט־מאָטיוו פון די דאָזיקע זכרונות און דאָס איז אויך זייער דאָקומענטאַרער און מאָראַלישער ווערט. דאָס באַזונדערע אין דעם דאָזיקן בוך איז אָבער דער פאַקט (וואָס ווערט בולט אין די זכרונות) אַז די מאָראַלישע **האַלטונג** פון איין מענטש איז גאָר אָפּט גורם צו דער מאָראַלישער **דערהאַלטונג** פון אַ ריי אַנדערע מענטשן. דאָס איז דער גרויסער מוסר־השׂכּל פון די דאָזיקע זכרונות און כּדי צו פאַרשטיין וואָס איך מיין דערמיט, דאַרף מען די דאָזיקע זכרונות לייענען מיט דער פולסטער אויפמערקזאַמקייט...

יצחק יאַנאַסאָוויטש

אַריינפיר

די זכרונות וועגן מיינע איבערלעבונגען אין אונדזער פאָלקס־טראַגעדיע, וויל איך אָנהייבן מיטן באַשרייבן אַ פּאָר חדשים פאַר סעפּטעמבער 1939. איך וויל אָנהייבן פון פּורים 1939 : עס איז געווען אין אַ טריב פאַרנעפּלטן מערץ־אָוונט ווען די לאָדזשער גאַסן זענען געוואָרן פול מיט ייִדן וועלכע האָבן מיט איילנדיקע טריט געשפּאַנט צו די שולן און חסידים־שטיבלעך הערן לייענען די מגילה. ווי תּמיד זענען פאַר די שולן געזעסן אָרעמע־לייט מיט אויסגעשטרעקטע הענט און האָבן געבעטן נדבות... לכּבוד פּורים.

די שולן און שטיבלעך זענען געווען יומטובדיק באַלויכטן. די חזנים און בעלי־תּפילה האָבן געלייענט די מגילה און יעדעס מאָל ווען מ׳האָט דערמאָנט המנס נאָמען האָבן די קינדערלעך אָנגעהויבן פּלייסיק צו גראַגערן. עטלעכע ייִדן האָבן מיט אַ בולטער האָפערדיקייט געבן דעם נאָמען פון המן אויך דערמאָנט דעם נאָמען היטלער.

פּורים האָט תּמיד אַריינגעבראַכט יומטובדיקייט אין לעבן פון די פּוילישע ייִדן. אין דאָזיקן טאָג האָט מען טאַקע נאָרמאַל געאַרבעט און געפירט די טאָג־טעגלעכע געשעפטן, אָבער אין די ייִדישע היימען האָט זיך דער יום־טוב זייער גוט אָנגעזען. מען האָט געפּראַוועט טראַדיציאָנעלע פּורים־סעודהס מיט המן־טאַשן, מיט שיקן און באַקומען שלח־מנות און מיט פּורים־שפּילערס. אויך אין די גאַסן פון דער שטאָט לאָדזש ווו עס האָבן געלעבט אַ פערטל מיליאָן ייִדן, האָט זיך דער יום־טוב שטאַרק אָנגעזען. אין די שויפענצטערס זענען געווען אויסגעשטעלט פאַרשידענע שלח־מנות־קוישן. אַפילו די שויפענצטערס פון גרויסע קריסטלעכע קלייטן זענען געווען פאַרפּוצט מיט שלח־מנות־קאָרבן, פול מיט אָריענטאַלישע

פּרוכטן און ארץ־ישׂראל־ווײַנען. שלח־מנות־טרעגערס און פּורים־שפּילערס, פאַרשטעלטע ווי אסתּר־המלכּה, המן, ויזתא און מרדכי הצדיק האָבן פריילעך געמאַכט די גאַסן.

דאָס מאָל, אין דעם פּורים־אָוונט פון 1939, ווען לאָדזשער ייִדן זענען אַרויס אין גאַס כּדי צו גיין אין געסט צו משפּחה און פריינד, האָבן זיי געטראָפן אויף די גאַסן גרופּעס סטודענטן פון דער פּוילישער אַנטיסעמי־טישער פּאַרטיי „נאַראָדאָוואַ דעמאָקראַציאַ" (ענדעקעס) און פון דער אָרגאַניזאַציע „מלאָדזשעזש פּאָלסקאַ". די סטודענטן האָבן געשפּאַנט מיט אַנטי־ייִדישע אויסרופן און געטראָגן טראַנספּאַראַנטן מיט אַנטיסעמיטישע לאָזונגען: „פּרעטש ז׳זשידאַמי", „לאָמיר זיך באַפרייען פון דער ייִדישער שוואַרצער סאָטניע". אַזוי האָבן זיי מאַרשירט איבער דער פּיעטרקאָווער גאַס און ווען זיי זענען אָנגעקומען צום פּלאַץ וואָלנאָשטשי, האָבן זיי אַ שטיק צייט געשטורעמט און געווילדעוועט. ערשט שפּעטער איז דער צעהפקרטער המון זיך צעגאַנגען מיט דראָונגען אויפן ייִדישן חשבון.

זאָגן אַז די ייִדן זענען געבליבן רויִק אין אָנבליק פון אָט דעם ווילדן שׂינאה־אויסברוך, וואָלט געווען נישט ריכטיק. אָבער לאָדזשער ייִדן זענען בטבע געווען אָפּטימיסטן. אַ סך פון זיי האָבן זיך ערנסט פאַרטראַכט וועגן די דאָזיקע שׂינאה־מאַניפעסטאַציעס, אָבער דער גרעסטער טייל פון דער ייִדישער באַפעלקערונג האָט עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, מחמת די ייִדן אין פּוילן זענען געווען געוווינט צו די ספּעקטאַקלען פון ייִדן־האַס. די דאגות פון מאָרגן האָבן זיי געמאַכט פאַרגעסן די דאָזיקע געשעענישן פון היינט. און אַזוי האָט מען פּראַקטיצירט דאָס „מאַכן זיך פאַרגעסן" ביז סעפּטעמבער 1939.

עס שטעלט זיך אַ שווערער ווינטער

צוליב דער אומזיכערער פּאָליטישער סיטואַציע מחמת דער מורא אַז היטלער וועט איבערפֿאַלן פּוילן האָט אונדזער משפּחה באַשלאָסן, צייט־ווייליק, צו פֿאַרלאָזן לאָדזש. צייטווייליק, ווייל קיינעם האָט זיך נישט געלייגט אויפֿן שׂכל אַז עס זאָל טאַקע אויסברעכן אַן אמתדיקע מלחמה, טראָץ דעם וואָס דער שטורעם וואָס זאָגט אָן די מלחמה איז זייער גרויס. מ׳האָט געהאָפֿט אויף די הבטחות פֿון די גרויסע מלוכות וואָס וועלן נישט דערלאָזן אַז פּוילן זאָל פֿאַלן. על כּן דאַרף מען דערווייל ערגעץ אַוועק איבערוואַרטן. היות די זאַוויערוכע איז שוין אויסגעבראָכן, מוז מען זיך שטעלן אונטער אַ דאַך. מיר האָבן אויסגעקליבן דאָס אָרט ווו מיר פֿלעגן זומער אַרויספֿאָרן אויף אָפּרו. מיר האָבן דאָרט געדונגען אַ הויז אין וועלכן אונדזערע משפּחה־לייט — אַן ערך פֿערציק נפֿשות — האָבן באַשלאָסן איבערצוּוואַרטן דעם קריג וואָס וועט זיך מסתּמא נישט לאַנג פֿאַרציִען. פֿרייטיק פֿרי, דעם 1טן סעפּטעמבער 1939, האָבן מיר אויף אַ פֿורל אויפֿ־געפּאַקט די נייטיקסטע זאַכן, זיך געזעגנט מיט די שכנים און אַרויסגעפֿאָרן פֿון שטאָט.

די באַוועגונג אין די לאָדזשער גאַסן איז דעם דאָזיקן פֿרייטיק געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. די מלחמה האָט מען טאַקע אָפֿיציעל נאָך נישט געהאַט אָנגעזאָגט, אָבער זייער אַ סך לאָדזשער מענטשן האָבן זיך באַמיט צו פֿאַרלאָזן די שטאָט. אונדזער פֿורל איז געפֿאָרן פּאַוואָליע איבער די גאַסן ביז מיר זענען אָנגעקומען צו דער ווידזעווער בריק. דאָ זענען מיר איבערגעראַשט געוואָרן פֿון אַ פּלוצלינגדיקן לופֿט־אַלאַרם בעת וועלכן מען האָט געהערט אַ כּסדרדיקע שיסעריי. די מיליטערישע וואַך ביי דער בריק

האָט אונדז פֿאַרהאַלטן און נישט געלאָזט ווייטער פֿאָרן. בלית ברירה האָבן מיר געמוזט איבערוואַרטן די לופֿט־אַטאַקע. באַלד זענען אָנגעקומען פּוילישע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן פֿון דער לופֿטן געגעבן אָנווייזונגען אַז מ׳זאָל אַלע פֿורלעך לאָזן פֿאָרן ווייטער. אַריבערגעפֿאָרן די בריק איז אונדז שוין קלאָר געוואָרן אַז מיר שטייען פֿאַר אַן אמתער מלחמה. אויפֿן וועג האָבן מיר געזען פּאַרטיקע אָקאָפּעס אין וועלכע עס איז געווען קאָנצענטרירט אַ סך פּויליש מיליטער. דער וועג איז געווען פֿול מיט האַרמאַטן און אַמוניציע. כּדאי צו געדענקען אַז אָפֿיציעל האָט מען נאָך אַלץ נישט געהאַט געמאָלדן אַז עס איז שוין אויסגעבראָכן דער קריג.

נאָך אַ שעה פֿאָרן זענען מיר אָנגעקומען קיין ווישניאַוואַ גוראַ. דער פֿאַר־מלחמהדיקער פּוילישער ראַדיאָ האָט פּינקטלעך 12 אַ זייגער געגעבן מיטאָג־ידיעות. מיט אומגעדולד האָבן מיר געעפֿנט דעם ראַדיאָ און די ערשטע ווערטער פֿון ספּיקער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ ציטערנ־דיקער שטים: „היינט פֿרי איז דער שונא איבערגעטראָטן די פּוילישע גרענעצן. די דייטשישע האָרדעס געפֿינען זיך שוין אויף דער פּוילישער ערד". אַ פֿאָר שעה שפּעטער האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן עראָפּלאַנען און אַ גאַנצע נאַכט האָט דאָס שטאָלענע גערויש נישט אויפֿגעהערט.

מ׳האָט שוין נישט געדאַרפֿט קיין מלחמה־דערקלערונג. מיר האָבן שוין געהאַט די מלחמה — ווי אַ פֿאַקט.

שבת אין דער פֿרי, דעם 2טן סעפּטעמבער, זענען, ווייזט אויס, פֿאָר־געקומען קליינע קאַמפֿן אין דער סביבה פֿון אונדזער ציטעווייליקער וווינונג. עס איז געווען אַ זוניקער טאָג. דער פּוילישער האַרבסט האָט געכּישופֿט מיט זיין פֿולער פּראַכט. די קורצע שיסערייען וואָס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופֿט האָבן אונדז נישט געשטערט צו שפּאַצירן אין וואַלד וואָס האָט אָנגעהויבן גאָלדיקן. ווען מיר האָבן פֿון דער ווייטנס געהערט שיסן האָבן מיר זיך געלייגט אויף דער ערד און אַזוי איבערגעוואַרט ביז עס האָט זיך איינגעשטילט.

דער וואַלד פֿון ווישניאַוואַ גוראַ איז זומער שטענדיק געווען איבער־געפֿולט מיט לאָדזשער ייִדן. אין דאָזיקן וואַלד האָט מען אויף טריט און שריט געטראָפֿן דאַווענענדיקע ייִדן אין טלית און אין תּפֿילין. ס׳יונגוואַרג

האָט געהאַט אירע טרעפונגען אין וואַלד. פאַר אונדזער טעכטערל וואָס איז געוווינט געווען דאָ צו פאַרברענגען די זומערס זענען די נייע אומ־שטענדן געווען אומפאַרשטענדלעך. די ערשטע טעג פון קריג האָט זי אונדז פאַרמאַטערט מיט אירע פראַגעס. זי האָט געפרעגט פשוט, אַזוי ווי עס קען פרעגן נאָר אַ קינד: „פאַר וואָס לאָזט די וועלט היטלערן זיין אַזוי שלעכט?" שוין זינט חדשים האָט זי נישט געהאַט קיין רו פון אים, דעם שלעכטן מענטש. איר קינדעריש מוחל האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין הלמאי דער שלעכטער מענטש וויל דווקא שלעכטס טאָן די ייִדן. איצט האָט זי זיך דערמאָנט אָן די ייִדן וועלכע מ׳האָט מיט אַ יאָר צוריק אַרויסגעטריבן קיין זבאַנשין. זי האָט זיי דעמאָלט געזען אָנקומען קיין לאָדזש אָפּגעריסענע, הונגעריקע. אונדזער טעכטערל האָט אויך גערעדט וועגן אונדזער משפחה אין ארץ־ישׂראל. די געדאַנקען וועגן דעם האָבן זי ביי נאַכט נישט געלאָזט שלאָפן.

„און ווען, טאַטעלע, וועלן ייִדן קעמפן? ווען וועלן מיר האָבן וואָיסקאָ (מיליטער) און אַ וווֹדז (אַ פירער)?" איז זי מיט אַ מאָל אַרויסגעקומען מיט אַ נייער שאלה.

דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג האָבן די לופט־אַלאַרמס נישט אויפגע־הערט, פון דעסטוועגן האָבן מיר נאָך נישט באַנומען די גאַנצע ערנסטקייט פון דער סיטואַציע. פאַרקערט, מ׳האָט נאָך געהאָפט, אַז ביז ביי נאַכט וועט די שיסעריי זיך אָפּשטעלן. אָבער אין אָוונט איז די שיסעריי דווקא געוואָרן העפטיקער. דער הימל איז געשטאַנען אין פלאַמען. די פּוילישע מיליטערישע הויפּט־קאָמענדאַטור האָט דורך ראַדיאָ גערופן די באַפעלקערונג צו בויען לופטשוץ־פונקטן.

אויך מיר האָבן זיך גענומען צופאַסן צו די נייע באַדינגונגען. מיר האָבן גענומען אַ צימער אין טונקלסטן ווינקל פון אונדזער וווינונג, אים אַרומגעצוימט מיט ברעטער, די שויבן פאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר, אַריינגע־טראָגן דאָרט שפּייז, מעדיקאַמענטן און ענלעכע נייטיקע זאַכן. דאָס איז געווען אונדזער שוצווינקל. דערווייל האָבן מיר אים נאָך נישט באַדאַרפט באַנוצן. זונטיק אין דער פרי, דעם ערשטן זונטיק פון סעפּטעמבער 1939, האָבן מיר ערשט רעכט אָנגעהויבן פאַרשטיין די ערנסטקייט פון דער

לאַגע. דער ראַדיאָ האָט אָנגעגעבן אַז דער שׂונא דרינגט אַריין טיפער אין לאַנד, ער געפינט זיך שוין אין ווילעלון, טשענסטאָכאָוו און אין דער סביבה פון לאָדזש. די מהומה האָט זיך געשטעלט נישט אויף קאַטאָוועס. מענטשן האָבן דערשפּירט אַז ס׳ברענט. צו אונדז האָבן אָנגעהויבן קומען קרובים און באַקאַנטע. די שטימונג איז געוואָרן אַן אָנגעשטרענגטע. די שיסעריי האָט אַן איבעררייס געשפּאָלטן די לופט. דעם שׂונאס פייער איז שוין געווען גאָר נאָענט.

ווען דער ראַדיאָ האָט מיט פיר טעג שפּעטער געמאָלדן אַז אַלע מענער ביז 50 יאָר ווערן מאָביליזירט און אַז זיי דאַרפן גיין קיין וואַרשע, האָט דאָס אַרויסגערופן אַן אומגעהויערע בהלה. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לויפעריי, עס זענען געלאָפן יונג און אַלט.

ווידער האָבן מיר גענומען טראַכטן וואָס צו טאָן. צוליב זיין עלטער האָט מיין מאַן געמוזט נאָך מיט אַ טאָג פריִער פאָרן קיין וואַרשע. אַ מיליטער־פליכטיקער מאַן האָט נישט געטאָרט בלייבן אין דער היים. די שכנים, קרובים און באַקאַנטע זענען געווען גרייט צו לויפן מיטן המון, אָבער איך האָב זיך דערמאָנט אין אַן עפּיזאָד פון מיין קינדהייט וואָס האָט מיר אונטערגעזאָגט אַז כ׳זאָל זיך נישט פאַרלירן אין דער בהלה. דאָס איז געווען אין סאַמע אָנהייב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויך דעמאָלט זענען יידן געלאָפן פון מיין געבוירן־שטאָט. עס איז אויך געווען אין אַ שבת. מיין פאָטער האָט שוין געהאַט געענדיקט אַלע צוגרייטונגען צו פאַרלאָזן די שטוב, ער האָט נאָר געדאַרפט אַרויסנעמען דאָס געלט פון דעם באַהעלטעניש וואָס האָט זיך געפונען אין דעם הענגענדיקן נאַפטלאָמפּ. היות עס איז געווען שבת, האָט דער טאַטע געהייסן מיך, דעם קליינעם מיידעלע, איך זאָל אַרויסנעמען דאָס געלט. אָבער דעמאָלט האָט מיין מאַמע געזאָגט, אַז זי גייט נישט. זי זעט נישט, האָט זי געטענהט, אַז אויף דעם נייעם אָרט זאָל זיין זיכערער. מיט איר איינגעבוירענער רויִקייט האָט די מאַמע אָנגעהויבן אַלעמען איבערצייגן אין דער ריכטיקייט פון איר מיינונג און ביסלעכווייז האָט מען מסכּים געווען מיט איר דעה. שפּעטער האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַז אַ דאַנק איר זענען אַלע געבליבן לעבן. דאָס מאָל האָב איך ווידער איבערגעלעבט דעם דאָזיקן עפּיזאָד און

איך בין געבליבן אויף אַן אָרט. איך האָב זיך צוגעקוקט צו די מענטשן וואָס לויפן אין בהלה. עס האָט מיך באַהערשט אַ שרעק זעענדיק צו וואָס די מהומה קאָן ברענגען.

איך האָב געזען פאַר זיך דעם הויפּט־טראַקט אויף וועלכן עס שלעפּן זיך שוין איצט, דעם 4טן טאָג מלחמה, טויזנטער מענטשן, צעבראָכענע, פאַרצווייפלטע. כ׳האָב געזען לאַנגע שרענגעס וועגענער. אויף די וועגענער זענען געזעסן קינדער, שוואַנגערדיקע פרויען און אַלטע לייט. כ׳האָב געזען ייִדן און נישט־ייִדן, שוין איצט שלעפּן זיי זיך צעבראָכענע מיט אַן איינציקן ציגעלע אָדער שעפּסעלע. דער צער אויף זייערע פּנימער האָט מיך אַרייַנגעבראַכט אין אַ דערדריקטער שטימונג. איך בין צוגעגאַנגען צו אַ פּוילישער פרוי, וועלכע איז געפאָרן רייטנדיק אויף אַ קו און זי געפרעגט וווהין זי גייט. זי האָט מיר נישט גלייך געענטפערט, נאָר דערנאָך אַ ברום געטאָן: „אַ באָ טאָ יאַ וויעם?״ (ווייס איך דען?).

פאַר מיר איז געווען באַלערנדיק דער ענטפער פון דער דאָזיקער אַלטער פּוילישער פרוי. קיינער האָט נישט געוווסט וווהין ער גייט. געלאָפן איז מען בעיקר קיין וואַרשע. פון דאָרט — צו די מזרח־גרענעצן פון פּוילן, שפּעטער — קיין רוסלאַנד צו די סאָוועטן ווו אַ גרויסער טייל פון די ייִדן האָט אין גרויסע צרות איבערגעבידעוועט די ביטערע יאָרן, אָבער אַ סך ייִדן זענען אויך דאָרט אומגעקומען.

מיר האָבן זיך נישט געקאָנט באַשליסן וווהין צו גיין. דער פאַל פון דער ערשטער וועלט־מלחמה וואָס האָט געטראָפן מיט מיינע טאַטע־מאַמע — און איך האָב דערפון דערציילט מיינע קרובים — האָט זיי באַאייַנפלוסט און ביי אונדז איז געבליבן איבערצווואַרטן אין ווישניאָוואַ גוראַ נאָך אַ פּאָר טעג.

אַזוי האָבן מיר איבערגעוואַרט פון יענעם זונטיק ביז מיטוואָך אין דאָרף וואָס היינטער לאָדזש. מיטוואָך נאָך מיטאָג האָבן מיר, אַ גרופּע פון אַ פופציק מענטשן, אָנגעהויבן צוריקגיין קיין לאָדזש. יעדער פון אונדז האָט מיטגענומען מיט זיך אַ רוקזאַק אין וועלכן עס זענען געווען אַרייַנגעפּאַקט די נייטיקסטע זאַכן, אַ ביסל עסנוואַרג, מעדיקאַמענטן אד״גל.

מיר האָבן פאַרשלאָסן די טירן פון אונדזער מלחמה־דירה און געלאָזט זיך צוריק אַהיים אין שטאָט אַריין.

אויך דאָס מאָל איז דער טאָג געווען אַ ווונדערלעכער. עס איז שוין געווען זון־אונטערגאַנג. די לופט האָט געשמעקט מיט געשניטענעם היי. מיר זענען געגאַנגען שווייגנדיק. מ'האָט זיך געריכט צו טרעפן אויפן וועג דייטשישע פּאַטרולן. נאָכן אָפּגיין אַ צוויי קילאָמעטער זענען מיר אַראָפּ אין אַ גרוב זיך אָפּצורוען. אַ העלפט פון אונדזער גרופּע זענען געווען קינדער. אונטערוועגס האָט זיך דאָס קליינוואַרג אויפגעפירט רויִק, פריילעך, ווי זאָרגלאָזע קינדער אין נאָרמאַלע צייטן. די קינדער איז גאָר געפעלן געוואָרן דער שפּאַציר אין אַזאַ שיינעם האַרבסט־טאָג. בכלל האָבן מיר זיך שפּעטער אין די מלחמה־יאָרן גערעכנט מיט דער אינטויִציע פון די קינדער. מיר האָבן געגלויבט אין זייער פאַרגעפיל. פּונקט אַזוי ווי די פייגל פילן ווען עס דאַרף אָנקומען דער ווינטער אָדער דער זומער, אַזוי האָבן מיר געגלויבט, אַז די קינדער פילן פאָרויס וואָס עס דערוואַרט זיי. לויט זייער אויפפירונג האָבן מיר געקענט אָננעמען אַז ס'איז נישטאָ קיין סיבה זיך צו שרעקן און אַז מיר וועלן אָן מיכשולים דורכמאַכן דעם וועג.

אָפּגעגאַנגען אַ האַלבן וועג האָבן מיר גאָר געטראָפן אַ פּוילישן פּאַטרול, מיט וועלכן מיר האָבן זיך שטאַרק דערפרייט. די זעלנער האָבן אונדז מיט האַנט־באַוועגונגען געגעבן פון ווייטנס אַ צייכן אַז מיר זאָלן זיך אָפּשטעלן. ווען די זעלנער האָבן זיך דערנענטערט, האָבן זיי אונדז גוט באַקוקט און פון דער גאַנצער גרופּע האָבן זיי געהייסן ווייזן די דאָקומענטן מיר און מיינע צוויי מיידעלעך. נאָכן דורכקוקן די פּאַפּירן האָבן זיי אונדז זיי צוריקגעגעבן. דאָך, דאָס ספּעציעלע קאָנטראָלירן מיינע און מיינע קינדערס דאָקומענטן האָט מיך שטאַרק באַאומרויִקט. איך בין דעריבער צוגעגאַנגען צו די זעלנער און געפרעגט פאַר וואָס זיי האָבן קאָנטראָלירט נאָר מיינע און מיינע קינדערס דאָקומענטן. זיי האָבן געענטפערט: „פרוי, דו און דיינע קינדער זעען אויס ווי דייטשקעס. מיר ראָטן אייך שטענדיק צו האָבן מיט זיך די דאָקומענטן. דאָ, אין דיין היימשטאָט איז עס נאָך נישט געפערלעך, אָבער ערגעץ אַנדערש וועט מען אייך נישט גלייבן". זיי זענען אַוועק, אָבער מיר זענען שוין געגאַנגען טרויעריקע. אָט זענען מיר שוין באַלד

אין ווידזעוו. לאָדזש ליגט אין פינצטערניש. אומעטום טרעפן מיר פּאַטרולן פון דער „אַכראַנאַ פּזשטשיוולאַטניטשאַ״ (שוץ קעגן לופט־אַנגריפן). זיי פרייען זיך מיט אונדז ווייל זיי זעען אין אונדזער צוריקקומען אַ גוטן סימן. פון פּרייטיק אָן זעען זיי נאָר מענטשן אַנטלויפן און מיר זענען די ערשטע וואָס קומען צוריק. די פריינדלעכקייט פון די פּאַטרולן דערוועקט אין אונדז אַ נייעם בטחון.

מיר קומען אָן אויף שײבלערס מאַרק. מיר גייען מיט דער קילינסקי־גאַס און דערנאָך מיט דער שענקיעוויטש־גאַס. אָט דאָ, גלייך ביים סוף גאַס געפינט זיך דאָס הויז ווו מיר דאַרפן זיך אויפהאַלטן. פון דער ווייטנס זעען מיר דאָס הויז וואָס איז איינגעטונקט, אַזוי ווי אַלע אַנדערע הייזער, אין אַ געדיכטער פינצטערניש. מיר ווייסן אַז אַלע פענצטער זענען פאַר־האַנגען מיט שוואַרץ פּאַפּיר און טרייסטן זיך אַז מיר וועלן געוויס עמעצן טרעפן אין דער היים. מיר שלייכן זיך אַריין אין טויער, גייען אַרויף אויף די טרעפּ און צו אונדזער איבערראַשונג דערהערן מיר פון יענער זייט טיר אַ גערויש פון מענטשן וואָס באַוועגן זיך שנעל, שנעל. מיר הייבן אָן קלאַפּן אין דער טיר, אָבער די פון אינעווייניק האָבן, זעט אויס, מורא צו עפענען. ווען מען עפנט ענדלעך די טיר און מען לאָזט אונדז אַריין, טרעפן מיר אין אונדזער וווינונג פּליטים פון קאַליש, וויעלון, זדונסקאַ־וואָליע, שעראַדז, פרעמדע מענטשן וואָס זענען אַוועק פון זייערע היימען. קיין לאָדזש זענען זיי אָנגעקומען מידע און האָבן באַשלאָסן דערווייל צו פאַרבלייבן. אין אַלע אַכט צימערן זענען אויפגעשטעלט געווען בעטן, אָבער עס זענען נאָך אַלץ דאָ מער מענטשן ווי געלעגערס. אַ סך פון זיי שלאָפן אויף דער פּאָדלאָגע. די ייִדן זענען אומצופרידן מיט אונדזער קומען. דאָס איז געווען אונדזער ערשטע פיינלעכע איבערלעבונג. מיר זענען צוריק־געקומען אין הויז פון אונדזערע עלטערן, אָבער פאַר אונדז איז שוין נישט געווען קיין אָרט אין דער אייגענער היים ווו פרעמדע באַלעבאַטעווען. די צייטווייליקע איינוווינערס פון דער גרויסער דירה האָבן פון דעסטוועגן באַוויליקט אָפּצוטרעטן אונדז אַ שטיקל פּלאַץ, כּדי אויך מיר זאָלן האָבן די מעגלעכקייט צו בלייבן אין דער דירה פון אונדזערע עלטערן. זיי האָבן אַפילו צוזאַמענגעשלעפּט אַ ביסל בעטגעוואַנד פון אַנדערע שכנותדיקע

לײַדיקע דירות און אַזוי אַרום האָבן מיר, מידע און דערשעפּטע, זיך געקאָנט לייגן שלאָפן.

לאָדזש איז געווען עוואַקויִרט פון דעם רוב פון אירע אײַנוווינערס. מען האָט געזען אין גאַס נאָר אײנצלנע מענטשן. דער וואַרשעווער ראַדיאָ האָט נאָך נאָרמאַל געגעבן ידיעות און האָט באַפוילן די לאָדזשער צו האַלטן אָפן די געשעפטן, נישט צו „שטערן" די נאָרמאַלע באַוועגונג. עסנוואַרג האָט מען געקענט קויפן. מיר זענען אויך אַראָפּ אין גאַס כּדי צו קויפן דאָס נייטיקסטע. מיר האָבן געוואָלט צוגיין פון נאַרוטאָוויטשאַ צו פּילסודסקי־גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען דער ייִדישער מאַרק. אָבער כאָטש עס איז געווען דאָרט אַהין אַ קליין שטיקל וועגס זענען מיר איבערגעשראָקן געוואָרן פון העפטיקע פּלוצימדיקע שיסערייען און מיר האָבן יעדע פּאָר טריט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן אין אַ טויער. אָנגעקומען אויף פּילסודסקי־גאַס צום מאַרק, האָבן מיר געהערט אַז די שיסערייען האָבן גורם געווען געהרגטע און אַז דאָס דייטשע מיליטער געפינט זיך שוין אויף יענער זייט פון קאַלישער וואָקזאַל.

דאָס פּוילישע מיליטער האָט זיך גענומען צוריקציִען אין דער ריכטונג פון וואַרשע. די פּאַלאַקן זאָלן האָבן באַשלאָסן אין וואַרשע צו שטעלן אַן אַנטשלאָסענעם ווידערשטאַנד. דאָנערשטיק דעם 7טן סעפּטעמבער איז די שיסעריי געוואָרן אומדערטרעגלעך. עס זענען באָמבאַרדירט געוואָרן די באַן־ליניעס. פּלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ מעכטיקער אויפרייס און דערנאָך איז געוואָרן שטיל. דאָס פּוילישע מיליטער האָט אויפגעהערט צו ענטפערן אויפן שונאס פייער. מיר האָבן זיך דעמאָלט משער געווען אַז מיר געפינען זיך שוין אין די דייטשישע הענט. ס'איז געווען אויפפאַלנדיק וואָס אויך דער ראַדיאָ איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן.

מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון אַז עס דערוואַרטן אונדז פאַרשידענע צרות מצד די דייטשישע זעלנער. וואָס טוט מען? מיט אונדז געפינען זיך עטלעכע מענער און זיי קען מען תיכף צונעמען, מאָביליזירן, אָדער ערגעץ פאַרשלעפּן.

מיר האָבן קודם־כּל באַשלאָסן אַז אַלע מענער זאָלן אַריין אין איינעם פון די ווינקל־צימערן און מיר וועלן די טיר פאַרשטעלן מיט שענק. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר די מענער אויסבאַהאַלטן און מיר, פרויען, זענען געבליבן דיזשורירן ביי די צוויי אַריינגאַנג־טירן. מיר האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט מיט די מענער אַז אויב ס'וועלן זיך דערנענטערן פרעמדע טריט, וועלן מיר זיי געבן אַן אַלאַרם־צייכן.

די נאַכט איז אַריבער רויִק. עס איז געווען אַ מאָדנע שטילע נאַכט. שטיל ווי פאַר אַ שטורעם; דער שטורעם האָט זיך אָנגעהויבן פרייטיק דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 און ער האָט אָנגעהאַלטן יאָרן און האָט פאַרטיליקט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק.

אונטער אַ פיינטלעכער מאַכט

מיט אַן אימה אין האַרץ בין איך פרייטיק פרי, דעם 8טן סעפּטעמבער צוגעגאַנגען און אַרויסגעקוקט פון פענצטער. די גאַסן זענען געווען ליידיק. אויף אַלע הייזער זענען געווען אַרויסגעהאָנגען ווייסע פענער. ס'הייסט: מיר האָבן קאַפּיטולירט פאַרן שׂונא וועלכער האָט זיך אַריינגעריסן אין לאַנד. ווען איך בין אַ פּאָר שעה שפּעטער ווידער צוגעגאַנגען צום פענצטער האָב איך געזען אַז די גאַסן זענען פול מיט דייטשן. די פּאָלקס־מיליץ האָט געגעבן פאַראָרדענונגען די וועכטערס פון די הייזער אַז זיי זאָלן תּיכף נעמען באַפּוצן די מויערן מיט פענער, ווייל 12 אַ זייגער מאַרשירט די דייטשישע אַרמיי אַריין אין שטאָט.

טרויעריק האָט לאָדזש אויסגעזען יענעם פרייטיק. מ'האָט בולט געזען דעם פאַרראַט פון די אָנגעזעענסטע דייטשן אין שטאָט. איבער די וויכטיקסטע גאַסן האָבן יום־טובדיק שפּאַצירט די שייבלערס, די גייערס, גרוימאַנס, בוהלעס און אַלע אַנדערע דייטשן, לאָדזשער בירגערס. צוועלף ביי טאָג האָט זיך פאָרמירט אַ מאַניפעסטאַציע פון די שילערס פון דער דייטשישער

גימנאַזיע (פאַר דער מלחמה האָבן דאָרט אויך געלערנט ייִדישע קינדער). די דייטשישע קינדער האָבן איצט מאַרשירט איבער דער פּיעטרקאָווער־גאַס, יעדעס קינד האָט געהאַלטן אין האַנט אַ רויט פענדל מיט אַ האַקנקרייץ. ס׳איז געווען קלאָר אַז די היימישע דייטשן האָבן זיך שוין לאַנג געגרייט צו דער דאָזיקער שׂמחה. מ׳האָט אויך באַלד געפילט זייער שׂינאה־באַציִונג צום ייִד. דעם געדאַנק אַז ס׳האָט רעכט צו לעבן און הערשן נאָר „איין פאָלק, איין לאַנד, איין פירער!״ — האָט מען זינט לאַנג שוין געהאַט איינגעפלאַנצט אין די מוחות פון די דאָזיקע דייטשישע קינדער.

אַנטקעגן אונדזער וווינונג האָט זיך געפונען אַ גרויסע פאַבריקס־געביידע. פאַרשידענע ייִדן האָבן אין דער דאָזיקער געביידע געהאַט זייערע קליינע פאַבריקלעך. דער באַלעבאָס פונעם בנין איז געווען אַ דייטש וועלכער איז שטענדיק געווען אין גוטע באַציִונגען מיט זיינע ייִדישע איינוווינערס. אויך די ייִדישע פאַבריקאַנטן האָבן פריידלעך געלעבט מיט דעם דייטש. חוץ דער געביידע האָט ער אויך געהאַט אַ צווירנעריי און שטענדיק געהאַנדלט מיט ייִדן וואָס זענען געווען טעטיק אין דער טעקסטיל־בראַנזשע. שבת פלעגט ער קומען צו גאַסט צו זיינע ייִדישע פריינד, געגעסן ביי זיי טשאָלנט און געהערט ייִדישע זמירות. דער דאָזיקער דייטש האָט פריי גערעדט ייִדיש און אין זיינע שמועסן אָפט אַריינגעוואָרפן פסוקים פון תנ״ך. מיר האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ סימפּאַטישן מענטש וואָס רופט אַרויס צו זיך צוטרוי. ער האָט געהאַט אַ פרוי מיט צוויי קינדער און ער פלעגט זיינע ייִדישע פריינד צו מאָל פאַרבעטן צו זיך, כאָטש צוליב זיין פרוי פלעגט מען זיין הויז אויסמיידן, וויפל דאָס איז נאָר געווען מעגלעך.

ווען איך בין יענעם פרייטיק אַראָפּ אין גאַס, האָב איך אויך אונדזער דייטשס קינדער געזען מאַרשירן מיט די האַקנקרייץ־פענדלעך אין די הענט. איך בין צו זיי צוגעגאַנגען און געפרעגט, ווו זיי האָבן געקויפט די פענדלעך, האָבן זיי מיט קינדישער נאַיִוויטעט מיר געענטפערט, אַז דער פּאַפּאַ האָט פאַר זיי דאָס שוין לאַנג געבראַכט.

דער נאַיִווער ענטפער פון די קינדער האָט מיך שטאַרק געטראָפן. איך האָב דערפון עפּעס געלערנט. איך האָב פאַרשטאַנען אַז אויף אונדזערע דייטשישע פריינד קענען מיר זיך איצט קנאַפּ פאַרלאָזן, פאַרקערט, צוליב

די דאָזיקע צוויי הונדערט טויזנט דייטשן קען לאָדזש ווערן זייער געפּערלעך פאַר די ייִדישע תּושבֿים. מיר האָבן דערפֿאַר באַשלאָסן וואָס גיכער צו פאַרלאָזן לאָדזש און זיך לאָזן נענטער צו די מזרח־גרענעצן פון לאַנד.

דער וועג איז אָבער נאָך געווען פאַרשטעלט. וואַרשע האָט נאָך גע־קעמפט. אין ראַדיאָ האָט מען שוין געהערט די לעצטע רופן פון וואַרשעווער שטאָט־פּרעזידענט סטאַזשינסקי. ער איז געווען אַן אמתער פּאַטריאָט. פּוילן איז אים געווען טייער און יעדער בירגער אויף דער פּוילישער ערד איז אים געווען חשוב. משמעות, ער האָט שוין באַנומען, אַז וואַרשע מוז פאַלן, אַזוי ווי עס זענען שפּעטער געפאַלן קאָפּענהאַגן, פּאַריז, קיִעוו. ער האָט אָבער געגלויבט אַז אַן אומאָפּהענגיק פּוילן וועט ווידער אויפשטיין. דערווייל האָט ער מיט זיין הייזעריק קול גערופן אין ראַדיאָ: „פּוילישע בירגערס, וואַרשעווער בירגערס, האַלט זיך! דער פיינד האָט ביי אונדז צוגענומען דאָס וואַסער, דאָס ליכט, אָבער אונדזערע נשמות, אונדזער שטאָלץ פאָלק וועט ער נישט באַזיגן. זאָל לעבן פּוילן!"

אין לאָדזש האָט מען שוין געוווּסט אַז וואַרשע קעמפט אומזיסט. וואַרשע וועט נאָך אַ ביסל אויפהאַלטן די דייטשן, אָבער מיר, אין לאָדזש, האָבן שוין געזען די מאַכט פון דער דייטשישער אַרמיי. איר אויסער־געוויינלעכע דיסציפּלין. מיר האָבן געזען די קריגס־אויסשטאַטונג פון דייטשישן זעלנער. מיר האָבן געזען, אַז זייערע האַרמאַטן זענען נישט פון פּוטער, ווי די וועלט־פּרעסע האָט פריִער געחוזקט.

די ווערטער „דייטש", „דייטשלאַנד", האָבן אָנגעוואָרפן פּחד. מיר האָבן באַנומען, אַז עס קומט פאַר אונדז אַ ביטערע צייט. ערבֿ יום־כּיפּור איז אַרויסגעהאָנגען געוואָרן אַ באַקאַנטמאַכונג אונטערגעשריבן פון דער ייִדישער פירערשאַפט אַז די שולן וועלן זיין פאַרמאַכט און ייִדן מוזן עפענען זייערע געשעפטן. פאַר עובֿר זיין אויף דער גזירה דראָט טויט־שטראָף. די רוצחישע האַק האָט זיך שוין געהויבן איבער אונדזערע קעפּ.

דערווייל האָט מען אָפּגעריכט תּפֿילות אין פּריוואַטע וווינונגען, די געוועלבער זענען אָבער געווען אָפן אום יום־כּיפּור. מ'האָט געוואַרט אין שפּאַנונג אויף דעם וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. און מיר האָבן נאָך אַלץ געהאָפט, אַז די וועלטמאַכטן וועלן זיך אָננעמען פאַר אונדז.

דער וועג קיין וואַרשע איז נאָך אַלץ געווען פאַרמאַכט. אין די לאָדזשער אָפּטיילונגען פון רויטן קרייץ זענען כסדר אָנגעקומען רשימות פון גע־פאַלענע ציווילע מענטשן און אויך פון מיליטער־לייט אין וואַרשע. אַ סך קרבנות זענען געפאַלן צופעליק. עס פלעגט טרעפן אַז עמעצער איז אַרויס־געגאַנגען אויף אַ ווײַלע נעמען אַ ביסל וואַסער און עס האָט צו אים פאַרבלאָנדזשעט אַ קויל. דער דייטשער לופטפליִער האָט נישט איבערקליבן. אַז ער פלעגט פון דער הויך באַמערקן אַז אונטן באַוועגט זיך עמעצער האָט ער זיך באַלד מטריח געווען אַראָפּצולאָזן נידעריקער און שיסן. נישט קיין נפקא מינה אַ ציווילער, אַ זעלנער, אַ פרוי, אַ קינד. ביי אַזעלכע „צופעליקייטן" זענען אומגעקומען טויזנטער מענטשן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל זענען די אומשולדיק אומגעקומענע, וואָס זייערע נעמען זענען פאַרבונדן מיט דער הריגה אויפן „בזשעזשינער וועג", וואָס איז טרויעריק באַרימט געוואָרן אין יענער מהומה.

בזשעזשין איז אַ שטאָט נישט ווייט פון לאָדזש. פאַר דער מלחמה האָבן דאָרט געוווינט ביי די 10 טויזנט ייִדן, ס׳רוב פון זיי טאַנדעט־שניידערס, וואָס האָבן גענייט פון צייג ביליקע הויזן. די בזשעזשינער שניידערס האָבן אַ מאָל געהאַט גוטע צייטן. דאָס איז געווען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ווען דאָס גרויסע רוסלאַנד איז געווען אַן אָפענער אָפּזאַץ־מאַרק פאַר זייערע אויסאַרבעטונגען. דעמאָלט זענען שניידערס רייך געוואָרן. נאָכן ערשטן וועלטקריג איז די שטאָט אָרעם געוואָרן און די ייִדישע בעלי־מלאכות האָבן זייער שווער זיך מפרנס געווען. דער וויכטיקסטער אָפּנעמער פון די בזשעזשינער טאַנדעט־בגדים אין פוילן גופא איז געוואָרן דער פוילישער פויער. די פוילישע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָבער גענומען אָרגאַניזירן דעם פויער און אים הייסן נישט צו קויפן ביי ייִדן. פּאָלאַקן האָבן גענומען אַליין זיך שטעלן אויף די מערק מיט אייגענע סטראַגאַנעס און מיט אַן אויסוואַל פון „ריין פוילישע" סחורות.

בזשעזשין וואָס געפינט זיך אויפן טראַקט לאָדזש־וואַרשע איז דעמאָלט געווען דער איינציקער וועג דורך וועלכן צענדליקער טויזנטער מענטשן האָבן געפּרוּווט אין די ערשטע מלחמה־טעג אַנטלויפן קיין וואַרשע און

פון דאָרט צו די מזרח־גרענעצן. די דייטשן האָבן כּסדר און באַמבאַר־דירט און באַשאָסן דעם וועג. עס האָבן זיך אָפּגעשפּילט טראַגישע סצענעס. די דייטשישע קוילן האָבן נישט איבערגעקליבן. זיי האָבן געהרגעט מאַמעס מיט קינדער, יונגע און אַלטע, זעלנער און ציווילע. דער וועג איז געווען איינגעטונקט אין מענטשלעכן בלוט. די טויטע האָבן זיך געוואַלגערט אויף טריט און שריט.

דער טויט האָט געשפּרייזט צווישן אונדז

אין לאָדזש זענען מיר געגאַנגען פון איין רויטן־קרייץ־פּונקט צום אַנדערן, כּדי צו לייענען די רשימות פון די דערהרגעטע און געפאַלענע. אין די רשימות האָבן מיר, צום אומגליק, אָנגעטראָפן אויף אַ סך נעמען פון באַקאַנטע.

אין די סוכּות־טעג איז וואַרשע געפאַלן. אין דער נאַכט פון שׂמחת־תּורה זענען צוריקגעקומען פון וואַרשע די ערשטע פּליטים, וואָס זענען אַנטלאָפן פון לאָדזש. זיי זענען געקומען אויסגעדאַרטע, אויסגעהונגערטע און שטאַרק דערשלאָגענע.

שווער זענען געווען די דריַי וואָכן אין דער באַלאַגערטער וואַרשע — האָבן זיי דערציילט. די עלעקטרישע סטאַציע און די וואַסער־לייטונג זענען באַלד אין אָנהייב צעשטערט געוואָרן דורך די דייטשן. כּדי צו באַקומען אַ ביסל וואַסער האָט מען געמוזט גיין מיט עמערס צו דער ווייסל אונטער אַ האָגל פון קוילן. אויך ביים שעפּן דאָס וואַסער זענען געפאַלן קרבנות.

די צוריקגעקומענע זענען געווען נידערגעשלאָגן און צעבראָכן. אונטער־וועגס זענען אַ סך פון זיי געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן צו פאַרשידענע אַרבעטן און זיי האָבן אויף זייערע לײַבער דערשפּירט די דייטשישע בייטש. די דייטשן האָבן איבער די ייִדן געפּראַוועט כּלערליי „לוסט־שפּילן״: געכאַפּט צוויי ייִדן מיט בערד, זיי אַריינגעפּירט אין אַ שטאַל און באַפוילן

אַז איינער זאָל דעם אַנדערן אויסרייסן די באָרד. בעת־מעשׂה איז דער „ספּעקטאַקל״ באַלויכטן געוואָרן מיט רעפלעקטאָרן און „פּאַראייביקט״ פון פאָטאָגראַפן. די דייטשן האָבן זיך געווילט און ווילד געלאַכט. די פּנימער פון די דאָזיקע אומגליקלעכע ייִדן זענען אויפגעלאָפן פון די קלעפּ און האָבן געבלוטיקט. עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען געקענט זען די פאָטאָס פון דעם טראַגישן „שפּיל״ אין דעם „שטורמער״ מיט דער אונטער־שריפט: „ווי יודען זיך אונטער־איינאַנדער האַסן״.

עטלעכע וואָכן זענען פאַרביי און לאָדזש איז געוואָרן איינגעגלידערט אין „דריטן רייך״. דאָס האָט אָנגעזאָגט נייע גזירות. טאַקע באַלד צו מאָרגנס איז געקומען דער ערשטער באַפעל אַז ייִדן טאָרן זיך נישט באַווייזן אויף דער פּיעטרקאָווער גאַס (די הויפּטגאַס). אויף דער דאָזיקער גאַס האָבן געוווינט זייער אַ סך ייִדן, אָבער זיי האָבן באַלד געמוזט פאַרלאָזן זייערע וווינונגען. דאָס ביסל האָב־און־גוטס האָט מען געפּרוווט באַהאַלטן, באַ־גראָבן אין קעלערס אָדער פאַרמויערן אויף די בוידעמס. גאַנץ אָפט פלעגן שכנים־פּאָלאַקן מסרן פאַר די דייטשן אַז די ייִדן באַהאַלטן זייערע אוצרות.

עטלעכע טעג נאָכן באַזעצן לאָדזש האָט דער דייטשער הויפּט־מאַן גערופן באַוווסטע ייִדן, אָנגעזעענע בירגערס פון שטאָט צו אַ זיצונג אין בנין פון דער ייִדישער קהילה.

דאָס ייִדישע לאָדזש האָט געהאַט אַ שלעכט פאָרגעפיל בנוגע דער דאָזיקער זיצונג. זי איז געווען באַשטימט אויף פרייטיק 11 אַ זייגער פאַר מיטאָג. פופצן ייִדן זענען גערופן געוואָרן און אַלע פופצן זענען געקומען צו דער זיצונג. וואָס דאָרט איז באַהאַנדלט געוואָרן איז געבליבן אַ סוד. פערצן פון זיי זענען מער נישט אַהיימגעקומען. נאָר איינעם איז געלונגען זיך אַרויסצוקריגן. די אַנדערע ייִדן האָט מען אַרעסטירט און זיי אַוועק־געפירט אין אַ פּראָוויזאָרישן לאַגער אין דער פאָרשטאָט ראַדאָגאָשטש. אין ראַדאָגאָשטש האָט זיך געפונען אַ צייטווייליקער דייטשער לאַגער ווו די נאַציס האָבן געהאַלטן זייערע קרבנות ביז מען האָט זיי אַוועקגעשיקט ווייטער. אין ראַדאָגאָשטש האָבן די נאַציס אויך געהאַלטן אַרעסטירטע פּאָלאַקן, צווישן זיי — אויך גלחים.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אונדז געזאָגט, אַז די אַרעסטירטע ייִדן זענען פון דאַנען אַוועקגעשיקט געוואָרן, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט ווו אַהין. די קרובים פון די 14 ייִדן האָבן זיי לאַנג אַרומגעזוכט אין פאַרשידענע ערטער, אָבער אָן פּעולה. די קרובים זענען אויסגענוצט געוואָרן פון פאַרשידענע מאַכערס. די קרובים האָבן געשריבן בריוו צום גאָולייטער פאָן־גרייזער און אין הסכּם מיט דעם דייטשישן מאַניר זענען צו די פאַראינטערעסירטע קרובים אָנגעקומען ענטפערס, אַז די באַטרעפנ־דיקע ווענדונגען זענען דערהאַלטן געוואָרן און זיי זענען אָפּגעשיקט געוואָרן אין די „אַנטשפּרעכנדע" אַמטן. מ׳האָט געזוכט מיטלען עפּעס געוואָר צו ווערן וועגן די אומגליקלעכע. צווישן פיל אַנדערע זאַכן וואָס מיר האָבן געטאָן כּדי זיך עפּעס צו דערוויסן וועגן די מענטשן איז געווען דאָס אויסגעפינען אַ געוויסן אַדוואָקאַט וועלכער האָט געוווינט אין וואַרשע און האָט געהאַט אַ צוטריט צו די דייטשע אַמטן. פאַר דער מלחמה האָט דער דאָזיקער פּוילישער אַדוואָקאַט זיך באַשעפטיקט מיט באַפרייען אַרעס־טאַנטן פון דער פּוילישער תּפיסה. מ׳האָט דערציילט, אַז די „העלדן" פון באַרימטן פּושיטיקער פּראָצעס זענען געווען זיינע קליענטן. מ׳האָט זיך אַפילו געסודעט אַז ער איז אַ געסטאַפּאָ־מענטש, אָבער פאַר געלט האָט ער כּלומרשט אויסגעפונען וועגן דעם גורל פון אייניקע ייִדן.

ייִדן האָבן מורא צו בלייבן אין לאָדזש

נאָכן אַרויסשיקן די גרופּע אָנגעזעענע ייִדן האָט זיך אין לאָדזש אָנגעהויבן אַ בהלה צו פאַרלאָזן די שטאָט. מ׳האָט געזאָגט אַז אין וואַרשע איז דערווייל בעסער. מ׳האָט געגלויבט אַז אין די שטעט וואָס זענען נישט אָנגעשלאָסן אין דריטן רייך, וועלן די גזירות נישט זיין אַזעלכע שטרענגע. צווישן די מער פאַרמעגלעכע ייִדן האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג איבער־צושיקן די מער ווערטפולע זאַכן קיין וואַרשע. די איבערפירערס זענען

געווען פּאָלאַקן, אָדער פאָלקס־דייטשן. מ׳האָט געדאַרפט באַצאָלן אַ סך געלט פאַרן איבערפירן אַ ביסל בעטגעוואַנד, צירונג אָדער מלבושים. די בעסטע געשעפטן האָבן דערביי געמאַכט די פאָלקס־דייטשן. זיי זענען געקומען אין די רייכערע ייִדישע שטובן און אָנגעבאָטן זייער הילף — פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל פאַרשטייט זיך. די זיך טרינקנדיקע ייִדן האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן אַ שטרוי. פאַר דער דאָזיקער „טובה" האָבן זיך די פאָלקס־דייטשן צוגענומען די בעסטע און ווערטפולסטע זאַכן, אָבער די ייִדן זענען געווען צופרידן וואָס עס איז זיי כאָטש עפּעס וואָס געבליבן.

אין שטאָט האָט מען דערווייל אָפּגעשלאָסן די פּיעטרקאָווער גאַס און מ׳האָט אָנגעהויבן צו באַזייטיקן פון איר די ייִדן וואָס האָבן דאָרט געוווינט. די ייִדישע קהילה האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג „איינאָרדענען" די ייִדן אין נייע וווינונגען. אַגב איז דער קהילה דעמאָלט שוין געווען באַוווּסט דער פּלאַן איינצופירן אַ געטאָ פאַר די לאָדזשער ייִדן און זי האָט איבער־געפירט די אַרויסגעטריבענע ייִדן אין געפּלאַנטן געטאָ, קיין באַלוט, דער אָרעמסטער געגנט פון לאָדזש. טייל ייִדן וואָס האָבן אין תּחילת זיך קעגנגעשטעלט דער דאָזיקער גזירה און געבליבן אין זייערע וווינונגען, האָבן דערנאָך עס באַדויערט, ווייל פון זייערע דירות האָבן די נאַציס זיי אַרויסגעטריבן און צו באַקומען אַ וווינונג אין געטאָ איז שוין דאַן געווען זייער שווער.

אין נאָוועמבער 1939 איז געקומען דער באַפעל, אַז די ייִדן פון אַלע שטאָט־טיילן מוזן פאַרלאָזן זייערע וווינונגען און זיך באַזעצן אין באַלוט ד"ה אין געטאָ. דאָס איבערגיין אין געטאָ־שטח איז געווען באַשטימט אויף אַ שבת־טאָג.

עס איז געווען אַ קאַלטער שבתדיקער ווינטער־טאָג. דאָס אַריבערציִען זיך האָט זיך אָנגעהויבן אין דער פרי. מ׳האָט געזען די ערשטע וועגעלעך מיט ייִדיש האָב־און־גוטס וואָס האָבן געצויגן קיין באַלוט. עטלעכע שעה שפּעטער, ווען די באַוועגונג איז געוואָרן גרעסער, האָט מען געזען ווי פאַרכמורעטע מענטשן שלעפּן אַן איבערדרייטן טיש, אָנגעפּאַקט מיט קישנס און דעקן. צווישן דעם בעטגעוואַנט האָט מען אָפט געזען אַן אַלטע מאַמע, אָדער אַ קליין קינד. אויף דעם וועג וואָס האָט זיך געצויגן קיין באַלוט

זענען אין דעם טרויעריקן שבתדיקן טאָג אַ סך קינדער פאַרפרוירן געוואָרן, ווייל די אַרויסגעטריבענע משפחות האָבן געמוזט וואַרטן לאַנגע שעהען ביז מ׳האָט זיי צוגעטיילט אַ וווינונג. דאָס איבערפירן די ייִדן אין געטאָ אַריין האָט געדויערט אַ סך שעהען. די מהומה איז געווען אומבאַשרייבלעך. באַלוט, וואָס איז באַשטימט געוואָרן ווי דאָס אָרט פון געטאָ, האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעפּאַקט מיט ייִדן. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן דאָס מוראַדיקע געשפּענסט — לאָדזשער געטאָ.

נאָך פאַרן געטאָ האָט אַ גרויסע גרופּע לאָדזשער ייִדן זיך געקליבן צו לויפן קיין רוסלאַנד. אָבער אַ סך פון די וואָס זענען שוין געהאַט אַוועק אין דעם אומבאַוווסטן וועג, האָבן צוליב משפּחה זיך צוריקגעקערט אין מיטן דער נסיעה. אַנדערע האָבן זיך פאַרהאַלטן אין וואַרשע. אַ קלענער טייל איז אַוועק קיין פּיעטרקאָוו־טריבונאַלסקי. אויך אַ קליינע גרופּע ייִדן וואָס האָבן זיך שוין געהאַט באַזעצט אין אַ קליין שטעטל לעבן לאָדזש ווו דאָס געטאָ איז נאָך נישט אין גאַנצן געווען פאַרמאַכט, האָבן זיך שפּעטער אויך צוריקגעקערט קיין לאָדזש.

פון די לאָדזשער ייִדן וואָס זיי איז געלונגען אַריבערצוגיין די רוסישע גרענעץ, איז אַ קלענער טייל צוריקגעקומען נאָך דער מלחמה. אַ פּאָר הונדערט ייִדן זענען געבליבן לעבן אויך אין לאָדזשער געטאָ. וויפל לאָדזשער ייִדן עס האָבן זיך געראַטעוועט פון וואַרשעווער געטאָ, ווייס איך נישט. דאַכט זיך אַז גאָר גאָר ווינציק.

דער ערשטער ווינטער

אַרויסגעקריגן זיך פון לאָדזשער קלעם איז וואַרשע געוואָרן פאַר אונדז אַ נייע היים. מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט ביי דער משפחה סעגאַל אויף

שוויענטע יערסקע־גאַס. מיר האָבן זיך איינגעדונגען ביי די סעגאַלס וואָס איר ראש־המשפחה איז געווען פון פאַך אַן איינבינדער. סעגאַלס צוויי זין זענען פריִער געהאַט אַוועק קיין רוסלאַנד און זייער איינציקע שיינע טאָכטער האָט חתונה געהאַט, האָט דאָס פּאָרפּאָלק געהאַט לײדיק צוויי גרויסע צימערן און זיי האָבן מיר אָפּגעדונגען. קאָכן האָבן מיר געדאַרפט אין דער בשותּפותדיקער קיך, ד״ה צוזאַמען מיט דער באַלעבאָסטע. די סעגאַלס זענען געווען זייער אָנשטענדיקע מענטשן, געפירט אַ טראַדיציאָנעל ייִדיש הויז. מיר האָבן זיך אויף אַ נאַטירלעכן אופן באַפריינדט מיט דער משפחה. דער ווינטער 1940 איז געווען זייער אַ שווערער. עס זענען געווען טעג ווען דער פראָסט איז דערגאַנגען ביז 40 גראַד. אונדזערע באַלעבאַטים זענען געווען אָרעמע מענטשן און נישט געהאַט גענוג געלט אויף צו קויפן קוילן כּדי צו באַהייצן די וווינונג. מיר האָבן יאָ נאָך געהאַט אַ ביסל געלט און מיר האָבן געקאָנט צוהעלפן אונדזערע באַלעבאַטים. מיר האָבן עס אָנגעהויבן מיט באַהייצן די גאַנצע וווינונג.

צו גלייך מיט ייִדן וואָס זענען אָנגעקומען קיין וואַרשע האָבן אויך מיר מיטגעבראַכט אַ ביסל געלט און צירונג. אַ טייל פון די אָנגעקומענע זענען אַרויס אין גאַס זוכן פּרנסה. די ייִדן האָבן ביסלעכווייז זיך געוווינט צוגעוווינען צום נייעם גלות. טייל האָבן געטענהט אַז עס איז פאָרט בעסער געפירט צו ווערן צו אַן אַרבעט פון אַ פּוילישן פּאָליציאַנט, פון וועלכן מ׳קאָן נאָך הערן אַ מאָל אַ טרייסטוואָרט, איידער געפירט צו ווערן פון אַ פאַררייסענעם דייטש אָדער פון אַ פריש געבאַקענעם פאָלקס־דייטש.

די איינגעזעסענע וואַרשעווער איינוווינערס האָבן מיט די פּאָלאַקן געמאַכט גוטע געשעפטן. פּאָלאַקן פון דער וואַרשעווער אומגעגנט פלעגן קומען און האָבן געהאַנדלט מיט ייִדן. אָבער עס זענען געווען מער ווערעמדיקע פּאָליאַקן ווי אָרנטלעכע.

פון דעם מאָמענט ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן באַרויבן די ייִדישע געשעפטן, האָבן די פאַבריק־אייגנטימערס און סוחרים גענומען „זיך אַליין באַראַבעווען״. די דייטשישע מאַכט האָט געפאָדערט פון אַלע פאַבריקאַנטן און סוחרים זיי זאָלן צושטעלן גענויע רעמאַנענטן פון זייערע סחורות און גלייכצייטיק איז געגעבן געוואָרן דעם דייטשישן זעלנער פרייע הענט

צו ראַבעווען אין די ייִדישע געשעפטן. היות ס'האָבן זיך גיך פאַרשפּרייט ידיעות אַז מען פּלינדערט אויס די ייִדישע געשעפטן, האָבן ייִדן אין דער שטיל גענומען אַליין אַרויסרוימען די סחורות פון די געשעפטן און זיי אויסבאַהאַלטן.

ווי שוין געזאָגט איז דער ווינטער 1940 געווען אַן אויסערגעוויינלעך שווערער — שווער אין אַלע פּרטים. די פראָסט זענען געווען שאַרפע. ס'איז געווען אַ דוחק אין אַ סך פּראָדוקטן און ס'איז געוואַקסן די שרעק פאַרן דייטש. ס'האָט געפעלט באַהייצונג און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמוגל מיט קוילן. פאַר אַ קילאָ קוילן פלעגן מיר צאָלן צענפאַכיק, ווי עס איז געווען דער פּרייז פאַרן אויסברוך פון קריג. דערווייל האָט מען נאָך געקאָנט באַקומען אַלץ, אָבער פאַר גרויסע געלטער. ווידער האָט זיך ביי ייִדן געשטאַרקט דער געדאַנק צו גיין קיין רוסלאַנד, אָבער מ'פלעגט זיך צוריקהאַלטן, ווייל מען האָט געהערט אַז מענטשן האָבן זיך אומגעקערט פון מיטן וועג, מחמת זיי האָבן נישט געקאָנט אַריבערגיין דעם טייך בוג. ער איז שטאַרק געהיט געוואָרן און עס איז געווען אַ סכּנה אַריינצופאַלן אין וואַסער. עס זענען געווען קרבנות.

ייִדן אין וואַרשע זענען דעמאָלט געווען אונטערן איינדרוק פון דעם וואָס סטאַלין האָט באַגריסט היטלערן צו זיין געבוירן־טאָג. ייִדן האָבן נישט געקאָנט תּופס זיין וואָס עס פאַרבינדט די דאָזיקע צוויי קעגנזעצלעכע פּאָליטישע שיטות? דערווייל איז מען געווען צעטומלט און דאָס האָט אויך אָפּגעהאַלטן די וואַרשעווער ייִדן פון לאָזן זיך דורך געפאַרן קיין רוסלאַנד. חוץ לזה האָט מען געהערט אַז די רוסן לאָזן שוין מער נישט אַריין צו זיך, ווי דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג נאָך דעם ווי ביידע, היטלער און סטאַלין, האָבן זיך איינגעטיילט מיט פּוילן.

עס איז שוין געווען דעצעמבער 1939. ס'האָבן זיך געשטעלט קעלטן און עס איז שוין געפאַלן אַ דינער שניי. אויף דער נאַכט זענען די וואַרשעווער גאַסן געווען קאַרג באַלויכטן. עס האָט אָנגעכאַפּט אַ שרעק אַרויסצוגיין ביי נאַכט אין גאַס.

פאָרן פון די נאַלעווקעס אויף מאַרשאַלקאָווסקע מיט די טראַמווייען אָדער אויטאָבוסן האָט מען זיך שטאַרק געהיט. מ׳האָט קיין מאָל נישט געוווּסט, צי מען וועט דעם וועג־אָפּשניט קענען דורכפאָרן אָן אַ מכשול מצד די דייטשן. מען האָט אויך מורא געהאַט אַז מען וועט זיך אָנשטעקן פון אַ טיפוס־לויז. אין יענער צייט זענען די וואַרשעווער טראַמווייען געווען זייער שמוציק און פאַרלייזיקט. די רויט טאַפּעצירטע זיץ־פּלעצער זענען געווען נעסטן פון טיפוס.

איין מאָל, פאָרנדיק אין טראַמוויי פון די נאַלעווקעס אויף „פּלאַץ טשעך קשיזשי״, האָב איך געזען ווי צוויי יונגע פּאָלאַקן שטייען ביי אַ רויט טאַפּעצירטער טראַמוויי־באַנק און זוכן לייז. איך האָב זיי געפרעגט, צי זיי האָבן נישט קיין מורא זיך אָנצושטעקן מיט טיפוס. האָבן זיי מיר געענט־פערט אַז זיי האָבן זיך געוועט ווער עס וועט געפינען מער לייז. דער געווי־נער וועט באַקומען אַ פלעשל „וואָדקע״. און בראָנפן, ווייס מען דאָך, פאַר־טרייבט אַלע קראַנקייטן.

נאָכן אָפּפאָרן אַ שטיקל וועג האָט איינער פון די טשעמפּיאָנען אין לייז־געיעג אָפּגעציילט 12 חיהלעך און דער צווייטער נאָר 10. דער אָפּטי־מיסט האָט מנצח געווען. „דאַי וואָדקען בראַטשיע!״ (גיב בראָנפן ברודער) — האָט האָפּערדיק אויסגערופן דער זיגער.

צווישן די 14 יידן וואָס די דייטשן האָבן פאַרכאַפּט נאָכן פאַרנעמען לאָדזש, איז אויך געווען מיין מאַנס פאָטער, ר׳ אַברהם אייזנער. ער איז געווען איינער פון די רייכע יידן אין לאָדזש, און דערפאַר איז ער אויך געווען איינער פון די דאָרטיקע ערשטע קרבנות. באַלד נאָכן אַריינמאַרשירן פון די דייטשן, איז זיין וווינונג אַרומגערינגלט געוואָרן פון געסטאַפּאָ. זיי האָבן געזוכט אין הויז געלט, גאָלד. עס איז אונדז דעמאָלט געלונגען אים צו באַהאַלטן. אין דער דירה איז געווען אַ דריטער אַריינגאַנג, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרשטעלט. די געסטאַפּאָ איז געווען אין הויז אַ פּאָר טעג און נישט געוואָלט פאַרלאָזן די וווינונג ביז מיין שווער וועט זיך באַווייזן. מיר האָבן געזען אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג; אַז זיי וועלן אים געפינען, ווייל ער איז געווען באַהאַלטן אין דעם זעלבן הויז ביי אַ שכן. האָבן מיר אים צו וויסן געגעבן ער זאָל אַהיימקומען.

אים דערזען, האָבן די געסטאַפּאָ־לייט מיט אים זיך אָנשטענדיק באַנומען און אים נאָר אויסגעפרעגט, ווו ער האָט באַהאַלטן זיין גאָלד און געלט? אויף דעם האָט ער געענטפערט, אַז אַלץ האָט ער ליגן אין דער באַנק. ווען זיי האָבן שפּעטער אָנגעהויבן שרייען, האָט ער אָנגעוויזן אויף זיין גרויען קאָפּ און זיי געענטפערט: קוקט זיך צו צו מיין גרויען קאָפּ, איך האָב אין מיין לעבן נאָך קיין מאָל נישט געזאָגט קיין ליגן, און אויך איצט גיב איך אייך מיין ערן־וואָרט, אַז איך האָב דאָ גאָרנישט, נאָר אַלץ איז אין די בענק. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָבן זיי פאַרלאָזט דאָס הויז.

אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער אויך געווען איינער צווישן די איינגעלאַדענע ייִדן אין דער קהילה. מיר האָבן אים מער נישט געזען.

איצט ווען מיר זענען שוין אין וואַרשע האָבן מיר ווידער געזוכט וועגן זיך צו דערוויסן, וואָס עס איז מיט די אומגליקלעכע 14 ייִדן געשען. ווו זענען זיי? לעבן זיי נאָך? ווו האָט מען זיי גענומען? דאָ האָט מען אונדז אָנגעוויזן אויף אַן אַדוואָקאַט, וואָס טוט אויף עפּעס פאַר די פאַרנומענע. מיר האָבן באַקומען זיין אַדרעס און איך האָב געדאַרפט גיין צו אים.

אַ לענגערע צייט האָבן מיר זיך געישובט וועגן דעם צי מיר זאָלן זיך אַריינלאָזן אין עסקים מיט דעם רעקאָמענדירטן אַדוואָקאַט. עס איז אָבער לסוף, בלית ברירה, באַשלאָסן געוואָרן זיך צו אים יאָ צו ווענדן.

אַזוי בין איך אין דעם פאַרלויזטן טראַמוויי אָנגעקומען צום הויז אויף פּיוס 19, ווו דער אַדוואָקאַט האָט געוווינט. דאָס האַרץ האָט אין מיר שטאַרק געקלאַפּט אַריינגייענדיק צו אים. ווי שוין געזאָגט זענען עס געווען צייטן, ווען ייִדן האָבן בכלל פאַר אַלץ מורא געהאַט. געקומען צום אַדוואָקאַט, האָב איך געטראָפן אין פאָדערזאַל עטלעכע מענער, עלע־גאַנט אָנגעטאָן מיט גרויסע לעדערנע טעקעס. צו מיר איז צוגעגאַנגען איינער ,פון זיי און מיך געפרעגט וואָס איך וויל. איך האָב געזאָגט אַז איך וויל רעדן מיטן אַדוואָקאַט. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און איך בין געוואָרן אַריינגעפירט אין זיין עלעגאַנטן קאַבינעט מיט בידערמייער־מעבל, פּערסישע דיוואַנען און פראַכטפולע בילדער. ביים שרייבטיש איז

געזעסן אַ צעוואַקסענער ברייטער מאַן מיט אַ רעזערווירטן שמייכל אויפן פּנים. ער האָט מיך העפלעך באַגריסט, אויסגעפרעגט פּרטים פון מיין ענין און דערנאָך מיר דערקלערט אַז אין דער גרענעץ־שטאָט וואָס מען רופט פּילאַ געפינט זיך אַ געפאַנגען־לאַגער, ווו עס זענען אַרעסטירט אַ סך נישט־ייִדן און אויך ייִדן פון לאַדזש. ער האָט נאָך צוגעגעבן אַז אין עטלעכע טעג אַרום פאָרט ער אַהין. ער האָט מיר געהייסן קומען צו אים אין אַ וואָך אַרום. דעמאָלט וועט ער מיר קענען זאָגן עפּעס גענויערס. גלייכצייטיק האָט ער מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז צו ערשט דאַרף איך איינצאָלן אַ געוויסע סומע געלט.

אין אַ וואָך אַרום בין איך ווידער געקומען צו אים. מ׳האָט מיך איצט שוין אויפגענומען מיט ווייניקער העפלעכקייט. דער אַדוואָקאַט האָט מיר דערקלערט, אַז ער האָט די „אַנטשפּרעכנדע פּערזאָן" נישט געפונען. ער וועט אָבער ווידער אַהינפאָרן און דאָרט בלייבן אַזוי לאַנג, ביז ער וועט באַקומען אַ קלאָרע תשובה. און ער האָט ווידער געבעטן געלט.

עס איז שוין געווען סוף דעצעמבער. ס׳האָבן זיך דערנענטערט די קריסטלעכע חגאות. אַ פּאָר טעג נאָך ניי־יאָר בין איך ווידער געקומען צום אַדוואָקאַט. דאָס מאָל האָט ער אַליין געעפנט די טיר און גענומען פּלאַפּלען נאַרישקייטן און זיך שוין אָנגעהויבן פאַרטיידיקן. „מאָרגן פאָר איך אַהין — זאָגט ער — איך האָב באַשטעלט ביי אַן „אַנטשפּרעכענדיקע" פּערזאָן די אונטערשריפטן פון אַלע מיינע קליענטן. קומט — זאָגט ער צו מיר — אין עטלעכע טעג אַרום.

אָנקוקנדיק זיין פּנים האָב איך געזען אַז ער קומט נישט פון פּילאַ, נאָר פון זאַקאָפּאַנע, ווו ער האָט פאַרבראַכט די חגא־טעג. זיין אויסגעלאַסענער פּרצוף, זיינע תאווהדיקע אויגן האָבן אַרויסגערופן אין מיר אַן עקל. איך האָב געוואָלט וואָס שנעלער אַנטלויפן. ער האָט מיך באַגלייט צו דער טיר און ווידער געבעטן געלט. דאָס מאָל האָב איך געזאָגט, אַז איך האָב נישט מיט זיך קיין געלט, אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום ווען איך וועל קומען נאָך אַן ענטפער וועל איך אים געבן. אַזוי האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט פון דער דאָזיקער פאַרדעכטיקער שטוב אַ שטאַרק דענערווירטע. ערשט

אויף די טרעפּ האָב איך צוריק געפונען מיין גלייכגעוויכט. איך בין נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן. אַזוי בין איך געלאָפן ביז צו די נאַלעווקעס.

אין דער היים האָבן אַלע געוואַרט אויף מיר מיט אומגעדולד. איך האָב אָבער נישט געהאַט גענוג כּוח צו דערציילן דעם אמת אַז דער אַדוואָקאַט איז אַ שאַנטאַזשיסט און אַז מיר האָבן ווידער פאַרלוירן אַלע האָפענונגען זיך עפּעס צו דערוויסן. כּדי זיך אַ ביסל צו באַרויִקן, בין איך אַריין אין אַ קאַפע מיט דער האָפענונג צו טרעפן באַקאַנטע מיט וועלכע איך זאָל זיך באַראַטן וואָס ווייטער צו טאָן.

די קאַפע־הייזער אין וואַרשע האָבן אין יענער צייט געהאַט אַן אייגנ־אַרטיקן אויסזען. אַזוי ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן זענען אויסגעוואַקסן נייע קאַפעען און קאַבאַרעטן. אַ געוויסער טייל פון דער ייִדישער געזעלשאַפט האָט ווי געוואָלט פאַרגעסן די ווירקלעכקייט און זי האָט זיך געזאַמלט אין אָט די קאַפע־הייזער. אין אויסגעלייִדיקטע געוועלבער האָט מען אין אַ ווינקל אַוועקגעזעצט עטלעכע מוזיקאַנטן, אַן אַנטבלויזטע זינגערין און מ׳האָט זיך פריילעך געמאַכט. עס איז געווען דעמפּיק און אין חלל — אַ נעפּל פון פּאַפּיראָסן־רויך. יעדעס מאָל פלעגט מען אין די קאַפע־הייזער טרעפן פריש אָנגעקומענע מענטשן פון „רייך". די קאַפעען זענען געוואָרן די הויפּט־בערזעס ווו מ׳האָט פאַרהאַנדלט דאָס נאָך פאַראַנענע ביסל ייִדישע האָב־און־גוטס. דאָ האָט מען מיר דערציילט, אַז דער באַרימטער לאָדזשער גביר ווישליצקי האָט פאַרקויפט אַ בריליאַנט, פאַר וועלכן ער וועט אַ לאַנגע צייט קאָנען זיך קויפן ברויט. מ׳האָט אויך דערציילט אַז דער לאָדזשער גביר גוטער האָט אין וואַרשע נישט וואָס צו פאַרקויפן און ער לעבט זייער אָרעם. יאָ, דאָס זענען געווען די ייִדישע מיליאָנערן וואָס האָבן געמיינט, אַז זייערע קינדס־קינדער וועלן זיין פאַרזאָרגט. איז אָבער געקומען דער דייטש און ער האָט זיי דערפירט צו דעם אמתן תּכלית צוזאַמען מיט זייערע גרויסע מאַיאָנטקעס. ער האָט באַלד אין די ערשטע טעג פאַרברענט זייערע גרויסע פאַבריקן, צוגענומען זייערע הייזער און די גבירים אַרויס־געטריבן. דער סך־הכּל פון אַ גאַנץ לעבן איז ערשט געלעגן אויף דער האַנט. אין פאַררויכערטן קאַפע־הויז זענען אויך געשלאָסן געוואָרן שידוכים. מענטשן האָבן איַיליק חתונה געהאַט און דאָס חתונה האָבן האָט אַפילו

אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. אין קאַפע־הויז בין איך אָפט מאָל געוואָרן אַן עדות פון אַ סך פּיינלעכע פּראָבלעמען. די שמועסן זענען דעמאָלט געווען פאַרשידנאַרטיקע, אָבער אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום פּראָגעס ווי אַזוי האַלט מען אײַן דאָס אָרעמע יידישע חיות. ס׳איז מיר אָבער נישט געווען ניחא צו הערן די שמועסן און איך פלעג זיך פון זיי דער־ווייטערן.

נישט ווייט פון מיין טישל אין קאַפע, זענען געזעסן אַ מיידל מיט אַ בחור. זי איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר 25, אַ שוואַרצע, אַ באַחנטע, מיט שיינע שוואַרצע פינקלדיקע אויגן. דער בחור האָט אויסגעזען אַ ביסל עלטער. איך האָב געהערט ווי ער האָט איר פאָרגעלייגט צו שטעלן אַ חופּה און זי האָט מסכּים געווען. דער בחור איז געוואָרן שטאַרק עמאָציאָנירט און ער האָט הויך אויפן קול אויסגעשריגן, פאַרגעסנדיק ווו ער געפינט זיך: „זע, מײַן ליבע! פינף יאָר האָב איך געוואַרט אויף דיין יאָ. איך דאַנק דיר מיין טייערע פאַר דיין הסכּמה״. דאַן האָבן זיך ביידע אַרומגענומען און זיך צעוויינט.

צוקוקנדיק זיך צו אָט דער סצענע האָב איך זיך אויך פונאַנדער־געוויינט. איך האָב זיך געפרעגט וועך עס איז דאָס פּאָרל? מען האָט מיר דערציילט אַז ביידע שטאַמען פון אַ קליין שטעטל, נישט ווייט פון סקיער־ניעוויץ. זי איז אַ רייכע טאָכטער און ער איז געווען אַן אַרבעטער ביי איר פאָטער. ער האָט זיך אין איר פאַרליבט און לאַנג געחלומט וועגן דעם שידוך, וואָס אין אַ נאָרמאַלער צייט איז אים געווען נישט מעגלעך צו דערגרייכן. איצט, אין דער אומנאָרמאַלער צייט, האָט זיך זיין חלום פאַרווירקלעכט.

אין קאַפע זענען אָנגעקומען באַקאַנטע און איך האָב זיי דערציילט וועגן מיין באַגעגעניש מיטן אַדוואָקאַט. כ׳האָב זיי איבערגעגעבן פּרטים וועגן דעם ענין. בשעת־מעשׂה האָב איך זיך אַרויסגעכאַפּט אַז כ׳האָב נישט קיין מוט צו גיין אַהיים און צו דערציילן וועגן דעם אַנטדעקטן שאַנטאַזש. אָבער וואָס האָבן מענטשן מיר געקאָנט העלפן אין דער דאָזיקער צרה?

בינו לבינו האָב איך זיך דערוווסט, אַז דער באַרימטער וואַרשעווער אַדוואָקאַט האָפּמאַקל־אָסטראָווסקי פאַרנעמט זיך מיט ענלעכע ענינים. ער

האָט געוווינט אויף דער גאַס נאָווישוויאַט, לעבן דער גאַלעריע לוקסענבורג. אין יענער צייט איז שוין געווען אַ מורא פּאַר אַ מענטש מיט אַ ייִדישן אויסזען זיך צו באַווייזן אין די דאָזיקע גאַסן. מיט מיין נישט גאַנץ סעמיטישן אויסזען האָב איך פון דעסטוועגן עטלעכע מאָל ריזיקירט אַוועקצולאָזן זיך אין יענע געגנטן כּדי צו דערליידיקן נישט „כּשרע" זאַכן.

אין יענע גאַסן האָט מען נאָך געלעבט אין לוקסוס. די קאַפעען זענען געווען שטאַרק באַלויכטן און אומעטום זענען געזעסן דייטשן.

ס'איז געווען ווינטער 1940. די מלחמה אין פּוילן האָט זיך געהאַט פאַרענדיקט. די דייטשן האָבן איינגעשטעלט זייער אָרדענונג. זייער חוצפּה־דיק לאַכן און דאָס פאַרריסענע פאַרהאַלטן זיך האָט געשטאָכן אין האַרצן. אָבער נישט אַלע האָבן געפילט דאָס זעלביקע. געווען פיל עלעגאַנטע פּוילישע פרויען וואָס האָבן דאָ שפּאַצירט געאָרעמט מיט דייטשן. פאַקטיש האָט די „נאַראָדאָוואַ דעמאָקראַציאַ", מיטן זיג פון די דייטשן, כּמעט דער־גרייכט איר ציל בנוגע ייִדן.

איך בין אַוועק צום אַדוואָקאַט האַפּמאַקל־אָסטראָווסקי. אין וואַרט־צימער האָב איך געטראָפן אַ סך מענטשן. איך האָב געפּרוווט זיך דערוויסן צוליב וועלכע סיבות זיי זענען דאָ אַהער געקומען. איך בין געווען די איינציקע ייִדישע פרוי. עס זענען דאָ געווען פרויען פון פּוילישע פּאָלי־ציאַנטן, פרויען פון אָפיצירן וואָס זענען פאַרשיקט געוואָרן. זיי זענען ביים אַדוואָקאַט שוין נישט דאָס ערשטע מאָל. זיי דערציילן אַז אַדוואָקאַט האַפּמאַקל־אָסטראָווסקי האָט שוין אַ סך מענטשן אויסגעפונען.

כ'האָב געוואַרט אין דער ריי מיט אומגעדולד. ענדלעך האָט מען מיך אַריינגעפירט צום אַדוואָקאַט. עס איז מיר אַנטקעגן געקומען אַן עלטערער, זייער סימפּאַטישער מאַן, געבעטן זיצן און געפרעגט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט מיך רויִק אויסגעהערט. שטאַרק זיך פאַרטראַכט און דערנאָך דערקלערט אַז דער ענין איז, צום באַדויערן, נישט קיין איינצל פאַל. אין אַלע אָקופּירטע לענדער טוט דער דייטש דאָס זעלבע. אין אייַער זאַך, קאָן איך, ליידער גאָרנישט העלפן, האָט ער דערקלערט. איך קאָן אייך נאָר

ראָטן אַז איר זאָלט שרייבן בריוו צום גאַולייטער. אַ מאָל טרעפט אַז ס׳קומען אָן ענטפערס. דאָס זענען געווען פשוטע, אָרנטלעכע רייד פון אַ סאָלידן אַדוואָקאַט.

אַדוואָקאַט האַפּמאַקל־אָסטראָווסקי האָט מיר אויך געזאָגט אַז אין וואַרשע זענען פאַראַן פּאַרשוינען וואָס רעקלאַמירן זיך ווי אַזעלכע וואָס קענען עפּעס אויפטאָן אין די דאָזיקע ענינים, אָבער דאָס זענען דורכויס שווינדלערס. זיי נאַרן נאָר אויס געלט. דער אמת איז אַז קיינער קען נישט דערגיין קיין שום זאַך. האָנאָראַר האָט ער פון מיר נישט געוואָלט נעמען. באַגלייטנדיק מיך צו דער טיר האָט דער אַדוואָקאַט מיר אָנגעוויזן אויף די וואַרטנדיקע מענטשן און געזאָגט: „זע, פאַר אָט די מענטשן, פאַר פּאָלאַקן, איז יאָ נאָך מעגלעך עפּעס צו טאָן און אפשר אויפצוטאָן. פאַר פּאָלאַקן זענען פאַראַן באַשטימטע לאַגערן, געוויסע דעקרעטן, אָבער אַ ייִד קאָן יעדער דייטש הרגענען אָן שרעק דערפאַר צו ווערן באַשטראָפט. מען מוז האָבן געדולד״ — האָט ער פאַרענדיקט און צוגעגעבן: „מ׳מוז קענען וואַרטן״.

אין עטלעכע חדשים אַרום איז געקומען אַ ידיעה אַז די אַרעסטירטע ייִדן אין דער לאָדזשער קהילה זענען אומגעקומען אין דאַכאַו.

מיטן אָנקום פון פרילינג איז קלאָר געוואָרן, אַז מיר געפינען זיך ערשט ביים אָנהייב פון דער מלחמה. די צייטונגען האָבן יעדן טאָג דער־ציילט וועגן די נצחונות פון דער דייטשישער אַרמיי און מיר אין וואַרשע האָבן זיך צוגעוווינט צו די כסדרדיקע אָנפאַלן אויף ייִדן. מיר האָבן געהאַט אומרויִקע טעג און אומרויִקע נעכט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן אָפטע פּראָוואָ־קאַציעס קעגן ייִדן, מ׳האָט אונדז וואָס אַ מאָל מער געפּייניקט.

פלוצלינג האָט זיך געהערט אַז דייטשן פאַלן אָן אויף ייִדן אין דער געגנט פון שוויענטאָ־יערסקאַ ביזן פּלאַץ מוראַנאָווסקע. די דייטשן באַפאַלן מאַסנווייז ייִדישע הייזער ווייל ייִדן האָבן כלומרשט געשאָסן אויף פּאָלאַקן. דאָס איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די ענדעקעס, וועלכע האָבן זיך באַמיט צוצוהעלפן די דייטשן ביים אויסראָטן

די ייִדן. דעמאָלט איז אָבער נאָך נישט געווען קלאָר ווער עס האָט געהאַט אַ האַנט אין די דאָזיקע געשעענישן. ס׳איז אָבער געווען אַ פֿאַקט: געליטן פֿון דעם האָבן נאָר ייִדן. עס זענען געווען אַ סך ייִדישע קרבנות.

אויך מיר האָבן, ווי געזאָגט, געווינט אויף שוויענטע־יערסקע און אויך מיר האָבן נישט אויסגעמיטן דעם גורל באַפֿאַלן צו ווערן פֿון די דייטשן באשר מיר האָבן פֿון אונדזערע פֿענצטער געשאָסן אויף די פּאָלאַקן.

דאָס איז געווען באַלד אין דער פֿרי. אַלע שטוב־מענטשן זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען און איך בין געווען אַליין אין שטוב. אונדזער וווינונג האָט זיך געפֿונען אין הויף אויפֿן ערשטן שטאָק און זי האָט געהאַט צוויי אַריינגענג. פּלוצלינג הער איך קלאַפּן אין ביידע אַריינגענג מיט אַ מאָל. כ׳האָב זיך שרעקלעך דערשראָקן און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אָבער אָט האָבן זיך די טירן געעפֿנט, ווייל מ׳האָט זיי אויפֿגעריסן מיט כּוח. פֿון ביידע אַריינגענג זענען די דייטשע זעלנער אַריינגעפֿאַלן אין שטוב. זיי זענען אַריין מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן און אויסגעשריִען: „ווו געפֿינט זיך דער וועלכער האָט געשאָסן פֿון די פֿענצטער צו די פּאָלאַקן?!״

ביז איצט ווייס איך נישט וואָס עס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אין שטוב. זיי האָבן מיך צוגעשטופּט צו דער וואַנט און דורכגעפֿירט אַ גרינט־לעכע רעוויזיע אין דער גאַנצער וווינונג. אַזוי ווי זיי האָבן גאָרנישט געפֿונען, האָבן זיי פֿון כּעס צעשמעטערט מיט דער ביקס דעם שפּיגל פֿון דער שאַנק און פֿאַרן פֿאַרלאָזן די שטוב האָבן זיי אויפֿגעשניטן דאָס בעטגעוואַנט און אויף די פּעדערן אַרויפֿגעגאָסן עטלעכע עמערס וואַסער. צום גליק האָט דער פּאָגראָם אָנגעהאַלטן נאָר אַ פּאָר שעה. דער „קוריער וואַרשאַווסקי״, די אַנטיסעמיטישע פּוילישע צייטונג, האָט וועגן דעם דערנאָך געשריבן אַז ייִדן האָבן אַרויסגערופֿן די אומרוען.

אין רעזולטאַט פֿון דעם שווערן ווינטער און די שווערע איבערלעבונ־גען בין איך זייער קראַנק געוואָרן אויפֿן האַרץ און אויף די לונגען. מיר איז שווער געוואָרן אַפֿילו עפּעס צו טאָן אין שטוב. איך האָב מיין צושטאַנד געפּרוווט אויסבאַהאַלטן פֿאַר די נאָענטסטע, אָבער מיין קראַנקייט האָט זיך פֿאַרשאַרפֿט. דאָקטוירים האָבן מיך געראָטן צו פֿאַרלאָזן וואַרשע און

זיך צו באַזעצן אין דער וואַלדיקער געגנט פון אָטוואָצק, נישט ווייט פון וואַרשע. די דאָקטוירים האָבן געוואָרנט אַז אויב איך וועל זיי נישט האָרכן וועל איך נישט דערלעבן דעם צווייטן ווינטער. איך האָב אָבער זיך נישט געוואָלט צעשיידן מיט מיין פאַמיליע אין אַזעלכע אומרויִקע צייטן. זעענדיק מיין פאַרעקשנטקייט האָבן מיינע נאָענטסטע באַשלאָסן אַז די גאַנצע משפחה וועט זיך אַריבערציִען קיין אָטוואָצק.

זומער פון יאָר 1940 איז די ליניע וואַרשע־אָטוואָצק געווען ערטערווייז באַוווינט פון ייִדן. אַ סך פון די וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון וואַרשע פון זייערע וווינונגען און אַ סך, וועלכע האָבן געוווינט ביי דער גרענעץ מיטן דריטן רייך האָבן זיך באַזעצט אין יוזעפּאָוו, פאַלעניץ אאַז״וו. מיר האָבן געוואָלט זיך באַזעצן אין אָטוואָצק, אָבער עס איז געווען זייער שווער צו באַקומען דאָרט אַ דירה. נאָך לאַנגע זוכענישן איז אונדז געלונגען צו דינגען אַ וווינונג. דער באַלעבאָס פון דער ווילע, ווו מיר האָבן געדאַרפט וווינען איז געווען אַן אינזשיניער וועלכער האָט געאַרבעט אין וואַרשעווער מאַגיסטראַט. אין ערשטן אויגנבליק האָבן מיר געמיינט אַז ער איז אַ שׂונא ישׂראל, מיר האָבן אים דערפאַר אָפן געזאָגט אַז מיר זענען ייִדן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז טאַקע דערפאַר ווייל ער האָט דערקענט אַז מיר זענען ייִדן האָט ער אונדז פאַרדונגען די וווינונג. מיט עפּעס האָבן מיר נושׂא־חן געווען אין זיינע אויגן. קיין מאָל וועל איך נישט פאַרגעסן זיין באַציִונג צו אונדז. ער איז געווען אַן איידעלער מענטש און אָפט מאָל אונדז אַרויסגעהאָלפן אין שווערע סיטואַציעס. ווען ער האָט געזען אַז מיין געזונט האָט זיך אויף אַזוי פיל געבעסערט, אַז מיין געמיט ווערט הייטערער און איך קען זיין מיט עפּעס באַשעפטיקט, האָט ער מיר אויסגעבאָרגט אַ ניי־מאַשין און מיר רעקאָמענדירט קליענטן כּדי איך זאָל זיין ביי עפּעס פאַרנומען. ס׳האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן אַז זיין פרוי איז געווען אַ ייִדישע. זי האָט געשטאַמט פון אַ רבנישן הויף. אין דער יוגנט האָבן זיי זיך באַקענט אין אַ קליין שטעטל, זיך פאַרליבט און צעשיידט. עס זענען אַריבער אַ סך יאָרן ביז זיי האָבן זיך ווידער געטראָפן. דאַן האָט זיך ביי

זיי צעפּלאָקערט די אַמאָליקע ליבע. נאָך לאַנגע ראַנגלענישן מיט איר סביבה און געוויס אויך מיט זיך אַליין האָט זי פּאַרלאָזט דעם פּאָטערס הויז און איז אַוועק מיט אים אין דער גרויסער וועלט אַריין. זי האָט זיך געשמדט און זיי האָבן חתונה געהאַט. איצט האָבן זיי געהאַט דריי קינדער, אָבער זייער צוזאַמענלעבן איז נישט געווען קיין גליקלעכס.

אויסטערליש: די געוועזענע יידישקע האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמתער אַנטיסעמיטקע. איז עס געווען אַזוי? שווער צו זאָגן. איך האָב זי קיין מאָל נישט געזען שמייכלען. ווי איר מאַן האָט מיר שפּעטער דערציילט האָט זי זיך נישט „אַקלימאַטיזירט" אין דער קריסטלעכער סביבה. ווען ס׳איז אויסגעבראָכן די מלחמה האָט זי געוואָלט לויפן צוריק אין איר שטעטל אַריין, צוריק צו איריקע... דערביי האָט דער מאַן איר געזאָגט, אַז זי איז נישט שטענדיק געווען אַזאַ. די מלחמה־געשעענישן האָבן זי צערודערט, איר נערוון־סיסטעם איז באַשעדיקט געוואָרן. אַ יידישע טאָכטער! עס האָט זיך אין איר דערוועקט דער יידישער פּונק, ווען זי האָט דערזען ווי די גאַנצע וועלט וואַרפט זיך מיט די פויסטן אויף איר שטאַם.

עס איז מיר נאָך עד היום שווער אויסצודריקן דאָס געפיל וואָס האָט מיך באַהערשט דעמאָלט ווען כ׳האָב דאָס ערשטע מאָל געזען פון דער נאָענט דאָס צוזאַמענלעבן פון אַ געמישט פּאָרפאָלק. איך האָב דעמאָלט געטראַכט: פון אייגענעם פאָלק קאָן מען, זעט אויס, נישט אַנטלויפן. מ׳קאָן אַריין אין אַן אַנדערער סביבה... דער אַנדערער שטייגער קען אַפילו געפעלן, אָבער דאָס בלוט פון דורות רופט זיך אָפּ...

אין דעם שיינעם וואַלדיקן אָטוואָצק איז דער זומער 1940 געווען אַ ווונדערלעכער. שטיל, רויק, אַזוי אַז מיר האָבן נישט געפילט אַזוי שטאַרק וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. די ביימער האָבן רחבותדיק געגרינט אין זייער פּראַכט. די פייגל האָבן אונדז יעדן פרימאָרגן אויפגעוועקט מיט זייער געזאַנג און אין דער ריינער לופט האָט מען נישט געפילט דעם ריח פון פאַרגאָסן בלוט אין דער מלחמה.

אין אָטוואָצק האָבן מיר געזען ווייניק דייטשן. אין די סאַנאַטאָריעס וואָס זענען צעזייט אין דער וואַלדיקער געגנט האָט מען פון צייט צו צייט געזען מיליטער. מיט אַ יאָר שפּעטער, האָבן פּאָלאַקן דערציילט, איז אָטוואָצק געוואָרן איין גרויסע קאַזאַרמע. אָבער אין ערשטן מלחמה־יאָר איז דאָ געווען שטיל. אין דעם פּראָווינץ־ישוב האָבן מיר געלעבט רויִק. אין דער פרי פלעגן מיר גיין אויפן מאַרק איינקויפן אַלדאָס נייטיקע כּדי צו פירן אַ באַשיידן לעבן. פון מאָל צו מאָל פלעגן דערגיין צו אונדז נייעסן וועגן די געשעענישן פון דער גרויסער וועלט. אַ גרויסער קלאַפּ פאַר אונדזער פאַרהעלטנישמעסיקער רויִקייט אין אָטוואָצק איז געווען די ידיעה וועגן אַריינמאַרש פון דייטשישן מיליטער קיין פּאַריז, כאָטש זעענדיק וואַרשע נאָכן טרויעריקן סעפּטעמבער פון יאָר 1939, האָבן מיר פאַרשטאַנען הלמאי די פראַנצויזן האָבן פריצייטיק קאַפּיטולירט. די פּראָווינצער פּאָלי־טיקערס האָבן דווקא געלייגט אַ סך האָפענונגען אויפן דאָזיקן שריט פון נאָכגיביקייט. וועלכע מאָטיוון ס׳האָבן אַרויסגערופן די דאָזיקע מיינונג געדענק איך נישט. ס׳זענען אָבער געווען עפּעס אומקלאָרע האָפענונגען. מען האָט זיך געטרייסט אַז פּאַריז וועט בלייבן פראַנצויזיש. מ׳האָט דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט וועגן מאַרשאַל פּעטען וועלכער האָט רעגירט אין ווישי. אָבער געוווּסט האָבן מיר, אַז דאָס צעשניידן פּוילן אויף אַ „גובערנאַמענט״ און אַ „רייך״ איז אַ מוסטער אויך פאַר אַנדערע לענדער, וועלכע היטלער גרייט זיך צו באַהערשן. מיר האָבן אויך פאַרשטאַנען אַז נאָך יעדן נצחון אָדער מפּלה וועט דאָס פּייניקן די יִדן אָננעמען שטאַרקערע פאָרמען. און טאַקע צו מאָרגנס נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן קיין פּאַריז, האָט מען גענומען אין וואַרשע כאַפּן יִדן אין די גאַסן און זיי אַוועקשיקן אין אומבאַקאַנטן ערגעצוווּ. עס זענען אַוועק לאַנגע וואָכן ביז מ׳האָט זיך דערוווּסט, אַז די געכאַפּטע יִדן געפינען זיך נישט ווייט פון וואַרשע, אין רשות פון דער געסטאַפּאָ און מען לאָזט זיי נישט צוויסן געבן וועגן זיך זייערע פאַמיליעס. איין מאָל האָט מען זיך דערוווּסט אַז אַ סך פון די פאַרשלעפּטע מענטשן פירט מען יעדן טאָג אויף אַרבעט אין דער תּפיסה אויף פּאַוויע־גאַס. פרויען, מוטערס און קינדער האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דער שעה ווען מ׳האָט זיך געמעגט באַוועגן אין גאַס. זיי

האָבן אָפּגעוואָרט די אויטאָס אין וועלכע מ׳פלעגט ברענגען די ייִדן צו דער אַרבעט. אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט מען אַ טייל פון די ייִדן באַפרייט און אַנדערע האָט מען אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד.

אַ שײַן פון בטחון האָט פאַר אונדז אויפגעלויכטן אין דער ידיעה וועגן רודאָלף העס׳ דעזערטירן קיין ענגלאַנד. די „פּאָליטיקמאַכערס" האָבן די דאָזיקע ידיעה פאַרבונדן מיטן צוזאַמענברוך פון נאַצישן רעזשים. די פאַנטאַזיע ביי געוויסע ייִדן האָט זיך צעשפּילט, ביז עס איז געקומען אַ נייע אויפטרייסלענדיקע ידיעה אַז אין וואַרשע ווערט געשאַפן פאַר ייִדן אַ געטאָ.

דער אינזשיניער, ביי וועלכן מיר האָבן געוווינט אין אָטוואָצק איז נאָך פאַר דער מלחמה געווען אַ באַאַמטער פון פּלאַניר־אָפּטייל ביים וואַרשעווער מאַגיסטראַט. אויך איצט האָט ער פאַרנומען דעם דאָזיקן אַמט.

אין אַ געוויסן טאָג איז צו אונדז אין שטוב אַריינגעקומען דאָס ייִנגעלע פון אינזשיניער און מיר געזאָגט אַז דער פאָטער רופט מיך. אַריינגעקומען צו אים אין שטוב, האָב איך באַמערקט אַז דער אינזשיניער איז זייער אויפגערעגט. ער האָט מיך פון דעסטוועגן פריינדלעך באַגריסט און מיך אַריינגעבעטן אין אַ באַזונדערן צימער. כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז ער וויל מיר עפּעס זאָגן. כ׳האָב געזען אַז ער פילט זיך אומבאַקוועם, האָב איך אים געפרעגט וואָס עס איז ווידער געשען אין וואַרשע? אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט אַז אין וואַרשע וועלן ייִדן מוזן גיין אין געטאָ!! נאָך דעם אויסרוף האָט ער מיר געבעטן איך זאָל דאָס קיינעם נישט דערציילן ווייל דאָס איז זיין אַרבעטס־סוד. ער האָט מיר געזאָגט אין וועלכן טייל פון שטאָט עס ווערט געפּלאַנעוועט די געטאָ אין וועלכער מען וועט וואָר־שיינלעך אַרייניאָגן אַלע ייִדן פון גובערנאַמענט. לויט דעם פּלאַן — אויך די ייִדן פון אָטוואָצק.

ער האָט מיר דאָס אַלץ איבערגעגעבן ווייל שפּעטער וועט שווער זיין אין געטאָ צו באַקומען אַ וווינונג. ס׳איז קלאָר אַז מיר וועלן נישט קאָנען בלייבן אין אָטוואָצק. מחמת דעם האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק אונדז דאָס צו וויסן צו געבן באַצייטנס. דערביי האָט ער אונדז געעצהט מיר זאָלן באַלד פאַרלאָזן אָטוואָצק און דינגען אַ דירה אין וואַרשע. ער האָט מיר

בשעת־מעשׂה דערלאַנגט אַ רשימה פון די גאַסן ווו ייִדן אין וואַרשע וועלן קאָנען וווינען, דאָס הייסט דעם שטח פון דער צוקונפטיקער געטאָ.

די ידיעה האָט אויף מיר קיין גרויסן איינדרוק נישט געמאַכט. ס׳איז געווען עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט די נייעס דערוואַרט. איך מיין, אַז אויף אים, דעם קריסט, האָט דאָס געמאַכט אַ משונהדיקן רושם. איך האָב מער מיט אים וועגן דעם נישט גערעדט און בין צוריקגעגאַנגען צו זיך אין שטוב.

פאַרשטייט זיך אַז איך האָב די נייעס איבערגעגעבן אַלע ייִדישע שכנים וועלכע זענען צוזאַמען מיט אונדז געקומען פון וואַרשע און מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו פאַרלאָזן אָטוואָצק.

די וויסטע קלאַנגען וועגן אַ געטאָ אין וואַרשע האָבן סיי ווי סיי זיך געמערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג צוריקצופאָרן קיין וואַרשע. איינצלנע פאַמיליעס פון אונדזערע באַקאַנטע און קרובים האָבן דאָך באַשלאָסן צו בלייבן אין אָטוואָצק. אַכט טעג שפּעטער האָבן אָבער אַלע ייִדישע איינוווינערס אין אָטוואָצק באַקומען אויפפאָדערונגען צו פאַרלאָזן דאָס אָרט. עס איז אויף ס׳ניי אויסגעבראָכן אַ פּאַניק. די משפּחות וועלכע האָבן געוואָלט פאַרבלייבן אין אָטוואָצק האָבן פאַר גרויס געלט זיך פאַרשאַפט עפּעס אַ פּאַפּירל, ד״ה אַ דערלויבעניש צו פאַרבלייבן. אָבער עס האָט סיי ווי סיי נישט געהאָלפן. צוויי וואָכן שפּעטער איז אָטוואָצק אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ געטאָ־צוים און אין אַ צייט שפּעטער האָט מען די ייִדן פון אָטוואָצק אַוועקגעפירט קיין טרעבלינקע. די אָטוואָצקער ייִדן זענען געווען די ערשטע קרבנות אין דאָזיקן אומקום־לאַגער.

פאַר ראש־השנה 1940 זענען מיר צוריקגעקומען קיין וואַרשע. אין וואַרשע האָט זיך געפילט די שטימונג פון די „פאַרכטיקע טעג״. אַ סך ייִדן האָבן געזאָרגט וועגן ערטער ווו צו קאָנען דאַווענען אין די ימים־נוראים און עס האָבן זיך געשאַפן אַ סך מנינים. כּדאַי צו דערמאָנען אַז אַ סך פּאָלאַקן האָבן דאָס מאָל צוגעהאָלפן, אַז די ייִדן זאָלן נישט געשטערט ווערן ביים אָפּריכטן זייערע תּפילות. אין יעדן שטאָט־ראַיאָן זענען געווען

פּוילישע וואַך־פּאָסטנס וואָס האָבן פּאַר עטלעכע טויזנט זלאָטעס געהיטן די שולן ווו מ׳האָט געדאַוונט.

אויך ביי אונדז אין הויז לעבן דער וואַלאָווע־גאַס האָט מען צוזאַמענ־געשטעלט אַ מנין. פּאַר אַ פּאַר זלאָטעס האָט אַ יידישע פּאַמיליע פּאַרדונגען איר וווינונג צו דאַווענען אין די ימים־נוראים. מ׳האָט געבראַכט אַ ספר־תורה, געפונען אַ חזן און ביים אַריינגאַנג אַוועקגעשטעלט אַ פּאָליציי־פּאָסטן וועלכער האָט געדאַרפט דאָ בלייבן די צוויי וואָכן איבער ראש־השנה און יום־כיפור. די פּאָליציי האָט דאָס געקאָנט טאָן אונטערן אויסרייד, אַז זיי לויערן אויף די שמוגלערס וואָס דאַרפן אָנקומען פון די באַן־סטאַנציעס. זיי האָבן גוט דורכגעפירט זייער אויפגאַבע און דערפאַר באַקומען באַצאָלט יעדן טאָג. זיי האָבן אויך געדאַרפט צו וויסן געבן ווען עס קומט אָן אין דער געגנט אַ דייטשישער פּאַטרול. דאָרט, ווו עס האָבן זיך געפונען פּוילישע פּאַטרולן האָבן די דייטשישע געדאַרפט זיך פריִער מעלדן צו זיי.

נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער ראש־השנה איז אַדורך רויִק, האָט מען דאָך געפילט אין דער לופט דעם אָנקומענדיקן שטורעם. אין יום־כיפור (1940) האָט מען טאַקע אַרויסגעהאָנגען די ערשטע אָפיציעלע מעלדונגען וועגן אַ געטאָ פאַר יידן אין וואַרשע. אין דער מעלדונג איז אונטערגע־שטראָכן געוואָרן אַז די פאַראָרדענונג איז שוין אַריין אין קראַפט און אַז יידן איז דערלויבט זיך צו באַוועגן נאָר אין דעם אָנגעוויזענעם שטח. פון אָנהייב איז דער שטח פון וואַרשעווער געטאָ געווען זייער גרויס: ער האָט אַריינגענומען דעם צענטער פון שטאָט און פאַרבונדן די צוויי טיילן פון אַרישן וואַרשע.

אין וואַרשע האָט מען אַ סך דערציילט וועגן לאָדזשער געטאָ. די ידיעות האָבן עדות געזאָגט אַז דאָס ערשטע יאָר אין לאָדזשער געטאָ איז געווען דערטרעגלעך. מ׳האָט געשמועסט, אַז אין לאָדזשער געטאָ איז פאַראַן אַ „גוטע אָרגאַניזאַציע”. דאָ, אין וואַרשעווער געטאָ, האָט זיך באַלד געשאַפן אַן אויסערגעוויינלעכער כאַאָס. די ערשטע דריי חדשים איז נאָך געווען ווי עס איז צו דערליידן מחמת דעם וואָס די געטאָ איז נאָך געווען אָפן און פּאָלאַקן פלעגן קאָנען אומגעשטערט אין איר אַריינקומען. אין דעם דאָזיקן צייט־אָפּשניט האָבן אויך יידן מיט אַ נישט אויסגעשפּראָכענעם

יִדישן אויסזען געקאָנט זיך באַמִיען צו באַקומען „אַרישע" פּאַפּירן און אַזוי אַרום געקאָנט אַוועק אויף דער אַרישער זייט. חוץ לזה האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער האַנדל: פּאַלאַקן פלעגן ברענגען אין געטאָ אַריין פּראָדוקטן פאַר וועלכע זיי האָבן געפאָדערט אַ טייערן פּרייז. עס האָט זיך צעבליט אַ שפּעקולאַציע אויף ברויט און קאַרטאָפל. אין דער זעלביקער צייט איז אָנגעקומען קיין וואַרשע אַ גרויסער שטראָם יִדן פון די שטעט און שטעטלעך, איינגעגלידערטע אין גובערנאַמענט. יִדן, אַרויסגעיאָגטע פון די שטעטלעך וואָס זענען אָנגעשלאָסן געוואָרן אין „רייך" זענען קיין וואַרשע נישט אָנגעקומען, ווייל די גרענעצן צווישן „רייך" און גובערנאַמענט זענען שטאַרק געהיטן געוואָרן פון די דייטשן.

באַלד אין די ערשטע טעג פון וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך אין אים געפונען ביי אַ האַלבן מיליאָן יִדן. שפּעטער זענען צוגעקומען נאָך אַן ערך צוויי הונדערט טויזנט נפשות. די ענגשאַפט איז געוואָרן נישט צום אַריבער־טראָגן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן דער יודען־ראַט און מ׳האָט גענומען רעדן וועגן אַ יִדישער פּאָליציי; האָט מען דערפון צו וויסן געגעבן קודם־כּל דער יִדישער אַדוואָקאַטן־קאַמער. ס׳איז געשען דערפאַר, ווייל דער עקאָנאָמישער מצב פון די יִדישע אַדוואָקאַטן איז געווען אַ סך אַן ערגערער ווי ביי יִדן פון אַנדערע פרייע פּראָפעסיעס. איך ווייס נישט וויפל און וועלכע אַדוואָקאַטן עס האָבן זיך אויף דעם רוף אָנגעשלאָסן אין דער געטאָ־פּאָליציי. און בכלל איז זייער שווער צו רעדן וועגן דעם ענין אַפילו היינט. אָבער איינס איז זיכער: 75 פּראָצענט יִדישע פּאָליציאַנטן זענען געווען יִדישע אַדוואָקאַטן.

אין וואַרשע האָט דעמאָלט אויך זיך געפונען דער באַקאַנטער לאָדזשער אַדוואָקאַט יוסף ווייצמאַן מיט זיין פרוי, די לאַנג־יאָריקע לערערין אין האָכשטיינס גימנאַזיע. ד״ר ווייצמאַן איז געווען דער פירער פון דער יִדישער פאָלקס־פּאַרטיי אין לאָדזש. אין וואַרשע איז אַדוואָקאַט ווייצמאַן קראַנק געוואָרן. פרוי ווייצמאַן האָט אין געטאָ צוזאַמענגענומען גרופּעס קינדער און מיט זיי געלערנט. זי איז געווען די איינציקע לערערין וועלכע איך האָב געקענט אין געטאָ. אין שטוב פון ד״ר ווייצמאַן פלעגן אַריינקומען

אַ סך לאָדזשער ייִדן און ער, כאָטש קראַנק, איז שטענדיק געווען גרייט ייעדן צו העלפן מיט זיין עצה.

איין מאָל האָט זיך צום אַדוואָקאַט ווייצמאַן געווענדט אַ יונגערמאַן, אַ זון פון אַ לאָדזשער באַקאַנטן מיליאָנער. דער יונגערמאַן האָט אויך שוין געהאַט אַ רייכע געזעלשאַפטלעכע פאַרגאַנגענהייט, אָבער אין וואַרשע איז ער געווען פון אַלץ אָפּגעריסן. דאגות פון דערנערן פרוי און קינדער, די אַלטע מוטער און שוועסטער, אַ משפחה פון קרוב 40 נפשות, דאָס טאָג־טעגלעכע שווערע לעבן אין געטאָ האָבן דעם יונגנמאַן שטאַרק צעבראָכן. פאַר אַדוואָקאַט ווייצמאַן איז דער יונגערמאַן געקומען אויסגיסן זיין ביטער האַרץ. ער האָט אים איבערגעגעבן וועגן דעם פאָרשלאָג וואָס ס׳האָט אים געמאַכט דער לאָדזשער אַדוואָקאַט סולניק, וואָס האָט פון תחילת אָן געמאַכט אַ „קאַריערע״ און געוואָרן אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר און געהאַט אַן איינפלוס אין דער וואַרשעווער ייִדישער פּאָליציי. געטראָפן אַ מאָל דעם פאַרצווייפלטן לאָדזשער יונגנמאַן, האָט אַדוואָקאַט סולניק אים פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל אויך אַריינטרעטן אין דער פּאָליציי. זיין מאַטעריעלע לאַגע וועט אַזוי אַרום אים געלינדערט ווערן.

דער יונגערמאַן האָט זיך דערויף נישט געקאָנט אַנטשליסן. זיין אָרנטלעכקייט האָט אים געשטערט דערצו. ס׳זענען געקומען פאַר אים שווערע טעג פון אינעווייניקסטן געראַנגל. ער האָט אָפּגעשלעפּט מיטן געבן אַ תשובה. געקומען צום אַדוואָקאַט ווייצמאַן און אים דערציילט זיינע איבער־לעבונגען און ד״ר ווייצמאַן האָט אים קורץ געענטפערט:

— מענטש, אויב דו האָסט נאָך פאַר דיין קראַנקער פרוי, קינדער און משפחה אַ קליין, קליין פּיצעלע ברויט, און אַפילו — דאָ האָט זיך ווייצמאַן אויפגערעגט — ווען דו האָסט שוין דאָס אויך נישט, וואַרף אָפּ די אַלע פּראָפּאָזיציעס. ווען אַזעלכע ווי דו זאָלן אַריינגיין אַרבעטן „דאָרט״, מוזן מיר דאָס באַטראַכטן ווי איינע פון היטלערס נצחונות. ווי — האָט ווייצמאַן אַ קרעכץ געטאָן — וואָס זיי האָבן פון אונדז געמאַכט.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז אונדז באַשערט געווען איבערצולעבן נאָך אַ גרעסערע חרפּה דורך דער ייִדישער פּאָליציי. דאָס איז געווען צוליב דער טרויעריק־באַרימטער „טשינאַסטקע״, דער דרײַצנטל, ווי מען האָט

גערופן די גרופּע. ס׳איז פֿאַר מיר נאָך עד היום אַ סוד ווער עס איז געווען דער איניציאַטאָר פֿון דער דאָזיקער ייִדישער פּאָליציי־גרופּע. גערופן האָט מען זיי אויך די „גרינע״, צוליב די גרינע פּאַסן, וואָס האָבן פֿאַרפּוצט זייערע היטלען. „טשינאַסטקע״ האָט מען זיי גערופן ווייל זייערע אַרבעטס־ביוראָען האָבן זיך געפֿונען אין וואַרשע אויף טלאָמאַצקע 13.

דאָס איז געווען אַ ייִדישע געסטאַפּאָ־גרופּע אין דער ייִדישער פּאָליציי אין וואַרשע. דער הויפּט פֿון זיי איז געווען איינער מיטן נאָמען גאַנצווייך וואָס האָט אויף אַ כיטרען אופן זיך אַריינגעקראָגן אין ייִדישן זשורנאַליזם. מענטשן האָבן דערציילט, אַז ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פֿון דער לאָדזשער טאָג־צייטונג „נייער פֿאָלקסבלאַט״. אָבער דאָס איז נישט געווען אמת. ער האָט זיך נאָר אָנגעגעבן ווי אַ זשורנאַליסט. אין וואַרשע האָט מען אים גערופן „דער ייִדישער פֿאָלקס־שונא״. אין צייט פֿון מהומה האָט ער זיך אַרויסגעהויבן אין זיין גאַנצער מיאוסקייט.

עס איז שווער צו זאָגן אַ וואָרט אויפֿן חשבון פֿון דער פֿאַרמעלער ייִדישער פּאָליציי. עס זענען געווען פֿאַלן, ווען די ייִדישע פּאָליציי האָט געהאָלפֿן די געליטענע. עס זענען געווען פֿאַלן ווען די ייִדישע פּאָליציי איז גרייט געווען אויף קרבנות. דאַקעגן האָט קיין מאָל נישט געטראָפֿן, אַז דאָס „דרייצנטל״ זאָל אַרויסהעלפֿן אַ ייִד. מיר האָבן פֿאַר די „דרייצנטל־פּאָליציי״ נישט ווייניקער מורא געהאַט ווי פֿאַר דער אויטענטישער געסטאַפּאָ.

אין וואַרשעווער געטאָ זענען יעדן טאָג אָנגעקומען מער ייִדן. מ׳האָט דאָ אַהערגעבראַכט ייִדן פֿון דער גענעראַל־גובערניע. די ייִדן פֿלעגן דאָ אָנקומען אָרעמע, זייער פֿאַרמעגן איז געווען אַ קליין קוישל אין זייערע הענט. די דייטשן האָבן זיי נישט געלאָזט גאָרנישט מיטנעמען מיט זיך חוץ אַ פֿלעשל מילך מיט אַ ברויט. טייל פֿון די דאָזיקע ייִדן פֿלעגן קומען אויף פֿויערישע פֿורלעך. דאָס זענען געווען די גליקלעכע. אַנדערע האָט מען געטריבן צו פֿוס. די אָנגעקומענע פֿלעגן אַרומגערינגלט ווערן פֿון פֿאַרשידענע ספּעקולאַנטן, וועלכע פֿלעגן באַפֿאַלן די פּליטים אויף די פֿורלעך און געוואָלט ביי זיי איינהאַנדלען מציאות.

כאָטש עס איז געווען באַוווסט אַז אין „רייך״ זענען פאַראַן פאַרמאַכטע געטאָס, האָט מען דאָך געהאָפט אַז אין גובערנאַמענט וועט די געטאָ־גזירה נישט פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן. מען האָט געהאָפט אַז דאָס פאַרמאַכן אין וואַרשע 700.000 ייִדן וועט סוף־כּל־סוף נישט צו שטאַנד קומען. ס׳וועט געשען אַ נס. און אפשר וועלן ייִדן אַליין עפּעס אויספועלן.

מען מויערט אַרום
די ענגשאַפט פון די וואַרשעווער ייִדן

אין האַרבסט 1940 האָט מען אָנגעהויבן רעדן, אַז די באַציִונגען צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבן זיך פאַרערגערט. מ׳האָט דערציילט אַז רוסלאַנד האָט געשיקט מיליטער צו אירע גרענעצן. מ׳האָט אַפילו פאַר־שפּרייט קלאַנגען אַז עס זענען שוין פאָרגעקומען צוזאַמענשטויסן צווישן רוסישן און דייטשישן מיליטער. דערנאָך איז געוואָרן שטיל אַרום די דאָזיקע קלאַנגען. דער „קוריער וואַרשאַווסקי״ האָט פאַרעפנטלעכט אַ ידיעה פון דער סאָוועטישער אַגענטור „טאַס״ אַז עס זענען נישטאָ קיין שום מיספאַרשטענדענישן צווישןביידע גרויסמאַכטן. מיר זענען שוין געווען געוווינט צו די פאַרשידענע ליגנס פון דער דאָזיקער צייטונג וועלכע איז געוואָרן די וואָרטזאָגערין פון אָקופּאַנט. די אָפּלייקענונג האָט אונדז בכן נאָך מער איבערגעצייגט אַז עס וועט נישט לאַנג געדויערן און ס׳וועט אויסברעכן אַ מלחמה צווישן ביידע אַליאַנטן. אָבער דערווייל האָבן זיך געשאָטן גזירות אויף ייִדן, צרות אויף ייִדן.

מאָדנע, כּמעט שטענדיק פלעגן די גזירות קעגן ייִדן פאַרעפנטלעכט ווערן, אָדער פרייטיק, אָדער אין די ייִדישע יום־טובים. אויך דאָס מאָל האָט מען אין אַ פרייטיק אין דער פרי גענומען לייגן די ערשטע ציגל כּדי אַרומצומויערן די געטאָ. יענעם פרייטיק פרי ווען ייִדן זענען אַרויס

אין גאָס כּדי אָפּצונעמען פון פּאָלאַקן פאַרשידענע זאַכן, האָבן זיי אין טייל פונקטן פון שטאָט געזען ווי מ׳אַרבעט שוין ביים אַרוממויערן די גאַסן. דאָס מערקווערדיקסטע איז געווען וואָס אין דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך נישט באַטייליקט קיין ייִדן.

די אויפגעשטעלטע הויכע, רויטע מויערן, באַוואַכטע פון ביידע זייטן מיט זעלנער, האָבן אָנגעוואָרפן אַ פּחד וועגן ביטערן גורל פון 700.000 ייִדן. הייסט עס: ס׳ווערט טאַקע אַ געטאָ, כאָטש מען האָט עס נישט געוואָלט גלייבן. די אָרדענונג אין געטאָ האָבן געדאַרפט האַלטן די ייִדן. ביים אַריינגאַנג אין געטאָ, אויף די טויערן, האָט מען אויפגעהאָנגען אויפשריפטן מיט וואָרענונגען פאַר די דייטשן. אויף די ווייסע לייוונטענע טראַנספּאַ־רענטן איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט גרויסע אותיות: „זויכענגעפאַר״ (טיפוס־געפאַר). די דייטשן איז פאַרבאָטן געוואָרן אַריינצוקומען אין געטאָ. כּדי צו קאָנען דאָס טאָן, האָבן זיי, די דייטשן, באַדאַרפט האָבן ספּעציעלע דערלויבעניש. פאַרן עובר זיין אויף דעם באַפעל האָט אויף זיי געדראָעט טויטשטראָף. דאָך האָט מען געזען זייער אַ סך דייטשן אין געטאָ. פאַרן אויסברוך פון דער סאָוועטיש־דייטשישער מלחמה האָט מען אין די נעכט געהערט אַריינפאָרן וועגענער און אויטאָס אין געטאָ.

נאָכן פאַרמאַכן דאָס געטאָ האָט מען גענומען פילן די דחקות אין באַשפּייזונג. עס איז נאָך נישט געווען איינגעפירט די ראַציאָנאַליזירונג פון לעבנס־פּראָדוקטן. עס האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע אַז אין טייל היימען איז געווען זייער אַ סך עסנוואַרג און אין אַנדערע האָבן שוין אויסגעפעלט ברויט און קאַרטאָפל.

גוט־סיטויִרטע מענטשן וועלכע האָבן געקענט די שטאָט, האָבן אַלץ באַקומען. ס׳האָט זיך געשאַפן אַ מצב וואָס האָט אויסגעשלאָסן דעם מיטל־שטאַנד פון דער מעגלעכקייט צו קענען זיך דורכלעבן באַשיידן. ס׳איז אויסגעקומען אַז אַ טייל געטאָ־באַווינערס האָבן געלעבט אין ווילשטאַנד און אַנדערע זענען שוין אַ חודש נאָכן פאַרמאַכן דאָס געטאָ אויסגעגאַנגען פון הונגער. פון טאָג צו טאָג האָט זיך דער מצב פאַרערגערט און מחמת דער פאַרשטאַרקטער נויט האָט זיך פאַרשפּרייט די מגפה פון טיפוס.

אַ מערקווערדיק פֿאָלק זענען ייִדן — האָבן וואַרשעווער געטאָ־אייג־ווווינערס געטראַכט. אויף די גאַסן זאַמענהאָף, דזשעלנע, נאַלעווקי זענען אין יעדן צווייטן הויז באַלד געעפנט געוואָרן קנייפּעס. אין די שויפענצטער זענען געווען אויסגעשטעלט טאַצן מיט געקאָכטע פיש, טאַצן מיט קלאָפּסן באַלייגט מיט שטיקלעך מערן. אַרום די טאַצן פיש און פלייש זענען געלעגן כּלערליי מינים פריש געבעקס, אָבער די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט האָט אַרויסגערופן אַ גאַנץ לעבל ברויט.

אין די דאָזיקע גאַסן האָט מען כּמעט אין יעדן צווייטן הויז געגעבן נאַכטלעגערס פאַר פליטים. ס׳האָבן געוווינט צו עטלעכע משפּחות אין איין צימער. געשלאָפן איז מען אויף פּריטשעס אויסגעבעט מיט שטרוי. דאָ האָט יעדער אין זיין ווינקל זיך געשאַפן זיין היים. אין די דאָזיקע ביי באַדינגונגען האָבן מענטשן חתונה געהאַט און געבוירן קינדער. איינס פון די מערקווערדיקייטן פון וואַרשעווער געטאָ איז געווען די אומנאָרמאַלע צאָל פון שוואַנגערדיקע פרויען.

איין מאָל בין איך אויף דער שוויענטאָ־יערסקאַ־גאַס געווען צופעליק אַן עדות פון אַ שמועס צווישן אַ מוטער און אַ 11־12־יאָריק מיידעלע. די גרויסע צאָל שוואַנגערדיקע פרויען האָבן ווייזט אויס, אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט ביי דעם קינד. דאָס מיידעלע האָט מיט פאַרשטענדיקייט אין קול געזאָגט צו דער מוטער: „מאַמע, ווען איך זע היינט אַ שוואַנגער־דיקע פרוי, ווילט זיך מיר צוגיין און זי שלאָגן. ווי אַזוי האָבן ייִדישע פרויען רעכט צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט?״

אין די שפּעטערדיקע מלחמה־יאָרן, ווען עס זענען צו אונדז דערגאַנגען די ידיעות וועגן שוואַרצע אויטאָס אין וועלכע מ׳האָט פאַרגאַזט קינדער, פלעג איך זיך אָפט דערמאָנען אין דעם דאָזיקן מיידעלע; נישט נאָר די פריצייטיקע רייפקייט האָט אַרויסגערעדט פון איר. די קליינע ייִדישע קינדער זענען געווען באַהערשט פון אַן אויסגעוויינלעכן לעבנס־אינסטינקט.

קינדער זענען דעמאָלט אָפט געווען אין דער ראָל פון באַשפּייזערס פון גאַנצע משפּחות. קינדער זענען אויך געווען פאַרבינדלערס מיט דער אַרישער זייט. אָבער די קליגסטע קינדער זענען סוף־כּל־סוף אַריינגעפאַלן אין די דייטשישע לאַפּעס.

פון די הילצערנע פריטשעס און די ענגע שטובן האָט מען גענומען אַרויספירן די ערשטע מתים. אַזוי ווי די מענטשן האָבן דאָ געלעבט צוזאַמען, אַזוי זענען זיי אויך צוזאַמען אויסגעשטאָרבן. עס פלעגט אָנקומען אַ טאַטשקע פון דעם באַוווסטן קבורה־אַנשטאַלט פינקערט און מ׳האָט מיט איין מאָל אויפגעלאָדן אַלע טויטע. מ׳פלעגט אָנלאָדן די טאַטשקעס אַזוי ווי מיט געהילץ. ווען עס זענען נישט געווען „גענוג" מתים אויף איין אָרט, האָט מען זי פאַרפולט מיט מתים וואָס זענען געפאַלן אין גאַס. מיר האָבן זיך צו דעם צוגעוווינט און ס׳האָט שוין אויף אונדז מער נישט געמאַכט קיין איינדרוק, ווען מ׳האָט אין גאַס זיך אָנגעטראָפן אויף אַ טויטן. דאַן פלעגן מיר אַריינגיין אין אַ דערבייאיקן געוועלב, בעטן אַ צייטונג און צודעקן דעם מת. מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז ס׳וועט געדויערן עטלעכע מינוט און פינקערטס וועגעלע וועט אים שוין צונעמען. די טויטע האָט מען באַגראָבן אין מאַסן־קברים, אָן תכריכים.

דאָס וואָס עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויפן וואַרשעווער בית־עולם האָט איבערגעשטיגן די בילדער פון דאַנטעס גיהנום. די פאַנטאַזיע פון גרויסע דיכטערס ווערן אין אונדזערע טעג בלאָס אַנטקעגן דער ברוטאַלערווירק־לעכקייט. אויפן וואַרשעווער בית־עולם האָט מען נישט געהערט אַז עמעצער זאָל באַוויינען די טויטע. קיין בכבודיקע לוויות זענען בכלל מער נישט געווען.

צווישן די אַלע „מערקווערדיקייטן" אין וואַרשעווער געטאָ איז אויך געווען דער משוגענער. קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער קומט און ווער ער איז. מ׳פלעגט אים שטענדיק זען נאָכלויפן פינקערטס לוויות און שרייען: „יִנגל, גיב די באָנע". מיט דער „באָנע" האָט ער געמיינט די ברויט־קאַרטע פונעם טויטן. די ברויט־קאַרטע איז געווען די סיבה פון זיין משוגעת.

טאָג־טעגלעך זענען מענטשן געפאַלן אין גאַס פון הונגער, אָבער אין די קנייפּעס האָט מען געקענט עסן צעזעצטערהייט. ייִדן זענען געשטאָרבן פון הונגער ביי די פול אויסגעשטעלטע שויפענצטער מיט עסנוואַרג! מ׳האָט אָבער נישט געהערט פון אַ פאַל, אַז אַ הונגעריקער זאָל אויסברעכן

די שויבן פון אַזאַ שויפענצטער כּדי זיך צו נעמען עפּעס פון דעם עסן. מ׳האָט אויך נישט געהערט אַז הונגעריקע זאָלן זיך אָרגאַניזירן צו באַפאַלן אַ קנייפּע. ווייזט אויס, אַז מוטיק זענען נאָר זאַטע מענטשן און די זאַטע ייִדן פון געטאָ האָבן נישט געזען די נויט. אַ סך וואַרשעווער אײַנוווינערס האָבן זיך פאַרשאַפט אַרישע פּאַפּירן, זיי האָבן זיך געלערנט די „מאָדליט־ווע״ און אָנצוטאָן ריכטיק דעם צלם וואָס איז נייטיק כּדי אָפּצונאַרן דעם דייטשישן מערדער. די דאָזיקע ייִדן האָבן ביסלעכווייז פאַרלאָזן די געטאָ.

ווי אַ שטראַל פון האָפענונג זענען צו יענער צייט געווען די געלע בלעטלעך וואָס די פּוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַריינגעשיקט אין געטאָ. קורץ זענען געווען די ידיעות אין די דאָזיקע בלעטלעך. אָבער די קורצע לאָזונגען: „ייִדן האַלט זיך! אויף דער צווייטער זייט מויער זענען מיר!״ האָבן אין אונדז דאָך אויפגעהאַלטן דעם טראָפּן גלויבן אין מענטש.

אין געטאָ זענען געווען ייִדן וואָס זענען געווען דירעקט באַשעפטיקט ביי די דייטשן. זייער צאָל איז געווען זייער אַ קליינע. דאָס זענען געווען עלעקטראָטעכניקערס און פאַכלייט פון וואַסער־אינסטאַלאַציע, ציין־טעכני־קערס א״אַ. זיי האָבן געוווינט אין געטאָ און יעדן אין דער פרי פלעגט קומען אַ דייטשישער פּאַטרול זיי נעמען צו דער אַרבעט. מ׳האָט זיי גערופן די „נוצלעכע ייִדן״. טייל פון די דאָזיקע איז שפּעטער געלונגען זיך צו ראַטעווען.

מיר האָבן דערגרייכט דאָס יאָר 1941. ס׳האָט זיך שוין געפילט די אָנקומענדיקע מלחמה מיט רוסלאַנד. אַרום אונדז איז געווען הונגער און שמוץ. אין הויז ווו מיר האָבן געוווינט, האָבן פאַר דער מלחמה געוווינט 1.500 נפשות, איצט איז די צאָל אויסגעוואַקסן צו 6.000. פון פינף אַ זייגער פרי האָט מען שוין געהערט רופן אין פאַרשידענע טאָנאַציעס: „מענטשן, וואַרפט אַראָפּ אַ שטיקל ברויט, איך בין הונגעריק! איך בין הונגעריק!״

פון די קעלער־דירות ביזן 5טן שטאָק האָט מען געזען מענטשן גע־שוואָלענע פון הונגער. דאָרט ווו מיר האָבן געוווינט האָט אין קעלער

זיך אויפֿגעהאַלטן אַ ניי אָנגעקומענע משפּחה. די פּרוי פֿון דער משפּחה איז געווען אַ קליינע און ציכטיקע, און מיט אַן איידל פּנים. זי איז געווען פֿרום, תּמיד פֿאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טיכל און האָט פֿרום אָפּגעהיטן דעם שבת. די פֿרוי פֿלעגט קומען צו אונדז בעטן מ׳זאָל איר געבן עפּעס צו טאָן, כּדי זי זאָל קענען ביי אונדז עפּעס פֿאַרדינען. דער מאַן אירער איז געווען אַ קליין־שטעטלדיקער ייִד מיט אַ ברייטער געלער באָרד, אין שוואַרצע הויכע שטיוול און אין אַ שוואַרצער יופּיצע. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. דאָס פֿאָרפֿאָלק האָט מיך שטענדיק דערמאָנט אין די ייִדן פֿון מיין שטאָט זדונסקאַ־וואָליע. דאָס איז געווען אַ שטאָט בערך פֿון 20.000 איינוווינערס, אַ העלפֿט פֿון דער באַפֿעלקערונג זענען געווען ייִדן. ווי אַ קליין מיידעלע האָב איך קיין מאָל נישט געפֿילט, אַז איך לעב אויך צווישן נישט־ייִדן. מיר האָבן געוווינט אין אַ גאַס, ווו עס זענען געשטאַנען אַ סך ענלעכע ווייסע הייזער און אין יעדן הויז האָבן געוווינט נאָר ייִדן. דער איינציקער נישט־ייִד אין הויז איז געווען דער „סטרוזש״ וועלכער האָט געדאַרפֿט זאָרגן פֿאַר דער ריינקייט פֿון הויף און 11 אַ זייגער אין אָוונט האָט ער געדאַרפֿט שליסן דעם טויער פֿון הויז. שבת האָט דער „סטרוזש״ געהאַט אַנדערע אַרבעטן. אין די שבתים, זומער און ווינטער, פֿלעגט ער קומען אין די פֿרומע היימען אויסלעשן דאָס ליכט און (ווינטער) איינהייצן דעם אויוון. פֿון יעדן איינוווינער האָט ער פֿאַר דער אַרבעט באַקומען ״פּיאָנטקאָווע״, דאָס הייסט וואָכן־געלט און צו דעם האָט ער נאָך באַקומען אַ שטיק חלה אָדער שבתדיקן קוכן.

ווען איך האָב געדאַרפֿט אָנהייבן גיין אין שול, איז אין זדונסקאַ־וואָליע געווען נאָר איין פּוילישע שול. מיין שוועסטער און איך האָבן זיך פֿון דעסטוועגן דאָרט גוט געפֿילט. ווי „זשידוווקעס״ זענען מיר געווען באַפֿרייט פֿון לערנען שבת און אויך פֿון הערן די לעקציעס פֿון רעליגיע. דאָס איינציקע אומאָנגענעמע אין שול איז געווען פֿאַר אונדז דעם גלחס גלעטן אונדז איבער די קעפּ. מיר האָבן עס אָנגענומען פֿאַר אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג און מיר האָבן זיך באַמיט עס אויסצומיידן.

די פֿירונג פֿון דעם פֿאָרפֿאָלק אין קעלער פֿון געטאָ־הויז האָט מיך שטענדיק דערמאָנט די פֿרייטיק־צו־נאַכטן ביי מיין מאַמען. נאָך דעם ווי

די מאַמע האָט אָנגעצונדן די שבת־ליכט, פלעגט זי פונאַנדערשיקן צו בכּבודיקע אָרעמע־לייט אַ טייל פון איר שבתדיקן מאָלצייט. זי האָט אַריינגעלייגט אין אַ קליין קוישל אַ חלה און אין אַ טעפּל אַריינגעגאָסן אַ ביסל שבתדיקע יויך. דאָס טעפּל פלעגט זי צודעקן מיט אַ טעלער אין וועלכן זי פלעגט אַריינלייגן שטיקלעך פיש. צווישן די משפחות וואָס מיין מאַמע פלעגט שיקן דאָס שבת־עסן איז געווען ר׳ ישעיהלע שעראַדזער און איינע אַ משפחה — פּולטוסקער.

דער פּולטוסקער איז געווען אַ ייִד אַ תּלמיד־חכם. ער איז שטענדיק געזעסן און געלערנט. אַ ביסל האָט ער געאַרבעט ביי טעקסטיל. ער וואָלט זיך אפשר פון זיין ביסל אַרבעט מפרנס געווען, איז אָבער זיין אומגליק געווען וואָס ער האָט אַ סך געקרענקט. אויך אין די פרידלעכע צייטן האָט אין זיין שטוב אויסגעפעלט ברויט. די מענטשן האָבן זיך אָבער באַהאַלטן מיט זייער אָרעמקייט און נאָר געציילטע מענטשן האָבן געוווּסט אַז זיי הונגערן.

אין אַ פריטיק, ווען איך האָב זיך געשפּילט מיט מיינע חברטעס אויפן הויף, ווו דער פּולטוסקער האָט געוווינט, איז דער באַלעם מיט וועלכער מיר האָבן זיך געשפּילט אַריינגעפאַלן אין דער וווינונג פון פּולטוסקער. זיי האָבן געהאַט אַ דירה פון צוויי שטובן און זיי געהאַלטן אויסערגעוויינלעך ציכטיק. אויפן טיש איז שוין געלעגן אַ ווייס טישטעך, אָבער צו מיין שרעקלעכער איבערראַשונג האָב איך געזען, אַז אַנשטאָט אַ חלה איז אונטערן חלה־טישטעכל געלעגן אַ ספר. צוקוקנדיק זיך צו מיינע וואַרשעווער שכנים, האָב איך זיך דערמאָנט דאָס בילד פון מיין יוגנט אין הויז פון די פּולטוסקער.

געקומען אַ מאָל פון גאַס מיט אַ קוישל פּראָוויאַנט, האָב איך געטראָפן די שכנטע שטיין פאַר דער טיר. איר פּנים האָט עדות געזאָגט אַז זי האָט דעם טאָג נאָך נישט געהאַט געגעסן. איך בין צו איר צוגעגאַנגען און געבעטן זי זאָל נעמען עפּעס פון דעם וואָס איך האָב געהאַט איינגעקויפט. נאָך אַ לאַנג בעטן האָט זי גענומען אַ פּאָר קאַרטאָפל. פון דעמאָלט אָן האָט

מיך דער אויסדרוק פון איר פּנים מער נישט געלאָזט רוען. צו מאַרגנס פרי בין איך אַראָפּ צו זיי אין קעלער און זיי דערציילט אַז אַזוי ווי מיין ברודער וואָס געפינט זיך איצט אין טשענסטאָכאָוו שיקט מיר פון דאָרט קעסטלעך קאַרטאָפל, האָב איך די מעגלעכקייט יעדעס מאָל זיי צו געבן אַ ביסל קאַרטאָפל און פון איצט אָן איז די שכנטע יעדן טאָג אַרויפגעקומען און גענומען איר צוגעטיילטע פּאָרציע. אַזוי זענען אַריבער עטלעכע טעג. איך האָב נישט געוווּסט אַז די פּאָר קאַרטאָפל זענען זייער איינציק טעגלעך עסן.

די שרעק, וואָס מיר האָבן אין יענער צייט איבערגעלעבט אין וואַרשע, דאָס צוקוקן זיך צו די הונגעריקע קינדער אויך פון אונדזער נאָענטסטער משפּחה האָט אָפּגעווענדט מיין טראַכטן וועגן דער שכנה אין קעלער. דערפאַר האָב איך מיט אַ מאָל זיך געכאַפּט אַז שוין עטלעכע טעג איז זי נישט געקומען נעמען די פּאָר קאַרטאָפל. אין מיינע צרות האָב איך פשוט געהאַט פאַרגעסן אין די אומגליקלעכע מענטשן פון קעלער. אָבער אַ צופאַל האָט מיך דערמאָנט אין זיי.

אין אַן אָוונט האָב איך באַמערקט ווי אַ מענטש שלעפּט זיך אויף די טרעפּ און העלפט זיך אין דער שלעפּעניש מער מיט די הענט ווי מיט די פיס. איך בין אַרויף אויף די טרעפּ און דערזען אַ שרעקלעך בילד: מיין שכן איז געווען געשוואָלן און האָט שוין נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס. אים איז אויך שווער געווען צו רעדן. ער האָט קוים געשעפּטשעט און ביי מיר געבעטן עפּעס צו עסן. פון זיינע קוים־אַרויסגעבראַכטע רייד האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס ווייב זיינס קאָן מער נישט אויפשטיין פון בעט. טרויעריק איז געווען מיין געמיט. איך האָב זיך געפילט שולדיק לגבי די מענטשן, אָבער די שטים פון די אַרומיקע הונגעריקע האָט אין מיר ווי פאַרטויבט זייער רוף... אין אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען זיי ביידע אַרויסגעפירט אויפן וואַרשעווער בית־עולם. דאָס פאַרפאַלק איז נעבעך אויסגעגאַנגען פון הונגער.

פינקערטס וועגעלע האָט אָנגעהויבן נאָך אָפטער קומען אין אונדזער הויף אַריין. אַ שכנה פון קעגן איבער שרייט צו מיר אַריבער אַז די קינדער פון דעם קאָרבמאַכער לעבן שוין נישט... די רפואה וואָס מ׳האָט זיי נאָך

נעכטן געגעבן האָט שוין נישט געהאָלפן... אָט שרייט זי שוין ווידער צו מיר: צי ווייס איך, אַז דער גראָבער טרעגער וואָס פלעגט שטיין אין ראָג, איז נעכטן אַנידערגעפאַלן אויף דזשיקע? און אַז „אַנידערגעפאַלן", ווייסט מען שוין אַז ער האָט זיך געעקט. שפּעטער קומט פון דאָס ניי איר פרעגנ־דיקער רוף: צי ווייס איך, צי ווייס איך?...

מיין געזונט האָט זיך כסדר פאַרערגערט. מיר איז שוין נישט געלונגען צו באַהאַלטן די דאָזיקע פאַרערגערונג פון מיין געזונט־צושטאַנד. איך האָב מער נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן די געשווירן אויף מיינע הענט, וואָס זענען געווען אַ פּועל יוצא פון קאַליע געוואָרענעם בלוט אין מיר. מיין פּנים האָט גענומען אויסדריקן אַן אויסטערלישן פּיין. מיינע נאָענטסטע האָבן געוואָלט מיך אַרויסשיקן פון געטאָ. די קינדער האָבן מיר מיט אַ פּאָר חדשים פריִער אַוועקגעשיקט צו מיינע עלטערן. אָבער איך האָב נישט געוואָלט אַרויסגיין פון געטאָ אָן מיין מאַן און אָן דער משפּחה, וועלכע איז מיט אונדז צוזאַמען געווען אין וואַרשע. איך האָב נישט געוואָלט זיין קיין אויסנאַם און נישט געוואָלט זיך צעשיידן מיט מיינע נאָענטסטע קרובים.

אָבער פון גורל קאָן מען נישט אַנטלויפן. מיין מאַן, די משפּחה און באַקאַנטע האָבן מיך אויף פאַרשידענע אופנים און מיט פאַרשידענע מיטלען געפּרוּווט איבערצייגן אַז כ'דאַרף פאָלגן וואָס מען הייסט מיך; אַז מיט מיין „אַרישן" אויסזען קאָן איך אומגעשטערט אַרויסגיין פון געטאָ און דערנאָך אויך זיי העלפן. ביז איצט בין איך זיי געפאַלן צו לאַסט און דער אַרגומענט אַז איך קאָן מיט מיין אַרויסגיין פון געטאָ אַראָפּנעמען דעם לאַסט פון מיין מאַן און נאָך העלפן אַנדערע האָט מיר שוין נישט געגעבן קיין מנוחה. איך האָב זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צום געדאַנק, אַז כ'דאַרף זיך צוגרייטן צו פאַרלאָזן וואַרשע.

דעם באַשלוס האָב איך אָנגענומען ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום. אין דעם פאַל האָט ווידער דעצידירט מיין געזונט. די אײַטערדיקע געשווירן אויף מיין לײַב האָבן גענומען זיך פאַרמערן און זיך אַריבערטראָגן אויף

די הענט. איך האָב מורא געהאַט, אַז אָט אָט פֿאַל איך צו לאַסט מיינע באַקאַנטסטע.

מען האָט אונדז רעקאָמענדירט אַ ייִדישן פּאָליציאַנט, וועלכער קאָן מיר — פֿאַר אַ גוטן פּרייז, נאַטירלעך — העלפֿן זיך אַרויסקריגן פֿון פֿאַרמאַכטן געטאָ. זיין נאָמען איז געווען רושאַ. מיר האָבן זיך אָפּגערעדט אַז איך זאָל קומען צו אים אין די שעהען אין וועלכע ער האַלט וואַך און דעמאָלט וועל איך קענען אַרויסגיין פֿון געטאָ אומגעשטערט.

ביי יעדן געטאָ־טויער זענען געווען דריַי וואַך־פּאָסטנס. יעדער פֿון זיי אויסגעשטעלט אויף אַ מהלך פֿון 10 מעטער איינער פֿון אַנדערן. באַענט פֿון געטאָ איז געשטאַנען דער ייִדישער פּאָליציאַנט. אָפּגערוקט פֿון אים איז געשטאַנען אַ פּוילישער פּאָליציאַנט און נאָך ווייטער, שוין אויף דער גרענעץ — אַ דייטשישער פּאָליציאַנט פֿון דער שוץ־פּאָליציי. איך האָב זיך געדאַרפֿט דורכקריגן דורך אַלע דריַי שמירהס.

דערווייל האָט זיך ביסלעכווייז דערנענטערט דער טאָג פֿון מיין פֿאַרלאָזן די אַרומגעמויערטע ענגשאַפֿט.

איך האָב אָנגעטאָן מיינע בעסטע קליידער, גענומען אין האַנט אַ קליינע וואַליזקע, פֿאַרבאַנדאַזשירט מיינע קראַנקע הענט, אַראָפּגענומען פֿון אָרעם דעם ייִדן־צייכן און אים אַריינגעלייגט אין טאַש. אַזוי האָב איך אין אַ שיינעם פּוילישן פֿרילינג־טאָג, פֿיר אַ זייגער נאָך מיטאָג, זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג פֿון געטאָ, כ׳בין געוואָרן באַגלייט פֿון מיין מאַן און אַ קוזין.

ביי דער געטאָ־גרענעץ אויף די גאַסן באָניפֿראַטערסקע און קאָנוויקטאָרסקע, זענען קיין מויערן נישט געווען. דאָ איז געווען אַ גרויסע באַוועגונג. מענטשן זענען געגאַנגען צו די ווייסל־ברעגעס און צו די באַןסטאַנציעס. זיך דערנענטערט צו דער גרענעץ פֿון געטאָ, בין איך, לויטן אָפּגערעדטן סימן, צוגעגאַנגען צו ערשט צום ייִדישן פּאָליציאַנט, נאָך אונדזער קורצן געשפּרעך, האָב איך געדאַרפֿט דרייסט צוגיין צום פּוילישן פּאָליציאַנט, און דערנאָך ערשט זיך דערנענטערן צום דייטש. אָבער אין דעם מאָמענט האָב איך דערהערט אַרום זיך אַ פֿייפֿעריי און איך האָב מיך

געזען פלוצלינג אַרומגערינגלט מיט דייטשישע פּאָליציאַנטן. איך בין צום גליק נאָך געווען ביי דער פולער קלאָרקייט פון געדאַנק, האָב אָנגעטאָן מיין יידן־צייכן און גענומען שרייען: „איך בין אַ יידישע, איך בין אַ יידישע!" פאַר וואָס איך האָב אַזוי געהאַנדלט ווייס איך עד היום נישט. זעט אויס אַז אין מיין אונטערבאַוווסטזיין האָב איך דערפילט די סכּנה און ערגעץ ווו האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון אַז פאַר נישט טראָגן דעם יידן־צייכן, דעם אָרעמבאַנד, קומט טויטשטראָף, אָבער פאַרן וועלן אַרויסגיין פון געטאָ קומט נאָר ביז אַכט חדשים אַרעסט.

באַוואַכט פון דייטשן האָט מען מיך אַרויסגעפירט פון געטאָ צו דער דייטשישער פּאָליציי, וואָס אויסער דעם געטאָ. אויך דעם יידישן פּאָליציאַנט האָבן זיי מיטגענומען און אים באַשולדיקט, אַז ער האָט מיר געוואָלט העלפן פאַרלאָזן די געטאָ. די דייטשן האָבן מיר געשטעלט אויסטערלישע פראַגעס, אָבער איך האָב אויף גאָרנישט געענטפערט. די פּאָליציאַנטן האָבן צווישן זיך גערעדט און איך האָב געהערט ווי איינער פון זיי האָט לסוף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט, אַז עס איז נישט כּדאי געווען מיך צו ברענגען אַהער. „זי איז דאָך נישט ביים שכל".

דערהערט די דאָזיקע ווערטער האָב איך אָנגעהויבן מיין „אָן שׂכלדיק" שפּיל צו דערפירן ביזן סוף. אויף אַלע זייערע פראַגעס האָב איך געענט־פערט בוידעם־קלאָץ, נישט צו דער זאַך. ביז עס איז זיי נימאס געוואָרן דאָס עסקן מיט מיר. און אָט דערהער איך ווידער אַ פייפעריי און עס קומען ווידער אָן צוויי שופּאָ־לייט מיט אָנגעצילטע ביקסן און זיי נעמען מיך ערגעץ פירן. דעם יידישן פּאָליציאַנט האָבן זיי איבערגעלאָזט. איך האָב אָנגעהויבן צו מורמלען אונטער דער נאָז און נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. צו מיין איבעררעשונג האָבן זיי גענומען לאַכן און שרייען: „די פאַרפלוכטע יודין, דו פאַרפלוכטע יודין, מאַרש צום טויפל פּפאו". איך האָב זיך נישט גערירט און זיי האָבן נאָך מער געשריגן. אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און צו מיין איבעררעשונג האָבן זיי אויך אַרויס־געפירט דעם יידישן פּאָליציאַנט.

מ'האָט אונדז צוריקגעפירט אין געטאָ און געבראַכט צום פּוילישן פּאָליציי־פּאָסטן. איצט האָבן מיר שוין געוווּסט אַז עס וועט נישט לאַנג

דויערן און מ׳וועט מיך אַרויסלאָזן. איך בין אַוועק רויִק, ווייל ווען די פּאָליציי האָט מיך פֿאַרהאַלטן איז מיין מאַן מיטן קוזין נאָך געשטאַנען אויף יענער זייט געטאָ און געזען ווי מען פירט מיך אַרויס און שפּעטער ווי איך קום צוריק אַריין אין געטאָ. איך האָב אָבער נישט געוווּסט צי עס וועט זיין גענוג געלט כּדי אויף דעם פּאָליציאַנט רוזשאַ אָפּצוקויפן. (איך האָב געפילט אַ געוויסע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר זיין אַרעסט, כאָטש ער האָט באַקומען גוט באַצאָלט פֿאַרן העלפן מיר אַרויסגיין פון געטאָ). אַזוי האָב איך געטראַכט ווען כ׳בין צוריק געגאַנגען אין געטאָ אַריין און באַשלאָסן: ווען מיר וועלן אָנקומען צו דער פּאָליציי וועל איך זיך מעלדן צום פּוילישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט און זיך באַמיִען אויפצווייזן די אומשולדיקייט פון ייִדישן פּאָליציאַנט.

דאָס אָנקומען צום פּאָליציי־קאָמענדאַנט איז נישט געווען פֿאַרבונדן מיט קיין ספּעציעלע שוועריקייטן. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין געזונט־צושטאַנד (וואָס ער האָט געקענט לייכט באַמערקן) און אַז די דאָקטוירים האָבן מיר פֿאַראָרדנט צו פֿאַרלאָזן די געטאָ און זיך באַזעצן אין אַן אָרט ווו די לופט איז ריין. היות קיין מאַטעריעלע מעגלעכקייט צו פֿאָרן האָב איך נישט, האָב איך באַשלאָסן צו גיין צו פוס קיין אָטוואָצק. איך האָב זיך דערפֿאַר געווענדט צום ייִדישן פּאָליציאַנט, ער זאָל מיך אַרויסלאָזן. אָבער ער האָט מיר געענטפֿערט, אַז ער קאָן עס אַליין נישט באַשטימען און איך זאָל זיך ווענדן צום פּוילישן פּאָליציאַנט. דער פּוילישער פּאָליציאַנט ווידער האָט מיך געשיקט צום דייטשישן, אָבער די דייטשישע וואַך האָט מיך אַרעסטירט און אויך מיטגענומען דעם ייִדישן פּאָליציאַנט. נאָך דער אויפקלערונג האָב איך געבעטן מ׳זאָל דעם ייִדישן פּאָליציי־מאַן פריי לאָזן ווייל נאָר איך בין שולדיק. מ׳האָט שפּעטער דעם פּאָליציאַנט טאַקע באַפרייט.

אין אַ צייט אַרום בין איך גערופן געוואָרן צום ייִדישן פּאָליציי־קאָמענדאַנט (איך געדענק שוין נישט זיין נאָמען). ער איז געווען אַ וואַר־שעווער אַדוואָקאַט. ער האָט מיך געפרעגט וואָס עס איז גענוי געשען דעמאָלט און וואָס איך האָב דאַן געזאָגט דער פּוילישער פּאָליציי וואָס זי האָט באַפרייט דעם ייִדישן פּאָליציאַנט. וואָרום לויטן געזעץ האָבן זיי

אים געדאַרפט שיקן קיין אוישוויץ. מיט אַ צייט שפּעטער האָט מען טאַקע דעם זעלבן פּאָליציאַנט, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע, אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע און דאָס — אָן שום אורטייל, נאָר דערפאַר ווייל ער איז געווען אַ ייִד. פאַר מיין פּרווו אַרויסצוגיין פון געטאָ בין איך אָבער פאַר־משפּט געוואָרן אויף תּפיסה.

אַרעסטירט בין איך געווען אין וואַרשע נאָר צוויי טעג. איך בין געזעסן נישט אין קיין תּפיסה־צעל. דאָס איז געווען אַ פּריוואַט־הויז, אין אַ פּאַרטער־צימער. אַלע ווילע האָבן צום פענצטער געקאָנט צוקומען מיינע נאָענטע און באַקאַנטע. זיי האָבן זיך באַמיט מיך צו באַרויִקן. מיין מאַן האָט מיר אַריינגעוואָרפן בריוועלעך אין וועלכע ער האָט געשריבן אַז אין געציילטע שעהען וועל איך זיין פריי.

די צוויי טעג אין דער תּפיסה זענען געווען ווי אַ צוגרייטונג צו מיינע שפּעטערדיקע תּפיסות. די צוויי טעג האָבן ביי מיר איבערגעלאָזט אַן עקל. איך האָב געהערט און געזען אַזוי פיל געפאַלנקייט, אַזוי פיל פאַרברעכע־רישקייט און נויט פון וועלכער איך האָב פריִער קוים געהאַט אַן אַנונג. דאָס איז געווען אויף דזשעלנע־גאַס. יעדע ווילע האָט מען אין דער דאָזי־קער תּפיסה אַריינגעפירט אַנדערע אַרעסטירטע פרויען. מערסטנס זענען די סיבות פון אַרעסט געווען: דאָס וועלן אַרויסגיין פון געטאָ; דאָס פּרווון אַרויסטראָגן עפּעס פון געטאָ אָדער דאָס אַריינברענגען עפּעס אין געטאָ. מ׳האָט אָבער אויך אַריינגעפירט אין תּפיסה אמתע פאַרברעכערינס. דאָס זענען געווען פּוילישע פרויען וועלכע מ׳האָט באַשולדיקט אין ראַסן־שאַנדע. דעם דייטשישן זעלנער איז פאַרווערט געווען צו האָבן באַציִונגען מיט די אָרטיקע פרויען. אַ סך פון די פּוילישע פרויען האָבן זיך אָבער געווען „געחברט" מיט דייטשן. אַ טייל פון די דאָזיקע זענען שפּעטער געוואָרן „פאָלקס־דייטשקעס".

אויפן פּאָליציי־פּאָסטן ביים געטאָ האָט דער דייטשישער זעלנער נישט גענומען קיין אַקטיוון אָנטייל אין די ברוטאַלע פונקציעס פון כאַפּן, פון אויסניוכען פאַרדעכטיקע אָדער אַרעסטירן. ער איז געשטאַנען אין אַ זייט און זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי מען פירט אויס זיינע באַפעלן. דער דייטש האָט

זיך געפילט ווי דער הערשער. פאַר זיין מגע־ומשׂא מיט פוילישע פרויען האָט מען באַשטראָפט נישט אים, נאָר זיי, די פרויען פון דער „נידעריקער" ראַסע.

קינדער אין הפקר און קינדערישע באַנדעס

יאָ, דעם גורל קאָן מען נישט אויסמיידן. אין אַלע גלגולים פון מיינע מלחמה־וואַנדערונגען, האָב איך זייער אָפט זיך געפילט שולדיק הלמאי איך העלף נישט גענוג מיינע מיטמענטשן, וואָס איך בין נישט גענוג אַקטיוו בעת עס איז דאָ אַזוי פיל צו טאָן. עס זענען געווען צייטן ווען אַ שמייכל האָט געמאַכט אַ ביסל פאַרגעסן דעם הונגער, די בענקעניש. געווען מאָמענטן, ווען אַפילו געוויסע עפּיזאָדן וואָס ווערן דערציילט אין די ביכער, פלעגן אונדז אַוועקטראָגן ווייט, ווייט אין אַן אויסגעטרוימטער וועלט און אַזוי טרוימענדיק פלעגן מיר געשטאַרקט ווערן צו קאָנען וואַרטן, צו האָפן.

נאָך מיין דורכפאַל ביים וועלן אַרויסגיין פון געטאָ האָב איך זיך גענומען מער איינוואָרצלען אין געטאָ־לעבן.

דערצו האָט אויסגעזען אַז אַפילו דאָס טרויעריקע לעבן אין געטאָ האָט זיך סטאַביליזירט. עס איז אָבער באַלד אָנגעקומען די צרה פון באַנדעס קינדערישע גנבים. עס איז דערגאַנגען דערצו אַז ס'איז געוואָרן אומזיכער דורכצוגיין די גאַס און אומזיכער צו טראָגן אַ קוישל מיט ברויט. דאָס ערגסטע איז געווען וואָס די גנבה פלעגט מען באַמערקן ערשט אין דער היים. די קינדער, די פּריצייטיק אויסגעוואַקסענע, פלעגן אויף אַ קונציקן אופן אָפּרייסן שטיקער פון דעם ברויט ווען דו האָסט עס געטראָגן אַהיים. מ'האָט זעלטן באַמערקט ווער עס טוט עס.

מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אומגליק מיט די הפקרדיקע קינדער. קינדער האָבן גענומען מפרנס זיין גאַנצע משפּחות. ביי די מויערן פון געטאָ און אין די גרענעץ־הייזער זענען געשטאַנען קינדער וועלכע האָבן

פּאַרקויפט ברויט, פּאַפּיראָסן, שוועבעלעך. אויף זייערע פּאַרעלטערטע פּנימלעך איז געווען אויסגעגאָסן דער גאָרער יִידישער צער. שוין אין אַפּריל 1941 זענען געווען אַ סך קינדער וואָס זייערע משפּחות זענען שוין געהאַט אויסגעגאַנגען פון הונגער. די דאָזיקע קינדער זענען געבליבן איינע אַליין אויף דער וועלט און זיי האָבן, הפקרע, אויף אַלץ ריזיקירט.

אין דעם הויז ווו מיר האָבן געווױנט, האָבן זיך די קליינע „יאַטן" געמאַכט זייער אָרט צו פאַרזאַמלען זיך: אַ מין בערזע. דאָרט זענען די קינדער שטענדיק געשטאַנען אויף „זמיאַנעס" און געהאַנדלט. פון פרי ביז שפּעט אין אָונט זענען זיי געשטאַנען אין דאָזיקן הויף; ווען ס'איז געווען קאַלט און רעגנדיק פלעגן זיי אַרויפקומען צו מיר אין שטוב, כּדי זיך אַ ביסל אָנצוּוואַרעמען און אָפּצוטריקענען. דעמאָלט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט זיי אַ גלעט צו טאָן, צו שענקען זיי אַ ביסל וואַרעמען מיט־געפיל, אָבער אויך צו זאָגן זיי האַרבע ווערטער. אָפט מאָל האָבן זיי מיך אויסגעהערט, לסוף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט: „באַלע־באָסטע, האַקט נישט קיין טשייניק, מיר וועלן סיי ווי סיי אַלע גיין דעם זעלבן וועג — מיט פינקערטס עגלה!"

— איר ווייסט באַלעבאָסטע — האָט זיך איינער פון זיי איין מאָל אָנגערופן — דריַי מאָל האָבן זיי מיר שוין געוואָלט שיסן, אָבער איך מאַך „מיק" (ויברח). נעכטן — האָט דאָס יִינגל צוגעגעבן מיט אַ זיפץ — ווען איך מיט איציקן זענען צוגעגאַנגען צום געטאָ־טויער, ווו ס'האָט אויף אונדז געדאַרפט וואַרטן אַנטעק מיט פּאַפּיראָסן, האָט מען איציקן געשאָסן. ס'איז אַזאַ שאָד, אַ ווױלער יאַט... איך בין אַנטלאָפן און פון ווייטנס געזען ווי עמעצער האָט אים צוגעדעקט מיט פּאַפּיר. אין אַ פּאָר שעה שפּעטער זענען מיר, עטלעכע חברים, ווידער צוגעגאַנגען צום טויער. מיר האָבן געוואָלט נעמען די ברויטקאַרטע פון איציקן, אָבער זיין קערפּער איז שוין נישט געווען. אַ שאָד, אַ שאָד, אַ ווױלער יאַט געווען!...

זיי האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן איציקן אָן צער, אָן ווייטיק. ס'איז זיי אַ שאָד געווען דער פאַרלוסט פון אַ חברישער האַנט. דאָס ביסל וואָס זיי האָבן באַוויזן צו לערנען אין שול, האָבן זיי געהאַלטן פאַר נישט וויכטיק, פאַר נישט פּראַקטיש.

פ. דרורה אייזנער

„באַלעבאָסטע, מען דאַרף נאָר לערנען רעכענען" — האָבן זיי מיר צוגעוואָרפן כּלאחר־יד.

אין 1941 האָט מען שוין אָנגעהויבן רעדן וועגן מלחמה צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד. אַ סך ייִדן האָבן זיך באַמיט אַריבערצוגיין אויף דער אַרישער זייט און פון דאָרט, אויב ס'וועט זיין מעגלעך, אַוועקגיין אין די וועלדער. עס איז געווען אַ מעגלעכקייט אַרויסצוקריגן זיך אויף דער אַרישער זייט דורך די „ראַגאַווע" געוועלבער. דאָס הייסט, אַז דאָס געוועלב האָט געהאַט צוויי איינגאַנג: איין טיר איז געווען אין געטאָ און די אַנדערע טיר — די אַרישע זייט. פאַר געלט האָבן פּאָלאַקן דורך דעם וועג אַרויסגעפירט ייִדן צו דער אַרישער זייט.

אויך איך פלעג דעמאָלט אויף אַזאַ אופן אַרויסגיין פון געטאָ כּדי צו דערליידיקן פאַרשידענע ענינים, מערסטנס — אָפּנעמען געלט פון פּאָלאַקן. ווען איך פלעג אַרויסגיין אויף יענער זייט מויער, האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ נייע וועלט פון אילוזאָרישער פרייהייט. דאָרט פלעגט מען זען פּוילישע קינדער גיין אין שול מיט ביכער אונטערן אָרעם; כ'האָב געזען פּוילישע מאַמעס שפּאַצירן מיט זייערע קינדער אויף די נאָך שיינע וואַרשעווער פלעצער. די ווענט פון די נאָך נישט צעשטערטע הייזער זענען געווען פאַרקלעפּט מיט אַפישן פון טעאַטערס און קינאָס. איך פלעג צוגיין ביז צום פּלאַץ פון די דריי קרייצן. פּאָלאַקן האָבן נאָך געוווינט אין זייערע דירות. ביי נאַכט האָבן די הייזער אין דרויסן נאָך גערוט מיט זייער גאַנצער שלווה, כאָטש מען האָט דערציילט, אַז אויך ביי די פּאָלאַקן הייבט מען אָן שפּירן דאָס זיין אין גלות ביי די דייטשן.

די טראַנזאַקציעס וואָס מיר פלעגן דאַרפן דורכפירן זענען געווען סודותדיקע. מיר האָבן זיך אָפּט פאַרשטענדיקט אָן לשון. סיי מיר, סיי די פּאָלאַקן האָבן מורא געהאַט פאַר דער אייגענער שטים. זעלטן, גאָר זעלטן, פלעגן אויך זיי, די פּאָלאַקן, אויסגיסן פאַר מיר זייער ביטער האַרץ. זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר דער מלחמה מיט רוסלאַנד. דער דורכשניטלעכער פּוילישער בירגער האָט אין יענע טעג נאָך געזען דאָס פאַרביסענע פּנים

פון סטאַלינען און האָט פון דעסטוועגן געזען אויך „גוטע זייטן" פון דער רוסישער דיקטאַטור. אָבער די אַלע פּאָליטישע פילאָסאָפיעס זענען אונדז יידן נישט אָנגעגאַנגען. מיר האָבן נאָר געהאָפט אויף היטלערס מפּלה. אָבער ווי אַזוי דאָס וועט געשען האָבן מיר אין אונדזער בטחון נישט געקאָנט פאָרויסזען.

עטלעכע מאָל האָב איך זיך אַרויסגעקריגן פון געטאָ. צוויי מאָל האָב איך פון די פּאָלאַקן באַקומען געלע בלעטלעך, וואָס זענען געווען אַרויס־געגעבן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. דער אינהאַלט פון די בלעטלעך האָט אונדז קנאַפּ געטרייסט. די קליינע בלעטלעך האָבן באַריירט אַקטועלע טעמעס און זיי האָבן געבראַכט פּאַפּירענע טרייסט־ווערטער פאַר די יידן אין געטאָ, אָבער נישט מער. נידערגעשלאָגנקייט האָט געוויזן פון די דאָזיקע פּאַפּירלעך. מעגלעך אַז דאָס איז געווען נאָר אין אָנהייב. שפּעטער האָבן זיך אויף דער אַרישער זייט אָרגאַניזירט אויך די קאָמוניסטן. אין די בלעטלעך זענען געווען נייעסן וואָס זענען נישט דערגאַנגען צו די פּשוטע יידן.

אויך מיין אַרויסגיין פון געטאָ האָט געמוזט אָפּגעשטעלט ווערן. אויף יענער זייט מויער פון שווינטע־יערסקע אויף פּלאַץ קראַשינסקי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַן אָרגאַניזירטע באַנדע פון קליינע פּוילישע יינגלעך, וועלכע האָבן שאַנטאַזשירט יעדן וואָס גייט אַרויס פון געטאָ. דאָס „אַריינ־שטעקן זיי עפּעס אין די הענט" איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכע דערשיי־נונג, אָבער אַז מ'איז שוין געווען פּטור פון איין באַנדע, האָבן די זעלביקע פון ווייטנס געגעבן צו וויסן אַן אַנדערער גרופּע, וועלכע האָט אייך ווידער נישט געלאָזט אַדורכגיין. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייער בראַנד פון שאַנ־טאַזש. עס פלעגט טרעפן אַז אויף יעדע עטלעכע שפּאַן איז אויסגעוואַקסן אַ נייע גרופּע יינגלעך וועלכע פלעגן אַרויסשטרעקן די הענט נאָך געלט. אָפּט האָט דאָס געלט וואָס מ'האָט געהאַט מיט זיך נישט געקלעקט פאַר אַלע שאַנטאַזשיסטלעך. דעמאָלט ביסטו געווען איינגעשטעלט מיטן לעבן. דורך די דאָזיקע קליינע פּוילישע שקצימלעך זענען אַ סך יידן אומגע־קומען. ביז היינט איז נאָך נישטאָ קיין באַגריף מיט וויפל יידן־האַס דאָס פּוילישע קינד איז דערצויגן געוואָרן אין זיין היים. איך בין איבערגעצייגט

אַז אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין די יאָרן 1946־1945, איז פון די דאָזיקע קליינע שקצימלעך אויסגעוואַקסן די באַרימטע יידנפּרעסערישע „אַרמיאַ קראַיאָוואַ״, וועלכע האָט דערהרגעט יעדן יידן וואָס זי האָט געטראָפן אין די פּוילישע וועלדער. דעם טויט האָבן זיי צוגעטיילט די אומגליקלעכע יידן לפּי אַן אורטייל וואָס איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין נאָמען פון דער פּוילישער רעפּובליק.

היות דאָס אַרויסגיין פון געטאָ איז געוואָרן וואָס אַ מאָל מער ריזיקאַ־ליש, האָט זיך אין געטאָ געשטאַרקט דער ביטערער הונגער. דער מצב איז געוואָרן וואָס אַ מאָל ערגער, דריקנדיקער. אויך די פאַרמעגלעכע מענטשן האָבן אָנגעהויבן דערזען די שוואַרצע פליגל פון נויט. ברויט איז געוואָרן אַ לוקסוס־אַרטיקל. אַלע האָבן אָנגעהויבן שפּאָרן, קאַרגן. די הויפּט־שפּייז פאַר דער מאַסע זענען געוואָרן די פאַרשטונקענע פישעלעך.

אין אונדזער הויז אויף שוויענטאַ־יערסקאַ האָבן געהאַט זייערע דירות רייכע יידן. אַ טייל פון זיי זענען אין די ערשטע מלחמה־חדשים אַריבער אויף דער רוסישער זייט. היות זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך גענוג געלט האָבן זיי געגלויבט צו קענען רויק דורכלעבן די שווערע צייטן אויף דער אַנדערער זייט בוג. אָבער נאָך דעם ווי זיי האָבן אַריבערגעפירט אַ טייל פון זייער פאַרמעגן אויף יענער זייט, זענען זיי צוריקגעקומען קיין וואַרשע כּדי צו נעמען אויך דאָס איבערגעבליבענע האָב־און־גוטס. זיי האָבן אָבער שוין מער נישט געקאָנט אַרויס פון וואַרשע. שפּעטער האָט מען די דאָזיקע יידן אַוועקגעפירט קיין טרעבלינקע. די פינצטערע עשאַלאָנען האָבן שוין גענומען גיין צו די אומקום־ערטער.

מען האָט אַלץ געוואַרט אויף דער מלחמה מיט רוסלאַנד.

אונדזערער אַ באַקאַנטער, אַ נישט־ייד, האָט זיך אַריינגעשמוגלט אין געטאָ און אונדז פאָרגעשלאָגן אַז מיר זאָלן פאַרלאָזן די געטאָ כּדי צו לעבן אויף יענער זייט מיט אַרישע פּאַפּירן. קודם האָט ער פאַרגעלייגט מיך צוצושרייבן צו זיין דאָקומענט ווי זיין פרוי. אויף אַזאַ אופן וועט ער מיך אַריבערפירן צו מיין ברודער קיין טשענסטאָכאָוו.

דעם 12טן יוני 1941 אין דער פרי האָט דער פּאָלאַק מיך אָפּגעוואַרט ביים ראָג גזשיבאָווסקאַ און באָגנאַ, ווו עס האָט זיך געפונען אַ דורכגאַנג־געשעפט פון אַ פּאָלקס־דייטש, וועלכער האָט פאַר אַ נישקשהדיקן פרייז דורכגעלאָזט ייִדן וואָס ווילן זיך אַריבערקריגן אויף דער אַרישער זייט. מ׳איז אַריינגעגאַנגען אין געשעפט מיט אַן אויסרייד אַז מ׳וויל עפּעס קויפן און אַרויסגעגאַנגען איז מען שוין אויף דער צווייטער זייט.

ס׳איז דעמאָלט געווען אַ וווּנדערלעכער פרילינג־טאָג, דער 12טער יוני 1941. דאָס איז דער טאָג וואָס האָט מיך אַרויסגענומען פון דעם גיהנום, פון וואַרשעווער געטאָ. מיט 10 טעג שפּעטער איז דייטשלאַנד באַפאַלן רוסלאַנד און מען האָט שוין מער פון געטאָ נישט געקאָנט אַרויסגיין. אַזוי אַרום בין איך אָפּגעריסן געוואָרן פון מיין מאַן, זון, משפּחה, וועלכע איך האָב שוין מער נישט זוכה געווען צו זען. אַ פּאַרטרויערטע בין איך דעמאָלט געגאַנגען מיט מיין באַגלייטער און אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועגס האָב איך זיך געוואָלט אומקערן אין געטאָ, אַבי זיך נישט צעשיידן מיט מיינע ליבע. אָבער דער גוי האָט מיך געפירט ביי דער האַנט און מיר באַפוילן צו גיין שטייף און גלייך ווי אַ מענטש און נישט זיך אומקוקן אויף צוריק. אַזוי גייענדיק האָבן זיך יעדע ווילע צו אונדז דערנענטערט שקצימלעך, אָבער דער גוי האָט זיי גראָב אויסגעזידלט און זיי זענען אָפּגעטראָטן. אָנגעקומען נאָענט צום וואָקזאַל איז אונדז ווידער באַפאַלן אַ כמאַרע קליינע שאַנטאַזשיסטלעך, אָבער אויך דאָ האָט דער גוי אויף זיי אָנגעשריגן און זיי זענען אַנטלאָפן. האַרט ביים וואָקזאַל האָבן מיר זיך אויסגעמישט מיטן המון אָפּפאָרנדיקע און זענען לסוף אַריין אין אַ קופּע.

אַ שטאַרק דערשראָקענע בין איך מיטן גוי אַריין אין באַן־קופּע. דאָ איז געווען אַן אויסטערלישע ענגשאַפט. מיר איז געוואָרן שטאַרק וואַרעם, ווייל אַלע מיינע קליידער האָב איך געטראָגן אויף זיך. אין האַנט האָב איך געהאַט בלויז אַ קליין רענצל. דערצו איז אין וואַגאָן געווען שטאַרק דושנע אַז עס איז נישט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. ווען איך האָב ענדלעך באַקומען אַן אָרט צו זיצן בין איך געפאַלן אין חלשות.

אין וואַגאָן האָבן זיך אויך געפונען ייִדן און זיי האָבן דערקענט אין מיר אַז איך בין אַ ייִדישקע. זיי האָבן זיך דערנענטערט צו מיר און מיך

אָפּגעמונטערט. די נישט־ייִדן האָבן זיך אָנגעהויבן צו וויצלען אויף מיין „מאַנס" חשבון און געלאַכט פון זיין קאַלטקייט צו מיר.

נאָכן אָפּפאָרן עטלעכע שעה זענען מיר אָנגעקומען קיין טשענסטאָכאָוו.

דער טורעם פון דער באַרימטער טשענסטאָכאָווער קירך פון דער „הייליקער גאָטס־מאַמע" איז שוין געווען באַלויכטן. עס איז געווען פאַר נאַכט. טשענסטאָכאָוו איז געווען אָפּגעוואַשן פון אַ לייכטן פרילינגס־רעגן. מיין באַגלייטער האָט מיך צוגעפירט ביזן טשענסטאָכאָווער געטאָ וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אַן אָפענער געטאָ. צוגעקומען צו דער גאַריבאַלדי־גאַס האָב איך זיך פאַרנומען צו מיין ברודערס וווינונג.

אין טשענסטאָכאָווער געטאָ

דאָס אָפענע געטאָ אין טשענסטאָכאָוו איז ענלעך געווען אין זיין „סטיל" צו אַלע אַנדערע געטאָס אין גובערנאַמענט. די מאַטעריעלע לאַגע פון די ייִדן אין דער דאָזיקער צייט (1941) איז געווען מער־ווייניקער נאָך נישט קיין שלעכטע. די הויפּט־פּרנסה איז געווען דער שמוגל פון „רייך" אין גובערנאַמענט אַריין און פון גובערנאַמענט אין „רייך". מ׳פלעגט אַריינ־שמוגלען אין געטאָ מאַרגאַרין, טעקסטיל־סחורות, ליכט און אַנדערע פּראָ־דוקטן. מ׳האָט אויך געשמוגלט פאַרשידענע וואַלוטעס. ספּעציעל גאַנגבאַר איז געווען דער האַנדל מיט די מאַרקן, מיט וועלכע די דייטשישע רעגירונג פלעגט אויסצאָלן דער אַרמיי. גאָר אַ סך ייִדן האָבן פאַר דער דאָזיקער פּרנסה באַצאָלט מיט זייער לעבן.

דאָס מזל פון טשענסטאָכאָוו איז געווען וואָס די גרענעץ וועלכע האָט אָפּגעטיילט דאָס „רייך" פון גובערנאַמענט, האָט זיך געפונען זעקס קילאָ־מעטער פון דער שטאָט. דער גרעסטער טייל פון די איינוווינערס וואָס זענען אַרונטערגעפאַלן דעם שטח וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן געטאָ

זענען געווען ייִדן, וועלכע מ׳האָט אַרויסגעטריבן פון זייערע היימען און זיי האָבן זיך צופּעליק באַזעצט אין טשענסטאָכאָוו. עס זענען אויך געווען אַזעלכע וואָס דער דייטש האָט זיי די ערשטע מלחמה־טעג געכאַפּט אין די גאַסן און פאַרשיקט אין לאַגער אַריין און דערנאָך האָט מען זיי אַריבער־געפירט קיין טשענסטאָכאָוו. דאָ האָט מען זיי אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי, בתנאי אַז זיי טאָרן נישט צוריקקומען אין דייטשישן רייך. די דאָזיקע מענטשן איז שפּעטער געלונגען אַריבערצוברענגען זייערע משפחות און אויך אַרויסצוקריגן אַ טייל פון זייער פאַרמעגן; פּוילישע באַן־באַאַמטע האָבן זיך פאַרנומען מיט דעם משא־ומתן און זיי האָבן ביי דער דאָזיקער נייער „פּראָפעסיע" פאַרדינט אַ סך געלט.

אויף דער ליניע טשענסטאָכאָוו־קלאָבוצק איז נישט געווען קיין רייד פון אומזיסטער מענטשלעכער הילף. אומזיסט האָט קיינער זיך נישט גערירט פון אָרט צו אָרט. סיי ייִדן סיי נישט־ייִדן האָבן פאַר דער מינדסטער הילף געפאָדערט באַצאָלט. געטאָן די אַרבעט האָבן פּאָלאַקן, אָבער אויך אַ קליינע צאָל דייטשן האָבן אין דעם מיטגעהאָלפן און גענומען גוט באַצאָלט.

מיינע קרובים, פריינד און באַקאַנטע האָבן מיך אין טשענסטאָכאָוו זייער האַרציק אויפגענומען. איך האָב אָבער אין טשענסטאָכאָוו שוין אָנגע־טראָפן אויף אַן ענלעכער לאַגע ווי אין וואַרשע איידער עס איז געשלאָסן געוואָרן די געטאָ. דער הויפּט־פּראָבלעם איז געווען — עסן. פון דאַנען האָט מען נאָך געקאָנט איבערשיקן פּראָדוקטן קיין וואַרשע. אָבער מער ווי אַ ביסל קאַרטאָפל האָט מען נישט געקאָנט אָפּשפּאָרן.

מיין אָנקום האָט אַריינגעבראַכט פרייד אין מיין ברודערס הויז. ער איז אויך געווען איינער פון די וועלכע די דייטשן האָבן אין תחילת קריג אַרויסגעפירט פון זיין היימשטאָט וויעלון און שפּעטער אים אַרויסגעלאָזט אויף דער פריי אין טשענסטאָכאָוו. אויך אים איז געלונגען אַהער אַריבער־צונעמען זיין פאַמיליע.

מיין ברודער מאיר פרידע ז״ל איז געווען אַ פרומער ייִד. דאָס וויכ־טיקסטע אין זיין לעבן איז געווען צו לערנען תורה. פון דער סאַמע פריסטער יוגנט האָב איך אים געדענקט אַ זיצנדיקן ביי דער גמרא. די גאַנצע צייט וואָס מיר זענען פאַר דער מלחמה געווען צוזאַמען, גלייב איך, אַז ער האָט

מיך קיין מאָל רעכט נישט אָנגעקוקט. היינט אָבער האָט ער זיך שטאַרק איינגעקוקט אין מיר און איך האָב באַמערקט טרערן אין זיינע אויגן. באַלד דערנאָך האָבן מירביידע זיך צעוויינט. אָבער מיט זיין פשוטקייט האָט ער מיך באַרויִקט: „השם־יתברך וועט זיך אויף אונדז מרחם זיין" — האָט ער געזאָגט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו מיר, געשניטן דאָס ברויט און מיר געגעבן עס אין מויל אַריין. במשך לאַנגע חדשים האָב איך שוין נישט געגעסן צו דער זעט און אויך איצט האָב איך נישט געוואָלט אויפעסן דאָס גאַנצע ברויט, וואָס איז פאַר מיר געווען גרייט אויפן טיש. דער ברודער האָט מיר אָבער פאַרזיכערט אַז ביז איצט האָט מען אין טשענסטאָכאָוו נאָך נישט געליטן קיין הונגער און אַז ער האָט אַ סך קאַרטאָפל, אַזוי אַז ער פאַרטיילט נאָך היינט, ברוך־השם, אַ ביסל עסנוואַרג צו די נויטבאַ־דערפטיקע. און באמת: צו מאָרגנס האָב איך געזען ווי עס זענען געקומען צו אים אָרעמע־לייט און דער ברודער האָט יעדן פון זיי געגעבן קאַרטאָפל.

צווישן מיינע פריינד וועלכע איך האָב געטראָפן אין טשענסטאָכאָוו, האָב איך באַגעגנט אויך אַן אַלטן באַקאַנטן פון לאָדזש. דאָס איז געווען אונדזערס אַ יוגנט־פריינד. ער האָט געשטאַמט פון אַ רבנישער משפחה און האָט פאַר דער מלחמה חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון אַ באַוווסטן לאָדזשער נגיד, אַ חסיד. זיי, די יונגע, זענען שוין געווען אַ ביסל ווי מען זאָגט עס: אויפגעקלערטע און האָבן אַ חוץ אַ געוויסע בילדונג זיך אויס־געצייכנט מיט זייער איינגעבוירענער אינטעליגענץ. ער האָט זייער אַ סך געלייענט און געהאַט אַן אינטערעס פאַר קונסט. זיי נשמה האָט אין זיך אַלץ איינגעזאַפּט. ווען ער האָט מיך דערזען האָט ער זיך שטאַרק פונאַנ־דערגעוויינט.

זיינע טרערן האָבן אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקערן רושם ווי דאָס וויינען פון מיין ברודער. נאָך ביז היינט ווייס איך נישט פאַר וואָס זיין וויינען האָט מיך מער גערירט ווי דאָס צעוויינען זיך פון מיין לייבלעכן, ליבן ברודער. איך האָב זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם טיפן געפיל און פאַר מיין אַוועקגיין פון טשענסטאָכאָוו האָב איך אים געפרעגט פאַר וואָס ער האָט זיך צעוויינט און צי מיין אויסזען האָט אים אַזוי טרויעריק געמאַכט? ער האָט נישט באַלד געקאָנט ענטפערן. דערנאָך האָט ער פאַוואָליע

אויפגעהויבן צו מיר זיינע בלויע גרויסע אויגן, זיך פאַרטראַכט און גענומען רעדן אַזוי ווי צו זיך אַליין:

— אמת, דיין אויסזען האָט מיך אַזוי אויסטערליש צעטרייסלט. אויף דיין פּנים האָב איך דערזען נישט נאָר דיין אייגענעם ווייטיק, נאָר דעם ווייטיק פון אונדז אַלעמען. אונדזער גאַנצן צער טראָגסטו אין דיין בליק. חוץ דעם — מיט דיר איז מיטגעקומען אויך אַ שטיק פון דעם אַמאָליקן לאָדזש, די חסידיש־נגידישע הייזער, די בריוּוחדיקע שבתים און יום־טובים. דאָס לאָדזש פון די שטריימלעך און דאָס לאָדזש אין וועלכן מיר, יידישע בחורים מיט קוים שפּראָצנדיקע בערדלעך זענען געלאָפן אָן אָטעם צו די ליטעראַרישע אָוונטן הערן בראָדערזאָנען, מאַנגערן, סעגאַלאָוויטשן און אַנדערע שרייבערס.

מיר זענען געווען די וואָס האָבן געוואָלט מאַכן בעסער די וועלט, אָבער נישט אָנרירן די געזעצן פון דער תורה. מיר האָבן עס ערלעך געמיינט, אָבער מיר האָבן באַנקראָטירט. יאָ, איך האָב אַ סך צו דערציילן, ווען כ׳קוק אַצינד אויף דיר!

מיט דיר זענען מיטגעקומען זכרונות פון אַן אונטערגעגאַנגענער וועלט. אַ וועלט פון בערג און ים... פון נישט יידישער ערד, אָבער אויף וועלכער מיר האָבן שטענדיק געטראָפן יידן, יידן, יידן... די טאַטרן־בערג אין הויכן שניי, אָבער אויף די וועגן — שליטנס מיט יידן. יידן אויף די נאַרטעס און יידן אין די קאַפּע־הייזער. פרייער יידישער געלעכטער אין די יידישע אָפּרו־הייזער וואָס האָבן זיך געפונען טיף אין די בערג. איך האָב דאָרט געזען נאָר יידן. צי זענען דען נישט־יידן נישט געפאָרן אַהין?! אַוודאי זענען אויך זיי געפאָרן!

ער האָט ווייטער גערעדט און זיין קול האָט געקלונגען מיט טענה:

— דאָ אויף דער ערד וועט דאָס אַלץ שוין מער קיין מאָל נישט זיין. מיר האָבן פאַרשפּילט. דאָס אַלץ וואָס עס געשעט איצט באַדייט סוף. אומ־ברחמנותדיקער סוף. אונדזער דור וועט זיין דער קרבן.

מיין פרייד איז געוואָרן צעטרייסלט און ער האָט מיך דורכגעשווידערט מיט זיינע ווערטער. אין מיין וועלט האָט עס ראַפּטעם געטונקלט.

פ. דרורה אייזנער

איך פאָר אויף „גוטע פּאַפּירן"

אָבער די אַכזריותדיקעווירקלעכקייט צעטרייבט אַלע מחשבות. זי פאַרטראָגט נישט קיין חלומות. די צייט האָט געפאָדערט שנעלע דעציזיעס און מעשׂים. מ׳האָט נישט געוווּסט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. איצט איז מיין ציל געווען וואָס גיכער צו זיין ביי מיינע קינדער. מיינע אַ שול־חברטע האָט זיך אין דער צייט פון דער מלחמה פאַרנומען מיט מאַכן פאַלשע אַרישע פּאַפּירן, רייזע־דערלויבענישן און אויך אַנדערע דאָקומענטן. ווען איך האָב זיך צו איר געווענדט אַז זי זאָל מיר באַזאָרגן אַ פּאַפּירל כּדי איך זאָל קאָנען וואָס גיכער פאַרלאָזן טשענסטאָכאָוו, האָט זי מיר אויסגע־באָרגט אירע אייגענע דאָקומענטן וועלכע איך האָב געדאַרפט איר צוריק־שיקן ווען איך וועל שוין זיין אויפן אָרט. אָבער די דאָזיקע פּאַפּירן זענען נאָך נישט געווען גענוג ווייל נישט שטענדיק געפעלן דעם דייטש די „צייטווייליקע" פּאַפּירלעך. דער דאָקומענט האָט נאָר באַשטעטיקט, אַז איך וווין אין „רייך" און דאָ אין גובערנאַמענט געפין איך זיך צוליב אַ קראַנקייט־צופאַל. אויב עס שטייט ביי דער גרענעץ אַ „גוטער" דייטש — לאָזט ער אַדורך מיט אַזאַ פּאַפּיר, עס טרעפט אָבער אויך, אַז מיט אַזאַ דאָקומענט טרייבט מען צוריק. די מעלה איז אַז קיין שווערע ריזיקע איז דערביי נישטאָ. זענען מענטשן טאַקע געגאַנגען מיט אַזעלכע פּאַפּירלעך אַהין און צוריק.

אויך איך האָב זיך גענומען צוגרייטן אַריבערצוגיין די גרענעץ. אין מיין קינדהייט האָט מען מיך אָפּערירט אַ פינגער און עס זענען געבליבן בולטע סימנים פון אַן אַדורכגעמאַכטער אָפּעראַציע. איצט האָט דאָס געזאָלט זיין אַ סימן אַז איך פאָר צוריק פון שפּיטאָל. מיין ברודער האָט מיר פאַר־באַנדאַזשירט דעם פינגער און אויך אַ טייל פון מיין האַנט. אַרומגענומען דעם האַלדז מיט אַ באַנד און אויף אים אָנגעהאָנגען די קראַנקע האַנט. מיין ברודער האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג אַריין אַ קישן, כּדי איך זאָל ליגן בעתן דורכפאָרן די גרענעץ־וואַך. צוגעקומען נאָענט צו דער גרענעץ

האָט זיך דער ברודער מיט מיר געזעגנט און ער איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט פון ווו ער האָט געקאָנט זען, צי עס איז אַלץ אַדורך בשלום.

איך בין געווען זייער איבערגעשראָקן און אויף מיין פּנים האָט מען די שרעק געקענט זען גאָר דייטלעך. די שמוגלערס האָבן מיך באַרויִקט, באשר די גאַנצע גרענעץ־וואַך איז איבערגעקויפט; עס איז אַפילו מעגלעך אַז מ׳וועט מיך נישט הייסן אַראָפּגיין פון פורל. אָבער אויב מ׳וועט מיך יאָ הייסן אַראָפּגיין, זאָל איך אויך פאַר דעם נישט קיין מורא האָבן, ווייל זיי וועלן שוין זאָרגן אַז אַלץ זאָל אַדורך בשלום.

ווי נאָר מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן צו דער גרענעץ האָב איך אָבער באַמערקט אַז אויך די שמוגלערס ווערן אומרויִק. שוין פון דער וויטנס האָבן זיי דערזען, אַז אויף דעם גרענעץ־פּונקט ווו עס שטייט שטענדיק איינער פון די „גוטע" וואַך־זעלנער שטייט איצט אַן אַנדערער וועלכן זיי האָבן געקענט פון אַן אַנדערן גרענעץ־פּונקט פאַר אַ גרויסן רשע. גערופן האָבן זיי אים „פּאַסקאַל" און געוווּסט אַז פון אים קאָנען זיי האָבן גרויסע צרות. די שמוגלערס האָבן דערפאַר באַשלאָסן דערווייל זיך נישט צו דערנענטערן צו דער גרענעץ. מ׳דאַרף וואַרטן ביז די וואַך וועט זיך בייטן.

מיר זענען אַריינגעפאָרן אין אַ וועלדל כּדי דאָרט איבערצוּוואַרטן. עס האָט אָבער אָנגעהויבן ווערן פינצטער. די גרענעץ איז געווען אָפן נאָר ביז 8 אַ זייגער אָוונט און דאָ זע איך, אַז מיינע שמוגלערס קלערן אַפילו נישט פון פאָרן ווייטער. איך האָב געטראַכט: וואָס טוט מען? בלייבן אויף ביינאַכט אין וועלדל האָב איך נישט געהאַט קיין חשק. האָב איך, בכן, באַשלאָסן אַליין צו גיין צו דער גרענעץ. ווען כ׳בין אַרויס פון וועלדל איז אָנגעפאָרן אַ פורל, אויף וועלכן עס איז געזעסן אַ פרוי מיט אַ קינד. זי האָט מיך גערופן און מיר געזאָגט, אַז זי פאָרט כּשר אַריבער די גרענעץ, זי פאָרט צו זיך אַהיים. זי פאָרט מיטן קינד פון שפּיטאָל, ווו זי האָט באַקומען אַ „פּשעפּוסטקע" (דורכפאָר־דערלויבעניש). לכן לייגט זי מיר פאָר אַרויפ־צוזעצן זיך אויפן פורל. זי וועט מיר געבן דאָס קינד און וועט ביי דער גרענעץ טאָן אַלץ, אַז מ׳זאָל מיך נישט הייסן אַראָפּגיין. זי האָט מיר נאָך

באַרויִקט, אַז ביי דער גרענעץ וועט מען מיר גאָרנישט טאָן. אין ערגסטן פאַל, זאָגט זי, וועט מען מיך צוריקשיקן קיין טשענסטאָכאָווו.

איך האָב זיך געזעצט אויפן פורל, אָוועקגעלייגט מיין קליין פּעקל אין אַ זייט און האָב דאָס קינד איינגעפּאַקט אין דעם קישן וואָס איך האָב געהאַט מיט זיך. איך האָב זיך דערפרייט וואָס דאָס קינד האָט אָנגעהויבן צו מיר צו שמייכלען. איך האָב אויף אַ וויַל פאַרגעסן מיין לאַגע און גאָר גענומען זיך שפּילן מיטן קינד. אַזוי זענען מיר אָנגעקומען צו דער גרענעץ.

עס איז שוין געווען גוט טונקל. מ׳האָט געקאָנט זען אַז די וואַכלייט זענען מיד פון אַ גאַנצן טאָג אַרבעט. זיי האָבן אונדז איינציקווייז געהייסן אַראָפּגיין פון פורל און יעדן באַזונדער אַריינגעפירט אין דער קאָנטראָל־בודקע. די וואָס זענען אַרויסגעקומען נאָך דער קאָנטראָל זענען צוריק־געגאַנגען אויף זייער פּלאַץ און מ׳האָט נישט באַמערקט אַז זיי זאָלן זיין אויפגערעגט. איך בין קאַלטבלוטיק געזעסן אויפן פורל, ביז זיי האָבן מיר געהייסן אַראָפּגיין. דאָס קינד האָב איך צוריק איבערגעגעבן דער מוטער און איך בין אַריין צו דער קאָנטראָל. דאָס פּעקל מיט מיינע זאַכן האָב איך איבערגעלאָזט אויפן וואָגן. אינעווייניק האָט מען מיך באַזוכט און צוגענומען ביי מיר מיין האַנט־זייגערל און דאָס געלט וואָס איך האָב געהאַט ביי מיר. דערנאָך האָבן זיי גענומען שרייען אויף מיר, פאַר וואָס מיינע דאָקומענטן זענען נישט אין אָרדענונג. איך האָב זיך געפּרוווט פאַרענטפערן אַז איך קום פון שפּיטאָל און אַז אַלע מיינע נאָענטסטע געפינען זיך אין קלאָבוצק און איך האָב נישט געהאַט קיינעם ווער עס זאָל זיך וועגן דעם באַמיִען. אָבער זיי האָבן נישט אויפגעהערט שרייען, אַזוי אַז איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז זיי שרייען איינער אויפן אַנדערן. מיט די דאָזיקע געשרייען האָבן זיי מיך אַרויסגעשטופּט פון דער טיר.

דערווייל איז אָנגעקומען אַ צווייט פורל. די שטימונג ביי די פּאַסאַזשירן איז געווען אַ מונטערע. די שמוגלערס האָבן אַרויסגענומען אַ פלעשל בראָנפן און געמאַכט אַ שנעפּסל. מ׳האָט געטרונקען „לחיים״. באַלד נאָך דעם זענען מיר אַלע געפאָרן ווייטער און אין צווי שעה שפּעטער זענען מיר אָנגעקומען קיין קלאָבוצק.

אין שטעטעלע האָט געהערשט אַן אויסערגעוויינלעכע שטילקייט. ס׳איז שוין געווען טיפער אָוונט און מ׳האָט נישט געזען קיין מענטש אין גאַס. מיר האָבן פון דעסטוועגן פריער אָפּגעאָטעמט. דאָרט אין וואַרשע און אין טשענסטאָכאָוו לעבט מען אין כסדרדיקער מורא פאַר פאַרמאַכן דעם געטאָ, פאַרן הונגער און דאָ — אַזאַ שטילקייט. דאָ איז נאָך נישטאָ קיין געטאָ. ייִדן וווינען אויסגעמישט מיט די נישט־ייִדן און אַרום אַזאַ רויִקייט.

דאָס גאַנצע שטעטל איז באַשטאַנען פון איין הויפּט־גאַס און עטלעכע זייטיקע גאַסן. הינטער די הייזער פון דער הויפּט־גאַס האָבן זיך געצויגן לאַנקעס און פאַראַקערטע פעלדער. כמעט אַלע הייזער זענען געווען ווייסע מיט משופּעדיקע דעכער. אין דעם איינציקן שטאָקיקן הויז האָט געוווינט דער ציין־דאָקטער. אויפן וועג צו דער באַן־סטאַנציע האָט זיך געפונען די אַפּטייק און דאָרט האָט אויך געוווינט דער דאָקטער.

דאָס ישובל האָט אויסגעזען ווי אַ סך אַנדערע פּוילישע שטעטלעך. איך ספק צי עס האָט זיך געפונען אויף דער מאַפּע פון פּוילן. הארט פאַרן קריג האָט מען דאָרט געלייגט אַ נייע באַן־ליניע וועלכע האָט געדאַרפט פאַרקירצן דעם וועג ביים אַריבערפירן די קוילן פון די שלעזישע קוילנ־גרובנס צו די שיפן וואָס זענען געשטאַנען פאַראַנקערט ביי די ברעגן פון באַלטישן ים. דערפון האָט דאָס שטעטעלע אויפגעלעבט ווייל די באַן־ליניע און די סטאַנציע האָבן זיך געפונען צוויי קילאָמעטער הינטערן שטעטל. אין דער מלחמה איז קלאָבוצק געווען דער לעצטער פונקט פונעם גובערנאַמענט. די סטאַנציע האָט זיך געגרענעצט מיטן „רייך".

אין קלאָבוצק האָבן געוווינט אַ סך פּוילישע באַן־באַאַמטע און מען האָט מיט זיי געקאָנט מאַכן כּלערליי געשעפטן. דער רוב ייִדן פון שטעטל זענען געוואָרן שמוגלערס, אָדער זיי זענען געווען אונטערהעלפערס ביי די גרויסע שמוגלערס. די איראָניע פון גורל איז וואָס איצט האָבן אַלע גוט פאַרדינט און אַפילו געלעבט בעסער ווי פאַר דער מלחמה.

פאַר דער מלחמה האָבן אין שטעטל געוווינט עטלעכע הונדערט ייִדן וואָס זענען געווען מערסטנס קרוביש פאַרבונדן צווישן זיך. אין די רויִקע צייטן האָבן זיי געלעבט פון לאַנדווירטשאַפט און אויך פון פערד־האַנדל. אין יענע צייטן האָבן זיי געשמוגלט פערד קיין דייטשלאַנד און היינט האָבן

זיי געשמוגלט אַלץ וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. כמעט יעדע משפּחה האָט געהאַט אַן אייגענע שטוב, ערד און בהמות. דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן האָב איך דאָ זיך געטראָפן מיט ייִדן וואָס האָבן פאַר דער מלחמה זיך פאַרנומען דורכויס מיט ערדאַרבעט. איצט איז אָבער דאָס שטעטל געווען פאַרטאָן איבערן קאָפּ אין שמוגל, אָדער אין אויפהאַלטן שמוגלערס און אין אויסבאַהאַלטן אויך זייערע סחורות.

די מענטשן פון קלאָבוצק

דאָס פאַרנאַכטיקע אַריינפאָרן אין שטעטל פון די צוויי פורלעך איז געווען אַ געשעעניש פאַר אַלע תּושבים. מ׳האָט אַרויסגעקוקט פון די פענצטער. אַ סך זענען אַפילו אַרויס אָנקוקן פון דער נאָענט די נייע פּנימער. שפּעטער האָבן די מענטשן דערציילט אַז מ׳איז אין קלאָבוצק געווען זייער אומפריינדלעך צו יעדן ניי־אָנגעקומענעם, ווייל די שטעטל־דיקע האָבן מורא געהאַט אַז דער „נייער" וועט זיין אַ שטער אין זייער פּרנסה.

אין דעם שטעטל האָבן זינט אַ צייט זיך געפונען מיינע באַקאַנטע וועלכע האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט שמוגל און מיט פונאַנדערשיקן שפּייז־פּעקלעך אין די פאַרמאַכטע געטאָס. דאָ האָבן זיי געהאַט אַ מעג־לעכקייט איבערצוקויפן דעם פּאָסט־באַאַמטן. די פּראָצעדור פון אַוועקשיקן דאָס פּעקל איז באַשטאַנען אין באַצאָלן דעם באַאַמטן דעם נאָרמאַלן טאַריף, אָבער ווי אַ צולאָג האָט מען אים אויך געגעבן דאָס „פאַרדינסט" פאַר זיין פּריוואַטער מי. עס פלעגט טרעפן טעג ווען מ׳האָט אַוועקגעשיקט הונדער־טער פּעקלעך. געשיקט האָט מען די שפּייז־פּעקלעך קיין וואַרשע, קאַטאָוויץ, לאָדזש, בענדין. די שפּייז־פּעקלעך האָבן אָפּגעראַטעוועט אַ סך מענטשן פון אַ הונגערטויט. אָפט פלעגן אָנקומען דאַנקבריוו פון אומבאַקאַנטע

מענטשן. אויך איך האָב מיך באַלד אָנגעשלאָסן אין דער חברותא פון זאַרגערס און עקספּעדיטאָרן.

צווישן די בריוו, וואָס זענען דעמאָלט אָנגעקומען האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון אַ בריוו פון אַ פּשוטן ייִד אין בענדין. ער האָט געוואָלט אויסדריקן זיין דאַנק, האָט ער געשריבן אַזוי:

— לכּבוד...

איך דאַנק אייך פאַרן דערהאַלטענעם פּאַקעט. איר זאָלט וויסן אַז מיטן שפּייז פון אייער פּעקל האָט איר דערהאַלטן ביים לעבן אַ משפּחה פון 7 מענטשן. שוין דעם דריטן שבת ווי מיר זאָגן אונדזערע ברכות במזומן, מיר בענטשן זאַטע און בעטן ביים רבש״ע ער זאָל אייך העלפן כּדי איר זאָלט קיין מאָל נישט וויסן פון קיין הונגער. מיר בענטשן אייך אַלע מאָל מיט מזל און הצלחה. נאָר איך וויל אייך בעטן אַז אין איי̇ער שרייבן זאָלט איר זיין צו מיר דרייסטער. פון איי̇ער צושריפט פיל איך אַז איר זענט אַ כּשרע ייִדישע טאָכטער. דער רבש״ע וועט אייך דערפאַר באַצאָלן״.

די בריוו פלעגן מיר לייענען מיט טרערן אין די אויגן. וואָס ערגער ס׳איז געוואָרן די לאַגע, אַלץ אָפטער פלעגן מיר באַקומען בריוו. דער מצב פון די בריוו־שרייבערס פלעגט אונדז נישט לאָזן שלאָפן ביי נאַכט. נאָך אַזעלכע שלאָפלאָזע נעכט האָט יעדער איינער פון אונדז געטאָן אַלץ כּדי צו קאָנען שיקן וואָס מער שפּייז־פּעקלעך.

פאַר די מענטשן וואָס האָבן שוין אַ לענגערע צייט געוווינט אין דעם שטעטעלע איז דאָס אָוועקשיקן אַ פּאָר פּעקלעך געווען אַ שפּאַס. זיי האָבן איצט פאַרדינט ביי די שמוגלערס און מיטן שמוגל אַ סך געלט. זיי האָבן געפירט גרויסע געשעפטן און אין דער אמתן געזאָגט, האָבן זיי אויך פאַרדינט ביים אַרויסשיקן די פּעקלעך.

איך בין דאָ געווען אַ פרעמדע: כ׳בין געקומען אַהער מיט ווייניק געלט. מיינע באַקאַנטע פון טשענסטאָכאָוו האָבן מיך פאַרבונדן מיט מענטשן וועלכע האָבן מיר צייטווייליק פינאַנסירט דאָס שיקן די פּעקלעך. מיין משפּחה אין וואַרשע איז געווען אַ גרויסע און איך האָב געוואָלט אויך מיינע ווייטערע באַקאַנטע פון צייט צו צייט שיקן אַ שפּייז־פּעקל.

די ייִדן פון קלאָבוצק זענען געווען פּשוטע מענטשן. גאָר ווייניק צווישן

זיי האָבן זיך געקענט אונטערשרייבן. די וועלכע האָבן נאָך געלעבט אַ ייִדיש לעבן האָבן געקענט דאַווענען. דאָס זענען געווען די מענער. זיי זענען געווען מענטשן מיט גאָט אין האַרץ. אפשר טאַקע צוליב דעם האָב איך ביי זיי געפונען אַ סך איינזעעניש און הילף אין די שווערע צייטן. די פריינדשאַפט פון זיי איז געגאַנגען אַזוי ווייט אַז מ׳פלעגט מיך צווישן די שטאָטישע פאַררעכענען ווי אַן אייגענע און נישט ווי אַ צופעליק געקו־מענע. אַלע האָבן מיך אויפגענומען מיט וואַרעמקייט, אומעטום מיר אַנט־קעגנגעקומען מיט אַן אַ שיעור הילף. און דאָס איז מיר געווען גוואַלדיק נייטיק ווייל דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן בין איך געווען איינזאַם, איינע אַליין אין אַן אומבאַקאַנטער סביבה.

אַ סך פון די שטעטל־ייִדן האָבן מיר פאַרגעלייגט איך זאָל מיט זיי האַנדלען און זיי האָבן מיר אויסגעבאַרגט סחורה פון זייער גרויס־האַנדל — ווער אַ טוץ זאָקן, ווער — אַ רעשטל סחורה און אַנדערע זאַכן. איך האָב געדאַרפט גיין צו די איינוווינערס און דאָס פאַרקויפן. אוי ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען דער דאָזיקער האַנדל! ס׳איז מיר שווער אָנגעקומען צו פאַרקויפן די ערשטע פּאָר זאָקן פאַר אַ העכערן פרייז ווי איך האָב פאַר זיי באַצאָלט. אָבער איך האָב געדאַרפט די סחורות פאַרקויפן אויך צו באַקאַנטע מענטשן און דאָס האָט מיך שטאַרק געקוועלט. כ׳האָב געפילט אַז איך באַגיי נישט קיין פיינע זאַך אויב איך פאָדער פון די מענטשן אַ העכערן פרייז ווי איך אַליין האָב באַצאָלט. ווען איך בין נאָך דעם פאַרקויפן די סחורות צוריקגעקומען צו מיינע סוחרים און דערציילט וועגן דעם געפיל וואָס באַגלייט מיך ווען איך דאַרף פאָדערן מער ווי ס׳האָט מיך געקאָסט, האָבן זיי מיך אויסגעלאַכט און געפרעגט ווער עס וועט פאַר מיר עפּעס טאָן אָן געלט.

איין מאָל האָב איך וועגן דעם געדאַרפט פירן אַ שמועס. ס׳איז געווען אַ סוחרס אַ זון וועגן וועלכן מ׳האָט דערציילט אַז ער איז אַ קאָמוניסט און איז שוין אין זיין יונגן לעבן געזעסן אַ סך יאָרן אין תּפיסה. עס איז אויסגעקומען אַזוי אַז ער האָט זיך צופעליק צוגעהערט ווי איך דערצייל מיט האַרצווייטיק וועגן מיין מסחר: אַז איך פיל זיך שלעכט ביים בעטן אַ העכערן פרייז וויפל די סחורה קאָסט מיך. דערויף האָט ער מיר אויפ־

געקלערט אַז כ׳בין נישט גערעכט, ווייל לפי זיין מאַרקסיסטישן באַגריף איז מיין קליינער האַנדל פּולקום כּשר. נישט געקוקט אָבער אויף זיינע באַגרינדונגען איז דער האַנדל מיר נימאס געוואָרן. ס׳איז מיר פּאָרט שווער געווען צו נעמען מער פאַר די זאַכן פאַר וועלכע איך האָב באַצאָלט ווייניקער. איך האָב טאַקע געוואָרפן דעם האַנדל און גענומען נייען קליידער. כ׳האָב אויפגענייט די ערשטע צוויי קליידער און זיי האָבן געמאַכט אַ רושם אין שטעטל. מ׳האָט מיך אָנגעהויבן צו רופן „די שפּילקע־שניידערין". דאָ איז געווען אַ נייעס דאָס שפּילעווען דעם שטאָף מיט שפּילקעלעך ביים פּאַסן די קליידער. נאָכן אויפנייען די צוויי קליידער האָב איך באַקומען אַ סך אַרבעט. אָבער באַצאָלט האָט מען מיר ווייניק.

אָבער שיקן פּעקלעך קיין וואַרשע פאַר מיין מאַן, פאַר מיין נאָענטער משפּחה און באַקאַנטע (זיי זענען נאָך דערווייל געווען אין וואַרשע און געוואַרט אויף דער מעגלעכקייט זיך פון דאָרט אַרויסצוקריגן) האָב איך געוואָלט וואָס מערער. שיקן האָב איך געוואָלט גרעסערע, פעטערע פּעקלעך און וואָס אָפטער מחמת אין וואַרשע איז געוואָרן נאָך ערגער. די פּעקלעך וואָס זיי האָבן באַקומען פון מיר זענען געוואָרן דער הויפּט־מקור פאַר זייער דערנערונג. די בריוו וועלכע איך פלעג קריגן זענען נישט געווען קיין דאַנק־בריוו און אויך נישט קיין בריוו וואָס האָבן געמאָנט נייע שיקונגען. דאָס זענען געווען בריוו פול מיט פרייד וואָס די שפּייז־פּעקלעך ברענגען זיי. יאָ, ס׳איז געווען אַ מוראדיקע ירידה אין מענטשלעכן לעבן! אָפט פלעגן זיי מיר שרייבן ווי אַזוי זיי פאַרווענדן די פּראָדוקטן: „די פּערפּעלעך — האָט מען מיר געשריבן — זענען געווען אויסגעצייכנט גוט. מ׳דאַרף זיי נישט קאָכן און דאָס איז אַ קרן, ווייל הייצעכץ איז זייער טייער. אַז מען באַגיסט זיי מיט קאָכעדיק וואַסער, קען מען זיי שוין עסן".

„דאָס פּעקל איז אָנגעקומען אפשר צופעליק און אפשר האָבן מיר דאָס פאַרויסגעפילט, ווייל אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר פון דיר געחלומט — שרייבט מען מיר אַ צווייט מאָל — מיר האָבן אין אָוונט גערעדט פון דיר, וועגן דיין אויסטערלישער לאַגע, ריכטיק אַ שרעקלעך אויסטערלישע לאַגע אין אַן אויסטערליש משוגענער צייט. דער מאַן אין וואַרשע, דער זון אין וואַרשע, די משפּחה פון מיין מאַן, כּמעט אַלע אין וואַרשע. די צוויי טעכ־

טערלעך זענען ביי באַבע־זיידע אין זדונסקאַ־וואָליע און דו אַליין ביסט פאַרוואָרפן אין דער גרויסער אויפגעברויזטער וועלט. וועגן די קינדער און טאַטע־מאַמע האָט מען מיר אָפטער געשריבן אין מיין עלנט. דערהויפּט האָט דער מאַן מיר געשריבן.

אונדזער לאַגע אין קלאָבוצק ווערט אויך פון טאָג צו טאָג ערגער, אָבער די בריוו פון דער היים דערדריקן מיך. „געכטן האָט מען פון גאַס צוגענומען (געכאַפּט) וואָלפן מיט זיין יינגעלע און אַוועקגעשיקט קיין לובלין אויף אַרבעט. מיט אַ פּאָר טעג פריִער האָט מען ביי אסתרן צוגע־נומען איר איינציק יינגעלע און אים אַוועקגעשיקט מיט אַ קינדער־גרופּע. ביי שמואלן זענען דערוויל נאָך אַלע צוזאַמען. ווען נאָך אַזעלכע דעפּרעסיע־טעג קומט אָן אַ גרוס פון דיר, ברענגט דאָס צו אונדז אַ שטראַל האָפענונג״.

די ידיעה, אַז מ׳האָט ביי אסתרן צוגענומען איר קינד און אַז זי איז נישט מיטגעגאַנגען מיט אים, איז פאַר מיר געווען אומבאַגרייפלעך. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ מאַמע קאָן אַזוינס אַריבערטראָגן. דאָס קינד איז געווען ביי איר דאָס גאַנצע לעבן. זי איז געווען אַ געגטע פון איר ערשטן מאַן, זי האָט שפּעטער חתונה געהאַט און געבוירן דאָס איינציקע, וווּנדער־שיינע יינגעלע. זאָלן די נאַציס שוין האָבן דערגרייכט צו באַרויבן אַ מוטער פון איר איידלסטן אינסטינקט? אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָט מען אויך די מאַמע פון דעם שיינעם יינגעלע אַוועקגעשיקט קיין טרעבלינקע.

אַ סך יידן פון שטעטל זענען דערנאָך אַרעסטירט געוואָרן און אַוועק־געשיקט קיין דייטשלאַנד און אויך קיין אוישוויץ. עפּעס מיט אַ מאָל איז געקומען דאָס אומגליק אויך אויף קלאָבוצק. דער רוב פון שטעטל זענען ווי געזאָגט געווען יידן האַרעפּאַשניקעס, ערד־אַרבעטערס און פערד־שמוג־לערס. ווייניק האָבן געקאָנט שרייבן די בריוו וואָס די געבליבענע אין דער היים האָבן געוואָלט שיקן צו די אַרעסטירטע. (די בריוו האָבן געמוזט זיין געשריבן אין דייטש). עס איז געוואָרן אַ דוחק אין בריוו־שרייבערס. אַזוי אַרום בין איך אומגעריכט געוואָרן אַ בריוו־שרייבערין פאַר פרעמדע. עס האָבן אָנגעהויבן קומען צו מיר פאַרשידענע מענטשן איך זאָל פאַר זיי שרייבן די דייטשישע בריוו, איך זאָל זיי אָנשרייבן די אַדרעסן. איך האָב

די בריוו געשריבן זייער גערן, כאָטש מיט האַרצווייטיק. איך פלעג זיך באַמיִען אַרויסצוברענגען די הייסטע געפילן פון בענקענדיקע מאַמעס און פרויען. עס האָט אָפט געטראָפן אַז כמעט אַלע בריוו וועלכע מען פלעגט באַלייגן אויף דער שטעטלדיקער פּאָסט זענען געווען געשריבן מיט איין האַנט — מיט מיינער. דאָס האָט אַרויסגערופן אַ פּאַרדאַכט ביי די דייטשישע באַאַמטע און טאַקע מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער האָט די געסטאַפּאָ מיך אַרעסטירט פאַר אָנשרייבן אַ בריוו (לויט מיין האַנטשריפט) פון אַ נישט דערלויבטן אינהאַלט.

און גאַנץ אומגעריכט בין איך געוואָרן די אַנאָנימע, שטומע פּיר־שפּרעכערין פון די געפילן און ווייטיקן פון אַ געשלאָגענער עדה יִידן. דערפאַר האָבן די דאַנקבאַרע מוטערס און פרויען אָנגעהויבן מיר ברענגען באַצאָלט פאַר מיין אָפּטן בריוו־שרייבן. איך האָב אין תחילת קיין געלט נישט געוואָלט נעמען, האָבן זיי דערפאַר גענומען מיר ברענגען שפּייז־פּראָדוקטן און עס אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל. פּלוצעם האָב איך דער־זען, אַז פאַר מיין אַרבעט פון דעם בריוו־שרייבן האָב איך אַריינגעקראָגן אין שטוב כל־טוב. איך האָב זיך וואָס אַן אמת מיט דעם שטאַרק דערפרייט, ווייל כ׳וועל זיין אין שטאַנד צו שיקן מער פּעקלעך קיין וואַרשע.

אָבער, קענטיק, בלויז פּראָדוקטן מיינט נאָך נישט קיין פּאַרטיק פּעקל. איין מאָל ווען איך האָב גאָר שטאַרק געוואָלט אַוועקשיקן אַ פּעקל קיין וואַרשע און איך האָב נישט געהאַט קיין געלט דערויף, האָב איך אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט, ווי אַזוי דאָס דורכצופירן? דעמאָלט בין איך אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי און אַ נערוועזע אַרויס פון שטוב און געשטאַנען פאַר דער שוועל אַ פּאַרזאָרגטע. אומגעריכט איז צוגעקומען אַ פּאָטער, וועמענס קינדער איך האָב געלערנט שרייבן, און געזאָגט אַז ער האָט מיר געבראַכט „שׂכר־לימוד״ און אויך באַלוינונג פאַר די בריוו וואָס איך האָב פאַר אים געשריבן. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּעקל און געזאָגט: „איך גלייב אַז דאָס וואָס איך האָב דיר היינט געבראַכט וועט זיין בעסער ווי געלט״.

איך בין געבליבן שטיין אַ דערשטוינטע, פון פרייד האָב איך נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַ וואָרט. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז פאַר מיר שטייט אליהו הנביא, אַן איבערגעטוענער פאַר אַ פּאָטער פון מיינעם אַ

תלמיד. כ׳האָב געגומען דאָס פּעקל און אַריין דערמיט אין שטוב. אין פּעקל האָב איך געפֿונען אַלע נייטיקע פּראָדוקטן, וועלכע איך האָב געוואָלט שיקן קיין וואַרשע. עס האָט מיך איבערגעראַשט צו זען: קאַשע, מעל, מאַרגאַרין און צוקער. נאָך היינט, נאָך קנאַפּע דרייַסיק יאָר, קען איך זאָגן, אַז די גאָב פון דעם קלאָבוצקער ייִד האָט דעמאָלט אין מיר אַריינ־געבראַכט אַ נייעם גלויבן נישט נאָר אין גאָט נאָר אויך אינעם מענטש.

און נאָך דערמאָן איך זיך: די ערשטע טעג פון מיין אָנקומען קיין קלאָבוצק בין איך אַרומגעגאַנגען ווי איינע וואָס האָט שוין אויפגעהערט צו פאַרשטיין וואָס ס׳טוט זיך אויף דער וועלט. נאָך דעם וואָס איך האָב איבערלעבט אין וואַרשע און דערנאָך אין טשענסטאָכאָוו, איז פאַר מיר געווען אויסטערליש אומפאַרשטענדלעך דאָס פרייַע, אומגעשטערטע לעבן פון די ייִדן; איך האָב זיך נישט געקאָנט צוגלייבן אַז מיינע אויגן זעען אָפענע ייִדישע געוועלבער; פרייַע ייִדישע היימען. איך בין געווען נייגעריק זיך דורכצושפּאַצירן פרייטיק צו נאַכטס איבער די ייִדישע היף און אַריינ־קוקן אין ייִדישע שטיבער. ייִדן, וועלכע האָבן געהאַט דעם מזל נאָך נישט געכאַפּט צו ווערן פון די דייטשן צו אַרבעט, האָבן נאָך אין יאָר 1942 געפּראַוועט דעם שבת ווי אין די פאַר־מלחמהדיקע צייטן. אין יעדער שטוב האָט מען אויף שבת אָנגעבאַקן חלות און פּוטערקוכנס און אויך געשאָכטן עופות.

צום ערשטן מאָל האָט די היגע ייִדישע באַפעלקערונג דערפילט היטלערס רשעות ווען מ׳האָט פאַרשיקט אַ גרופּע ייִדן אין די אַרבעטס־לאַגערס. דאָס איז געווען אַ פאַר וואָכן פאַר מיין אַהערקומען דאָ. פּאַלאַקן האָט מען נאָך פריִער אַוועקגעשיקט. די טרייסט איז געווען אַז די לאַגע פון די פאַרשיקטע איז נישט געווען קיין שלעכטע. זיי פלעגן אָפט שיקן בריוו צו זייערע משפחות. אייניקע פון זיי האָט מען אַפילו געלאָזט אַהיימפאָרן אויף אַ מין אורלויב. די וואָס זענען געקומען פון דאָרט האָבן גוט אויסגעזען און לויט ווי זיי האָבן דערציילט האָבן די דייטשן זיי באַ־האַנדלט מענטשלעך. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז דאָס געווען דער אייגציקער דייטשישער אַרבעטס־לאַגער וווּ עס זענען געווען מענטשלעכע באַדינגונגען. דאָרט האָט נישט געפעלט קיין עסן. דערצו

האָבן די פּרויען און מוטערס געשיקט אין לאַגער אַריין היימישע פּעקלעך מיט שפּייז. יעדן מאָנטיק זענען די ווייבער אין שטעטל געגאַנגען צום בעקער אָנבאַקן האָניק־לעקעכער און קוכנס און צוזאַמען מיטן פּעקל מיטגעשיקט צו די מענער זייערע טרערן. דער סוף איז געווען אַז מער האָבן די ווייבער זייערע מענער און די מאַמעס זייערע זין נישט געזען, מחמת וואָס ווייטער איז די היטלערישע חיה־רעה אַלץ ווילדער געוואָרן און האָט געוויזן אויף וואָס זי איז פעיִק.

אין קלאָבוצק האָב איך געוווינט ביי אַ פרוי וואָס איר מאַן האָט מען אויך אַוועקגעשיקט קיין דייטשלאַנד. וואָכן־לאַנג איז ער נישט געווען אין דער היים. די פרוי האָט געשטאַמט פון אַ באַלעבאַטישער משפחה. איר מאַן איז געווען אַ בעל־עגלה. פון פערד און וואָגן האָבן זיי נישט געהאַט גענוג חיונה, האָט דער מאַן אויך געמוזט זיך פאַרנעמען מיט האַנדל. די פרוי איז געווען אַן אומבאַהאָלפענע. זי איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען פאַרטראַכט און מיט אַן אַרומגעבונדענעם קאָפּ. אַז מ׳האָט צוגענומען דעם מאַן האָט זי אַריינגענומען אין שטוב עטלעכע פרויען ווי מיטוווינערינס. פאַרן דירה־געלט האָט זי זיך דערנערט מיט אירע צוויי קינדער. איצט זענען מיר געווען ביי איר צוויי פרויען. מיר האָבן איר געצאָלט וואָכן־געלט און זיך באַמיט אַז זי זאָל ביי אונדז עפּעס פאַרדינען פאַר פאַרשידענע אַרבעטן.

זייער שווער איז פאַר אונדז געווען צו פאַרברענגען מיט אונדזער באַלעבאָסטע אין די פרייטיקן. יעדן פרייטיק האָט זי פון דער פרי אָן געוויינט. זי האָט אַ גאַנצן טאָג געוויינט אויפן מאַן וואָס מ׳האָט אים אַוועקגעריסן פון איר. דעם הויכפּונקט פון צער און געוויין האָט זי דער־גרייכטביים ערב־שבתדיקן ליכט־צינדן. זי פלעגט מאַכן די ברכה און דערנאָך אויך געזאָגט אַן אַליין פאַרפאַסטע תפילה וועגן איר מאַן: ער זאָל וואָס שנעלער זיך אומקערן צו איר און צו אירע קינדער. ביים ליכט־צינדן פלעגט זי יעדעס מאָל דערמאָנען די צאָל וואָכן וואָס דער מאַן פעלט פון שטוב און זיך דערביי נאָך מער צעהעשעט. וואָס מער וואָכן עס זענען

אַריבער אַלץ אומרויִקער איז זי געוואָרן, אַלץ נערוועזער איז זי געוואָרן. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס זי פלעגט אויסלאָזן איר ביטער האַרץ צו אירע צוויי קליינע מיידעלעך.

דאָס זענען געווען צוויי שיינע מיידעלעך. די עלטערע איז אַלט געווען 5 יאָר און די קלענערע נאָך נישט קיין 2 יאָר. די קינדער האָבן נאָך ווינציק פאַרשטאַנען, אָבער ס׳איז זיי געווען שלעכט. ווען די מוטער האָט זיך אויפגערעגט, האָט זי געשריגן אויף זיי. זי האָט זיי געשלאָגן אויך און דערביי אויסטערליש געשאָלטן. מיר האָבן זי געפרווט אָפּהאַלטן דערפון און זיך באַמיט זי איבערצוצייגן אַז זי טוט ווי אירע אייגענע קינדער: זיי קענען חס־ושלום בלייבן קאַליקעס אויפן גאַנצן לעבן פון די קלעפּ וואָס זי גיט זיי. אָבער דאָס האָט קנאַפּ געהאָלפן. מיר האָבן באַשלאָסן צוליב דעם צו בייטן אונדזער וווינונג, אָבער צו ערשט זענען מיר אַוועק צו דער פרויס מוטער און צו איר שוועסטער און דערציילט וועגן דער סיבה הלמאי מיר ווילן פאַרלאָזן די וווינונג. זיי, די שוועסטער און די מוטער, האָבן נעבעך געזיפצט און אונדז געזאָגט אַז זיי טוען אַלץ כדי צו פאַרלייכטערן דעם גורל פון דער געליטענער, אָבער די שוואַכקייט צו שעלטן אירע קינדער, צו דערלאַנגען זיי אַ קלאַפּ, האָט זי פון שטענדיק אָן. אויף דעם בקשה פון אירע נאָענטע זענען מיר נאָך געבליבן וווינען ביי איר אַ שטיקל צייט. איינס איז מיר געבליבן שטאַרק אין זכרון פון אָט דער פרוי: איין מאָל, קומענדיק אַהיים, האָבן מיר שוין אין גאַס געהערט די געשרייען און די געוויינען פון די קליינע קינדער. אַפילו דאָס הילכן פון פּעטש האָבן מיר געהערט. דערנאָך האָבן מיר פאַרנומען איר מענה־לשון און אירע געשרייען אויף די קינדער. זי האָט געשריגן אַז זי זאָל נאָך זוכה זיין צו גיין אויף זייערעביידע לוויות. ערשט ווען זי האָט אונדז דערזען אַריינקומען אין שטוב איז זי געוואָרן פאַרשטומט, גלייך ווי זי וואָלט זיך פאַר אונדז פאַרשעמט. ווען מיר האָבן זי געפרעגט צי זי גיט זיך אָפּ אַ חשבון פון דעם, וואָס זי האָט געזאָגט צו אירע קינדער, האָט זי זיך ווידער געוואָרפן שלאָגן די מיידעלעך. די קליינע מיידעלעך האָבן געוויינט און מיר האָבן מיטגעוויינט מיט די קינדער און זי געפרווט באַרויִקן. מיר האָבן דעמאָלט געמאָלדן דער פרויס מוטער אַז מיר גייען

אַוועק פון איר טאָכטערס שטוב. מיר קאָנען מער נישט צוזען דאָס אַלץ און מיר זענען טאָקע אַוועק ווינען ערגעץ אַנדערש.

איינצודינגען זיך ביי עמעצן אין קלאָבוצק איז נישט געווען שווער ווייל עס איז נישט געווען קיין שטוב, פון וועלכער מ׳זאָל נישט האָבן צוגענומען אַ מאַן אָדער אַ זון.

איך האָב געדאַרפט האָבן אַן אָרט ווו מ׳זאָל מיר צוהעלפן אַוועקשיקן מיינע שפּייז־פּעקלעך און דערלויבן אַריינקומען די קינדער וועלכע איך האָב געלערנט, ווי אויך די מענטשן פאַר וועלכע איך האָב געדאַרפט שרייבן בריוו. נו, בריוו־שרייבן איז ווי כ׳האָב שוין דערציילט געוואָרן ביי מיר אַ פּראָפעסיע.

די איינוווינערס פון שטעטל האָבן מיך שוין געקענט. עס זענען אַפילו געקומען צו מיר יידן וואָס האָבן מיר פאַרגעלייגט איך זאָל גיין ווינען צו זיי אָן דירה־געלט. מ׳האָט זיך „געריסן" איבער מיר מיט אַ פּרימיטיווער נאַיִוקייט. ווייזט זיך אַרויס אַז איך האָב באַקומען אַ שם, אַז דאָרט ווו איך ווין האָבן די דייטשן נישט קיין שליטה. אָט דער דאָזיקער נאַרישער גלויבן אין מיר האָט זיך גענומען פון אַזאַ פאַל:

ווען כ׳האָב נאָך געוווינט ביי דער פרוי וועלכע האָט אויף אַזאַ אויס־טערלישן אופן געפייניקט אירע קינדער, פלעגן אין יענע גאַסן אָפט פאָר־קומען אָבלאַוועס. די דייטשן האָבן געזוכט פרעמדע יידן און געשמוגלטע סחורות. מסתמא האָט דער צופאַל געוואָלט אַז ביי די אָבלאַוועס איז אונדזער הויז שטענדיק אויסגעמיטן געוואָרן. און נאָך אַ פאַל: איין מאָל האָב איך פאַרגעסן אַז נאָך 9 אַ זייגער אין אָוונט טאָר מען נישט אַרויסגיין אויפן גאַס און איך בין דווקא יאָ אַרויס צום ברונעם וואָס קעגן־איבער אונדזער ווינונג כּדי אָנצושעפּן אַ קאַן וואַסער. אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט האָב איך זיך דערמאָנט אַז מ׳טאָר נישט אַרויסגיין אין דער אָוונט־שעה און מיך איז באַפאַלן אַזאַ שרעק אַז כ׳האָב זיך אײַליק צוריקגעקערט און אַריינגעפאַלן אין שטוב. פאַר מורא טאָמער האָט עמעצער געזען מיך אין גאַס, האָב איך אויף גיך אויסגעלאָשן דאָס ליכט און פאַרגעסן צוצו־שליסן די אַריינגאַנג־טיר פון שטוב און אַזוי זענען מיר אַלע אַנטשלאָפן געוואָרן. ביי נאַכט איז אָבער פאָרגעקומען אַן אָבלאַווע אין דער דאָזיקער

געגנט. מ׳האָט געזוכט ייִדן, געקומענע פון דער פרעמד. צוגעקומען צו אונדזער שטוב האָבן די דייטשן געטראָפן די טיר אָן אָפענע. זיי זענען אַריין און מיר האָבן פלוצים דערפילט אויף זיך אַ בלענד פון שטאַרקע ליכטשטראַלן. אַז מיר האָבן זיך אויפגעוועקט האָבן מיר דערזען פאַר זיך די דייטשן. נאַטירלעך האָבן מיר זיך שטאַרק דערשראָקן און פאַר שרעק נישט געקאָנט אַרויסקריגן קיין וואָרט פון מויל. ווייזט אויס אַז דאָס שווייגן האָט אונדז געראַטעוועט. ערשט דערהער איך ווי אַ דייטש פרעגט מיין באַלעבאָסטע צי זי האָט פרעמדע מענטשן ביי זיך אין שטוב? די פרוי האָט אויף איר פויערישן אופן געענטפערט: „וואָס ווילסטו פון מיר? מיין „כלאָפּ״ האָט איר פון מיר צוגענומען אין לאַגער און איצט ווילט איר איך זאָל מיר אַריינגעמען פרעמדע „כלאָפּעס״?״ זי האָט נאָך אירע רייד פאַרפּוצט מיט פאַרשידענע אויסדרוקן אַז די דייטשן האָבן אַזש אָנגעהויבן צו לאַכן. מיט דעם זענען זיי אַרויס פון שטוב. אין יענער נאַכט האָט אָבער דער דייטש פאַרכאַפּט אַ סך צוגעפאָרענע ייִדן.

נאָך שטאַרקער איז געוואָרן דער גלויבן אַז די דייטשן האָבן נישט קיין שליטה איבער מיר ווען איך האָב ווי אַ געהילפין געאַרבעט ביים שטעטלשן שניידער. איך פלעג זיצן ביי אים פון פרי ביז ביי נאַכט און אים העלפן נייען פויערישע בורקעס. מיין גאַנצן טרויער, צער און בענקע־ניש האָב איך אַריינגעניייט אין די בורקעס וואָס דער שניידער פלעגט נאָך דעמאָלט פאַרקויפן אין די מאַרק־טעג. איין מאָל זיצנדיק ביי דער מאַשין זענען אַריינגעקומען דייטשן דורכפירן אַ רעוויזיע. זיי האָבן חושד געווען אַז דער שניידער באַהאַלט נישט כשרע סחורה. איך האָב געוווּסט אַז ער באַהאַלט טאַקע די דאָזיקע נישט כשרע סחורה אין בעט. וואָס טוט מען אַז די דייטשן זאָלן דאָרט נישט זוכן? איך האָב זיך רויִק צוגעשאַרט צום בעט, דאָרט צעשפּרייט מיינע שטיקלעך אַרבעט, עפּעס אונטערגעזונגען און אַליין זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט און געניייט. די דייטשן האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער דער שטוב, זיך דערנענטערט צו מיר, געקוקט ווי איך אַרבעט. אומגעריכט האָט זיך אָבער אין דעם מאָמענט דערהערט אַ טומל פון גאַס. וואָס איז געשען? איין גוי האָט דערשטאָכן אַ צווייטן גוי. די דייטשן זענען געלאָפן „מאַכן אָרדענונג״. צום שניידער זענען זיי מער

נישט צוריקגעקומען און דער שניידער וועלכער האָט שבת אַזוי שיין געמאַכט קידוש און די פרוי זיינע, די שניידערקע וואָס האָט געטראָגן אַ ברייטן פאַרטעך און אויפן קאָפּ אַ שייטל, האָבן „עפּנטלעך דערקלערט״ אַז דייטשן האָבן אויף מיר נישט קיין שליטה. אָפּנים אַז אויך דאָס האָט געהאַט אַ פּעולה אויפן שם מיינעם.

אין דער זעלבער גאַס האָט געוווינט אַ פרוי ע. מיט אירע צוויי קינדער. איר מאַן האָבן דייטשן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע מענער אַוועקגעשיקט אין אַן אַרבעט־לאַגער. אויך די דאָזיקע פרוי איז געקומען מיר פאַרלייגן איך זאָל וווינען ביי איר. איבערהויפּט האָט איר אַלטע שוויגער מיך געוואָלט האָבן ביי זיך ווי אַ „קמיע״.

איר וווינונג איז באַשטאַנען פון אַ צימער מיט אַ קיך. דאָס שטיבל האָט זי פאַרדונגען אַ באַרימטן שמוגלער וועלכער האָט איר געצאָלט אַ סך געלט. אין קיך האָט זי געהאַט שטיין צוויי בעטן און איינס פון זיי האָט זי מיר אָפּגעגעבן.

די פרוי ע. איז געווען אַ רייכע פויערישע טאָכטער און איר מאַן אַ בית־מדרש־בחור וואָס איר פאָטער האָט אָפּגעקליבן פאַר אַן איידעם. (אַזאַ איינער איז געווען אַן אידעאַל פאַר די פּשוטע ייִדן). די יונגע פרוי איז אין קלאָבוצק געווען אפשר די איינציקע וואָס האָט געקענט לייענען און שרייבן און זי האָט באַגערט אַז אירע קינדער זאָלן גוט דערצויגן ווערן. צו דעם איז זי געווען זייער קלוג. די אַלע יאָרן האָט זי געהאַלטן ביי זיך שמוגלערס און געפונען פאַרשידענע מיטלען ווי אַזוי צו העלפן פאַרקויפן די געשמוגלטע סחורות. פון שטיקער טעקסטיל־סחורות פלעגט די פרוי מאַכן ליאַלקעס אין דער גרויס פון אַ נאָרמאַל קינד, איינהילן זיך אין אַ פאַטשיילע און אַזוי אַרום האָט זי אַוועקגעטראָגן די געשמוגלטע סחורות. אַזוי פלעגן ביי איר דורכגיין די טעג פון אַ גאַנצע וואָך. שבת איז זי געלעגן אַ גאַנצן טאָג אין בעט און געלייענט די בריוו פון איר מאַן, צו יעדן בריוו האָט זי דערנאָך צוגעגעבן אירע אייגענע טייטשן. זונטיק אין דער פרי האָט זי אָנגעהויבן פּאַקן פאַר איר פאַרשיקטן מאַן אַ שפּייז־פּעקל. אָבער איין מאָל האָט דער מאַן איר געשריבן, אַז ער האָט זיך באַקאַנט מיט אַ גויע, וואָס וועט אים באַזאָרגן מיט עסן, אויב ער

וועט איר געבן פון צייט צו צייט אַ מלבוש. דערפאַר האָט פרוי ע. אין דעם שפייז־פעקל איצט אויך אַריינגעלייגט אַ רעשטל סחורה. נישט געקוקט אויף דעם וואָס זי איז געווען האַלב משוגע און זייער אַ סך גערעדט האָב איך זיך מיט איר באַפריינדט. איך האָב ערנסט אויסגעהערט אירע מעשׂיות. איין אָוונט ווען כ׳בין שוין געווען אויף מיין געלעגער איז זי צו מיר צוגעקומען, אַראָפּגעריסן פון מיר די קאָלדרע און אויסגערופן:

„פעלושקאַ, די מעשׂה מיט דער גויע גייט מיר עפּעס נישט אַרויס פון קאָפּ. האָט זיך מיין אַלטער דאָרט נישט געשאַפן אַ ייִדענע?!״

איך האָב זיך צעלאַכט פון גאַנצן האַרץ און איינגעשלאָפן.

צוויי יאָר שפּעטער האָב איך צופעליק געטראָפן די פרוי ע. שוין נישט אין דער היים, נאָר אין אַ פרויען־לאַגער. זי האָט מיר דערציילט אַז איר מאַן איז געשטאָרבן אין לאַגער. זי האָט נאָך צוגעגעבן אַז קומענדיק אַ מאָל אין אַ לאַגער אַריין, האָט זי דאָרט געטראָפן אַ מיידל וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין די קליידער וואָס זי האָט געשיקט איר מאַן פאַר דער „גויע״. פרוי ע. איז צוגעגאַנגען צום מיידל און זי געפרעגט צי זי איז נישט געווען פריִער אין אַ מענער־לאַגער. דאָס מיידל האָט איר געענטפערט אַז יאָ. אויב אַזוי, האָט זי שוין ווייטער געפרעגט דעם מיידל, צי זי האָט דאָרט נישט געטראָפן אַ מאַן מיטן נאָמען ע. דאָ האָט דאָס מיידל זיך געכאַפּט אין וואָס עס גייט און זי האָט איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע. נעמלעך: זי איז געווען אַ קעכן אין אַ מענער־לאַגער און דאָרט האָט זי געהאַט אַ געליבטן, איינעם אַ הער ע., און דאָס אַלץ וואָס זי האָט אויף זיך האָט זי פון אים באַקומען.

פרוי ע. וועלכע איז געווען זייער קלוג האָט, כדי אַרויסצובאַקומען פון דעם מיידל מער איינצלהייטן וועגן איר מאַן, זיך גאָר באַפריינדט מיט איר. אַזוי האָב איך זיי ביידע שפּעטער געטראָפן אין לאַגער ווי צוויי גוטע חברטעס.

אין שכנות מיט אונדז האָט געוווינט דער באַרימטער שוסטער פון קלאָבוצק ר׳ ישׂראל. אין שטעטל האָט מען אים גערופן — ישׂראל שוסטער.

איך אָבער קאָן זיין נאָמען נישט דערמאָנען אָן דעם חשיבות־טיטל ר׳ ישׂראל. ער איז געווען אַ קליין געוויקסיקער מאַן מיט אַ גרויס פּנים וואָס איז עפּעס געווען אין סתירה מיט זיין קליינעם גוף. פֿון זיין פּנים האָבן אַרויסגעלויכטן צוויי איידעלע שוואַרצע אויגן. זיין פֿרוי איז געווען אַ מאָדערנע קליין־שטעטלדיקע אינטעליגענטקע. ווערדליק דעם ווי מענטשן האָבן דערציילט, האָט זי זיך פֿאַרליבט אין איר מאַן און זי איז געבליבן צוליב אים וווינען אין דעם קליינעם שטעטעלע. זיי האָבן געהאַט צוויי קינדער, אַ זון מיט אַ טאָכטער וועלכע זענען אַזוי ווי זייערע עלטערן געבליבן איינגעקריצט אין מיין האַרצן. איך פֿלעג מיט פֿאַרגעניגן אַריינ־קומען אין זייער שטוב ווו ער איז געזעסן ביי זיין אַרבעט אויפֿן נידעריקן שוסטער־בענקעלע. איך פֿלעג דעמאָלט טראַכטן אַז דאָס שוסטער־בענקעלע פּאַסט נישט פֿאַר ר׳ ישׂראלן. זיצנדיק ביי זיין אַרבעט האָט דער דאָזיקער ייִד געטראַכט און איבערגעטראַכט אַלץ וואָס ס׳קומט איצט פֿאָר אויף דער וועלט און וואָס דאָ איז געשען. דער עיקר איז אים געווען טייער יעדער ייִד. יעדער ייִדישער קרעכץ און זיפֿץ איז שווער געפֿאַלן אויף זיין געמיט. עס איז נישט איבערצוציילן זיינע מעשׂים־טובים. שטענדיק איז ר׳ ישׂראל דער שוסטער געווען גרייט צו העלפֿן דעם אַנדערן, אַפֿילו פֿאַרן פּרייז פֿון זיין אייגן לעבן. ער האָט פֿאַר קיין שום מכשול נישט מורא געהאַט. איך פֿלעג אין ר׳ ישׂראל שוסטערס הויז פֿאַרברענגען די פֿרייטיק צו נאַכטן. אַז ער איז אַהיימגעקומען פֿון שול פֿלעגט ער עפֿענען זיין גרויסן סידור און שפּאַנענדיק פֿון איין ווינקל צום צווייטן, האָט ער אויפֿן קול געזאָגט דעם „שלום עליכם״. דערנאָך האָט ער הויך געמאַכט קידוש און זיך געזעצט צום שבת־טיש. די פֿרוי און די קינדער האָבן אים אונטערגעהאַלטן ביים זינגען די שבתדיקע זמירות.

ביי אים אין שטוב פֿלעגט זיך צונויפֿקומען די אינטעליגענץ פֿון שטעטל. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געהערט וועגן די „שוואַרצע אויטאָס״ וואָס האָבן זינט סוף 1941 אין דער שטאָט קויל (טורקער פּאַוויאַט) פּאַרצוקט, אויפֿן היטלערישן שטייגער, די ערשטע טייערע ייִדישע קינדער. מיר האָבן עס געהערט אָבער בשום אופֿן עס נישט געוואָלט גלייבן. פֿאַר־טיליקן קינדער ? דער מענטשלעכער שׂכל האָט עס נישט געקענט באַנעמען.

אָבער ר׳ ישׂראל אויף זיין שוסטער־בענקעלע האָט ביים נייען אַ הויכן שטיוול, צום איבערקויפן די דייטשן, טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט יאָ געגלייבט. דאָך האָט ער געפּונען טרייסט־ווערטער פאַר די וואָס האָבן זיי געדאַרפט. ער פלעגט דערביי צוברומען מיט צער: „איי, אַ וועלט, אַ וועלט אַרויסגעקומען!"

אַזוי האָט זיך געלעבט דאָס פאַרוואָרפענע הינטערלאַנד אויפן ראַנד פון היטלערס מלחמה מיט די ייִדן.

ביז פעברואַר 1942 האָט אין קלאָבוצק אָנגעהאַלטן דאָס דאָזיקע רויִקע לעבן. די דייטשן האָבן דאָ נישט אַרויסגעוויזן זייערע שאַרפע חיהשע נעגל. אין שטעטל זענען נאָך געווען צוויי ייִדישע שפּייז־געוועלבער. אויך דאָס צוזאַמענלעבן מיט די פּאָלאַקן איז געווען אַ גוטס, מחמת דער דורותדיקער געוווינטשאַפט. מלחמה־צייט האָט דאָס שטעטל אַפילו באַקומען אַ נייעם מקור פון פּרנסה. די דייטשישע רעגירונג פלעגט אויסצאָלן די זעלנערס זייער טאַשנגעלט מיט אַ באַזונדער אומגאַנגסגעלט, אַן אַנדערן סאָרט דייטשער מאַרק ווי דער וואָס עס באַנוצט די ציווילע באַפעלקערונג. די דייטישע באַנעס, מיליטערישע מאַרקן, זענען אין באַשטימטע געגנטן פון לאַנד געווען ביליקער ווי די נאָרמאַלע דייטשישע מאַרק; פלעגן ייִדן און נישט־ייִדן קויפן מיליטערישע באַנעס, זיי איבערשיקן מיט דער פּאָסט אין די שטעט ווו זיי זענען געווען טייערער און דאָרט זיי אויסטוישן. דאָס איז געווען אַ האַנדל מיט וועלכן ס׳האָבן זיך פאַרנומען ייִדן און נישט־ייִדן. אָבער דער קרוג טראָגט אַזוי לאַנג וואַסער ביז...

דער דייטשישער פּאָסט איז לסוף געוואָרן אויפפאַלנדיק וואָס פון דעם קליינעם קלאָבוצק שיקט מען אַרויס אַזוי פיל געלט און זי האָט גענומען אויספאָרשן הלמאי דאָס געשעט? אין איינעם אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן האָט דער ענין געקראַכט. פּלוצלינג איז דאָס גאַנצע שטעטל אַרומגערינגלט געוואָרן פון דער געסטאַפּאָ און מ׳האָט אַרעסטירט יעדן דורכגייער אין גאַס.

מוראדיק איז פאַרענדערט מיין היימשטאָט

דער ציל פון מיין פאַרלאָזן וואַרשע איז געווען צו דערגרייכן דאָס צוזאַמענזיין מיט מיינע קינדער וועלכע מיר האָבן אַ פּאָר חדשים פריִער אַרויסגעשיקט פון וואַרשעווער געטאָ און מיט אַ גוי אַריבערגעפירט צו מיינע עלטערן אין זדונסקאַ־וואָליע. אָבער ווען איך בין געקומען קיין קלאָבוצק און געזען אַז עס איז אפשר פאַראַן אַ מעגלעכקייט איבערצולעבן די מלחמה דאָ, האָב איך זיך גענומען באַמיִען צו ברענגען אַהער מיינע קינדער אויף אַ לעגאַלן אופן. ר׳ ישׂראל האָט מיר פאַרגעשטעלט יִדישע מאַכערס פאַר וועלכע ער פלעגט פון צייט צו צייט נייען עלעגאַנטע שטיוול און דאָס בעיקר פאַר פאַרשידענע טובות וואָס זיי האָבן אים געטאָן.

די מאַכערס האָבן מיר צוגעזאָגט צו פאַרשאַפן אַזאַ פּאַפּיר מיט וועלכן איך וועל קאָנען אַריבערברענגען מיינע קינדער. אָבער דאָס פאַרשאַפן מיר דאָס פּאַפּיר האָט זיך געשלעפּט אַ האַלב יאָר. סוף דעצעמבער 1941 האָבן זיי מיר געבראַכט אַ צייגעניש פאַר מיר אַליין און צוגעזאָגט אַז אין די ערשטע טעג פון חודש פעברואַר וועלן זיי מיר ברענגען אַ צווייטן (דער ערשטער איז געווען גילטיק פאַר אַ גאַנצן חודש) צו וועלכן ס׳וועלן זיין צוגעשריבן מיינע קינדער. ווי געזאָגט איז מיין דורכגאַנג־שיַין געווען גילטיק אַ גאַנצן חודש און איך האָב געקאָנט מיט אים מאַכן אַן אומ־באַגרענעצטע צאָל רייזעס. אויך מיינע אַ באַקאַנטע, פרוי בלומקע באַאומאַץ האָט באַקומען אַזאַ דורכגאַנג־שיַין, אַזוי אַזביידע האָבן מיר באַשלאָסן נישט וואַרטן און פאָרן קיין זדונסקאַ־וואָליע.

שווער איז געווען אונדזער געמיט ווען מיר, צוויי יִדישקעס מיט „יִדן־שטערנס״ אויף דער לינקער ברוסט, זענען אַריין אין וואַגאָן כּדי אַדורכצומאַכן דעם וועג פון קלאָבוצק קיין זדונסקאַ־וואָליע. די נסיעה האָט געדאַרפט געדויערן בסך־הכּל צוויי און אַ האַלבע שעה, אָבער צוויי און אַ האַלבע שעה אין די דעמאָלטיקע באַדינגונגען איז געווען זייער אַ סך. אין וואַגאָן האָבן מיר געטראָפן נאָר דייטשן. מיר האָבן דיסקרעט באַהאַלטן

אונדזערע מגן־דודס און צוגעהאַלטן מיט דער לינקער האַנט דאָס פּעקל, וואָס מיר האָבן געהאַט אונטערן אָרעם. אין קופּע איז געשטאַנען אַ טיפע שטילקייט. קיינער האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אויף דער וואַנט אַנטקעגן אונדז איז געהאַנגען אַ פּלאַקאַט אויף וועלכן ס׳איז געווען אויס־געמאָלט אַ גרויס אויער און אַן אויפשריפט: „דויטשע, דער פיַינד הערט!" עס האָט געהערשט אַ פּרעמדקייט אַפילו פון איין דייטשן זעלנער כּלפּי דעם צווייטן. ס׳איז געווען אַ באַפעל אַז איין זעלנער דאַרף אונטערוועגס מיט אַ צווייטן זעלנער נישט רעדן. אויף איינער אַ סטאַציע איז אַריינגע־קומען אַ סאָלדאַטן־קאָנטראָל און ביי אַלעמען געבעטן די דאָקומענטן. מיר האָבן מיט ציטערניש אַרויסגענומען אונדזערע פּאַפּירלעך. די קאָנטראָלערס האָבן רויק דורכגעקוקט די רייַזע־שייַנען און באַלד זיי אונדז צוריקגע־געבן מיט דייטשער העפלעכקייט. אויף דער נאָענטסטער סטאַנציע זענען די קאָנטראָלערס אַראָפּ פון צוג און מיר זענען שוין רויק דערפאָרן ביז זדונסקאַ־וואָליע.

מיר זענען אָנגעקומען קיין זדונסקאַ־וואָליע 11 אַ זייגער ביי נאַכט. ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פון וואַגאָן האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַן אויס־טערליש געפיל: זכרונות, זכרונות... און דערצו שרעק... צוויי איינזאַמע פרויען אויף אַן אָפּגעצאַמטן שטח וואָס איז באַשטימט נאָר פאַר ייִדן און דאָס — אין אַזאַ שפּעטער שעה ביי נאַכט. עס איז טאַקע אונדזער היימ־שטעטל, אָבער...

פאַר דער מלחמה איז דער וואָקזאַל אין זדונסקאַ־וואָליע יעדן אין דער פרי געווען פול מיט ייִדן, ייִדן סוחרים, פאַבריקאַנטן וואָס פלעגן אָפּשיקן זייערע סחורות מיט גרויסע פראַכט־וועגענער, איינגעשפּאַנטע אין פערד קיין לאָדזש — דעם „פוילישן מאַנטשעסטער" — און צו מאָרגנס זענען זיי אַליין געפאָרן אַהין, מיט אָט דער באַן, כּדי זיך אָפּצורעכענען מיט די לאָדזשער אָפּנעמערס און אויך כּדי צו ברענגען פרישע רוישטאָפן פאַר זייערע וואַרשטאַטן. ביים וואָקזאַל איז שטענדיק געשטאַנען אַ שורה ייִדישע דראָזשקאַזשעס, וועלכע פלעגן אויפנעמען יעדן איינעם וואָס איז געקומען צו גאַסט צו קרובים אין זדונסקאַ־וואָליע, אָדער וואָס האָט גע־האַנדלט מיט די שטעטלדיקע פאַבריקאַנטן. אַ מאָל פלעגן אויך קומען

זדונסקאַ־וואָליער פון ווייטע לענדער; געקומען אויף קבר־אָבות, אָדער אַרויסנעמען פון מאַגיסטראַט אַ מעטריקע, אַ פּטירה־שײַן צוליב ירושה־ענינים.

אין זדונסקאַ־וואָליע איז געווען באַרימט די משפּחה פון לייבעלע טרעגער. ער אַליין איז געווען אַן אַלטער אויסגעהאָרעוועטער מענטש. און אַזוי ווי זדונסקאַ־וואָליע האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ שטאָט מיט באַרימטע רבנים, רביים און סתּם גדולי־התּורה, האָט דאָס משפּיע געווען אויף דעם אָרעמען טרעגער, אַז מחמת יראת־הכּבוד צו די גרויסע מענטשן, האָט ער זיינע זין אָנגערופן מיט זייערע נעמען. איין זון האָט געהייסן לוי־יצחק (נאָך ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער), דער צווייטער זון האָט געהייסן מאָטל (נאָך ר׳ מאָטל וואָליער) און דער דריטער — מענדל (נאָכן באַרימטן אַלעקסאַנדערער רבין). אָבער איצט איז דאָס דאָזיקע וואָליע מער נישטאָ. היינט האָבן מיר נישט געטראָפן ביים וואָקזאַל איינעם פון לייבעלע טרעגערס זין. אין 1942 האָבן זיי נאָך געלעבט אין געטאָ, אָבער איצט זענען זיי מער נישט געווען קיין בעל־עגלות. ביים אַרויסגאַנג פון וואָקזאַל איז געשטאַנען נאָר איין פּוילישער דראָזשקאַזש און פאַר אים האָבן מיר עפּעס מורא געהאַט.

ווו די געטאָ־טויערן געפינען זיך האָבן מיר געוווּסט און מיר האָבן אָנגעהויבן גיין גיך צום געטאָ. צוגעקומען צו „פריינדס פּלאַץ” וואָס איז אַ מאָל געווען דער יידישער קוילן־פּלאַץ. איצט האָבן פּאָלקס־דייטשן דאָ פאַרקויפט קוילן און די יידישע באַלעבאַטים האָט מען פאַרשפּאַרט אין געטאָ. ממש יעדעס הויז אויף דעם וועג וואָס מיר זענען געגאַנגען האָט אַרויסגערופן זכרונות. אָבער מיר זענען נישט געגאַנגען נאָר געלאָפן אין גרויס שרעק. מיר האָבן מורא געהאַט אַרויסצולאָזן די פאַרע פון מויל. פאַרבייגייענדיק פיקעלניס פאַבריק האָבן מיר שוין דערזען דאָס טויער פון געטאָ.

ווייניק, זייער ווייניק יידן האָבן געזען דאָס געטאָ־טויער פון דער דרויסנדיקער זייט. דאָס זענען געווען געדיכט צוזאַמענגעקלאַפּטע גראָבע, גרויע ברעטער, פאַרפעסטיקטע מיט אייזערנע שטאַנגען און פאַרמאַכט מיט אַ גרויסן שלאָס. ביי דער זייט פון טויער איז געווען אָנגעקלאַפּט

אַ גרויסער געלער שילד מיט אַ שטאַרק אָנזעעוודיקער אויפשריפט:
„אַכטונג, זויכן צוינע״ און אונטער דעם:

„ווער עס וועט זיך דערוועגן אַריינגיין אָדער אַריבערטרעטן דעם טויער פון געטאָ אָן דערלויבעניש ווערט אויפן אָרט דערשאָסן״.

אַרום האָט געהערשט אַן אויסגעוויינלעכע שטילקייט. ס׳איז נישט געווען צו זען קיין לעבעדיקן נפש. אויך קיין דייטש איז דאָ נישט געשטאַנען. ס׳איז שפּעט ביי נאַכט. די טויערן פון זדונסקאָ־וואָליער געטאָ פלעגן געשלאָסן ווערן ניַין אַ זייגער אָוונט. מיר האָבן געוווּסט אַז עס זענען פאַראַן ווינונגען פון ייִדן אין געטאָ וואָס זייערע פענצטער גייען אַרויס אויף דער אַרישער זייט. אויף די דרויסנדיקע שטחים וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיטן געטאָ האָבן געוווינט פּאָלאַקן וואָס פלעגן העלפן די ייִדן. מיר זענען געבליבן שטיין לעבן ערשטן געטאָ־טויער, נאָענט פון פּיקעלניס פאַבריק, אָבער באַלד געגאַנגען ווייטער. נישט ווייט פון דער פאַבריק איז געווען אַ בריקל. צוגעקומען צום בריקל האָבן מיר ביידע, ווי אויטאָמאַטן, זיך אָפּגעשטעלט. דאָס בריקל איז דאָך געווען אַן עדות פון אונדזער יוגנט, פון אונדזערע קינדער־יאָרן. דאָ איז געווען דער צענטער פון אַלע יוגנטלעכע טרעפונגען. זומער ווען די אַרומיקע גערטנער זענען געשטאַנען אין זייער פולן פּראַכט, פלעגן דאָ שפּאַצירן פאַרליבטע פּאָרלעך, אַ ביסל ווייטער פון בריקל האָט זיך געצויגן ווראָבלעווסקיס גאָרטן מיט זיינע קאָלירפולע בלומען. אין דעם גאָרטן האָבן מיר שטענדיק געקויפט בלומען. מיר האָבן געקענט דעם אַלטן גערטנער און שפּעטער אויך זיינע אונטערגעוואַקסענע זין וואָס האָבן נישט געוואָלט חתונה האָבן; זיי האָבן געלעבט מיט פלאַנצן בלומען און מיט צוקוקן זיך ווי שיין זיי וואַקסן. זומער, פרייטיק נאָך מיטאָג, איז דאָס בריקל געווען זייער באַלעבט. דאָס בריקל איז געלעגן אויפן וועג וואָס צווישן וואָקזאַל און דעם שטאָט־צענטער. אין די פרייטיקדיקע נאָכמיטאָג־שעהען, ווען ייִדן־פאַבריקאַנטן, סוחרים, ליוועראַנטן, האָבן זיך צוריקגעקערט פון לאָדזש מיט דער לעצטער פאַר־שבתדיקער באַן, פלעגן זיי אָפּגעוואַרט ווערן פון זייערע קינדער — אויסגעפּוצטע אין די שבתדיקע מלבושים: די מיידלעך מיט ערשט אויסגעצוואָגענע קעפּעלעך און די ייִנגלעך — מיט די פרישׂ צוגעדרייטע פּאהלעך.

אָט דאָ, ביים בריקל האָבן זיי אָפּגעוואַרט די טאַטעס. איצט זענען מער נישטאָ קיין ייִדישע קינדערלעך. דאָס בריקל איז טאַקע געבליבן, אָבער ס׳איז שוין נישט דאָס וואָס געווען. אויך דער גרויסער שטיין דערנעבן וועט אַוודאי גאָרנישט דערציילן.

גייען מיר ווייטער. מיר זענען שוין ביי דער רויטער ציגל־פאַבריק פון בוימאַצן. מיר זענען שוין נאָענט צו דעם באַרימטן וואָליער „קורצן־געסל". אין דעם געסל מיט די דריַי וויַיסע געמויערטע הייזער האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט די שפּעטערדיקע ייִדישע גרויס־אינדוסטריאַלן, די דינאַסטיעס חסידישע פאַבריקאַנטן, די ווינערס, די פּיליצערס און אַנדערע. אין דעם דאָזיקן קליינעם געסל האָבן זיי אפשר אַרויסגעגעבן דעם וואָליער כאַלופניק די ערשטע קעטע. פון דעם געסל האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גוטע מזל פון וואָליע ווי אַן אינדוסטריע־שטעטעלע. פון דאַנען האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער עקספּאָרט קיין רוסלאַנד. שפּעטער ווען די גע־שעפטן האָבן אָנגעהויבן גיין גאָר גוט, מ׳האָט גענומען בויען אין וואָליע גרויסע פאַבריקן און הייזער, איז די ווינערס און פּיליצערס ענג געוואָרן און זיי זענען אַוועק אין דער ניי־אויפגעקומענעם לאָדזש.

אינעם אָנשטראָם פון די אַלע דערינערונגען, זענען מיר אָנגעקומען צו ראַקאָסאָווסקיס הויז ווו עס האָט זיך געפונען די קאָמענדאַנטור פון דער דייטשישער פּאָליציי. דאָ האָבן מיר שווער אָפּגעזיפצט. אפשר איז דאָס די איראָניע פון גורל. אַפילו אַ הויז האָט זיך זיין מזל.

פאַר דער מלחמה האָט דאָ געוווינט דער בירגערמייסטער פון דער שטאָט, אַ מענטש, וואָס איז געווען דער אמתער באַלעבאָס פון שטאָט. אַ פּאָלאַק, וואָס האָט געלעבט אין אַמעריקע, אָבער נאָך דעם ווי פּוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק האָט ער זיך פאַרבענקט אַהיים און איז צוריק־געקומען אין זיין היימשטאָט. אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט מען אים אויסגעוויילט פאַרן בירגערמייסטער פון זדונסקאַ־וואָליע. די שטאָט האָט מיט אים געטראָפן און ער איז געווען ביי אַלעמען באַליבט. איך האַלט אַז אַ דאַנק אים האָבן די וואָליער ייִדן אין די אומהיימלעכע פאַרמלחמה־יאָרן נישט געפילט אַזוי שטאַרק די אַנטיסעמיטישע לופט וואָס די ענדעקעס האָבן אַריינגעבראַכט אין שטעטל. אויך די וואָס זענען באַקאַנט געווען

ווי נישט קיין ייִדן־פֿריינד, די דאָמבראָווסקיס, טרושקאָווסקיס און מיכאַל־סקיס האָבן אים רעספּעקטירט פֿאַר דער גוטער אָרדענונג, וואָס ער האָט איינגעפֿירט אין שטאָט. שפּעטער איז דער בירגערמייסטער שאַניאַווסקי אויסגעוויילט געוואָרן פֿונעם ראַיאָן פֿאַר אַ דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים. ווען די דייטשן האָבן זיך דערנענטערט צו דער שטאָט האָט ער ערגעץ אויסגעוואַנדערט מיט זיין פֿאַמיליע.

איצט איז פֿאַר דעם הויז געשטאַנען אַ דייטשישע וואַך, אָבער זי האָט אונדז נישט פֿאַרהאַלטן. דערגאַנגען צום פּלאַץ פֿון „ביילע איטעס״ הויף האָט מען שוין געקאָנט זען די געטאָ־הייזער. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו אַ גרענעץ־הויז און שטיל אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער. מיר האָבן באַלד דערהערט טריט און ס׳פֿענצטער האָט זיך געעפֿנט. מיר זענען אַיִליק אַריינגעשפּרונגען אין שטוב.

ווי די מענטשן האָבן אונדז דערציילט פֿלעגן זיי זיך שטענדיק צוהערן אויב עמעץ קלאַפּט נישט אין פֿענצטער. זייער אָפֿט פֿלעגן קריסטן אַריינ־וואַרפֿן שפּייז דורך די פֿענצטער. פֿאַר דעם שפּייז פֿלעגן די קריסטן קריגן סחורות וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין געטאָ. אין זדונסקאַ־וואָליער געטאָ האָבן ייִדן נאָך צו ביסלעך פֿאַבריצירט טעקסטיל־סחורות וואָס פֿלעגן אַרויסגעשמוגלט ווערן מחוץ די גרענעצן פֿון „רייך״.

שווער צו באַשרייבן די פֿרייד פֿון די ייִדן ווען זיי האָבן אונדז דערזען. שוין לאַנג האָבן זיי נישט געזען קיין נייַ ייִדיש פּנים, קיין ייִד וואָס קומט פֿון „דרויסן״, פֿון דער וועלט וואָס מ׳האָט פֿאַר זיי פֿאַרצוימט מיט אַ פּאַרקאַן. אויך מיר זענען אויפֿגעציטערט געוואָרן ווען מיר האָבן דערזען די פּנימער פֿון די געטאָ־ייִדן, מיר, די אַריינגעקומענע פֿון „דרויסן״, האָבן געזען פֿאַר זיך נידערגעשלאָגענע, פֿאַרפּייניקטע געטאָ־ייִדן, מענטשן פֿון אַן אַנדער וועלט.

נישט געקוקט דערויף וואָס עס איז שוין געווען שפּעטער אָוונט, זענען די נאָענטע שכנים געקומען אונדז באַגריסן. געווען זענען דאָס פֿאַר אונדז פֿרעמדע מענטשן, נישט קיין זדונסקאַ־וואָליער, איינגעוואַנדערטע פֿון אַנדערע שטעטלעך. מיר האָבן געוואָלט גיין זען אונדזערע קרובים. דאָ, אין געטאָ, האָט יעדע פֿון אונדז, איך און מיין באַגלייטערין, געהאַט די

עלטערן, קינדער און שוועסטער, וועלכע האָבן נאָך נישט געוווסט פֿון אונדזער קומען. מיר האָבן אָבער געמוזט וואַרטן ביז טאָג. אין דער פֿרי האָט אונדזער אָנקומען אין געטאָ אַרויסגערופֿן אַ רעש און אַ שטוינונג. מיר האָבן באַלד געמוזט זיך מעלדן אין דער ייִדישער פּאָליציי. אויך די פּאָליציי האָט אונדז וואַרעם אויפֿגענומען, אָבער אונדזערע פּאַפּירן זענען אויך פֿאַר דער פּאָליציי געווען אַן איבערראַשונג. ביז היינט האָבן זיי אַזעלכע דאָקומענטן נישט געזען. די איבערראַשונג פֿון דער פּאָליציי האָט אויף אונדז אָנגעוואָרפֿן אַן אומבאַגרייפֿלעכע שרעק. ווער ווייס וואָס פֿון דער סענסאַציע קען אַרויסקומען אין אַזאַ צייט!

די פּאָליציי־לייט זענען געווען 35 וואָליער בחורים, יונגע מענטשן וועלכע זענען נאָך מיט יאָרן צוריק אַוועק פֿון שטעטל אין דער וועלט אַריין. געווען אַ מאָל אַ מאָדע — צו פֿאָרן קיין דייטשלאַנד. דאָרט האָט אַ ייִדישער האַנטווערקער גוט פֿאַרדינט, זיך אויסגעמענטשלט, געוואָרן אַ לייט. אַזעלכע וואָלטן מסתּמא פֿאַרגעסן אין זייער געבוירן־אָרט, אָבער דער דייטש האָט זיי דערין דערמאָנט. ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט איז אַ סך וואָליער געלונגען זיך אַרויסצובאַקומען פֿון דאָרט. אָבער אַ סך האָבן פֿאַרשפּעטיקט און זענען פֿון דייטשלאַנד אָפּגעשיקט געוואָרן מיט טראַנספּאָרטן קיין פּוילן. היות זיי האָבן באַהערשט די דייטשישע שפּראַך, האָבן זיי זיך בימי געטאָ געשטעלט אין דינסט פֿון דער געטאָ־אָנפֿירונג. זיי האָבן זיך אויפֿגעפֿירט מיט ווערדע און מיר דאַכט זיך אַז די מילדע אַטמאָספֿער וואָס האָט געהערשט אין זדונסקאַ־וואָליער געטאָ דאַרף טיילווייז צוגעשריבן ווערן דער ראָל פֿון דער וואָליער ייִדישער פּאָליציי.

אין היימישן קרייז

מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם בין איך אַריין אין הויז פֿון טאַטע־מאַמע. דאָרט זענען אויך געווען מיינע קינדער און מיינע שוועסטער און ברודער.

נאָך דעם ווי כ׳האָב אַ לאַנגע צייט געלעבט אין וואַרשעווער געטאָ, געוואַנדערט דערנאָך איבער פאַרשידענע שטעט, זיך געטראָפן מיט פּלעטליי ייִדן, האָב איך אין דער ערשטער רגע נישט באַמערקט אַז דאָס לעבן אין הויז פון מיינע עלטערן האָט זיך אויסערלעך געענדערט.

עס איז פּרייטיק אין דער פרי. דער טאַטע איז אין בית־מדרש, די מאַמע גרייט דעם שבת. אין די דריי קליינע שטיבעלעך וואָס מ׳האָט זיי צוגעטיילט אין געטאָ, דרייען זיך אַרום קינדער, אייניקלעך און פרעמדע. אַלץ איז ווי, דאַכט זיך, ס׳איז אַמאָל געווען.

אַ ביסל שפּעטער איז מיין פאָטער אַהיימגעקומען פון דאַווענען. ס׳ערשטע מאָל האָב איך דערזען מיין פאָטער אָן אַ באָרד. דער טאַטע קושט מיך אין פּנים! צום ערשטן מאָל האָט מיין טאַטע מיך געקושט אין פּנים. זיינע גרויסע, בלויע אויגן לייכטן און זיין פּנים דריקט אויס דורכויסיקע גרויסע פרייד.

מ׳האָט מיך שוין דערציילט פון דעם טאַטנס מיינונגען וועגן די דייטשע רוצחים. מ׳האָט מיר אויך שוין באַוויזן צו דערציילן אַז דער טאַטע איז עוסק אין מצוות און מעשים־טובים. ער מאַכט אַלע אָנשטרענגונגען כּדי צו ראַטעווען די יונגע קינדער און אייניקלעך.

דעם טאַטנס ערשטע פראַגע איז געווען: „ווען פאַרסטו פון דאַנען אַוועק?" אַ ציטער איז אין מיר אַדורך איבערן לייב ווען כ׳האָב געהערט די דאָזיקע פראַגע. איך האָב דאָך באַגערט צו בלייבן צוזאַמען מיט מיינע נאָענטסטע. אָט ערשט בין איך געקומען און שוין פרעגט מיך דער טאַטע ווען איך פאָר אַוועק? איז דאָ באמת אַזוי סכּנותדיק? איז ערגעץ אַנדערשוווּ זיכערער? פון וואַרשע האָט מיך געטריבן מיין מאַן און פון דאַנען — דער טאַטע...

מיט מיינע קינדער האָט זיך פאַרנומען מיין חתונה געהאַטע שוועסטער. אויך מיין ייִנגסטער ברודער האָט איר פיל געהאָלפן. איצטער איז ער געווען דער הויפּט־פאַרדינער. ערשט מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז ער אויפגעשטאַנען פון בעט. די דייטשע סאַדיסטן האָבן אים געהאַט מערדער־לעך צעשלאָגן.

ווען די דייטשן זענען אַריין אין זדונסקאַ־וואָליע און פאַרנומען זיך אָנטאָן צרות די ייִדן, געכאַפּט זיי צו אַרבעט אַאַז״וו א״וו, האָבן זיי צוגע־בונדן מיין ברודער צו אַ מאָטאָציקל און אים געלאָזט אין גאַנג. דאָס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט און מיין אָרעמער ברודער חיים האָט געמוזט מיט אַלע כּוחות נאָכלויפן דעם מאָטאָציקל און שפּעטער, ווען ער איז געפאַלן, האָט ער זיך געשלעפּט איבער דער ערד. ווי אַזוי ער איז געבליבן לעבן האָט קיינער נישט תּופס געווען. חדשים לאַנג נאָך דעם איז ער געלעגן אַ געשוואָלענער אין בעט.

אַזוי בין איך אָנגעקומען קיין זדונסקאַ־וואָליע פריייִטיק אין דער פרי. מיין מאַמע האָט שוין נישט געצונדן די שבת־ליכט אין אירע זילבערנע לייכטערס. די לייכטערס און אַנדערע ווערטזאַכן זענען באַגראָבן געוואָרן אויסערן געטאָ. שטראָמען טרערן האָבן זיך געגאָסן פון דער מאַמעס אויגן ביים אָנצינדן די אָרעמע ליכטלעך. זי האָט געוויינט אויפן גורל פון דער טאָכטער און די אייניקלעך אין לאָדזשער געטאָ, אויפן גורל פון איר זון און אייניקלעך אין טשענסטאָכאָווער געטאָ און געוויינט, טראַכטנדיק וועגן דער גליקלעכער טאָכטער אין רוסלאַנד — זאָל זי כאָטש אָפּגעהיט ווערן פון גאָט... נאָכן ליכט־צינדן זענען שכנטעס אַריינגעקומען מיך באַגריסן. זיי האָבן אָנגעהויבן אויספרעגן פון דער גרויסער וועלט. קיין צייטונג איז אַהער נישט אָנגעקומען און די ייִדן זענען געווען אָנגעוויזן נאָר אויף די נייעסן וואָס עס האָבן געבראַכט די אַריינגעקומענע קריסטן.

מיין פאָטער איז צוריקגעקומען פון בית־מדרש אין באַגלייטונג פון אַ פּאָר מענטשן. אויפן טיש זענען געווען צוגעגרייט צוויי קליינע חלות צו מאַכן קידוש. געווען איז דער טאַטע אָן אַ שטריימל ווייל אויך דאָס שטריימל מיט דער זילבערנער שפּאַניע פון טלית זענען באַגראָבן געוואָרן אין באַהעלטעניש צוזאַמען מיט די לייכטערס. דער טאַטע און די אורחים האָבן זיך געוואַשן צו דער סעודה און אַלע האָבן זיך געזעצט צום טיש. מיר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן. איך האָב זיך דערמאָנט די שבת־יום־טובדיקע טישן פון מיין קינדהייט און יוגנט. דעמאָלט פלעגט דער טאַטע נאָכן אָפּעסן די פיש זיך וואַשן די הענט און אַריינקוקן אין ספר „שפת אמת״. כּמעט אַלע יאָרן ווען איך בין געווען אין דער היים,

פלעג איך אים דערלאַנגען דעם ספר. מיין טאַטע האָט מעיין געווען אין באַזונדערע קאַפּיטלעך און זיך געלאָזט הערן: „דער רבי זצ״ל זאָגט...״ מיינע ברידער און די שוואָגערס וואָס זענען געווען חסידים פון דעם ממלא־מקום פון „שפת אמת״, האָט דער אויסדרוק „דער רבי זאָגט״ שטאַרק פאַרדראָסן. אָבער זיי האָבן מיין פאָטער קריטיקירט נאָר אין שפּאָס: „דער טאַטע, דער שווער איז דאָך נישט קיין גערער חסיד״. זיי האָבן מיט דעם געמיינט צו זאָגן אַז נישט געקוקט אויף דעם וואָס דער „שפת אמת״ איז נפטר געוואָרן איז ער דאָך געבליבן צוגעבונדן צו דער פירונג פון דעם אַלטן רבין און זיין מלא־מקום איגנאָרירט ער. דערויף פלעגט דער טאַטע זיי, די יונגע חסידים, דערציילן אַז ביים „שפת אמת״ זצ״ל האָט מען נישט געפּטרט די צייט בלויז אויף פראַווען חסידות. מ׳האָט אַ סך געלערנט און פון דער תורה האָט אַרויסגעשפּראָצט שמחת־חיים. אמת — פלעגט ער זאָגן — מיר האָבן אויך געבטלט צייט: תמיד געפּרייט זיך מיטן באַשאַפער פון דער וועלט, אָבער געלערנט, אַ סך געלערנט!

דער נאָכוואַקסנדיקער דור, דער יונגער דור, איז פון שטענדיק אָן געווען די זאָרג פון מיין פאָטער. ער האָט אָפט איבערגעחזרט, אַז דער יונגער דור האָט פון חסידות אַרויסגענומען נאָר דעם לייכטן טייל, דאָס גרינגע, די פרייד פון לעבן. ביים טיש איז אַלע מאָל געווען אַ לעבהאַפטי־קער איבעררייד וועגן דעם יידנס תוך.

איצט ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דאָס עסן זענען כמעט אַלע חסידים פון געטאָ אַריינגעקומען צום טאַטן. זיי האָבן זיך צוגעזעצט צום טיש און געפּרוווט עפּעס איבעררעדן, פרעגן, און פון צייט צו צייט האָט ביי עמעצן זיך אַרויסגעריסן אַ קרעכץ. דער אַלטער שוחט ר׳ אַהרן האָט גאָרנישט גערעדט, רק געקרעכצט... די יינגערע האָבן זיך אָנגערופן: „האַ! ר׳ אַהרן, וואָס איז געשען?! היינט איז דאָך שבת... מיר האָבן, ב״ה, געמאַכט קידוש און מיר האָבן, ב״ה צו בענטשן מיט מזומן... האַ, ווו איז אמונה!״

— איך וועל זיך פרייען, ווען איך וועל זיצן מיט אליהו הנביא — האָט ער געענטפערט ווידער מיט אַ קרעכץ — אוי, ווו זענט איר! אליהו הנביא, בעל־שם־טוב! — האָט ער אויסגעשריגן.

מיך האָט געוווּנדערט וואָס היטלערס נאָמען איז קיין איין מאָל נישט דערמאָנט געוואָרן. כ׳האָב געפרעגט מיין פאָטער ווי אַזוי קאָנען ייִדן היינט זיצן צוזאַמען און נישט דערמאָנען היטלערן, ימח־שמו. — וואָס רעדסטו, קינד? — האָט מיר דער טאַטע געענטפערט — מטמא זיין אַ שבתדיקן טיש מיט דעם ימח־שמו?!

אין קליינעם שטעטעלע קלאָבוצק האָב איך געלעבט אַן אָפּגעזונדערטע, נישט געהערט קיין תורה־וואָרט, נישט געהאַט צו טאָן מיט מענטשן וואָס האָבן אינטערעס פאַר געשעענישן פון דער וועלט. נאָר די קליינע פּערזענ־לעכע וועלט האָט מיך אַרומגערינגלט און געשטיקט. דאָ, אין הויז פון טאַטע־מאַמע, האָב איך ערשט רעכט באַנומען די איינזאַמקייט אין וועלכער איך האָב זיך דאָרט געפונען צווישן די פרעמדע מענטשן. איך האָב אָבער אויך געוווּסט אַז דאָס וואָס געשעט איצט אויף דער וועלט, דאָס וואָס עס געשעט מיט אונדזער פאָלק, איז פאַר מיין פאָטער אַ רעטעניש אויפן וועלכן ער זוכט אַן ענטפער אין זיינע ספרים.

נאָך אין וואַרשע האָב איך אַ סך מאָל געהערט דערמאָנען דעם נאָמען פון מיין פאָטער. אין אַ געזעלשאַפט ווו מען האָט מיך נישט געקענט האָב איך אַ מאָל געהערט נאָכזאָגן מיין טאַטנס מיינונגען. מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ חכם הרואה את הנולד.

איצט האָב איך אויך געוואָלט אים פרעגן און באַקומען אַן ענטפער אויף אַ סך זאַכן, כ׳האָב טאַקע געפרעגט אַ ריי שאלות מיט גרויס ווייטיק. דער טאַטע האָט אָבער פרום געשלאָסן זיינע בלויע אויגן און געזאָגט:

— אַזוי וויל דער רבונו־של־עולם, און מן־הסתם איז ער גערעכט. דו פאַר צוריק אין דעם קליינעם שטעטעלע אַריין. אַלע וועלן מיר זיך נישט ראַטעווען. איך אָבער וויל אַז עס זאָל פון אונדז בלייבן אַ זכר... אַז כאָטש עמעצער זאָל זיך ראַטעווען.

נאָך דעם שבת איז געקומען דער זונטיק. איך בין אַרויס אין גאַס זיך צוקוקן פון דער נאָענט וואָס עס געשעט דאָ. דאָס וואָליער געטאָ האָט פאַרנומען אַ קליינעם שטח אין שטעטל. אַרום און אַרום זענען דאָס

געווען דרײַ גאַסן: די סטענשיצער גאַס, אַ טייל פון דער יוליושאַ און די יאַרן־גאַס. דאָס געטאָ איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן און אין אַלע פיר עקן זענען געווען אַריינגאַנגס־טויערן. ווען מ׳האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל, האָט מען געזען די וואָליער קוימענס, וואָס האָבן אויך איצט נאָך געשיקט זייער רויך צום הימל. אין די ייִדישע פאַבריקן וואָס האָבן זיך געפונען מחוץ דעם געטאָ האָט מען אַריינגעזעצט דייטשישע קאָמיסאַרן און ס׳זענען דאָרט ווייטער פּראָדוצירט געוואָרן טעקסטיל־סחורות, אָבער שוין פאַרן קריגס־געברויך, פאַר די דייטשע מושלים.

אויך אין געטאָ וואָס איז געווען פאַרמאַכט און פאַרשלאָסן האָט פּולסירט אַ לעבן. דאָס לעבן האָט געמאָנט ס׳זייניקע! די איינגעשלאָסענע ייִדן האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו טראַכטן און צו זאָרגן. דער עלטערער דור האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף. ס׳איז אמת, אַלץ איז סיי ווי סיי הבל־הבלים, עס לוינט נישט מער זיך צו ראַנגלען, אָבער די ייִנגערע...

ווען איך שרייב פון וואָליע, קאָן איך נישט אויסמיידן דעם זדונסקאַ־וואָליער העלד, דעם הערשער פון דער וואָליער גנבים־באַנדע ר׳ נחום־אלי. אויב עס זענען דאָ אַזעלכע וואָס קאָנען נישט לעבן שיין, זענען אָבער דאָ אויך אַזעלכע וואָס פאַרמאָגן דעם כּוח שיין צו שטאַרבן. און דאָס איז אויך אַ מדרגה.

זדונסקאַ־וואָליע איז געווען באַוווּסט אויך מיט אירע גרויסע ייִדישע גנבים־באַנדעס. איז געשען אַן ערנסטע גנבה ערגעץ איז פּיעטרקאָוו, קאַליש אָדער אַנדערשווו; די גנבים האָבן אויסגעליידיקט סחורה־לאַגערס אָדער גאָר אָפּגעשניטן נאָך נישט פאַרטיקע סחורות פון די וועבשטולן אַראָפּ, האָט די פּאָליציי שוין דערקענט וועלכע „ספּעציאַליסטן" ס׳האָבן דורכגעפירט דאָס שטיקל אַרבעט. עס האָבן אָבער נישט געהאָלפן קיין זוכענישן, ווייל די געגנבעטע סחורות האָבן זיך שוין געפונען ערגעץ ווייט. עס זענען געווען גאַנצע משפחות וואָס האָבן זיך „פּראָפעסיאָנעל" אָפּגעגעבן מיט דעם פאַך. איך וויל נישט אויסרעכענען קיין פאַמיליע־

נעמען, ווייל אין אַלע עקן וועלט געפינען זיך קרובים פון די משפּחות און זיי פירן דווקא אַ פיין אָנשטענדיק לעבן.

אַ סך פון די דאָזיקע גנבים זענען אין צווייטן וועלטקריג אומגעקומען אין תּפיסות, אויף תּליות. די היטלעריסטן האָבן זיי פאַרטיליקט ווי ייִדן. אָבער דעם נאָמען פון נחום־אלי דאַרף מען דערמאָנען מיט כּבוד.

דאָס איז געווען אַ מענטש מיט צוויי לעבנס: אַ פּריוואַט ייִדיש לעבן און אַ גנביש לעבן. ער האָט געהאַט אַ פיינע, אָנשטענדיקע פרוי, אַ שטאַרק רעליגיעזע. זי האָט געפירט אַ פרום באַלעבאַטיש הויז. זיי האָבן געהאַט פיר קינדער, צוויי זין און צוויי טעכטער. די קינדער זענען געוואָרן דערצויגן צו גלייך מיט די בעסטע קינדער פון שטאָט. די מיידלעך האָבן זיך געלערנט אין שול און די ייִנגלעך — אין די חדרים. ווען זיי זענען עלטער געוואָרן האָבן זיי געלערנט שיעורים ביי די בעסטע מלמדים. אָבער אין דער זעלביקער צייט, ווען זיין היים האָט געקאָנט דינען ווי אַ מוסטער פון סאָלידקייט איז נחום־אליס פּרנסה געווען ווייט פון אָרנט־לעכקייט. זיין עובֿדה איז געווען צו אָרגאַניזירן גנבים־באַנדעס וועלכע פלעגן באַגנבענען פאַבריקן, געוועלבער און אויך ווינונגען. אויף צו מאָרגנס נאָך דער גנבֿה האָט מען זיך גלייך געווענדט צו נחום־אליהו און ביי אים האָט מען זי טאַקע אויסגעקויפט. דאָס איז געווען אַ נאָרמאַלע זאַך אין שטאָט. עס האָט זיך לסוף אַזוי געמאַכט אַז עטלעכע יאָר פאַרן אויסבראָך פון צווייטן וועלטקריג האָט די פּאָליציי אים אָנגעהויבן רודפן. נו, האָט נחום־אלי געפונען אַ „לייכטערע" פּרנסה: ער האָט גענומען אָפּדרוקן פּוילישע זלאָטעס. דאָס געלט־פאַבריקל האָט געאַרבעט אַ צייט, אָבער סוף גנבֿ לתּליה, מ'האָט אים דערווישט און איינגעזעצט אין תּפיסה אויף פינף יאָר.

אין תּפיסה האָט נחום־אלי אַרויסגעוויזן זיינע גרויסע פעיִקייטן אויך אויף אַנדערע געביטן. אין דער קאָלישער תּפיסה האָט דער גנבים־פירער זיך אַזוי אויסגעטויגט אַז ער איז באַשטימט געוואָרן פאַרן אויפזעער איבערן טעקסטיל־וואַרשטאַט וועלכער איז באַדינט געוואָרן דורך די אַרעסטאַנטן. קורץ פאַר דער מלחמה איז נחום־אלי באַפרייט געוואָרן און זיך צוריקגעקערט אַהיים. מער האָט מען שוין נישט געהאַט קיין צרות

פון זיינע שלעכטע פּירוגגען. ווי אַ סך אַנדערע האָט ער זיך פּאַרנומען מיט האַנדל און שמוגל און תּמיד אַרויסגעוויזן אַ סך מענטשלעכקייט. ער איז שטענדיק געווען דער ערשטער צו העלפֿן דעם וואָס האָט זיך דערין געניייטיקט. מ׳קאָן אַפילו זאָגן אַז נחום־אלי האָט אַ סך מענטשן אין וואָליע מפרנס געווען; ווּעמען דירעקט און וועמען אומדירעקט. ספּעציעל האָט ער געהאָלפֿן דעם בעל־תּורה, דעם איש תּמים.

ס׳איז אָבער געקומען דער דויערנדיקער בין־השמשות פֿאַר ייִדן. די דייטשן האָבן ווי באַוווסט אומעטום אומגעבראַכט ייִדן. זיי האָבן עס געטאָן לויט אַ סיסטעם: זיי פּלעגן אויסטראַכטן אויף אַ מענטש עפּעס אַן עבֿירה און אים עפּנטלעך געהאָנגען אָדער געשאָסן. עס איז געווען אַ נישט זעלטענע דערשיינונג אַז די גייערס אויף די וועגן זאָלן פּלוצעם דערזען הענגען אַ מענטש אויף אַ בוים. אָפֿט איז צו די פֿיס פֿון הענגענדיקן געווען צוגעפּעסטיקט אַ ברעטל מיט אַן אויפֿשריפֿט: „פֿאַר וווכערפֿערגעונגניס. פֿאַר שוואַרצשלאַכט״.

אַ געוויסע צייט איז אין זדונסקאַ־וואָליע געווען רויִק. ס׳איז אָבער געווען אַ רויִקייט וואָס האָט באַאומרויִקט. מיט וואָכן צוריק האָט מען דאָ געהאַט אויפֿגעהאָנגען צען ייִדן און די תּליות פֿאַר די ייִדן זענען צוגע־גרייט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַדע. מ׳האָט אַפילו צעשיקט „איינלאַדונגען״ אין די ייִדישע הייזער אין וועלכע עס איז געשריבן געוואָרן אַז אין אַ באַשטימטער שעה דאַרפֿן זיי, די ייִדן, זיך געפֿינען אויפֿן באַשטימטן פּלאַץ ווו מען וועט קעפּן די „פֿאַרברעכערס״. אויך די משפּחה־מיטגלידער פֿון יעדן פֿאַרמשפּטן האָבן געדאַרפֿט זיך צושטעלן אויפֿן „פּאַראַדע־פּלאַץ״ און זיך צוקוקן ווי מ׳פּירט אויס דעם אורטייל. ד׳ערצו האָט מען געמוזט שטיין רויִק, שטייף. ווער עס האָט געמאַכט די קלענסטע באַוועגונג וואָס איז באַמערקט געוואָרן פֿון אַ דייטש, איז אויפֿן אָרט דערשאָסן געוואָרן.

ס׳איז געווען אַ טאָג ווען ס׳האָבן זיך פֿאַרשפּרייט וויסטע קלאַנגען אַז אָט־אָט וועלן די דייטשן ווידער אויסגעפֿינען נייע קרבנות צו הענגען און מ׳האָט מיט פּחד געוואַרט צו זען וועמען דער גורל האָט פֿאַרמשפּט. שפּעטער האָט מען זיך דערוווסט די נעמען פֿון די קרבנות. אויף דער

ליסטע פון די פאַרמשפּטע האָט זיך אויך געפונען נחום־אלי. ביי די וואָליער איז טאַקע פאַרבליבן ווי אַ לעגענדע נחום־אליס גיין צו דער תּליה. צוזאַמען מיט אים איז אויך געגאַנגען צו דער תּליה שלמה זשעלי־כאָווסקי, וועלכן ס׳האָט באַזונגען אין אַ ליד דער דיכטער יצחק קאַצענעל־סאָן. נחום־אלי, דערציילן עדי־ראיה, איז טריט ביי טריט צוגעגאַנגען צום עשאַפאָט. ווען דער הענקער האָט אויפגעהויבן די שטריק כּדי זי צו פאַרוואַרפן נחום־אלין אויפן האַלדז, האָט דער פאַרמשפּטער אויסגעשריגן: „שמע ישׂראל, ייִדן, האָט נישט קיין מורא, עמלק וועט באַקומען זיין סוף!״ דאָס זענען געווען זיינע לעצטע ווערטער. ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה. יהי זכרו ברוך.

דאָס אַלץ איז געווען ערשט שפּעטער, אין די וויסטע יאָרן פון חורבן וואָס היטלער ימ״ש האָט געבראַכט אויף אונדזער פאָלק. דאָ זענען אָבער נאָך די רייד וועגן דעם, ווי אַזוי איך בין צוריקגעקומען קיין וואָליע. אויך נחום־אלי איז דעמאָלט געקומען זיך פרייען מיט מיר אין מיין טאַטנס הויז. דערזען אים, האָב איך זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם בילד וואָס איך האָב געדענקט פון מיינע קינדער־יאָרן, ווען נחום־אלי האָט אין אַ ווינטער־אָוונט צוריק אַריינגעוואָרפן צו אונדז די געגנבעטע סחורות וואָס מיר האָבן ביי אים אויסגעקויפט. איצט איז פאַר מיר געשטאַנען אַן אַנדער נחום־אלי. ער האָט מיך גענומען פאַרשיטן מיט פראַגעס, הלמאי איך בין אַהער געקומען און פאַר וואָס איך פאָר נישט באַלד צוריק. די פראַגעס זענען מיר געווען אומפאַרשטענדלעך. כ׳האָב זיך נישט געקאָנט געפינען קיין אָרט אין טאַטע־מאַמעס שטוב. כ׳בין געגאַנגען צו מיינע חברטעס מיט זייערע פאַמיליעס. און אוי־ווי, אויך אין זייערע היימען האָבן שוין געפעלט אייגענע, וועלכע זענען „אַוועק״ מיט אַ נאָרמאַלן און אויך מיט אַן אומנאָרמאַלן טויט. טייל פון מיינע באַקאַנטע זענען קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט, אַ פּועל־יוצא פון וווינען אין ענגשאַפט און נויט אין געטאָ.

ס׳איז מיר שווער געווען אויפן האַרץ! כ׳האָב גערן געוואָלט דאָ בלייבן מיט אַלע צוזאַמען, אָבער אין קעשענע האָב איך געהאַט דעם דורכגאַנג־

שייַן, וועלכער איז געווען גילטיק נאָך אויף דריַי וואָכן. די שטימונג איז געווען אַ געדריקטע און שווער איז מיר געווען דאָס באַשליסן. לסוף איז ביי מיר געבליבן אַז איך וועל צוריקפאָרן קיין קלאָבוצק „אויסאַרבעטן" די צוגעזאָגטע רייַזע־שייַנען פאַר מיינע קינדער, פאַר מיינע קרובים און באַקאַנטע און מיר אַלע וועלן צוזאַמען אַוועק פון דאַנען. מיר וועלן בלייבן אין קלאָבוצק ווו מ׳האָט נאָך געקאָנט פירן אַ רויִק לעבן. יאָ, איך האָב גענומען צוואַיילן מיין אַרויספאָר.

איך האָב געדאַרפט נעמען דעם צוג 11 אַ זייגער ביי נאַכט. די טויערן פון געטאָ זענען געשלאָסן געוואָרן פאַר נאַכט. היות מיין קומען איז געווען אַ סענסאַציע, האָט מען מיט שפּאַנונג דערוואַרט מיין אַרויסגיין צוריק פון געטאָ. שפּעט ביי נאַכט האָט מיך די גאַנצע פאַמיליע, באַקאַנטע און אויך אייניקע יידישע פּאָליציאַנטן אַרויסבאַגלייט פון געטאָ. אַלע האָבן זיך דערנענטערט צום געטאָ־טויער, אָבער אַרויסגעגאַנגען בין איך איינע אַליין.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מ׳האָט מיך אַרויסגעלאָזט דורך דעם טויער וואָס האָט זיך געפונען נעבנטער פון וואָקזאַל, האָב איך נאָך געדאַרפט גיין אַ צען מינוט ביז כ׳האָב דערזען די וואָקזאַל־לאַמטערנעס. אָבער די צען מינוט זענען געווען פאַר מיר אַן אייביקייט. איך האָב געפילט אַז הינטער מיר גייט עמעץ וועלכער האָט מיך געזען אַרויסגיין פון געטאָ און ער מיינט אַוודאי אַז איך האָב נישט קיין דאָקומענטן. איך האָב פאַרשנעלערט די טריט. צוקומענדיק צום וואָקזאַל בין איך צוגעלאָפן צו דער קאַסע קויפן אַ בילעט. צו מיין אומגליק איז אין דער קאַסע געזעסן אַ באַקאַנטער פּוילישער קאַסיר וועלכער האָט אויך געמיינט אַז איך פאַר אָן דאָקומענטן. ער האָט מיר דערפאַר גיך געגעבן אַ בילעט און נישט געוואַרט אַז איך זאָל אים ווייזן די דאָקומענטן. נו, ער האָט געהאַט די גוטע כוונה מיך צו פאַרהיטן פון אַ פאַרדאַכט ביי זייטיקע. מיין אויסזען איז, אמת, געווען ענלעך צו אַן אַריערין, אָבער מיין איילעניש האָט גערייצט דאָס נייגער פון דעם וואָס איז מיר נאָכגעגאַנגען. ווייזט אויס אַז דער דאָזיקער האָט וועגן זיינע חשדים געמאָלדן דער פּאָליציי ווייל אַ ביסל שפּעטער זענען צו מיר צוגעקומען צוויי באַן־פּאָליציאַנטן און גאַרנישט פרעגנדיק האָבן זיי מיך באַלד אַריינגעפירט אין אַ באַזונדער שטיבל. די באַן־פּאָליציאַנטן

האָבן מיר געגומען שטעלן פאַרשידענע פּראַגעס אָבער קיין דאָקומענטן נישט געבעטן. כ׳האָב באַנומען אַז מיין לאַגע ווערט ערנסט און איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: זאָל איך זיי ווייזן מיין דאָקומענט, צי נישט? ווייל זיי קאָנען דאָך צערייסן דאָס פּאַפּיר — וואָס זשע דעמאָלט? פּלוצים האָב איך דערהערט דאָס פייפן פון אָנקומענדיקן צוג. געזען אַז איך האָב נישט קיין אַנדערן אויסוועג, האָב איך אויף גיך זיי געוויזן מיין דאָקומענט, אויך דעם בילעט. אַפּנים, זיי זענען אין דער רגע איבערגעראַשט געוואָרן פון מיין אַנטשלאָסנקייט און האָבן מיך אָפּגעלאָזט. אַ פּאַרסאַפּעטע בין איך אַריין אין באַן, פאַרנומען אַן אָרט אין קופּע. כמעט אַלע פּאַסאַזשירן זענען געווען פּאָלאַקן. צווישן זיי האָב איך דערזען אַ יונגן פּאָלאַק, אויף וועלכן מיין אַריינקומען האָט געמאַכט אַן אויסטערלישן איינדרוק. ער האָט צודרינגלעך געקוקט אויף דעם אָרט ווו עס האָט זיך געפונען דער „ייִדן־צייכן״, אָבער ווי אויף צו להכעיס האָב איך פון דעם אָרט נישט געוואָלט אַוועקנעמען מיין פּעקל וואָס איך האָב געהאַלטן אַזוי אַז איך זאָל דעם צייכן נישט אַנטפּלעקן. כ׳האָב באַמערקט אַז יענעמס הינטיש בלוט נעמט קאָכן און דאָס האָט טאַקע שפּעטער מיך געקאָסט אַ סך געזונט. דער פּאַרשוין האָט זיך אַרויסגערוקט פון קופּע און אין אַ ווײַלע אַרום צוריקגעקומען אין באַגלייטונג פון אַ מונדירטן הויכן דייטש. כאָטש איך בין געווען כשר האָט מיך אָנגעהויבן וואַרפן אין שרעק. מיינע דערביי־יאיקע שכנים האָבן דאָס באַמערקט און מיך גענומען באַרויִקן. זיי האָבן געזען מיין יודען־צייכן און שטילערהייט מיך געפרעגט צי איך האָב עפּעס אַ „פּאַפּירעק״. דערהערט, אַז איך האָב רייזע־פּאַפּירן האָבן זיי מיר פאַרטרויט, אַז זיי זענען שמוגלערס און זיי פאָרן דאָ יעדן טאָג און עס האָט נאָך נישט געטראָפן, אַז מען זאָל פאַרטשעפּען עמעצן מיט רייזע־פּאַפּירן. ווען דער דייטש מיטן יונגן פּאָלאַק זענען צו מיר צוגעקומען, האָב איך אָפּגעדעקט מיין יודען־צייכן און געוויזן מיינע דאָקומענטן. דער דייטש האָט אַלץ באַטראַכט, צוריקגעגעבן, מיר געזאָגט „דאַנקע שעין״ און איז אַוועק.

איך האָב אויף אַזאַ אופן באַזיגט דעם געמיינעם פּאָלאַק, וואָס איז געווען הונגעריק נאָך ייִדיש בלוט. איינע פון די פּאַסאַזשירקעס איז געווען אַ פּוילישע פרוי, מיט וועלכער איך האָב זיך שפּעטער באַקאַנט. זי האָט

געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ איידעלן, אינטעליגענטן מענטש, און דערפאַר האָב איך ביים געזעגענען זיך מיט איר זי איינגעלאַדן צו מיר אין קלאָבוצק. זי איז געווען אַ פרוי פון אַ לערער און איצט האָט זי זיך פאַרנומען מיט שמוגל. זי האָט אַפילו אַרויסגעשמוגלט ייִדן פון „רייך". זי האָט ריכטיק פאַרשטאַנען די סיטואַציע פון די ייִדן. זי האָט אַגב זיך פאַרטרויט פאַר מיר, אַז זי האָט נישט ליב קיין ייִדן, כאָטש זי ווייסט נישט פון וואַנען ס׳האָט זיך צו איר גענומען די דאָזיקע אומבאַקאַנטע שׂנאה. זי געדענקט נאָר אַז ווען זי איז געווען אַ קינד האָט מען ביי זיי אין שטוב געוויזן אַ זשידעק ווי עפּעס ספּעציעל אויסטערלישס. און פאַרקערט, ווען אַ „זשידעק" איז אַריינגעקומען צו זיי אין דער פרי, פלעגן זיי זיך אין שטוב פרייען, ווייל דאָס איז געווען פאַר זיי אַ סימן אַז ס׳וועט זיין אַ פריילעכער טאָג.

איך פאַל אַריין אין תּפיסה

עטלעכע טעג האָב איך זיך געגרייט צוריקצופאָרן קיין זדונסקאַ־וואָליע, אָבער ווען איך בין אין אַן אינדערפרי געגאַנגען אין יודען־ראַט אָפּנעמען די רייַזע־שייַנען, דערווייל נאָר פאַר מיינע קינדער, האָט מיך פאַרן אַרייַנגאַנג צום יודען־ראַט פאַרהאַלטן אַ געסטאַפּאָוויעץ און אַן אַ וואָרט מיך איבערגעגעבן אין די הענט פון אַ פּאָליציאַנט.

דער פּאָליציאַנט האָט מיך צוגעפירט צו אַ קאַמער און מיך אַהין אַריינגעשטויסן. כ׳בין אַרעסטירט. אין דער אַרעסט־קאַמער האָב איך גע־טראָפן באַקאַנטע ייִדן פון שטעטל. קיינער האָט נישט געוווּסט מיט וואָס ער האָט זיך פאַרזינדיקט. מיר זענען געשטאַנען ביי דער וואַנט און יעדע פאָר מינוט האָט מען אַרייַנגעפירט צו אונדז נאָך מענטשן. ביז מיטאָג איז די קאַמער פול געוואָרן מיט ייִדן. וואָס עס איז געשען, האָבן מיר נישט געוווּסט. 12 אַ זייגער זענען אָנגעקומען עטלעכע ציוויל־געקליידטע דייטשן

און יעדן פון אונדז געהייסן אָנשרייבן עטלעכע ווערטער. אין צוויי שעה אַרום האָט מען ביסלעכווייז גענומען אַרויסלאָזן די מענטשן. דאָס האָט געדויערט ביז נאַכט. מיר זענען געבליבן בלויז ניין ייִדן: זיבן פרויען און צוויי מענער. געווען זענען דאָס אַלץ שמוגלערס. אָבער פאַר וואָס האָט מען אויך מיך פאַרהאַלטן?

איך האָב גענומען נאָכטראַכטן וועגן אַלע מיינע עבירות! מיט קיין שמוגל האָב איך זיך קיין מאָל נישט פאַרנומען. אפשר מיינע קליינע נאָטיצן? איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער טעלעגראַמע, וועלכע איך האָב געוואָלט אַוועקשיקן מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. דאָס איז געווען ווען מ׳האָט אין זדונסקאַ־וואָליע געזאָלט ווידער אויפהענגען צען ייִדן. אין יענע טעג איז צו מיר אין אָוונט אַריינגעקומען אַ מאַן וואָס האָט געבראַכט אַ בריוו פון מיין פאָטער, אַז איך זאָל זיך ווענדן צו איינעם פערעלמאַן וועלכער וווינט איצט אין קאַטאָוויץ. דער פאָטער האָט מיר דאַן געשריבן אַז איך זאָל זיך אויף וואָס פאַר אַן אופן ס׳זאָל נישט זיין באַמיִען צו טרעפן מיט דעם פערעלמאַנען, ווייל ער קען אַ סך העלפן... ער קען פועלן מ׳זאָל אָפּהאַלטן די עקזעקוציע. איך האָב געוווסט אַז מיין פאָטער מיינט דעם פערעלמאַן וואָס איז פאַר דער מלחמה געווען אַ שמוגלער פון אייער קיין דייטשלאַנד. איינער פון זיינע פאַרמלחמהדיקע באַקאַנטע דייטשן האָט איצט פאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן אין זאַגלעמביער געגנט און דערפאַר האָט ער געהאַט די מעגלעכקייט צו העלפן ייִדן. ער פלעגט עס אויך טאָן אָן געלט. ער איז געווען אַ פרומער ייִד, וועלכער האָט געדאַוונט אין צוויי פּאָר תּפילין און געהיטן שטאַרק דעם שבת. מען האָט דערציילט, אַז ביי דעם אַלעם האָט ער געהאַט אַ שוואַכקייט צו שיינע פרויען.

ס׳איז געווען שוין שפּעטע נאַכט. וואָס טוט מען? מ׳מוז גלייך באַשליסן ווי אַזוי איך זאָל מאָרגן פרי אָנקומען קיין קאַטאָוויץ?

איך בין אַוועק צום נאָענטסטן ייִדישן שכן און אים דערציילט אין וואָס עס גייט. צום שכן האָבן מיר אַריינגערופן נאָך עטלעכע מענטשן כּדי זיך צו באַראַטן, וואָס עס איז מעגלעך צו טאָן. היות עס האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז פאָרן קיין קאַטאָוויץ איז געווען אוממעגלעך, האָבן מיר באַ־שלאָסן צו טעלעגראַפירן צו פערעלמאַנען און אים בעטן גלייך קומען צו

אונדז. איך בין געווען זייער אויפגערעגט צוליב דעם וואָס עס איז נישט מעגלעך צו פֿאַרן קיין קאַטאָוויץ און האָב געפּילט, אַז איך בין נישט פֿעיִק צו נעמען אויף זיך די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן אינהאַלט פֿון דער טעלעגראַמע. בין איך אין דער פֿרי אַריין אין סעקרעטאַריאַט פֿון יודען־ראַט, כּדי אַ באַאַמטער וואָס קען פּערפֿעקט די דייטשע שפּראַך זאָל קאָנטראָלירן מיין טעקסט. די טעלעגראַמע האָט זיך געלייענט: „שנעל קאָמען, זאָנסט פּאַסירט עטוואַס גרויזאַמעס״. דער באַאַמטער פֿון יודען־ראַט האָט באַשטעטיקט מיין טעקסט און איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן און בין געגאַנגען צום פּאָסט־אַמט. דאָרט האָבן מיך כּמעט אַלע באַאַמטע געקענט ווייל איך פֿלעג אָפֿט אַוועקשיקן שפּייזפּעקלעך און אויך צוליב דעם וואָס איך בין געווען די איינציקע יִדישקע, וואָס האָט באַקומען צוגעשיקט דעם וואָכן־זשורנאַל „דאָס רייך״ און אָפֿט מאָל אויך „די בערלינער צייטונג״. ווער עס האָט מיר געשיקט די צייטשריפֿטן, ווייס איך ביז היינט נישט. מיט אַ וואָך פֿריִער האָט מען מיר געמאָלדן (דערביי האָט מען געקוקט אויף מיין יִדן־צייכן) אַז מ׳וועט די צייטונגען מיר נישט קאָנען מער אַרויסגעבן. אַז איך בין צוגעקומען צום פּאָסט־פֿענצטערל און איבערגעגעבן די טעלעגראַמע האָט דער פּאָסט־באַאַמטער זי איבערגעלייענט און זי צעריסן אין מיינע אויגן. דערביי האָט ער געמורמלט: „וואָס שרייבן זי דען היר, דאָס ריכט דאָך מיט שפּיאָנאַזש״. ס׳איז דאָך קריג־צייט! דאָס וואָרט „שפּיאָנאַזש״ האָט מיך גלייך געשטעלט אַנטקעגן וואָרט „טויט״. נישט פֿאַרלירנדיק קיין צייט בין איך באַלד ווידער אַוועק צום יודען־ראַט. דאָרט האָב איך אַ דערשראָקענע, אַ טויט־בלאַסע דערציילט, וואָס עס איז געשען מיט דער טעלעגראַמע. און דאָס האָב איך זיך איצט דערמאָנט ווען כ׳בין געזעסן צווישן די אַרעסטירטע. צי דען האָט מען מיך ערשט איצט אַרעסטירט פֿאַר דעם חטא?

פֿאַר נאַכט האָט מען אונדז, די זיבן פֿרויען, אַריינגעפֿירט אין אַ צימער אויפֿן ערשטן שטאָק, און די צוויי מענער — אין אַ דערביי־יִאיקן צימער. אַרויסגעקוקט פֿונעם פֿענצטער האָב איך דערזען, אַז מיר זענען שטאַרק באַוואַכט פֿון פּאָליציי־לייט. מ׳האָט אויך געזען אַז פֿון דער וויטנס

שטייען קרובים און באַקאַנטע; מיר האָבן דערקענט אַז די מענטשן האָבן אונדז אַ סך צו זאָגן, אָבער צוקומען נענטער צו אונדז איז געוואָרן אוממעגלעך. צווישן די אַרעסטירטע האָט זיך אויך געפֿונען אַ יונג מיידל וועלכע האָט געזאָלט דעם זעלביקן אָוונט חתונה האָבן. איר חתן איז געשטאַנען אונטן, אויף דער גאַס, און געוויינט. די דייטשן וואָס האָבן באַמערקט דעם וויינענדיקן בחור האָבן אים אַוועקגעטריבן.

עס איז געוואָרן נאַכט. אין דעם קאַלטן צימער איז נישט געווען ווו זיך אַוועקצוזעצן. די פּאַדלאָגע איז געווען שמוציק. הונגעריקע און פֿאַרביטערטע האָט זיך יעדע פֿון אונדז געזעצט אין אַן אַנדער ווינקל און געוויינט. מיר האָבן זיך געשראָקן פֿאַר דער נאַכט וואָס קומט מיט דראָונג און פּחדים.

פֿינף אַ זייגער באַגינען האָבן מיר דערהערט אַ טומל אויף די טרעפּ. עס האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון אונדזער צימער און ציווילע דייטשן האָבן אונדז באַפֿוילן צו גיין מיט זיי. מיר זענען שוין געווען גלייכגילטיק צו אַלץ. מיר האָבן אַפֿילו געמיינט אַז לויטן דייטשן „מנהג״ פֿירט מען אונדז שיסן. מיר האָבן שוין געוווּסט אַז צו הרגענען ייִדן דאַרף מען נישט האָבן קיין פֿאַרוואָס. אָבער צו אונדזער איבערראַשונג האָבן מיר באַמערקט אַז מ׳פֿירט אונדז צו דער באַן־סטאַנציע. אויף דער אַנדערער זייט וועג אויף וועלכן מ׳האָט אונדז געפֿירט, זענען מיטגעגאַנגען קרובים און באַקאַנטע וועלכע האָבן אונדז געוואָלט עפּעס איבערגעבן אָבער מ׳האָט זיי נישט צוגעלאָזט צו אונדז.

אויפֿן וואָקזאַל איז אונדז געוואָרן לייכטער אויפֿן געמיט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז איינער פֿון די געסטאַפּאָ־לייט איז געוואָרן איבערגעקויפֿט און ער האָט גענומען מיט אונדז שמועסן און דערנאָך געבראַכט עסן. ער האָט געזאָגט, אַז דערווייל פֿאָרן מיר קיין לאַבן, ווו מ׳וועט אונדז איינזעצן אין תּפֿיסה. מען קען אונדז נאָך נישט באַפֿרייען ווייל עס זענען דאָ ווייניק באַווייזן פֿון אונדזער אומשולדיקייט. מיר האָבן נישט געוווּסט מחמת וואָס מ׳האָט אונדז אַרעסטירט און מיר האָבן איצט געבעטן ער זאָל אונדז זאָגן די סיבה פֿון אונדזער אַרעסט. אָנגעטייטלט מיטן פֿינגער אויף יעדן האָט ער גענומען אויסרעכענען די זינד פֿאַר וועלכע מ׳האַלט אונדז אין תּפֿיסה.

צוגעקומען צו מיר האָט ער געזאָגט: „איך גלאָוב: דאָס ביז מאָרגען זײַנד זי פריי" און אָנגעהויבן מיט מיר צו שמועסן וועגן אומוויכטיקע זאַכן. איך האָב אים גענומען דערציילן אַז איך פאַרנעם זיך אין קלאָבוצק מיט שניידעריי; אויב ער וועט מיך אַרויסלאָזן ברענג איך אים באַלד עדות, וואָס וועלן באַשטעטיקן די ריכטיקייט פון מיינע רייד. „יאָ — האָט ער געענטפערט — איר אַלע ליגט נימאָלס ניכט. עלף מאָנאַטע וואַרן וויר סיסטעמאַטיש בעלויגן אונד דעסהאַלב זעהען וויר יעטצט זאָ אוס". מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט די מלחמה מיט רוסלאַנד. די מלחמה מיט רוסלאַנד האָט אָנגעפילט מיט פחד און צאָרן דאָס האַרץ פון יעדן דייטש און מיר האָבן שוין געוווּסט אַז יעדע גרעסערע אָדער קלענערע מפּלה אויפן רוסישן פראָנט האָט געבראַכט מיט זיך אַ נייע סעריע ייִדן־פאַר־פאָלגונגען מצד די דייטשן.

נאָך די אַלע פּלאָפּלערייען מיט די דייטשן אויפן וועג, בין איך געוואָרן נערוועז און איך האָב דעם דאָזיקן דייטש עפּעס געזאָגט, איך געדענק שוין נישט וואָס, אָבער אַ ציטער גייט נאָך אַצינד דורך מיין לײַב ווען כ׳דערמאָן זיך אין זיין פּרצוף און ווי ער האָט אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלווער און אים צוגעשטעלט צו מיין קאָפּ. אין דעם מאָמענט בין איך באמת געווען גלייכגילטיק צו אַלץ וואָס עס וועט מיט מיר געשען: צי מ׳וועט מיר פירן אין תּפיסה אַריין אָדער דערשיסן. איך געדענק גענוי ווי איך האָב ווידער איבערגעחזרט: „מאַכן זי דאָס, מאַן שטערבט דאָך נור איין מאָל".

דער דייטש האָט אָבער אַוועקגענומען דעם רעוואָלווער פון מיין קאָפּ און מיט אַ ציניש געלעכטערל זיך אָפּגערופן:

„גלאָובן זי, דאָס אין הונדערט יאָר זײַנד איך זי, אונד זי איך".

מיר זענען שוין געווען נאָענט פון דער תּפיסה. דער דייטש האָט אונדז צוגעפירט צו אירע טויערן און אונדז ווי אַרייגעשטופּט אינעווייניק. די תּפיסה־טויערן האָבן זיך דעמאָלט פאַרהאַקט הינטער אונדז.

ביז איצט האָב איך געזען תּפיסות נאָר פון דרויסן. דעם אינעווייניק פון אַ תּפיסה האָב איך געזען נאָר אין פילם אָדער אויף דער בינע. אָבער

ווען איך בין שוין געווען אינעווייניק האָט זיך אין מיר דערוועקט אַן אויסערגעוויינלעכער אינטערעס צו דעם וואָס איך וועל דאָ זען. כ׳האָב בשעת־מעשׂה פאַרגעסן אַז מיך דערוואַרטן דאָ גענוג צרות.

באַלד זענען אונדז אַנטקעגן געקומען אַלטע אַרעסטאַנטקעס, שוין איינגעבירגערטע צווישן די גראָע ווענט. זיי ווייסן וואָס מ׳מעג און וואָס מען טאָר נישט. זיי ווינקען צו אונדז און ווילן אונדז עפּעס איבערגעבן, אָבער ליידער ווייסן מיר נישט וואָס. נאָך דער רעגיסטראַציע אין דער תּפיסה־קאַנצעלאַריע האָט מען די אַרעסטאַנטקעס איבערגעגעבן אונטער דער אויפזיכט פון די פרויען־וועכטערינס. פון דעם מאָמענט אָן הערט מען אויף (אָפיציעל) זיך צו זען מיט מענער. ביי דער רעגיסטראַציע באַקומט מען אַ נומער (דאָ עקסיסטירט מער נישט דער מענטש, נאָר דער נומער!). ס׳איז אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט פאַר פרויען וואָס ווערן געצוווּנגען צו פאַרגעסן זייער „איך״. בעל־כּורחו געפינט מען אָבער די פאַרוואַרטע גרענעץ.

מ׳האָט יעדע אַריינגעפירט אין באַזונדערע צימערן, דאָרט האָט מען אונדז אויסגעפרעגט אַלע פּערסאָנעלע דאַטעס, דערנאָך צוגענומען אַלע פּערזענלעכע זאַכן: די זייגערלעך, פינגערלעך, געלט און דאָס אַלץ פאַר־שריבן אויף אַ קאַרטל. דאָס געלט וואָס כ׳האָב געהאַט ביי זיך האָט מיר פאַרשאַרפט זאָרג ווייל דאָס האָבן ביי זיך גרעסערע סכומים ווערט געהאַלטן פאַר אַ פאַרברעכן. איך האָב דעריבער צעטיילט דאָס געלט צווישן עטלעכע פרויען אַזוי אַז ביים אַריינגאַנג אין סעקרעטאַריאַט האָט יעדע פון אונדז געהאַט אַ דערלויבטע סומע און דאָס געלט איז פאַרשריבן געוואָרן אויף יעדערס פּערזענלעכן חשבון. אין דער צייט פון אונדזער זיין אין תּפיסה איז דאָס געלט אונדז אַלעמען שטאַרק צו נוץ געקומען. אַ דאַנק דעם איז אונדז אויך מעגלעך געווען צו העלפן אַנדערע אַלטע אַרעסטאַנטן.

דורכגעפירט די פאָרמאַליטעטן אין סעקרעטאַריאַט, זענען אָנגעקומען פרויען וועכטערינס וואָס האָבן אונדז געפירט אין דער אייגנטלעכער תּפיסה. מ׳האָט אונדז צו ערשט צוגעפירט צו אַ הויכער, אייזערנער טיר. די וועכטערין האָט אָנגעקלונגען און די טיר האָט זיך געעפנט. ווען מיר זענען אַלע שוין אַריבערגעטראָטן די שוועל האָט זיך די טיר הינטער

אונדז אויטאָמאַטיש פאַרמאַכט. ס׳האָט אונדז אַרומגעכאַפּט אַ שרעק, אָבער די מענטשלעכע באַציִונג פון די וועכטערינס האָט אונדז אַ ביסל באַרויִקט. מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ באָד מיט טושן. נאָכן אָפּבאָדן זיך האָט מען געגעבן תּפֿיסה־קליידער, וואָס זענען באַשטאַנען פון אַ העמד און הויזן פון אַ האַרטן רייבנדיקן שטאָף, אַ בלוזקע פון זעלביקן שטאָף און אויך אַ ראָק. צו דעם האָבן מיר נאָך באַקומען אַ פאַרטעך און אַ ווייס טיכל אויפן קאָפּ. ווען מיר זענען אַלע פאַרטיק געוואָרן מיט דער רייניקונג, מיטן אָנטוען, האָט מען אונדז גענומען פירן אויף טרעפּ, שטאָק נאָך שטאָק און ווידער זענען מיר אָנגעקומען צו אַן אייזערנע טיר. אויך דאָ האָט די וועכטערין אַ דריק געטאָן אַן עלעקטרישן קנאָפּ און די טיר האָט זיך געעפנט און דערנאָך אויטאָמאַטיש זיך פאַרהאַקט הינטער אונדז. דאָס האָט זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. די לעצטע טיר האָט זיך פאַר אונדז געעפנט נאָר אויף אַזוי פיל, אַז עס זאָל קאָנען דורכגיין איין מענטש. אַזוי זענען מיר איינציקווייז אַריינגעלאָזן געוואָרן אין אַ צעל און די טיר האָט זיך ווידער געשלאָסן.

אַזוי ווי די תּפֿיסה האָט געהאַט אָרט בלויז פאַר 300 אַרעסטאַנטן און איצט, אין צייט פון מלחמה, זענען דאָ געווען 600, איז די תּפֿיסה־מאַכט געווען געצווונגען אַלע דערבײַיאיקע לאָקאַלן צו פאַרוואַנדלען אין צעלעס. די צעל אין וועלכער מ׳האָט אונדז אַריינגעלאָזן איז געווען איבערגעבויט פון אַ קירכע־זאַל. די דאָזיקע צעל איז געווען ברייט און לאַנג און אין איר זענען שוין געווען 130 פרויען. קיין יִידישע פרויען זענען דאָ נישט געווען; דערפאַר האָבן מיר דאָ געטראָפן אויך צוויי שיינע יונגע ציגיי־נערקעס.

אַריינגעקומען אין דער צעל זענען מיר געבליבן שטיין ביי דער טיר. באַלד זענען צו מיר צוגעקומען צוויי עלטערע אַרעסטאַנטקעס, אָנגענומען מיך אונטערן אָרעם און געפירט אַריינפירן טיפער אין „זאַל״. די צוויי אַרעסטאַנטקעס האָבן באמת אַרויסגעוויזן צו מיר אַ האַרציקע מענטשלעכע באַציִונג און געפרוווט גרינגער מאַכן דעם שאָק וועלכן כ׳האָב באַקומען דערזעענדיק זיך אַ פאַרשפאַרטע אין דער תּפֿיסה־צעל.

די אַרעסטאַנטקעס האָבן מיר צוגעפירט צו אַ ווינקל און מיך גענומען לערנען ווי אַזוי אָנועקצולייגן דעם שטרוי־זאַק אויף נאַכט־לעגער, ווייל שפּעטער וועט קיין אָרט נישט זיין.

מיר זענען געזעסן אין ווינקל טרויעריקע, דערשלאָגענע. מיט אַ מאָל איז צוגעקומען צו אונדז אַן עלטערע קריסטלעכע אַרעסטאַנטקע. זי האָט אויסגעזען צו זיין זייער אַ קלוגע און אַן ענערגישע. זי איז געווען די עלטסטע פון דער צעל, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער ריינקייט, פאַרן יושרדיקן פונאַנדערטיילן דאָס עסן. אַז מ׳האָט ביי עמעצן ביי נאַכט צוגע־גנבעט דאָס אָפּגעשפּאָרטע שטיקל ברויט, אָדער דעם לעפל מאַרמעלאַדע וואָס מ׳האָט אָפּגעשפּאָרט, האָט זי געהאַט דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן יעדן איינעמס פּערזענלעכן „פאַרמעגן״ און אַפילו באַשטראָפן. זי האָט זיך צו אונדז דערנענטערט און גענומען אויספרעגן, פאַר וואָס מ׳האָט אונדז אַהער געבראַכט. אין איינוועגס האָט זי געוואָלט הערן פון אונדז וואָס עס הערט זיך אין דרויסן, וואָס מ׳שמועסט, ווי ווייט די דייטשן זענען שוין דער־גאַנגען. זי איז געווען להוט צו הערן באַדיי די השערות וועגן „זייער״ מפּלה.

ס׳איז געווען אין דער צייט ווען די דייטשן זענען געשטאַנען ביי די טויערן פון מאָסקווע. געווי וואָס עס געשעט אין די מרחקים האָבן מיר נישט געוווסט און אויך נישט געקאָנט טרייסטן דער אַרעסטירטער פּוילישער פרוי, וועלכע איז שוין געווען פאַרשפּאַרט עטלעכע חדשים. אָבער זי מיט איר חכמה האָט פאַר אונדז געפונען אַ טרייסט:

„ניע בויטשע שיען, זשידווקי — האָט זי געזאָגט צו אונדז לאַכנדיק, ווייזנדיק אירע ווייסע ציין — אָן בענדזשע מיאַל טשאַרני קאָניעץ״. מיר זעען עס דאָ — האָט זי ווייטער געצויגן — אַז די דייטשן וועלן האָבן אַ שוואַרצן סוף. זיי האָבן דאָך שוין נישט וואָס צו פרעסן. היינט האָבן זיי אונדז שוין צום דריטן מאָל געגעבן צו עסן מייערן... די גראָבע נאַטשאַל־ניטשקע האָט געוויינט ביים פאַרטיילן דאָס עסן. זי, אַ דייטשקע...״

אין דער צעל איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער טומל. אַלע האָבן גערעדט צוזאַמען, זיך געקריגט, געשריגן. צווישן די אַרעסטירטע זענען צום מערסטן געווען פּויערטעס, וואָס האָבן פאַרן אַרעסט זיך פאַרנומען

מיט שמוגל. דאָ זענען אויך געזעסן עטלעכע יונגע מיידלעך פאַר „ראַסן־שאַנדע״. עס האָבן זיך אין דער צעל געפונען אויך צוויי קליינע מיידעלעך, כמעט קינדער. זיי האָבן זיך דאָ געפילט זייער פריי, האָבן אַרומגעטאַנצט, אַ גאַנצן טאָג זיך געשפילט. עסן האָט די קינדער נישט געפעלט. אַפילו די וועכטערינס האָבן זיי שטענדיק געגעבן מער עסן ווי די נאָרמע דער־לויבט. די קינדער האָבן זיך דאָ געפונען ווייל זיי האָבן צוגעהאָלפן זייערע עלטערן ביים שמוגלען.

די פאַרברעכנס פאַר וועלכע דער גרעסטער טייל פון די אַרעסטאַנט־קעס זענען דאָ געזעסן, זענען כמעט די זעלביקע. די מערסטע פון די אַרעסטירטע זענען געווען אַרבעטער־פרויען, אָדער פרויען פון אַרבעטערס, וועלכע די אַרבעטלאָזיקייט און הונגער האָבן געצוווּנגען צו זוכן אַ שטיקל ברויט. זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט שוואַרצן האַנדל אָדער אַליין געשמוגלט.

אונדזער צעל — ווי שוין געזאָגט — איז געווען זייער גרויס, ברייט און הויך. זי האָט געהאַט קליינע, גרינע דאַך־פענצטערלעך. ביים סופיט פלעגן אין אָוונט זיך אָנצינדן קליינע לעמפעלעך וועלכע האָבן אַנטפלעקט פאַרשידענע הייליקע געשטאַלטן אין דער הויך אויפן באַלקן. דאָס אָנצינדן די לעמפעלעך איז אויך געווען אַ סימן אַז מ׳דאַרף גרייטן די געלעגערס צום שלאָפן. אַגב איז דאָס געווען די שווערסטע אַרבעט אין דער דאָזיקער גרויסער תפיסה־קאַמער.

ווי באַלד מ׳האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט האָבן די 130 פרויען אין צעל זיך גענומען שנעל באַוועגן, וואָרום יעדע וויל גיכער כאַפן איר שטרוי־זאַק, כדי אים אַוועקצולייגן אויפן פריִער פאַרנומענעם פלאַץ. די וואָס געפינען זיך דאָ לענגער ווייסן שוין אין וועלכן ווינקל עס איז לופטיקער און ווו עס זענען פאַראַן ווייניקער שוואַרצע ווערעם. זיי ווייסן אויך ווער עס שלאָפט רויִק, ווער עס שנאָרכט און פון וועמען עס טראָגן זיך ביי נאַכט שלעכטע ריחות. יעדע איינע פון די אַלטע אַרעסטאַנטקעס האָט שוין איר „טאָוואַזשישקע״ מיט וועלכער זי שלאָפט צוזאַמען און זי וועט זי אַפילו פאַר קאַרטאָפל נישט פאַרבייטן. דערפאַר אַזאַ אײַלעניש ביים איינאָרדענען די שעניקעס.

די עטלעכע נאָר וואָס אַריינגעקומענע ייִדישע פרויען איז זייער אײַלע־ניש ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. מיר זענען געזעסן אין אַ זייט און זיך צוגעקוקט צו זייער האַוועניש. די תּפיסה־ווירקלעכקייט איז עפּעס ווי נאָך נישט דערגאַנגען צו אונדזער פולן באַוווסטזיין. מיר האָבן זיך געפילט ווי מיר וואָלטן דאָ געווען געסט.

דאָס מיטאָג האָבן מיר נישט געגעסן און עס איז נאָך איצט, אויף דער נאַכט, געשטאַנען לעבן אונדז. פון צייט צו צייט פלעגן צוקומען צו אונדז אַרעסטאַנטקעס און געקוקט אויפן עסן מיט אויסגעהונגערטע בליקן. מיר האָבן עס געוואָלט צעטיילן צווישן זיי, אָבער די אויפזעערין האָט עס נישט געלאָזט. זי האָט מיט אַ געשריי אָוועקגעטריבן די הונגעריקע פרויען וואָס האָבן געוואָלט נעמען דאָס עסן. זי האָט אונדז דערביי געזאָגט אַז מאָרגן, איבערמאָרגן וועלן אויך מיר זיין הונגעריק ווי זיי און מיר וועלן אויך שטיין מיט גלאַנציקע אויגן און קוקן אויפן טעלער זופּ פון די אַנדערע.

„איר וועט אויך קוקן מיט באַוווּנדערונג אויף נייע, זאַטע אַרעסטאַנט־קעס. אייערנעכטן זענען אָט יענע אַריינגעקומען — וויַיזט זי מיט די פינגער אויף צוויי פּוילישע פרויען — זיי האָבן מער געוויינט ווי איר. אָבער אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן זיי זיך באַרויִקט; היינט מיינט מען אַז זיי זענען פון די אַלטע תּפיסה־תּושבים. איינע פון זיי — דערציילט זי ווייטער — האָט מען אַהער געבראַכט צוזאַמען מיט איר מאַן. ביידע האָבן זיי געוואָלט מאַכן די „גראַנדע" און מ'האָט זיי דערשנאַפּט. זיי האָבן געוואָלט שעכטן אַ קו. אָבער ס'אומגליק איז זיי באַשערט געווען. כאָטש זיי האָבן געגעבן דער קו אַ שלאָף־מיטל האָט זי אָנגעהויבן פּלוצים צו שרייען און זי האָט זיי דער־פירט צו אָט דעם גרוב. זיי ווייסן אַז זיי וועלן פאַר דעם קריגן דרײַ יאָר תּפיסה. אומלעגאַלע שחיטה איז איינע פון די שווערסטע פאַרברעכנס אין מלחמה־צייט. פאַר דעם זיצן שוין דאָ עטלעכע. די דייטשן זאָגן אַז זיי האָבן זיך מיט די ענינים נישט וואָס צו אײַלן".

די צוויי ציגײַנערקעס וואָס זיצן צווישן אונדז זענען אויך שמוגלערקעס. ביידע זענען יונג און שיין. זיי האָבן שוואַרצע, פינקלענדיקע אויגן און איידעלע פּנימער. כמעט שטענדיק האַלטן זיי זיך אין ווינקל ביים פענצטער און באַמיִען זיך אַרויסצוקוקן אין דרויסן.

עס קומט אָן דער פרילינג. די שטעכעדיקע מערץ־זון גנבעט זיך אַריין דורך די קליינע פענצטערלעך. אין יענער געגנט אין פוילן וואַרעמט די זון שוין אין מערץ. אויף דיביימער באַווייזן זיך די ערשטע צאַרטע שפּראָצונ־גען פון גרינע בלעטלעך. די פייגל קומען צו פליִען פון די וואַרעמע לענדער. אין דער פרי הערט מען אָפטער זייער צוויטשעריי. אין דער טרויעריקער לאַגע האָט דאָס פייגל־געזאַנג און די שטראַלן פון דער זון אונדז פאַרשאַפט אַ ביסל פרייד.

דאָס מאָל, אין יאָר 1942, איז דער פרילינג אין פוילן געקומען פרי. אין דער צעל ווו עס זענען געווען פענצטער אין אַלע פיר ווענט, האָט די זון אַריינגעלויכטן אַ גאַנצן טאָג. טרויעריקער פון אַלעמען זענען געוואָרן די צוויי ציגיינערקעס. ווען די ערשטע זון־שטראַלן זענען אַריין צו אונדז האָבן די צוויי חנעוודיקע ציגיינערקעס זיך שטאַרק צעוויינט און געשעפּ־טשעט דייטשישע און רוסישע ווערטער. „מיינע ליבע — האָבן זיי זיך צו אונדז געווענדט — אין דרויסן איז איצט פרילינג. ציגיינערס גרייטן זיך אַוועקצוגיין אין וואַלד אַריין ווו אַלץ איז אַזוי שיין און פריי!" — די עלטערע פון די ציגיינערקעס האָט דערויף נאָך מער זיך צעוויינט. איך האָב אויף איר שטאַרק רחמנות געקריגן און זיך באַמיט מיט איר צו ווערן מער באַקאַנט. אַ וויינענדיקע האָט זי מיר דערציילט אַז זי האָט פינף קינדער און דאָס קלענסטע איז אַלט אין גאַנצן פיר חדשים. פון אָנהייב איז זי דאָ, אין תּפיסה, געווען מיטן קינד, אָבער דערנאָך האָבן די דייטשן פון איר צוגענומען דאָס קינד. זיי האָבן איר צוגעזאָגט, אַז ווען זי וועט באַפרייט ווערן, וועט מען עס איר צוריקגעבן. ביז איצט ווייס זי נישט ווו עס געפינט זיך. זי פרעגט זיך דערוועגן ביי דער הויפט־וועכטערין און יענע פאַרזיכערט איר כּסדר אַז דאָס קינד איז געזונט און געפינט זיך נאָענט פון איר. „אָבער איצט — האָט זי וויינענדיק גערעדט — ווען די ציגיינערס גייען אַוועק אין וואַלד, וועל איך שוין נישט וויסן ווו זיי געפינען זיך און זיי קיין מאָל שוין נישט געפינען. ווי איז מיר..." — האָט זי געקלאָגט.

די פריינדשאַפט מיט דער ציגיינערין האָט מיר דערמאָנט אָן עפּיזאָד פון מיין קינדהייט. ייִדישע קינדער זענען דערצויגן געוואָרן אין פּחד פאַר

ציגיינערס. ווען עס פלעגן אין פרילינג אָדער אין שפּעטן זומער קומען אין שטאָט אַריין מחנות ציגיינערס האָט מען אונדז נישט אַרויסגעלאָזט פון שטוב. די עלטערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שיקן די קינדער אין שול אַריין און מ׳האָט אונדז איינגעשלאָסן אין דער היים. אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָבן זיך געטראָפן פאַלן, אַז קינדער זענען פאַרשוווּנדן. ציגיי־נערס האָבן זיי געכאַפּט און מ׳האָט זיי מער נישט צוריקגעפונען. טרויעריקע דערמאָנונגען זענען שטענדיק געווען פאַרבונדן מיט די ציגיינערס.

איצט האָט מיך אינטערעסירט זייער לעבן, אָבער די ציגיינערקע איז געווען אַזוי פרימיטיוו, אַז זי האָט נישט באַנומען מיינע פראַגעס און איך באַדויער שטאַרק וואָס איך האָב נישט געפונען קיין מעגלעכקייט אַז מיינע רייד זאָלן דערגיין צו איר. איר אויסזען האָט מיר אָבער אַ סך זאַכן פאַרענטפערט: זי האָט קענטיק געשטאַמט נישט פון ריין־ראַסיקע ציגיינערס. זי האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן חן און איז געווען גראַציעז. זי האָט אויסגעזען צו זיין אַ טאָכטער פון אַ געמישטן זיווג. דאָס פּנים האָט מיר דערמאָנט אין אַ שיין קונסטבילד. איך האָב געהאַט פאַרגעניגן פון קוקן אויף איר. די פרוי, די ציגיינערקע איז פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש און דאָס רעטעניש האָט מיך אַזוי באַשעפטיקט אַז כ׳האָב פאַרגעסן אין זיך.

די אויפזעערין פון דער צעל האָט אונדז אָנגעוויזן אויף אַ ווינקל, ווו עס זענען געלעגן אונדזערע שטרוי־זעק, און באַלד האָט זי אונדז צוגע־טיילט אַן אָרט פאַר נאַכטלעגער. מיר האָבן דערויף רעאַגירט ווי אויטאָמאַטן. אַן אייגענעם ווילן האָבן מיר אויפגעהויבן די שטרוי־זעק און זיי אַוועק־געלייגט אויפן אָנגעוויזענעם אָרט. איצט איז שוין נישט געווען קיין אָרט ווו צו זיצן אָדער ווו צו שטיין. מיר האָבן געמוזט זיך לייגן אויף אונדזערע געלעגערס. ערשט ווען מיר זענען שוין געלעגן האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דעם וואָס עס איז מיט אונדז געשען די לעצטע דריי טעג. מיר האָבן געוואָלט איינשלאָפן, אָבער די אַרעסטאַנטקעס האָבן זיך גע־מיטלעך פונאַנדערגעשמועסט. לסוף האָט איינע פון זיי געגעבן אַ סיגנאַל און אַלע האָבן מיט אַ מאָל אַנידערגעקניט צו דער אָוונט־תּפילה. דערנאָך איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכט און עס איז געוואָרן שטיל.

אין דער גרויסער קאַמער האָט מען אונדז געהאַלטן נאָר אַכט טעג. דערנאָך האָט מען אַ גרופּע פון 30 פרויען אָפּגעטיילט און איינגעזעצט אין אַ סטאַבילער צעל. צווישן די דרייסיק זענען אויך מיר געווען. איצט איז פאַר אונדז שוין געווען קלאָר אַז מיר ווערן תּפיסה־איינוווינערס אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. מיר האָבן געטראַכט וועגן אונדזערע טייערע אין דרויסן וואָס קלערן מסתּמא אַז מיר זענען שוין פאַרלוירענע ווייל פון די הענט פון דער געסטאַפּאָ איז זיך נישט אַרויסצוראַטעווען.

מיט יאָרן שפּעטער ווען מען האָט נאָר מיך אַליין פון דער גרופּע אַריבערגעפירט אין אַ קאַצעט, האָב איך מיט באַדויערן געטראַכט וועגן די „גוטע" תּפיסה־חדשים. דעמאָלט האָב איך נאָך פון דער אַנדערער זייט תּפיסה־קראַטן געהאַט אַ היים, טאַטע־מאַמע, אַ מאַן און קינדער. דעמאָלט האָט אונדז מער ווי געטאָן זייער צער צוליב אונדז ווי דאָס זיצן אין טורמע.

נאָך דריי חדשים זיין אין תּפיסה, האָבן מיר באַקומען אַ דערלויבעניש צו שרייבן בריוו צו די נאָענטע. אונדזערע געמיטער האָבן זיך באַרויִקט און מיר האָבן געהאָפט און געוואַרט אויף אַ גליקלעכער שעה.

אין תּפיסה־קאַמער

אונדזער נייע צעל אין תּפיסה איז געווען אַ גרויסער צימער, רייך, אויסגעמאָלט, ווייסע ווענט און ביים סופית — גרינע, קליינע פאַרקראַטע־וועטע פענצטערלעך. די טיר פון דער צעל איז אַ גרויסע, פעסטע, מיט אַ קליינעם רונדיקן „לאַזאַרש". מיר האָבן באַקומען אַ לאַנגן טיש און פאַר יעדערער אַ בענקל צום זיצן. יעדע איינע האָט אויך באַקומען אַ גלאַנציקן טעלער, אַ לעפל און אַ פאַליצע — די כּלים אָוועקצושטעלן. די שטרוי־זעק זענען געווען גלייך צוזאַמענגעלייגט אין אַ ווינקל. אין דער קאַמער האָבן מיר אויך געהאַט אַ קראַן פון וואַסער, אין אַ צווייטן ווינקל

איז געשטאַנען דער „טאָפּ" וועלכער האָט אונדז נישט געלאָזט פאַרגעסן ווער מיר זענען. ווען מיר פלעגן אויף אַ פּאָר שעה אין טאָג באַקומען אַרבעט אין דער צעל ווי שליסן פעדערן אָדער פאַרריכטן אַלטע וועש און קליידער און מ׳האָט אונדז געגעבן דאָס עסן אויף אַ מענטשלעכן אופן, האָבן מיר פאַרגעסן וועגן אונדזער לאַגע אָבער דאָס ווינקל האָט אונדז דערמאָנט די מענטשלעכע געפאַלנקייט אונדזערע.

דער עמער האָט אונדז געשלאָגן מיט בושה און ער האָט אונדז געמוסרט. מיר האָבן זיך באַמיט „אויסצוהאַלטן" ביז ביי נאַכט, ווען עס ווערט פינצטער אין דער צעל. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן. מיר האָבן נישט געקאָנט איינשלאָפן, ביז מיר האָבן נישט דערליידיקט אונדזערע פיזיאָלאָגישע באַדערפענישן. מיר האָבן איבערוועקט ביי נאַכט אַנדערע, און דאָס האָט געבראַכט צו קריגערייען צווישן די אַרעסטאַנטקעס. מיר האָבן דערפון זיך געשפּירט מוראדיק געקוועלט, מיר, די ייִדישקעס, האָבן געפּרוּווט צונויפצובינדן אונדזערע פאַרטעכער כּדי צו מאַכן פון זיי אַ פאָרהאַנג, אַז מיר זאָלן קאָנען אויך ביי טאָג זיצן אויפן „טאָפּ". אָבער אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די וועכטערינס דאָס באַמערקט און אונדז דאָס פאַרווערט צו טאָן. נאָך מער געפאַלן ביי זיך זענען מיר געוואָרן ווען מיר האָבן געדאַרפט גיין רייניקן דעם דאָזיקן „קאָציאָל". דאָס איז אַ פּראָצעדור וועלכע יעדער אַרעסטאַנט מוז דורכמאַכן.

פיר אַ זייגער פאַר טאָג וועקט מען די אַרעסטאַנטן. נישט געקוקט אויף דעם וואָס עס קומען טעג ווען עס איז נישטאָ וואָס צו טאָן. טרייבט מען אונדז פאַר טאָג אַז מיר זאָלן גיך ברענגען אין אָרדענונג די צעל. צען מינוט נאָכן וועקן מוזן שוין אַלע שטרוי־זעק ליגן אויף איין אָרט, צונויפגעלייגט גלייך. באַלד נאָך דעם דאַרפן שוין צוויי אַרעסטאַנטקעס וואַרטן ביי דער טיר מיטן „קאָציאָל" און באַלד הערט מען שליסן די טיר. די צוויי פרויען מוזן גיך אַרויסטראָגן דעם „קאָציאָל" און לויפנדיק אים צוטראָגן צו אַ שטיבל, ווו עס געפינט זיך אַן אָפּגוס, פלינק אים אויסגיסן און דערנאָך אים פליסיק אויסרייניקן. ביי דער דאָזיקער אַרבעט שטייען צוויי היטערינס וואָס גיבן אַכטונג, אַז די אַרבעט זאָל גרינטלעך געמאַכט ווערן. דער „קאָציאָל" איז פון אַלומיניום און ער מוז געפּוצט ווערן פון

אויסעווייניק און פון אינעווייניק.

מיר האָבן זיך אויך צו דעם צוגעוווינט. מיר, ייִדישע קינדער און די אַנדערע, די נישט־ייִדישע, האָבן צום גליק, זיך צוזאַמענגעלעבט. די גרעסטע טייל פון זיי זענען קאַטוילישע פויערטעס. עטלעכע שעה אין טאָג זענען זיי פאַרנומען מיט אָפּריכטן תּפילות. אין דער פרי, נאָך די תּפילות, דערציילן זיי זיך זייערע חלומות און פּרוּוון זיי פּותר־חלום זיין. דער עיקר גייט עס וועגן דעם ווען זיי וועלן באַפּרייט ווערן. פּשוטע פרויען, וויזן זיי אַרויס גוטן ווילן ביים דערנענטערן זיך צו אונדז. זיי האַלטן אונדז פאַר מענטשן פאַרשטענדיקע, אָבער די חלומות, זאָגן זיי, טייטשן זיי, די קריסטינס, בעסער פון אונדז. מיט דער צייט ווערן אויך ביי אונדז די חלומות אַ טייל פון אונדזער לעבן. אַז עס חלומט זיך אונדז נישט ביי נאַכט איז דער טאָג לאַנגווייליק. ווען עס האָט זיך אונדז גאָרנישט געחלומט האָבן מיר אויסגעקלערט אַ חלום, כּדי די פוילישע פרויען זאָלן האָבן וועגן וואָס צו פּלוידערן. אָבער איין מאָל האָבן זיי אונדז געכאַפּט ביים אויסקלערן חלומות. לויט זייער טעאָריע חזרט זיך נישט איבער אַ חלום צוויי מאָל אין איין נאַכט.

אין דער קאַמער זענען אויך געווען צוויי יונגע שיקסלעך. ווען מ׳האָט זיך צו זיי גוט צוגעקוקט, האָט מען געזען אַז זיי זענען פאַר דער צייט פאַרוועלקט געוואָרן; נישטאָ שוין קיין שפּור פון יוגנט אין זיי. אַ גאַנצן טאָג זענען זיי געזעסן אין אַ ווינקל און זיך דערציילט זייערע ליבע־געשיכטעס.

די פינף ייִדישקעס, וואָס זענען דאָ געווען, זענען געזעסן אין צווייטן ווינקל פון דער קאַמער. אָפט פלעגן מיר וויינען, אָבער מיר האָבן טייל מאָל אויך מיטגעמאַכט אַלע פריילעכע שטיק פון דער צעל. קעגן אייגענעם ווילן וויינט מען אָפט, קעגן ווילן לעבט מען און מען לאַכט אַפילו. אונדזערע הערצער זענען געווען אָנגעפּולט מיט טרויער, דאָך פלעגט זיך אַ מאָל אַ לאַך טאָן. און אַז מיר האָבן געלאַכט איז אַלע פינף מיט אַ מאָל, אַזוי אַז די אַנדערע פלעגן מיינען אַז מיר זענען פּלוצלינג משוגע געוואָרן.

יעדע פּאָר טעג פלעגן פאָרקומען ענדערונגען אין דער צעל. אָדער מ׳האָט עמעצן אַרייננגעזעצט אין אַן אַנדער צעל, אָדער מ׳האָט אַריינגע־

בראַכט צו אונדז אַ נייע אַרעסטאַנטקע. די לעצטע ניי־צוגעקומענע אַרעס־טאַנטקע איז אַן עלטערע פֿריילין, אַ קרובה פֿון אַ פּוילישן ביסקופּ. אַ פֿרוי מיט אַקאַדעמישער בילדונג און זייער אַן אינטעליגענטער מענטש. זי איז אָבער אַריינגעפֿאַלן פֿאַר שמוגלען סחורות. זי האָט דאָס געמוזט טאָן כּדי צו דערנערן איר מוטער און אַ טובערקולאָזן ברודער. אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך איר „קומען" פֿאַרבינדט זיך צווישן אונדז אַ פֿריינדשאַפֿט. זי דערציילט מיר אַז זי האָט אַ לאַנגע צייט שטודירט אין פֿראַנקרייך די פֿראַנצויזישע שפּראַך. נאָכן פֿאַרענדיקן דעם שטודיום האָט זי זיך צוריק־געקערט קיין וואַרשע ווו זי האָט באַקומען אַרבעט אין אַן איטאַליענישער פֿאַרזיכערונג־געזעלשאַפֿט. זי האָט אָנגעהאַלטן אַ קאָלעגיאַלע פֿריינדשאַפֿט מיט די ייִדישע מיטאַרבעטערינס. אויך פֿריִער — דערציילט זי — אויפֿן אוניווערסיטעט, האָט זי זיך צוזאַמענגעלעבט מיט ייִדישע חברים. כּמעט אַלע — האַלט זי — זענען שטאַרק פֿעיִק.

יאָ, פֿאַרשידן זענען די גורלות פֿון די וואָס זענען אַריינגעפֿאַלן אין תּפֿיסה.

אַזוי ווי מיר האָבן נאָך נישט געהאַט קיין געריכטלעכן אורטייל אויף זיך, האָט מען אונדז דערלויבט יעדע דריי וואָכן צו שרייבן אַ בריוו. אויף די ערשטע בריוו האָבן מיר באַקומען ענטפֿערס. צווישן אַנדערע האָבן מיר מיינע פֿריינד מודיע געווען אַז גאָר אין גיכן וועל איך באַפֿרייט ווערן און איך האָב אין דעם געוואָלט גלייבן. איין מאָל איז אין קאַמער אַריינ־געקומען די הויפּט־וועכטערין מיט אַ בריוו אין האַנט און מיך געפֿרעגט ווער עס האָט אים געשריבן? אין ערשטן מאָמענט האָב איך זיך, אַזוי ווי פֿאַר אַלץ, אויך דאָס מאָל איבערשראָקן, אָבער באַלד דערנאָך האָב איך געזאָגט אַז דעם בריוו האָב איך געשריבן, און דערויף האָט זי געענטפֿערט: „גוט, מיר דאַרפֿן אַ מענטש אין ביוראָ. פֿון היינט אָן אַרבעטן זי מיט מיר אַ גאַנצן טאָג אין ביוראָ". זי האָט מיך באַלד אָנגענומען ביי דער האַנט און אַרויסגעפֿירט פֿון דער צעל.

די ביוראָ האָט זיך געפֿונען עטלעכע טריט ווייטער פֿון מיין צעל. דאָס איז געווען אַ ליכטיקער גרויסער צימער, אָבער דאָס וויכטיקסטע

וואָס ס׳האָט זיך מיר געוואָרפֿן אין די אויגן איז געווען די אָפֿענע טיר. שפּעטער איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז כּדי אַרויסצוקריגן זיך דורך דער „אָפֿענער״ טיר, דאַרף מען דורכגיין נאָך דרײַ אייזערנע טירן, וואָס זייערע שליסלען האָבן זיך געפֿונען ביי דער וועכטערין.

אין ביוראָ־צימער זענען געשטאַנען אַרבעט־טישן אויף וועלכע עס זענען געלעגן פֿאַרשידענע פּאַפּירן. קיין שרייבמאַשין איז דאָ נישט געווען. טאַקע צוליב דעם האָט מען געדאַרפֿט האָבן מיין הילף. די הויפּט־וועכטערין האָט מיר געגעבן פֿאַרשידענע געדרוקטע פֿאַראָרדענונגען וועלכע איך האָב געדאַרפֿט איבערשרייבן. ווי מיר דאַכט זיך האָב איך די אַרבעט געמאַכט זייער שנעל און די וועכטערין האָט זיך צו מיר אָפּגערופֿן: „יאָ, איר שרייבט אַזוי שנעל ווי איך, פּונקט ווי אַ מאַשין״. געזאָגט דאָס האָט זי פֿון שופֿלאָד אַרויסגענומען אַ שטיק קוכן און מיר דערלאַנגט. איך האָב עס נישט געוואָלט נעמען אָבער מיט אַ ווונק האָט זי מיר געראָטן דאָס שטיק קוכן אַריינצולייגן אין קעשענע. אַזוי, אין אַ געמיטלעכער שטימונג, האָב איך צוזאַמען מיט איר געאַרבעט ביז 5 אַ זייגער. דערנאָך האָט זי מיך צוריק אַריינגעפֿירט אין מיין קאַמער וווּ די אַנדערע מיטוווינערינס האָבן שוין געוואַרט אויף מיר מיט אומגעדולד.

צוריקגעקומען אין מיין צעל האָב איך — פֿאַרשטייט זיך — געמוזט מיט אַלע פּרטים דערציילן ווי אַזוי דער טאָג איז מיר אַוועק אין תּפֿיסה־ביוראָ, ווי אַזוי די דייטשקעס האָבן מיך באַהאַנדלט און צי עס איז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט מ׳זאָל נאָך עמעצן נעמען צו ביוראָ־אַרבעט.

צו מאָרגנס אין דער פֿרי איז די וועכטערין ווידער געקומען מיך נעמען. ווען כ׳בין אַריין אין ביוראָ־צימער און אָנגעהויבן מיין אַרבעט האָט זי צו מיר געזאָגט אַז היות היינט איז דער טאָג ווען די אַרעסטאַנט־קעס וואָס האָבן דערלויבענישן שרייבן בריוו, גיט זי מיר אַ באַפֿעל צו גיין אין אַלע צעלעס און צונויפֿנעמען די בריוו. איך מעג אויך, האָט זי געזאָגט, שרייבן אַ בריוו פֿאַר אַזאַ וואָס קען אַליין נישט שרייבן. די דאָזיקע דיבורים האָבן מיך איבערראַשט. איך האָב געפּרוּווט צוימען אין זיך מיין פֿרייד. דאָך האָט די דייטשקע דאָס באַמערקט אויף מיר.

איך האָב געוווּסט אַז אין טייל צעלעס זיצן איינצלנע ייִדישע פרויען. איך האָב זיך באַקענט מיט זיי בעתן שפּאַציר. גערעדט צווישן זיך האָבן מיר נישט. אָבער דאָס טוישן זיך מיט די בליקן האָט אונדז קיינער נישט געקאָנט פאַרווערן. מיך האָט אַרומגענומען אַן אויסערגעוויינלעכע פרייד ביים געדאַנק אַז איך וועל האָבן די מעגלעכקייט מיט זיי זיך דורכצורעדן און אפשר אויך קאָנען זיי העלפן מיט עפּעס. נאָך היינט קאָן איך נישט פאַרגעסן די גערירטקייט פון די ייִדישע פרויען ווען זיי האָבן אַנשטאָט דער וועכטערין דערזען מיך אַריינקומען צו זיי אין קאַמער. די פרויען האָבן ממש אָנגעהויבן צו וויינען. דערוווּסט דעם ציל פון מיין אַריינקומען האָבן זיי מיר געזאָגט אַז צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט אין דער קאַנצעלאַריע קיין געלט, דערלויבט מען זיי נישט צו שרייבן קיין בריוו. זייערע פאַמיליעס ווייסן נאָך עד היום נישט ווו זיי געפינען זיך. איך האָב געהאַט געלט אין סעקרעטאַריאַט, האָב איך מיט דער הילף פון „מיין" וועכטערין געהאַט די מעגלעכקייט איבערצוּווייזן פון מיין קאָנטע אַ סומע פאַר די פרויען וואָס האָבן קיין געלט נישט געהאַט. איצט האָב איך טאַקע אָנגעשריבן פאַר זיי די בריוו און אַוועקגעגעבן צו דער עקספּעדיציע.

פאַר אונדז ייִדן, דערנידעריקטע פון די דייטשן, איז דעמאָלט שווער געווען צו זאָגן אַ פאַר גוטע ווערטער וועגן אַ דייטשישער פרוי. איך בין זיך מודה אַז איך האָב אין אָנהייב נישט פאַרשטאַנען די דאָזיקע דייטשישע וועכטערין. כ'האָב נישט געגלויבט, אַז דאָס אַריינגעמען מיך צו ביוראָ־אַרבעט זאָל זיין ביי איר אַן אויסדרוק פון ווילן העלפן ייִדן. שפּעטער האָב איך איינגעזען אַז ס'איז טאַקע געווען אַזוי, כאָטש דערמיט האָט זי איינגעשטעלט איר לעבן. קענטיק, ס'זענען געווען אויך אַזעלכע דייטשן, אָבער זעלטן! ערשט שפּעטער ווען זי האָט דורכגעפירט אַן אינספּעקציע אין אַלע צעלעס און מיטגענומען צו דער אינספּעקציע אויך מיך, איז עס מיר קלאָר געוואָרן. געווען איז עס אַזוי:

עטלעכע שעה פריִער האָט די גוטע דייטשקע מיר געזאָגט, אַז זי מאַכט היינט אַן אינספּעקציע אין די צעלעס וווהין זי וועט מיך מיטנעמען. דערהערט אַזוינס האָב איך אָרגאַניזירט די ייִדישע פרויען און זיי געבעטן אַז בעת די וועכטערין וועט אַריינקומען אין דער צעל זאָלן די ייִדישקעס

איר באַדאַנקען פֿאַר דער מעגלעכקייט וואָס זי גיט זיי צו שרייבן בריוו צו די נאָענטע. ווי באַלד מיר זענען אַריין אין דער צעל האָט די צעל־עלצטע געמאָלדן די „בעלעגשאַפֿט״, דערויף איז צו דער וועכטערין צוגעגאַנגען אַ ייִדישע פֿרוי און איר באַדאַנקט פֿאַר איר חסד. אָבסערווירנדיק די דייטשקע, האָב איך באַמערקט אַז אין דער רגע, ווען די פֿרויען האָבן איר געדאַנקט זענען אויף איר פּנים אַרויסגעקומען פֿלאַמען. בעת־מעשׂה האָט זי געריעדט עפּעס אומפֿאַרשטענדלעכס. איך האָב זיך משער געווען אַז די וועכטערין דאַרף דאָס אָפֿיציעל נישט טאָן. דערפֿאַר האָב איך דער ייִדישער פֿרוי געגעבן אַ צייכן אַז זי זאָל איבעררייסן דאָס באַדאַנקען זי. באַלד נאָך דעם ווי מיר זענען אַרויס פֿון דער צעל האָט די וועכטערין מיך געבעטן איך זאָל ווייטער טאָן מיין אַרבעט אָבער פֿאָרזיכטיק. איצט האָט מען מיך שוין יעדן אין דער פֿרי אַרויסגעפֿירט פֿון דער צעל און איך האָב זיך פֿריי באַוועגט איבער די קאָרידאָרן. באַלד איז באַקאַנט געוואָרן אין די קאַמערן אַז מ׳קען זיך ווענדן צו מיר וועגן פֿאַרשידענע ענינים.

אין איינעם אַ טאָג איז אַריינגעקומען אַ נייע אַרעסטאַנטקע, אַ מעוברתע ייִדישע פֿרוי. זי איז געווען אַ פֿרוי פֿון אַ טשענסטאָכאָווער ציין־טעכניקער, אין דער צייט פֿון מלחמה האָבן זיי אויך געהאַנדלט מיט גאָלד. איינער פֿון די שמוגלערס, אַ קריסט, האָט זיי סוף־כּל־סוף געמסרט. די אַרעסטירטע פֿרוי האָט מיר געזאָגט, אַז איר מאַן געפֿינט זיך אויך אין דער זעלביקער תּפֿיסה און מיך דעריבער געבעטן אַז איך זאָל איר העלפֿן אים איבערגעבן אַ צעטעלע.

איבערגעבן אַ צעטעלע האָב איך נישט געקאָנט, אָבער איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל זיך באַמיִען איבערצוגעבן אים אַ פּאָר ווערטער דורך דער פֿעלדשערקע וועלכע גייט אָפֿט מאָל אַראָפּ אין דער אַפּטייק וואָס געפֿינט זיך נאָענט פֿון די מענער־צעלעס.

דעם פֿאָרפֿאָלק פֿון טשענסטאָכאָוו האָט געדראָעט אַ גרויסע שטראָף און די פֿרוי האָט זיך דערפֿאַר שטאַרק געשראָקן. זי איז געווען אַ קליינע, אַ דאַרע און די שוואַנגערשאַפֿט האָט זיך שוין אויף איר גוט אָנגעזען. צו מיין פֿאַרוווּנדערונג, האָב איך באַמערקט אַז זי באַקומט מער עסן און בכלל נעמט מען אין אַכט איר צושטאַנד. איך האָב מיין פֿאַרוווּנדערונג

אויסגעדריקט פאַר דער הויפּט־וועכטערין און זי געפרעגט, צי זי ווייס וואָס מ׳טוט „אין דרויסן" מיט די ייִדישע קינדער. אויף דעם האָט זי מיר געענטפערט: „דאָ אינעווייניק זענען נישט פאַראַן קיין ייִדן און נישט־ייִדן; דאָ זענען פאַראַן באַשולדיקטע און פאַר אַ פאַרברעכער זענען פאַראַן געזעצן".

ס׳זענען פאַרבײַ עטלעכע טעג און די שוואַנגערע פרוי האָט זיך אָנגעהויבן שלעכט פילן. עס האָט איר געדראָעט די געפאַר צו מפּלען. די הויפּט־וועכטערין האָט מיך דעמאָלט גערופן און געזאָגט איך זאָל איבערגעבן דער פרוי אַז זי זאָל זיך שטאַרקן, ווייל לויט דעם דײַטשישן געזעץ וועט מען זי דאָ האַלטן נאָר ביזן 7טן חודש און דעם אורטייל אָפּלייגן ביז דאָס קינד וועט אַלט ווערן 9 חדשים. „נו, און ביז דעמאָלט — האָט זי צוגעגעבן — ווייסן מיר דאָך נישט וואָס עס וועט זײַן..." דערצו האָט זי מיר געגעבן פאַר דער פרוי גוטע קאַווע און פילן. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפן. דער געזונט־צושטאַנד פון דער פרוי האָט זיך פאַרערגערט. מ׳האָט זי איבערגעפירט אין אַ באַזונדער צעל. מיט איר האָט מען דאָרט אַרייַנגעזעצט אַן אַרעסטאַנטקע, אַ הייבאַם, וועלכע איז דאָ געזעסן פאַר דורכפירן אַן אַבאָרט. ווען איר צושטאַנד איז געוואָרן לעבנסגעפערלעך, האָט די אָקושערקע דאָס געמאָלדן דער תּפיסה־אַדמיניסטראַציע. אין מיטן דער נאַכט האָט מען די פרוי איבערגעפירט אין שפּיטאָל, ווו מען האָט זי תּיכּף אָפּערירט. צוריקגעקומען פון שפּיטאָל האָב איך געבעטן מײַן דײַטשקע מ׳זאָל דערלויבן זי אַרײַננעמען אין אונדזער קאַמער, ווו מיר האָבן פאַר איר צוגעגרייט דעם בעסטן שטרוי־זאַק און מיר האָבן זי „געפלעגט". די קראַנקע האָט דערציילט ווי גוט מען האָט זי באַהאַנדלט אין שפּיטאָל, ווי אויסערגעוויינלעך עס איז געווען די באַשפּייזונג. אָבער דערנאָך האָט זי זיך געווענדט צום תּפיסה־שעף מ׳זאָל איר דערלויבן אין משך פון אַ חודש צו באַקומען שפּייז־פּעקלעך פון דער היים. דער תּפיסה־שעף האָט איר דאָס נישט דערלויבט, ער האָט איר דאָס אָפּגעזאָגט און מיט סאַדיזם דערקלערט, ווי גוט די דײַטשן זענען צו די ייִדן. „דו ווייסט דאָך אַוודאי — האָט ער מיט אײַנגעהאַלטנקייט געזאָגט — וואָס דײַנע ברידער, די ייִדן, האָבן אונדז דײַטשן געטאָן! דו ווייסט דאָך געוויס ווי זיי, דײַנע

ברידער, האָבן פאַרנאַרט די דייטשן אין קעלערן און זיי ביז טויט געשלאָגן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם זעסטו וואָס פאַר אַ קולטורעל פאָלק מיר זענען. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָבן מיר זיך באַמיט דיך צו ראַטע־ווען און דיין קינד ביים לעבן צו דערהאַלטן. אָבער עס איז אונדז נישט געלונגען ווייל עס איז שוין געווען צו שפּעט".

אין אונדזער צעלע איז געווען נאָך אַ שוואַנגערע פרוי. איך האָב די פרוי געקאָנט פון פאַר דער מלחמה. כ׳האָב געוווּסט, אַז איר מאַן געפינט זיך אין רוסלאַנד און דאָס קינד אירס איז ביי איר מוטער אין אַ קליין שטעטל אין דייטשישן רייך. זי איז נאָך געווען זייער יונג. שוין אין דער פּריסטער יוגנט האָט זי געהערט צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איז געווען אַן אַקטיווע מיטגלידערין אין זייערס אַ ספּאָרט־קלוב.

אין דעם פאַרוואָרפענעם שטעטל ווו מיר האָבן זיך געפונען האָט זי זיך באַקאַנט מיט אַ יונגן מאַן וועלכער האָט אויך אַזוי ווי זי געהאַט אַ פרוי מיט אַ קינד, וואָס האָבן געלעבט אין אַן אַנדער אָרט אין פּוילן. פאַרביידן איז דאָס לעבן אין קליינעם שטעטל געווען זייער לאַנגווייליק און טאַקע די לאַנגווייליקייט האָט ביידן דערנענטערט. דאָ אין תּפיסה האָט זי דערפילט אַז זי איז שוואַנגער.

די טעג פון מענסטרואַציע זענען פאַר די פרויען געווען זייער פּיינלעכע. אין די ערשטע וואָכן האָבן מיר נאָך באַקומען צייט־באַנדאַזשן. שפּעטער ווען עס איז געוואָרן אַ שטאַרקער דוחק אין פאַרשידענע אַרטיקלען, האָט מען אונדז שוין גאָרנישט באַזאָרגט פאַר די דאָזיקע טעג. נישט געקוקט אויף אונדזער צושטאַנד פלעגן מיר מוזן אויספירן אונדזער אַרבעט און לויפן שפּאַצירן. אַנומלט ווען איינע פון אונדז האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין שפּאַצירן אין דער צייט פון איר מענסטרואַציע, האָט מען אויף איר שטאַרק אָנגעשריִען און מיט געוואַלד אַרויסגעפירט פון דער קאַמער.

בעתן שפּאַציר פלעגן מיר מוזן לויפן. עס פלעגט טרעפן אַז דאָס בלוט איז פון אונדז געפלאָסן. די באַקאַנטע מיינע איז געווען די איינציקע געזונטע וועלכע מיר האָבן מקנא געווען. מיר האָבן געמיינט אַז אַזוי ווי

אַ סך פּרויען האָבן צוליב שלעכטער דערנערונג און פון שרעק פאַרלוירן „די צייט", איז אַזוינס אויך געשען מיט איר, אָבער איין מאָל האָט זי, די מעוברתע, זיך געווענדט צו דער צעל־עלצטער, אַז מ׳זאָל איר דער־לויבן יעדן טאָג אַרויסטראָגן דעם „קאַציאָל" און אויך די מיטאָג־קעסלען העלפן אַרויסטראָגן. מיר האָבן זיך משער געווען צוליב וואָס זי בעט עס. שווער, זייער שווער האָט זי געאַרבעט עטלעכע טעג, און ווי עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן איז שוין איר אָרגאַניזם געווען גענוג אָפּגע־שוואַכט און אין אַ טאָג איז זי פּלוצלינג אַנידערגעפאַלן און באַקומען אַ בלוט־שטורץ. אין אירע גרויסע ווייטיקן האָט זי אָבער געבעטן אַז מ׳זאָל נאָר נישט דערציילן דער תּפיסה־מאַכט וועגן דעם וואָס ס׳איז מיט איר געשען. מיר האָבן זי געראַטעוועט מיט אַ פּאָר וואַלעריאַן־טראָפּנס וואָס מיר האָבן בגנבֿה באַקומען פון דער פעלדשערקע און מיט נאַסע קאָמפּרעסן אויפן בויך. יעדע פון אונדז האָט אָפּגעריסן אַ שטיקל שטאָף פון איר וועש און אויף אַזאַ אופן זי באַזאָרגט מיט די נייטיקע שטיקלעך געוואַנט אַנשטאָט וואַטע. אַ פּאָר טעג האָבן מיר זי אָפּגעהיט. איר יונגער קערפּער איז בייגעקומען אַלע געפאַרן און זי איז געזונט געוואָרן.

אין בירוראָ האָב איך געאַרבעט ווי פריִער. מיין הויפּט־וועכטערין האָט זיך שוין אָן מיר נישט געקאָנט באַגיין. איך בין געוואָרן איר רעכטע האַנט. איין מאָל איז איר אומגעריכט איינגעפאַלן מיך צו פרעגן פאַר וואָס איך זיץ אין תּפיסה? איך האָב איר דערציילט אָבער נישט דעם גאַנצן אמת. איך האָב דערביי אויך געזאָגט, אַז מ׳האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק מיר צוגעזאָגט מיך אַרויסצולאָזן אויף דער פריי אָבער ביז היינט איז עס נישט געשען. זי האָט אַלץ אויסגעהערט, אַפילו מיינע טענות צו דער געסטאַפּאָ און לסוף מיר געזאָגט אַז פון דער ערשטער מינוט אָן בין איך איר צוגעפאַלן צום האַרצן. זי האָט זיך פאַר מיר פאַרענטפערט הלמאי זי האָט די גאַנצע צייט ביי מיר דאָס נישט געפרעגט: די סיבה פון איר נישט פרעגן איז געווען דאָס וואָס זי האָט געגלייבט אַז איך האָב נישט אויף זיך קיין שווערע זינד. אַ פּאָר מינוט האָט זי געשוויגן און דערנאָך

מיר געזאָגט אַז דער תּפיסה־פּאַרוואַלטער האָט אויך זיך שוין נאָכגעפרעגט אויף מיר. ער רופט מיך „די ווינערין״. צווישן זיינע באַמערקונגען וועגן פאַרשידענע אַרעסטאַנטן האָט ער וועגן מיר געזאָגט — האָט זי מיר דער־ציילט כּלאחר־יד — אַז אָפט מאָל האַלט מען אין תּפיסה אין גאַנצן אומ־שולדיקע. היות מאָרגן, מיטוואָך, איז דער אַפּעל וועט זי מיך פאַר אים אָנמעלדן; ער איז אַ באַרימטער דייטשישער אַדוואָקאַט און ער קאָן מיר גוט עצהנען און מיר העלפן.

יעדן מיטוואָך נאָך מיטאָג איז פאָרגעקומען אַן אַפּעל, צו וועלכן מיר האָבן זיך געגרייט פון אין דער פרי אָן. אַלץ אין דער צעל האָט געבלאַנקט און מיר אַליין האָבן אויך זיך באַמיט צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק. דאָס מאָל זענען אַלע געווען אויפגערעגט. קיינער האָט נישט געגלייבט אַז ס׳איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט דאָס עמעצער פון אונדז זאָל קאָנען רעדן מיט דעם „פאָרשטאַנד״. מיר האָבן געוווסט אַז נאָך אַזאַ באַזוך ווערט וועגן אונדז גערעדט. ווען דער תּפיסה־שעף פלעגט וועלן עפּעס וויסן, האָט ער זיך נישט געווענדט דירעקט צו אונדז, נאָר צו דער הויפּט־וועכטערין. זי פלעגט אונדז פרעגן דאָס נייטיקע און דערנאָך איבערגעבן אונדזער ענטפער דעם תּפיסה־שעף. דאָס מאָל, ווען די צעל־עלצטע האָט געמאָלדן דעם שעף די צאָל אַרעסטירטע, האָט ער גלייך דערקלערט אין אַן אָפיציעלן טאָן „דאָס באַשפרעכן״ מיט דער אַרעסטירטער סאַבאַ שטאַרק (דאָס איז געווען מיין תּפיסה־נאָמען, ווייל מ׳האָט מיך אַר׳עסטירט מיט דאָקומענטן אויף דעם דאָזיקן נאָמען).

דער תּפיסה־שעף האָט מיר געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט אַז איך זאָל רעדן און דערציילן און ער האָט מיר אויך געשטעלט פאַרשידענע פראַגעס. צווישן אַנדערע האָט ער מיך אויך געפרעגט, צי מיין ענין געפינט זיך אין געריכט אָדער אין געסטאַפּאָ. בעת־מעשה האָט ער באַמערקט, אַז אויב דאָס איז אין געריכט קאָן מען גאָרנישט טאָן, מ׳מוז וואַרטן אויף אַ נאָרמאַלער געריכטס־פאַרהאַנדלונג, אויב ווידער אין געסטאַפּאָ — וועט מען פּרובירן...

אין דריי טעג אַרום האָט מען מיך אַרויסגערופן אין דער געסטאַפּאָ אויף אַ פאַרהער.

געווען איז עס אין אַ וווּנדערלעכן זוניקן טאָג. איך האָב נישט געוווּסט אַז די געסטאַפּאָ ווייסט דאָס איך באַוועג זיך אין תּפֿיסה פֿרייער ווי די אַנדערע אַרעסטאַנטן. אָבער ווען זיי האָבן זיך אָנגערופֿן צו מיר, „דו ביזט דאָך דאָ אַזוי ווי אין אַ סאַנאַטאָריע" האָט מיר אָפּגענומען דאָס לשון און כ׳האָב נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט. דאָס אויפֿפֿירן זיך פֿון די געסטאַפּאָ־לייט און זייער כּסדרדיקן לאַכן האָט מיך צעטומלט.

זיי האָבן מיר זייער ווייניק געפֿרעגט. איך האָב נאָר אין האַרץ געבעטן אַז איך זאָל וואָס גיכער זיך אַרויסקריגן פֿון זיי. ווען זיי האָבן ענדלעך פֿאַר מיר געעפֿנט די טיר און געהייסן גיין, האָב איך זיך דערלויבט שטיל צו פֿרעגן ווען איך וועל פֿריי ווערן. אָבער אויף דער דאָזיקער פֿראַגע האָבן זיי מיר „פּאָעטיש" געענטפֿערט: „אַז די פֿייגעל וועלן נאָך אין פֿעלדער זינגען".

צוריק אַריינגעפֿירט מיך אין דער צעל איז באַלד אַריינגעקומען די הויפּט־וועכטערין מיט גלאַנציקע אויגן און אַ פֿאַרפֿלאַמט פּנים. זי האָט געשטראַלט פֿון שׂמחה. זי האָט מיר דערציילט אַז די געסטאַפּאָ האָט איר פֿאַרזיכערט דאָס איך וועל אַרויס פֿון דער תּפֿיסה. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן האָבן אויך מיינע פֿריינד אויף דער פֿריי זייער פֿיל געטאָן פֿאַר מיין באַפֿרייונג. צווישן די וועלכע האָבן פֿאַר מיר זיך באַמיט איז אויך געווען איינער וואָס איז מיר נישט געווען באַקאַנט. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַז דאָס איז אַן אַמאָליקער פֿריינד פֿון מיין פֿאָטער.

איך פֿערזענלעך האָב ווייניק געגלייבט אין מיין באַפֿרייַונג. אַלע ביז איצטיקע צוזאָגן האָבן זיך אַרויסגעוויזן ווי גרונטלאָזע. איך בין אין תּפֿיסה שוין דרייַ חדשים און האָב זיך צוגעוווינט צום געדאַנק אַז פֿון דאַנען וועל איך שוין נישט אַרויס. איך בין געווען זיכער אַז מען וועט מיך ווי אַ סך ענלעכע באַשולדיקטע צו מיר, שיקן קיין אוישוויץ.

פֿאַר דער צייט זענען זענען עטלעכע קריסטנס אַרויס פֿון דער תּפֿיסה און אויף זייער אָרט זענען געקומען אַנדערע וואָס האָבן געבראַכט פֿון דרויסן גאָר שלעכטע נייעס. די נייע אַרעסטאַנטקעס האָבן שוין ווייניק געקאָנט דערציילן וועגן ייִדן. זיי האָבן גערעדט וועגן געגנטן וווּ קיין ייִדן זענען

שוין אין גאַנצן נישט געווען. דער ריח פון חורבן איז אויפגעגאַנגען פאַר אונדז און האָט סיי אונדז געשטיקט דעם אָטעם, סיי פאַרטונקלט אונדז די שײַן. די וויסטע נייעסן האָבן אונדז אַרײַנגעבראַכט אין אַפּאַטיע. מיט אַ מאָל האָבן מיר אָנגעווירן די פעיִקייט צו מאַכן אַ שפּאַס און האָבן מער נישט געהאַט קיין כּוח אַרויסצוברענגען אַ פריילעך וואָרט פון מויל. די אַנדערע אַרעסטאַנטקעס האָבן זיך באַמיט אויך ווייטער אונדז אַרײַנצוציִען אין זייערע שפּילערייען, אָבער זיי האָבן עס נישט געקאָנט דערגרייכן. מיר זענען געווען דערשלאָגן און כּסדר געזעסן אין אַ ווינקל, געטראַכט און געוויינט. בלויז איין מאָל האָבן זיי אונדז אַרײַנגעצויגן אין זייער שפּיל וואָס האָט אויך אונדז מיטגעריסן. זיי האָבן נעמלעך אויפגעקליבן אַלעמענס שיך און געוואָרפן זיי צו דער טיר. דאָס שפּיל איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן זיך געמאַכט אַ סימן אַז וועמענס שיך עס וועלן בלייבן ליגן נעענטער צו דער טיר, דער וועט דער ערשטער אַרויס אויף דער פריי. עס איז געווען אַ שפּיל צו וועקן ביי זיך אַ וועלכע עס איז האָפענונג. עס איז מסתּמא געווען אַ צופאַל וואָס מיינע שיך זענען געפאַלן די נאָענטסטע צו דער טיר.

סיי ווי האָט די האָפענונג אין מיר געטונקלט ווייל ווידער איז אַריבער אַ חודש זינט די געסטאַפּאָ האָט מיך דאָס לעצטע מאָל געפאַרשט און כ׳האָב נישט געזען ס׳זאָל אויפלייכטן עפּעס אַ שײַן אין מיין פינצטערניש. אָבער אומגעריכט, אין אַ שפּעטן נאָך מיטאָג, האָבן מיר דערהערט דאָס שליסן פונעם שליסל אין דער טיר פון אונדזער קאַמער. איטלעך מאָל ווען מיר פלעגן הערן שליסן די טיר אין די נישט פאַרויס באַשטימטע שעהען איז עס געווען פאַר אונדז אַן איבערלעבונג פול מיט דערוואַרטונג. די טיר האָט זיך טאַקע געעפנט און שטיל, גאַר שטיל איז אַריין די הויפּט־וועכטערין און זיך צו אונדז געווענדט מיט די ווערטער: „מעדעלס, איר זאָלט רויִק בלייבן וועל איך אייך עטוואָס גוטעס זאָגן. באַלד, ביז איינע האַלבע שטונדע גייט איר פאַן היער הערויס פריי". דערויף האָט זי אַרויסגענומען פון טאַש פון איר דינסט־אוניפאָרעם אַ צעטל און האָט איבערגעליענט די נעמען פון די פינף יידישע פרויען וואָס זענען אַהער געבראַכט געוואָרן צוזאַמען.

אין דער קאַמער איז אַנטשטאַנען אַ פּאַניק. די איבעריקע אַרעסטאַנט־קעס האָבן אָנגעהויבן וויינען. די פרומע קריסטינס האָבן זיך איבערגעצלמט און גענומען ויספּערן תּפילות. איך בין געווען ביי זיי באַליבט, זענען זיי צוגעפאַלן צו מיר, מיך גענומען קושן, גלעטן, וויינען און זאָגן אַז עס וועט זיי זיין באַנג אָן מיר...

אַ ביסל זיך באַרויִקט, זענען מיר זאַלבעפינף שוין געשטאַנען גרייט, געוואַרט אויף דער וואַך וועלכע האָט אונדז געדאַרפט אָפּפירן אין סעקרע־טאַריאַט. דעמאָלט האָבן די קריסטינס זיך צו מיר געווענדט מיט אַ בקשה אַז ווען איך וועל צוריקקומען קיין קלאָבוצק זאָל איך זיך ווענדן צום גלח און אים געבן געלט אַז ער זאָל פאַר זיי אָפּריכטן די תּפילה אויפן נאָמען פון הייליקן אַנטאָני, דעם הייליקן באַשיצער פון די אַרעסטאַנטן. איך האָב זיי דאָס צוגעזאָגט און האָב זיי געטרייסט אַז אויך זיי וועלן אין גיכן באַפרייט ווערן.

די טיר האָט זיך ווידער געעפנט. עס זענען אַריינגעקומען עטלעכע וועכטערינס אונדז נעמען. די פּוילישע פרויען האָבן פון ס׳ניי גענומען וויינען. מ׳האָט אונדז טאַקע אַרויסגעפירט פון דער צעל, מ׳האָט אונדז געגעבן אונדזערע קליידער, אונדזער געלט און אויך אַ דורכגאַנג־שיַין צוריק צו פאָרן קיין קלאָבוצק. אַזוי האָט מען אונדז צוגעפירט צו דער אייזערנער אַרויסגאַנג־טיר. די הויפּט־וועכטערין האָט מיר געדריקט די האַנט און איך האָב געהאַט דעם איינדרוק אַז זי האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. אויך איך האָב זיך פונאַנדערגעוויינט ווען זי האָט אויפגעהויבן איר האַנט און מיר געזאָגט איר לעצטן „אַדיע”. ס׳איז געווען אַ שטומע, רירנדיקע געזעגענונג. אפשר האָט זי, קענענדיק גוט אירע ברידער, די דייטשן, און די דייטשע געסטאַפּאָ, געטראַכט אַז דאָס איז מיין לעצטער וועג. נישט איין מאָל האָב איך שפּעטער, ווען מיין גורל האָט מיך געבראַכט אין די לאַגערן אַריין, געבענקט נאָך די גוטע שעהען אין יענער דייטשישער תּפיסה און אויך נאָך דער זעלטענער דייטשישער פרוי.

אַרויסגעקומען דעמאָלט פון תּפיסה־טויער האָבן אויף אונדז שוין געוואַרט צוויי ייִדישע מענער, וועלכע זענען צוזאַמען מיט אונדז געבראַכט

געוואָרן אין דער תפיסה אַריין און זענען אויך איצט באַפרייט געוואָרן. איינער פון זיי — אַ זייער אינטעליגענטער מענטש — האָט פאַרווונדערט געפרעגט: פאַר וואָס האָט מען אונדז אַרויסגעלאָזט? וועלכע צויבערהאַנט האָט דאָ געווירקט? איז דאָ געשען אַ נס?!

דו — האָט ער זיך געווענדט צו מיר — האָסט זיך געהאַט אין וואָס אָנצוטשעפּען, אָבער מיר אַלע? וואָס איז אונדזער זכות? טאָ וואָס איז געשען? הלוואי — האָט ער געזאָגט — זאָל איך זיך טועה זיין, מיר געפעלט נישט די גאַנצע זאַך.

דעם יונגן־מאַן האָב איך געקענט פון קלאָבוצק. ער איז געווען דער איידעם פון שטעטלדיקן נגיד. אין דער פריסטער יוגנט איז ער פון זיין היים אַוועק לערנען אין אַ ישיבה, כאָטש ווי אַ לערנער האָט ער אויך געהאַט אַ תשוקה צו אַלגעמיינער בילדונג. ער איז געווען אַ פרומער ייִד.

איך דערמאָן זיך אַ שמועס וואָס איך האָב געהאַט מיט אים עטלעכע וואָכן איידער מ׳האָט מיך אַריינגעזעצט אין תפיסה. איך האָב דעמאָלט באַקומען אַ בריוו פון מיין פאָטער וועלכער האָט מיר געשריבן אַז אין אַזעלכע צייטן מעג איך אַפילו עסן טריף פלייש. הלוואי — האָט דער טאַטע באַמערקט אין בריוו — וואָלטן די לאָדזשער ייִדן דאָס פריִער אָנגעהויבן צו טאָן. איצט ווען זיי ווילן שוין עסן, קאָנען זייערע געדערים שוין נישט פאַרדייען קיין פלייש. איך האָב דעם יונגן־מאַן געוויזן דעם בריוו און דערביי באַמערקט, אַז אויב עס וועט חלילה שוין זיין אַזוי שלעכט, וועל איך פאָלגן מיין פאָטער. דערויף האָט מיר דער יונגער־מאַן געענטפערט:

„עס ווערט געבראַכט אַז פאַר אַלע עבירות איז דאָ אַ נאַרמע פון עונש. אָבער פאַר עסן טריפות איז דער עונש געווענדט פון דעם וויפל מען עסט. ווען מען עסט ווייניקער טריפות איז דער מענטש ריינער!"

איצט ווען מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן האָב איך דעם יונגן־מאַן דערציילט, ווי שווער מיר איז אָנגעקומען דאָס עסן טריפות אין די טעג ווען מיר האָבן באַקומען פלייש אָדער וורשט. איך האָב נישט געקאָנט גובר זיין דעם עקל צום חזיר־פלייש און האָב עס אַוועקגעגעבן. נאָך שווערער איז מיר געווען פסח. דריַי טעג האָב איך כמעט געפאַסט, געגעסן נאָר אַ פאַסנע קאַרטאָפל. לענגער ווי דריַי טעג האָב איך נישט געקאָנט

אויסהאַלטן. „פּסח — האָב איך צוגעגעבן — האָב איך געדענקט אײַערע ווערטער און געגעסן וואָס ווייניקער חמץ".

באמת, נאָך די דרײַ תּפֿיסהדיקע פּסח־טעג האָב איך זיך געפֿילט אַזוי אָפּגעשוואַכט אַז די אויפֿזעערס האָבן דערלויבט מיר צו געבן צוקער און מעדיקאַמענטן און ביז דעם לעצטן טאָג פֿון מיין זיין אין תּפֿיסה האָט מען מיך געהאַלטן פֿאַר אַ פֿיזיש־שוואַכע אַרעסטאַנטקע. מ'האָט מיר דערלויבט צו ליגן ביי טאָג אַן אויסגעצויגענע אויף דער פּאָדלאָגע. מ'האָט מיר אויך נישט געצוווּנגען צו טאָן שווערע אַרבעט חוץ דער ביוראָ־אַרבעט. יעדע וואָך פֿלעגט מען אונדז וועגן און אויב מ'האָט באַמערקט אַ רעשיק פֿאַלן פֿון דער וואָג, פֿלעגט מען דאָס עסן אַ ביסל פֿאַרבעסערן און פֿאַרגרעסערן די ברויט־פּאָרציעס.

אין קעגנזאַץ צו דעם מאַן פֿון קלאָבוצק איז דער אַנדערער באַפֿרייטער געווען אַ וועלטלעכער ייִד. איך האָב אים געקענט פֿון לאָדזש. אין די מלחמה־יאָרן איז ער אויך געקומען קיין קלאָבוצק. זיין פֿרוי און קינד זענען געווען אין דערבײַיאיקן שטעטל. ער האָט געשטאַמט פֿון אַ באַרימטער רייכער לאָדזשער משפּחה. זיין פֿאָטער איז דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה, ווו מ'האָט זיך באַמיט די קינדער צו פֿירן אויפֿן וועג פֿון בילדונג און טראַדיציע, אָבער ער אַליין האָט זיינע דרײַ קינדער געשיקט לערנען אין אַ חדר און דאָס ביסל וועלטלעכע בילדונג זיי געגעבן אין דער היים מיט דער הילף פֿון אַ לערער. די טעכטער האָט ער געשיקט אין נישט־ייִדישע שולעס ווו זיי זענען געוואָרן אין גאַנצן אַסימילירט. די זין אָבער, געפֿירט פֿון פֿאָטער, זענען געוואָרן חסידים און חתונה געהאַט פֿאַר נגידישע, ייִדישע טעכטער. שפּעטער אָבער, ווען די זין זענען שוין געגאַנגען פֿאַר־זיך, האָבן זיי זיך געביטן. ביסלעכווייז אַראָפּגעוואָרפֿן דעם עול פֿון ייִדיש־קייט. זיי האָבן קודם־כּל פֿאַרטוישט זייערע לאַנגע קאַפּאָטעס אויף מאָדערנע אַנצוגן, אָפּגעשוירן די בערד און אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. די פֿאַר חדשים דייטשישע תּפֿיסה וואָס אַט דער יונגער־מאַן האָט טועם געווען, האָבן אים אויסגעמאַטערט. ער איז אַרויס פֿון תּפֿיסה אין אַ געדריקטער שטימונג, אַנדערש ווי מיר אַלע. מיר אַלע זענען ווידער געווען פֿול מיט אומבאַרעכ־טיקטער האָפֿענונג, זיך אַריינגעלאָזט אין נאַיִווע אילוזיעס. ער אָבער,

דער שטאַרק אַנטוישטער, האָט זיך עקשנותדיק געהאַלטן ביי דעם אַז דאָס באַפרייען אונדז איז נאָר אַ צייטווייליקע זאַך. איז עס טאַקע אַ נייער נסיון? — האָט מיך געטאָטשעט די פראַגע — אָבער איך האָב גענומען די זאַכן ווי זיי גייען.

ווער איך טאַקע באַפרייט?

עס איז מאָדנע, אָבער אַ פאַקט: אין די שווערסטע צייטן ווען מ׳האָט געשפּילט מיטן לעבן האָבן אַ סך מענטשן געהאַנדלט ווערדיק ווי די אינטויִציע האָט זיי אונטערגעזאָגט. באַפרייט פון תּפיסה זענען מיר אַלע אָנגעקומען אין שטעטל צעשטראַלטע, אָבער אים, דעם באַשטראָפטן מיט אומגלויבן, האָט גאָרנישט געפרייט. די ייִדן פון קלאָבוצק, וואָס האָבן דעמאָלט זיך שוין געפונען אין געטאָ, האָבן צו אונדזער צוריקקומען געמאַכט אַ סעודה. אַפילו די ייִדן וועלכע זענען נאָך געווען אין די אָרומיקע געגנטן האָבן אונדז געלאָזט וויסן זייער פרייד מיט אונדזער באַפרייונג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווי אַרעסטירטע ייִדן האָבן זיך צוריקגעקערט פון דעם פּיסק פון דער געסטאַפּאָ. מ׳האָט אונדז פאַרוואָרפן מיט פראַגעס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַ סך ייִדן פון שטעטל האָבן זיך געמיט וועגן אונדזער באַפרייונג, אָבער זיי אַליין האָבן נישט געגלייבט אין דער הצלחה פון זייער מי. דאָס האָט אונדז רעכט באַאומרויִקט און מיר האָבן גענומען טראַכטן ווי אַזוי גיכער זיך אַרויסצובאַקומען פון דאַנען. אָבער איך האָב לאַנג נישט געדאַרפט וואַרטן. שוין אויפן דריטן טאָג נאָך מיין באַפרייונג, ווען איך בין געזעסן ביי זיך אין שטוב און געניִיט (כ׳האָב זיך ווידער גענומען צו שניידעריי) איז אַריינגעקומען אַ דייטשישער שופּאָ. אין עטלעכע מינוטן אַרום זענען אָנגעקומען נאָך עטלעכע פון די מלאכי חבלה און געפאָדערט אַז איך זאָל מיט זיי מיטגיין אין קאָמיסאַריאַט. איך האָב אים געפרעגט וואָס ס׳איז געשען, האָט ער מיר געענטפערט, אַז „דאָרט וועט מען אייך שוין אַלץ אויפקלערן״.

דאָס פירן מיך איבער די גאַסן פון קלאָבוצק דורך די שופּאָ־לייט האָט גורם געווען אַ בהלה. עס איז געווען אַ זומער־פאַרנאַכט. ייִדן זענען געזעסן ביי זייערע שוועלן און זיך דורכגעשמועסט מיט די נישט־ייִדן וואָס אויסערן געטאָ. די ייִדן איז געלעגן אַ שטיין אויפן האַרץ. זיי האָבן

מורא געהאַט פאַר יעדן נייעם טאָג און זיי האָבן זיך דערשראָקן ווען זיי האָבן געזען מיך פירן אונטער אַזאַ שמירה. אָרנטלעכע קריסטן האָבן אַפילו אָנגעהויבן נאָכלויפן און שרייען: „צאָ שען טעי דאָברעי פּאַני זנווו סטאַלאָ?" (וואָס איז דער גוטער פרוי ווידער געשען?).

און איך? אַזוי ווי די שופא האָבן מיך געפירט, האָב איך גענומען טראַכטן: אויב די דייטשן פאַרהאַלטן מיך איצט, וועל איך שוין פון זיי קיין לעבעדיקע נישט אַרויס.

ווען מ'האָט מיך געבראַכט אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט האָט מען מיך תּיכּף אַריינגעזעצט אין אַ סעפּאַראַטער קאַמער. בעת־מעשׂה האָט מען מיר געזאָגט אַז איך מוז אַ ביסל צוואַרטן ווייל מען דאַרף מיך אויספאָרשן. צום גליק האָב איך נאָך געטראָגן מיין האַנטזייגער. זעענדיק אַז ס'איז שוין אַריבער אַ האַלבע שעה און אַרום מיר הערשט אַ טויטע שטילקייט, האָב איך אָנגעהויבן קלאַפּן אין דער טיר. עס איז צוגעקומען אַ שופא און מיט אַ בייז געשריי געפרעגט וואָס איך וויל. זיין שרייען האָט מיך נישט אַנטמוטיקט. כ'האָב אים רויִק געזאָגט אַז איך וויל מ'זאָל מיך מעלדן צום פּאָליציי־קאָמענדאַנט ווייל איך דאַרף אים זאָגן זייער וויכטיקס.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט מען דערווייל געזוכט די אַנדערע באַפרייטע ייִדן. היות מ'האָט זיי נישט געפונען האָט מען מיך טאַקע אַריינגעפירט צום קאָמענדאַנט. נישט וואַרטנדיק אויף זיינע פראַגעס האָב איך אים געפרעגט פאַר וואָס מ'האָט מיך דאָ אַהער געבראַכט; דאָס וואָרט „אַרעסטירט" האָב איך זיך באַמיט נישט צו באַנוצן. צי ווייסט ער נישט אַז ערשט מיט דריי טעג צוריק האָט מיך די געסטאַפּאָ באַפרייט, ווייל מיין ענין איז שוין אין גאַנצן אויפגעקלערט?

— וועגן דיין זאַך ווייסן מיר שוין אַלץ, האָט ער געענטפערט, אָבער וואָס ווייסטו צו זאָגן וועגן די אַנדערע ייִדן? דו ביסט פריי, אָבער ווען דו וועסט פון דאַנען אַהיימגיין זאָלסטו צו וויסן געבן די אַנדערע ייִדן וואָס זענען צוזאַמען מיט דיר באַפרייט געוואָרן און זיי זאָגן אַז זיי זאָלן צוקומען אַהער. מיר האָבן אַ באַפעל פון דער געסטאַפּאָ זיי עפּעס צו פרעגן. יאָ, געוויס, האָט ער צוגעגעבן, מ'מיינט נישט אַז מיר וועלן זיי נאָך אַ מאָל אַרעסטירן.

נאָך דריי שעה האָט מען מיך אַרויסגעלאָזט. איך האָב זיך באַמיט דורך מענטשן אָנצוזאָגן די באַטרעפנדיקע אַז מען זוכט זיי ווידער און אַז זיי זאָלן זיך באַמיִען וואָס גיכער צו פאַרשווינדן פון געטאָ. איך בין געווען איבערגעצייגט אַז דאָס וואָס מען האָט מיך אַרויסגעלאָזט איז געווען בלויז אַ שפּיצל צו קאָנען כאַפּן די איבעריקע געזוכטע. דערצו האָב איך אויך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן באַהאַלטן זיך אַליין. איך האָב געבעטן ביי אייניקע מענטשן זיי זאָלן מיר דערלויבן איבערשלאָפן ביי זיי די נאַכט, אָבער מענטשן האָבן מורא געהאַט איינצושטעלן.

צווישן מיינע פריינד פון קלאָבוצק האָב איך געהאַט אַן אַלטיטשקע פרוי וואָס האָט זיך מיט מיר שטאַרק אינטערעסירט. זי האָט שטענדיק געזאָרגט, אַז מיין עסן זאָל זיין גוט און אַז איך זאָל נישט איינגעצן מיינע פּיס. זי האָט מיר תּמיד אַרויסגעוויזן אַן אמתע האַרציקייט. אויך איך האָב פאַר דער אַלטיטשקער געהאַט אַ ספּעציעלן סענטימענט. מיט פרייד בין איך יעדן שבת געגאַנגען צו איר. שבת פלעגט די אַלטיטשקע באַקומען אַן אַנדער אויסזען. זי האָט אָנגעטאָן אַ שייטל אַרומגעבונדן מיט אַ שוואַרצן באַנד און אויף איר קלייד האָט זי געטראָגן אַ ווייסן פאַרטעך. באַלד נאָך ליכט־צינדן האָט זי אָנגעהויבן דאַווענען און אַזוי האָט זי געדאַוונט ביזן מאָרגנדיקן זון־אונטערגאַנג, ווען זי האָט פאַרענדיקט צו זאָגן „גאָט פון אַברהם", דאַן בין איך ווידער אַ מאָל אַוועק צו איר ווינטשן אַ גוטע וואָך. ביים אַריבערטרעטן איר שוועל פלעגט מיך אַרומנעמען אַ ליבלעכע וואַרעמ־קייט. ביי איר אין שטוב פלעג איך זיך דערמאָנען מיינע קינדער־יאָרן און מיינע באָבעס וועלכע איך האָב שטענדיק געטראָגן אין מיין זכרון. אויך זיי האָבן געטראָגן שייטלען מיט שוואַרצע שפּיצן־שלייפלעך אויף די קעפּ. ביי דער דאָזיקער אַלטיטשקער האָב איך זיי פון ס׳ניי געזען שמייכלענ־דיקע און געפילט זייערע גלעטן איבער מיין קאָפּ.

איצט איז די אַלטיטשקע געגאַנגען מיך ערגעץ באַהאַלטן. זי אַליין האָט געוווינט אין אַ הויז וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער פּאָליציי. דערפאַר האָט זי תּחילת מורא געהאַט מיך צו באַהאַלטן ביי זיך אָבער ווען אַנדערע האָבן עס נישט געוואָלט טאָן, האָט זי מיט איר פרום קול מיך אָנגעהויבן צו איבערצייגן אַז דער רבונו־של־עולם איז אומעטום און

אַז זי וועט מיך באַהאַלטן ביי זיך. איך האָב מיט פרייד אָנגענומען איר אָנבאָט. איך האָב דאָך געמוזט ערגעץ זיין און דער רבונו־של־עולם איז דאָך טאַקע אומעטום.

זי האָט שטילינקע מיך אַרויפגעפירט אויפן בוידעם ווו עס איז אין אַ ווינקל אויסגעבעט געוואָרן אַ געלעגער פאַר מיר. די אַלטע האָט ווי געווײנלעך זיך געלייגט שלאָפן אין איר בעט, אָבער מיר ביידע זענען די נאַכט נישט געשלאָפן. מיר האָבן זיך צוגעהערט צו יעדן גערויש אין דער פּאָליציי־געביידע וואָס אויף דער צווייטער זייט וואַנט. מיר האַרץ־קלאַפּעניש האָבן מיר געוואַרט אויפן נייעם טאָג...

ווען עס איז געוואָרן טאָג איז די אַלטיטשקע אַרויס אין דרויסן זען וואָס עס טוט זיך.

די דאָזיקע נאַכט איז אין דער אמתן געווען אַ שרעקלעכע. פּאָליציי האָט אַרומגערינגלט דאָס געטאָ כּדי אונדז צו געפינען. צום באַדויערן האָט זי פון אונדזער גרופּע געפונען דריַי מענטשן וועלכע זענען גראָד געווען באַהאַלטן ביי גויִים. די דאָזיקע דריַי יידן זענען באַלד אָפּגעשיקט געוואָרן אין תּפיסה און דאָס האָט ווידער אָנגעוואָרפן אַ שרעק אויפן שטעטל. מיר, די נישט געפונענע, זענען געבליבן אין די באַהעלטענישן.

איינער פון די מאַכערס האָט אויף דאָס ניי זיך פאַרנומען מיט אונדזער ענין. געווען איז דאָס דער הער פערעלמאַן פון קאַטאָוויץ. מען האָט אים בעת־מעשׂה באַשולדיקט אַז ער טוט עס צוליב די אויסבאַהאַלטענע צוויי שיינע פרויען. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן איז געווען אַ ביסל אמת אין דעם. ווי עס זאָל נישט זיין האָט ער געפּועלט ביי די דייטשן זיי זאָלן אונדז לאָזן אויף דער פריי, אָבער דאָס איז געווען נאָר אויף אַ קורצער צייט. דאָ וועל איך דערציילן וועגן מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען בערך דרייסיק יאָר. ס'איז שוין געווען אַ צייט ווי איך האָב זיך אַן איינזאַמע געראַנגלט מיט מיין גורל. איך בין אָנגעגאַנגען פאַר אַ שיינער פרוי, אַ באַשיידענע און סאָלידע. פּערעלמאַנס קומען צו מיר ווען איך בין נאָר געווען פריי האָט מיך זייער באַלעסטיקט.

איך האָב זיך פאַרטרויט פאַר מיינע שכנים אַז די באַזוכן פון הער פּערעלמאַן ברענגען מיר אַ שלעכט געפיל מחמת איך בין אַן איינזאַמע פרוי אין אַ פרעמד שטעטל. די שכנים האָבן עס רעכט באַנומען און ווי באַלד זיי האָבן געזען אָנקומען פּערעלמאַנען זענען זיי אויך אַריינגעקומען צו מיר כדי נישט צו לאָזן מיך אַליין. ער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן כיטרעווען. ער פלעגט קומען אין אַן אומבאַשטימטער צייט, אַ מאָל אין דער פרי און אַ מאָל — שפּעט אין אָוונט. איך האָב זיך גענומען שרעקן פאַר די דאָזיקע וויזיטן און האָב באַשלאָסן צו מאַכן אַ סוף צו זיי. איין מאָל אין אַ פרייטיק נאָך מיטאָג ווען פּערעלמאַן איז געקומען האָב איך אים איינגעלאַדן צו מאַכן מיט מיר אַ שפּאַציר.

מיר ביידע זענען געווען פון רעליגיעזע היימען. איך בין אַרויס אין דער וועלט מיט אַ באַגאַזש פון צניעות און געטרייקייט צו מיין מאַן מיט וועלכן איך האָב חתונה געהאַט זייער יונג. די פיינלעכע מלחמה־באַדינגונגען האָבן מיך צעשיידט מיט מיין מאַן און מיט מיינע קינדער און מיין גאַנצער פאַמיליע. איך בין ׳שוין געווען 14 יאָר נאָך דער חתונה און איך האָב אַפילו אין די געדאַנקען נישט פאַרראַטן מיין מאַן מיט וועלכן איך האָב געהאַט אַ זייער גליקלעך צוזאַמענלעבן. אים, דעם קאַטאָוויצער פּערעלמאַן, האָט דאָס טאַקע געדרייצט. ער האָט געוואָלט געווינען די שיינע חסידישע טאָכטער. מיר האָבן זאַלבענאַנד שפּאַצירט, געשמועסט; אָבער איך האָב געזען באַשיימפערלעך אַז פּערעלמאַנען איז געלעגן אין זינען עפּעס אַנדערש. ער איז אַרויס מיט ס׳זייניקע.

אויף זיינע פאָרשלאָגן האָב איך אָנגעהויבן אים צו דערציילן פון מיין היים, פון מיין ביז איצטיקן לעבן. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין רויִק פאַמיליען־לעבן ביז ס׳איז געקומען די געצוווּנגענע צעשיידונג. נאָך דעם אַלעם וואָס איר האָט געהערט פון מיר — האָב איך אים געזאָגט — איז אייך לייכט צו פאַרשטיין מיין האַלטונג. איך קען נישט גיין אויף קיין אַנדערן וועג. איך האָב אים שוין פראָסט־פּשוט געזאָגט: „איך בעט דיך, לאָז אָפּ, נו, איך פאָדער מער נישט קומען צו מיר מיט אַזעלכע פּראָפּאָ־זיציעס!“ די אָפענע, האַרציקע רייד מיינע האָבן קענטיק אויף אים גע־

ווירקט און ער האָט מיר צוגעזאָגט מיך צו לאָזן צו רו. מיר זענען לסוף זיך פונאַנדערגעגאַנגען ווי פריינד.

מ'האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם אַז מ'וועט די רעשט ייִדן פון קלאָבוצק אַרויסשיקן און אויף דעם אָרט איינשטעלן אַן אַרבעט־לאַגער. פון ס'ניי האָט מען אונדז גערופן אין געסטאַפּאָ אויף אויספאַר־שונגען און דאָס אַלץ האָט אונדז נישט געקאָנט געפעלן ווערן. די גרוסן פונעם „גובערנאַמענט" זענען אויך געווען זייער שלעכטע. דעמאָלט האָט מען אין וואַרשע שוין געטריבן אַלע ייִדן אויף אַרבעט אין די פאַבריקן און אין די „שאַפּן" און ווען ייִדן האָבן זיך צונויפגעקליבן אין גרעסערע גרופּעס האָט מען זיי אויסגעשאָסן. די בריוו פון וואַרשע זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל מער נערוועז. דאָס איז געווען אין דער צייט ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן הערן פון דעם טרויעריק באַרימטן מיידאַנעק. דעם טויט־קאָמבינאַט האָט מען געהאַט ערשט געעפנט. געכאַפּט ייִדן פון גאַס און זיי אַהינגעשיקט מיט די ערשטע טראַנספּאָרטן. דעמאָלט זענען נאָך געווען אין וואַרשע קינדער־גרופּעס אונטער דער אויפזיכט פון אַ לערערין. די דייטשן האָבן געכאַפּט אויך די קינדער און זיי געשיקט צום פאַרגאַזן. ידיעות וועגן דעם האָבן שוין אַרויסגעקלאָגט פון די וואַרשעווער בריוו, וואָס זענען דערגאַנגען צו מיר. מיטן מאַסן־טויט האָט זיך פאַרשטאַרקט דער הונגער, דער טעראָר און אויך די דעמאָראַליזאַציע.

יאָ, ווייניק מענטשן האָבן געהאַט דעם כּוח איינצוהאַלטן אין זיך דאָס ביסל מענטשלעכקייט. אין אַזעלכע שרעקלעכע צייטן אַנטרינט די גוטסקייט פונעם מענטש און אין אים בלייבט די חיה.

די געסטאַפּאָ האָט אונדז ווידער גענומען פאַרפּאָלגן. היות אין שטעטל איז שוין געווען אַן אַרבעט־לאַגער, האָבן מיר זיך גענומען באַמיִען אַהין אַריינצוקומען ווייל עס זענען פאַר אונדז געווען צוויי ברירות: אָדער מיר גייען אַריין אין אַרבעט־לאַגער, אָדער מ'וועט אונדז ווידער אַרעסטירן, איינזעצן אין תּפיסה און פון דאָרט שיקן קיין אוישוויץ.

דאָס גיין „פרייוויליק" אין לאַגער אַריין זעט אויס אומגלייבלעך, אָבער ס'איז אַ פאַקט אַז אונדזערע פריינד האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרויס גליק דאָס

וואָס מיר האָבן אַ מעגלעכקייט צו גיין אין אַ לאַגער אַריין. מיר זענען געווען נאָר דרײַ, די דערוויילן איבערגעבליבענע פון די נײַן אַרעסטאַנטן. פריילין ראָזע ראָזענזאַפט וועלכע האָט אין תּפֿיסה זיך שטאַרק צוגעבונדן צו מיר, האָט איצט געוואַרט אויף מיין דעציזיע. דער הער ק. און איך האָבן זיך אָבער נישט געקאָנט דעצידירן פּרייוויליק איבערצוגעבן זיך אין די הענט פון די דייטשן. אַגב איז אַפֿילו דאָס גליק אַריינגענומען צו ווערן אין לאַגער געווען פאַרבונדן מיט פּראָטעקציע און מיט באַצאָלן אַ סך געלט. מיינע פריינד וועלכע האָבן געאַרבעט פאַרן לאַגער־פירער און זענען אָפּט געפאָרן צום לאַגער, האָבן מיר דערציילט אַז אין לאַגער געפינט זיך אַ גרופּע פון יונגע, פאַרלאָזענע קינדער און איך וועל דאָרט האָבן אַ מעגלעכקייט זיך צו פאַרנעמען מיט זיי. ס׳איז זיך אָבער געווען משער צו זיין אַז נישט די דייטשן און נישט די ייִדן וועלן מיר דערלויבן אָנצופירן מיט דער גרופּע קינדער. עס איז אויך געווען אַ פראַגע צי מיט מיין אַריינגאַנג אין אַרבעט־לאַגער וועל איך נישט שטערן די באַמיִונגען אָפּצוראַטעווען מיינע אייגענע קינדער. דאָס פאָרן צו זיי קיין זדונסקאַ־וואָליע איז דורך דעם געוואָרן אוממעגלעך. אָבער בלית־ברירה און נאָך שווערע ראַנגלע־נישן מיט זיך איז געבליבן אַז מיר האָבן נישט קיין אַנדערן אויסוועג ווי נאָר אַליין צו גיין אין לאַגער אַריין.

אין אַרבעט־לאַגער

דאָס גאַנצע געטאָ האָט גערעדט וועגן אונדזער דעציזיע אַליין צו גיין אין געפאַנגענשאַפט!

ס׳איז געווען אַ שיינער האַרבסט־טאָג אין 1942. צוגעגרייט די זאַכן וואָס מיר האָבן געמעגט מיטנעמען אין לאַגער, האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די וואָס בלייבן דערווייל אין געטאָ ווו מ׳ווייסט נישט וואָס דער מאָרגן וועט ברענגען. אַלע האָבן מיר זיך שרעקלעך צעוויינט. ווען דאָס פורל

איז אָנגעקומען צו מיין שטוב מיך נעמען אין לאַגער אַריין, איז דאָרט שוין געזעסן די אַלטע פרוי, וואָס איר זון האָט באַצאָלט אַ סך געלט אַז מ׳זאָל איר טאָן די טובה און זי נעמען אין לאַגער אַריין. אויך אַ פרוי מיט אַ קליין מיידעלע איז שוין געזעסן אויפן פורל; דער פרויס מאַן איז געווען אין לאַגער; ער איז געווען דער פורמאַן ביים לאַגער־פירער.

געזעסן אין פויערישן פורל מיט די מענטשן וועלכע דער גורל האָט צופעליק צונויפגעפּאָרט איז מיך פּלוצלינג באַפאַלן אַ געפיל פון אויסער־געוויינלעכער איינזאַמקייט. זינט איך האָב פאַרלאָזן מיין היים און אָנגע־הויבן וואַגלען אויף די מלחמה־וועגן, האָב איך נאָך אַזאַ געפיל נישט געהאַט. די וועלט איז פאַר מיר געווען ווי אַ וויסטעניש. דעם גאַנצן וועג האָב איך גאָרנישט געזען, גאָרנישט געהערט. מיינע מיטפאָרעריגס האָבן געמיינט אַז מיט מיר איז עפּעס געשען. איך האָב נישט געקאָנט אַרויס־ברענגען קיין וואָרט פון מויל און קיין טרער פון מיין אויג. נאָך היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון יענער איבערלעבעניש, איז מיר שווער צו באַ־גרייפן, וואָס מיט מיר איז דאַן געשען. שפּעטער זענען אָבער געקומען פיל ערגערע צייטן. אין רעטראָספּעקטיוו זע איך אַז דעמאָלט האָט נאָך אונדזער לעבן געהאַט אַ ציל: צו האַלטן זיך פון וועגן דער משפחה, כאָטש פון דער משפחה האָבן שוין דאָ און דאָרט געפעלט אָנזעעוודיקע גלידער. איצט זע איך, אַז די דעמאָלטיקע שטימונג איז געקומען פון דער אינטויִציע, פון דעם פאָרגעפיל וועגן דאָס אַלץ וואָס איז געקומען שפּעטער.

ווען מיר זענען אָנגעקומען אין לאַגער איז שוין געווען נאַכט. די ייִדן פון לאַגער זענען שוין געהאַט צוריקגעקומען פון דער אַרבעט. דאָס זענען געווען מענטשן יונגע און אַלטע האָרעפּאַשניקעס פון דער היים. מ׳האָט די ייִדן אַהערגעבראַכט פון דער אומגעגנט. זיי האָבן, וואָס אַן אמת, נאָך נישט שלעכט אויסגעזען. טייל האָבן אַפילו אַרויסגעוויזן צופרידנקייט וואָס זיי געפינען זיך דאָ. דערזען אונדז האָבן זיי זיך שטאַרק דערפרייט. יעדער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף נייעס פון דער וועלט. דאָס דאָרף וווּ דער לאַגער האָט זיך געפונען, האָט געהייסן וואָליאַ־האַנקאָווסקאַ. ס׳איז געווען אַ טיפּיש פּויליש דאָרף, אַ ווייניק באַוווינטס. די געביידע פון לאַגער איז געשטאַנען אויף אַן אָפּגעזונדערט אָרט. פון ווייטנס האָט עס געמאַכט דעם

איינדרוק אַז דאָס איז די איינציקע געביידע אין דער געגנט, ווייל צווישן אַלע דאָרפישע הייזער איז געווען נאָר איין איינציק איין־שטאָקיק רויט געמויערט הויז — דער בנין פון לאַגער.

אונטן זענען געווען צוויי גרויסע צימערן. אין איינעם זענען געשלאָפן אַלע ייִדן פון לאַגער און אין דעם צווייטן — איז געווען די קיך אין וועלכער עס זענען געשלאָפן די פרויען וואָס האָבן געקאָכט. נאָך אַ שטאָק העכער האָט זיך געפונען דער שפּייז־מאַגאַזין, די שטוב פון קאָלאָנען־פירער און עטלעכע „אויסדערוויילטע״ פונעם לאַגער.

ווען מ׳האָט אונדז אַריינגעפירט אין הויז, האָט מען די אַלטע פרוי און די פרוי פון דעם פורמאַן פון לאַגער־פירער מיט איר מיידעלע אַריינגעפירט אין קיך און מיך האָט מען אַרויפגעפירט אין דער הויך, אויפן ערשטן גאָרן. מען האָט מיר צוגעטיילט צו אַ צימער, ווו עס זענען געשטאַנען צוויי בעטן, אַ טישל און אַ קליין שענקל. ווען איך האָב נאָכגעפרעגט ווער עס שלאָפט אין צווייטן בעט, האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס איז די פריילין פון דעם קאָלאָנען־עלצטן. דאָס איז מיר נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן און איך האָב געבעטן, אַז מ׳זאָל מיך פירן צום קאָלאָנען־פירער. איך האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז איך וויל וווינען מיט די פרויען וועלכע מ׳האָט געבראַכט צוזאַמען מיט מיר. מ׳האָט מיר אָבער געענטפערט אַז ער געפינט זיך גראָד נישט אין לאַגער און וועט קומען ערשט צו נאַכטעסן. אַ ביסל שפּעטער איז ער אָנגעקומען.

ער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פינף און דרייסיק. אַ שוואַרצער, דיקער, מיט אַ פּראָסט לאַכעדיק פּנים. ער איז אָנגעקומען מיט אַ פריילין וועלכע ער האָט געפירט אונטערן אָרעם. אָנגעקוקט זיי ביידן איז מיך באַפאַלן אַ שרעק דערפאַר וואָס מ׳האָט מיר צוגעטיילט דעם „כבוד״ צו שלאָפן מיט דער דאָזיקער פריילין אין איין צימער. אָבער גלייכצייטיק האָב איך אויך מורא געקריגן צו ווענדן זיך וועגן דעם צום קאָלאָנען־פירער. איך האָב אָבער באַשלאָסן נישט אַרויפצוגיין שלאָפן אין דעם פאַר מיר באַשטימטן צימער נאָר בלייבן מיט דער פרוי אין קיך. אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן.

שוין ליגנדיק אין בעט צוזאַמען מיט דער אַלטער פרוי, האָב איך דערהערט ווי די טיר עפנט זיך און אַט שטייט פאַר מיר די פריילין, די

„באַקאַנטע" פון דעם קאָלאָנען־פירער און זי פרעגט מיך פאַר וואָס איך בין נישט אַרויפגעקומען שלאָפן צו איר אין צימער. דערביי זאָגט זי ענערגיש אַז דאָס איז אַ באַפעל און אַ באַפעל מוז פּינקטלעך אויסגעפירט ווערן. זי האָט מיך אַרויסגעשלעפּט פון בעט און מיך גענומען שרעקן אַז דער גאַנצער לאַגער וועט ליידן צוליב מיין אומגעהאָרכזאַמקייט. איך בין געצוווּנגענערהייט איר נאָכגעגאַנגען. ווען איך בין אַריין אין צימער האָב איך באַמערקט אַז אין צווייטן בעט ליגט דער קאָלאָנען־פירער. זעענדיק אַז איך זשעניר מיך האָט זי מיך באַרויִקט אַז אין צווייטן בעט שלאָפט זי, און אַז דער קאָלאָנען־פירער פאַרלאָזט באַלד דאָס צימער.

נישט געווען קיין אַנדערע ברירה, האָב איך זיך געלייגט שלאָפן אין מיין בעט, אָבער איינשלאָפן האָב איך נישט געקאָנט. עס האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן און דער „בחור" איז נאָך אַלץ מיט דער פריילין אין בעט. איך האָב זיך שטיל אַרויסגעשליכט און באַשלאָסן די צווייטע נאַכט דאָ נישט צו שלאָפן.

ווען איך בין אַראָפּ אין קיך אַריין האָבן פרויען שוין געאַרבעט ביים צוגרייטן פרישטיק. זיי האָבן זיך בינו לבינו דערציילט פון קאָלאָנען־פירער מיט דער פריילין. דאָס וואָס איך האָב געהערט האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ נייעם פחד. אָבער איך האָב איצט נישט געהאַט קיין אַנדערע עצה ווי אָפּצוּוואַרטן. איך האָב גענומען צוהעלפן אין קיך און מיר האָבן באַלד געגעבן די לאַגער־מענער דעם פרישטיק.

נאָכן פרישטיק איז פאָרגעקומען דער אַפּעל. מ'האָט יעדן צוגעטיילט זיין אַרבעט. די ניי־אָנגעקומענע פרויען האָט מען באַשטימט צו שיילן קאַרטאָפל. מיר האָט מען קיין שום אַרבעט נישט צוגעטיילט. דערפאַר האָב איך זיך געווענדט צום קאָלאָנען־פירער און אים געזאָגט אַז איך בין אַ שניידערין און איך קאָן פאַררעכטן אַלע צעריסענע קליידער. אויף דעם האָב איך באַקומען אַן ענטפער אַז היינט בין איך באַפרייט פון אַרבעט. איך וועל אָבער מיטגיין מיט אים אויף דער „בוי־שטעלע" זען ווי אַזוי די יידן אַרבעטן.

מיר זענען באַלד אַוועק אַהין. די פּוילישע האַרבסט־זון האָט גוט געוואַרעמט. דער קאָלאָנען־פירער האָט זיך אויפן וועג אָנגעהויבן צוצושאַרן

צו מיר. דערביי האָט ער כּלאחר־יד אַריינגעוואָרפֿן אַ וואָרט אַז אויב איך „וועל זיין קלוג" וועט מיר זיין גוט ביי אים. כּדי אים אַראָפּצופירן פון דער טעמע האָב איך אים געפרעגט וואָס פאַר אַן אַרבעט די ייִדן פירן אויס אויפן פעלד. ער האָט מיר אויף דעם נישט געענטפערט. אָבער נאָך דעם ווי מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג האָב איך אַליין דערזען דעם ענטפער אויף מיין פראַגע: די ייִדן — מענער און פרויען — זענען געשטאַנען ביז אין דער העלפט אין זומפּ און זיי האָבן געטאָן דרענירער־אַרבעט. דאָס דאָזיקע בילד האָט זיך איינגעביסן אין מיר און מיך אויפגעשוידערט. צווישן די ייִדן האָבן זיך נאָך געפונען אַזעלכע וואָס מ'האָט זיי די בערד נישט געהאַט אָפּגעשוירן. דאָס זענען געווען די „גאָר" פרישע שקלאַפן פונעם דייטשישן האַר. מ'האָט שוין אויף זיי אָנגעזען זייער אויס־געמאַטערטקייט. זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף זייערע געשוואָלענע פיס. איך בין צוגעגאַנגען צו די ייִדן, געוואָלט זיי עפּעס העלפן. אָבער דער ייִדן־עלצטער און די ייִדן גופא האָבן נישט געלאָזט אַז איך זאָל אויך אַריינקריכן אין דער בלאָטע. איך האָב אָבער נישט געוואָלט דאָס אויפגעבן און דריַי טעג נאָכאַנאַנד בין איך מיטגעגאַנגען מיט די ייִדן צו דער אַרבעט. אין די דאָזיקע דריַי טעג האָט מיך אונדזער „שעף" געפּרוּווט „באַאיַינפלוסן" איבערצורייסן די דאָזיקע אַרבעט. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער געפּרוּווט מיך „פאַרטשעפּען". דאָס זיין דאָ איז פאַר מיר געוואָרן אַ גיהנום און איך האָב צו מאָל נישט געהאַט פאַר וועמען דאָס צו דער־ציילן, אָדער אַראָפּוויינען זיך פון האַרצן. די לאַגע איז געוואָרן אַזאַ, אַז מ'האָט מיר אַפילו גענומען שטערן צו טרעפן זיך מיט די קינדער וועלכע זענען געווען אין לאַגער. לסוף האָט דער קאָלאָנעז־פירער גענומען אויסזוכן אויף מיר פאַרשידענע חטאים. איין מאָל ווען ער האָט מיר פאַרגעלייגט צוקער און אַנדערע גוטע זאַכן, האָב איך אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. דאָס איז זיכער געווען די סיבה וואָס באַלד אויף מאָרגן איז געקומען אַ באַפעל אַרויסצושיקן צוויי פרויען אין אַן אַנדער לאַגער צו קיך־אַרבעט און איך בין געווען איינע פון זיי. צוזאַמען מיט אַ יונג מיידל האָט מען מיך משלח געווען פונעם לאַגער.

מיין פרייד איז געווען גרויס: פּטור געוואָרן פון אַן אויסוואורף. איך האָב נישט געוווסט וווהין מ׳שיקט מיך, אָבער איך בין געווען צופרידן; איין זאַך האָב איך דאָ געלערנט אין דעם לאַגער: נישט צו מאַכן זיך קיין אילוזיעס און צו זיין אַנטשלאָסן אַפילו אַ מינוט פאַרן טויט און דאָס האָט מיך שפּעטער אַ סך מאָל געראַטעוועט אין שווערע סיטואַציעס.

אַכט אַ זייגער אין דער פרי זענען מיר שוין געווען אויפן נייעם אָרט. דאָס איז געווען אין אַ דאָרף נישט ווייט פון טשענסטאָכאָוו. גערופן האָט מען דאָס אָרט: קאַמיק. דער לאַגער האָט זיך געפונען אין אַ קליין גע־מויערטן הויז וואָס האָט געהערט צו דער יידישער משפחה ווייסלער. דאָ האָב איך געטראָפן פופציק יידן פון קזשעפּיץ. אין דער גרופּע זענען געווען צוויי יונגע מענטשן, אַלע איבעריקע זענען געווען עלטערע, פרומע יידן מיט בערד און פאות. די דאָזיקע יידן האָבן אָפּגעהיטן אין לאַגער יידישקייט. אייניקע פון די יידן האָבן מיך געקענט און געוווסט ווער איך בין. זיי האָבן זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט. זיי זענען געווען שטאַרק פאַרביטערט פון די אַדורכגעלעבטע צרות. זיי האָבן כּסדר מיר דערציילט וועגן זייער ביטערן מעמד. שוין טעג ווי זיי האָבן נישט געגעסן קיין ביסל געקעכטס ווייל עס איז נישט כּשר. די יידן האָבן געלעבט נאָר מיט דעם שטיקל טרוקענעם ברויט. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן מיך אויסצופרעגן וועגן זייער קזשעפּיץ, וועגן זייערע פרויען און קינדער, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן דערווייל אין דער היים. זיי האָבן נעבעך נישט געוווסט, אַז זייערע משפחות האָט מען דריי טעג שפּעטער געשיקט קיין אוישוויץ.

פון דער ערשטער מינוט אָן האָט זיך פאַרבונדן צווישן מיר און די דאָזיקע יידן אַן אויסערגעוויינלעכע נאָענטקייט. איך האָב זיך מיט אַלע מעגלעכקייטן באַמיט צו לינדערן זייער לאַגע, צו געבן זיי כאָטש אַ ביסל פון דער וואַרעמקייט וואָס זיי האָבן געהאַט אין זייערע היימען צו וועלכע זיי האָבן שטאַרק געבענקט. איך האָב עס געטאָן מיט פרייד ווייל דער זכר פון מיין אייגענער היים האָט נאָך געטליִעט אין מיין פאַרוווּנדיקטער ברוסט.

דאָס ערשטע וואָס איך האָב געטאָן איז געווען די באַמיִונג איינצופירן פאַר די יידן אַ כּשרע קיך. איך האָב זיך דערלויבט צו ווענדן צום

שפּייז־אינטענדענט, אַ דייטש, פֿאַרשטייט זיך, אַז ער זאָל פֿאַר אונדזער לאַגער אַנשטאָט חזיר־פֿעטס צוטיילן נאָר מאַרגאַרין. איך האָב זיך גע־ווענדט צו אים כּלומרשט אין שפּאַס ווייל אויף אַן אַנדער אופֿן וואָלט איך עס נישט געפּועלט. פֿון צייט צו צייט האָבן מיר אויך באַקומען פֿלייש. האָב איך זיך געווענדט צו אים מ׳זאָל אונדז צוטיילן אַ לעבעדיק קאַלב. און אויך דאָס איז מיר געלונגען דורכצופֿירן.

אין שכנהשאַפֿט פֿון לאַגער האָט זיך געפֿונען אַ גרויסע פּוילישע ווירט־שאַפֿט, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפֿירט אַ דייטשישע פֿאַמיליע. די מענטשן האָבן נישט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון נאַציס, נאָר גיכער פֿון אַלטע ווילהעלמצעס. דער אַלטער דירעקטאָר מיט זיין פֿרוי האָבן מיר אַרויס־געוויזן סימפּאַטיע און דאָס האָט אויך געבראַכט נוצן פֿאַר אונדזער לאַגער. ווען מיר פֿלעגן יעדן טאָג זיי אָהין שיקן די שאָלעכץ פֿון אונדזערע קאַרטאָפֿל, האָבן זיי אונדז צוריקגעשיקט אַ פּאָר ליטער מילך. אַגב, אויף צו שיקן דאָס קאַרטאָפֿל־שאָלעכץ אין גוט אַריין, האָבן מיר אויך געמוזט האָבן אַ דערלויבעניש פֿון דער דייטשישער מאַכט. זייער אָפֿט פֿלעגן די דייטשן פֿון גוט זאָגן דעם מענטשן וואָס האָט אַהין געטראָגן דאָס אָפּפֿאַל, אַז זיי שיקן דאָס פֿאַר דער „בלאָנדער דאַמע״, כּדי זי זאָל דאָס האָבן פֿאַר „אירע״ ייִדן. זיי פֿלעגן מיך רופֿן „די בלאָנדע דאַמע פֿון דריבן״, אָדער „די לייטערין פֿון סאַנאַטאָריום״. די אַנדערע לאַגער־ייִדן פֿלעגן זיי מיט חוזק רופֿן „די פּענסיאָנירטע״.

מיט די דאָזיקע דייטשן האָב איך געהאַט זייער ווייניק געלעגנהייט צו שמועסן. אָפֿט פֿלעג איך זען ווי זיי שטייען אין דרויסן פֿון לאַגער און קוקן זיך צו צו אונדזער לעבן. נישט זעלטן האָבן זיי מיך געפֿרעגט אויף פֿאַרשידענע מענטשן. זיי פֿלעגן אויסהערן מיינע תּשובֿות און שווייגן. אין עטלעכע וואָכן אַרום ווען איך האָב געמוזט אַוועקגיין פֿון דאַנען, האָב איך מיט באַדויער אויך פֿאַרלאָזט דאָס אַלטע דייטשישע פּאָרפּאָלק.

אין דעם לאַגער זענען די טעג אַדורך שנעל. איך פֿלעג אויפֿשטיין פֿינף אַ זייגער באַגינען און צוגרייטן די קאַווע. האַלב זיבן זענען שוין אַלע אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט אונטער אַ דייטשישער וואַך. איך מיט מיין געהילף — דאָס מיידל — זענען געבליבן אין לאַגער אַן שום קאָנטראָל.

ביידע האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט שיילן קאַרטאָפל און דאָס איז געווען אונדזער וויכטיקסטע אַרבעט. די הויפּטשפּייז זענען געווען קאַרטאָפל. נאָכן אָפּשיילן די קאַרטאָפל פלעגן מיר זיי גלייך שטעלן קאָכן ווייל פּינקטלעך צוועלף אַ זייגער זענען די מענטשן שוין געקומען עסן. דערנאָך האָבן מיר זיך גענומען ריין מאַכן דאָס הויז. אַלץ אַרום האָט געבלאַנקט. די ריינקייט פון דעם קליינעם לאַגער איז געוואָרן באַוווסט און אַלע דייטשישע איינ־ווווינערס פון דער געגנט זענען געקומען אונדז באַוווּנדערן. פּאַרטיק געוואָרן מיטן ראַמען, האָבן מיר אָנגעפּולט צוויי קעסלען מיט וואַסער און זיי אַרויפגעשטעלט אויף דער קיך וואַרעמען כּדי די מענטשן וואָס וועלן קומען פון דער אַרבעט זאָלן האָבן וואַרעם וואַסער זיך אָפּצוּוואַשן. עס פלעגט אויך טרעפן אַז מ׳האָט דאָס מיטאָג געטראָגן צו דער „בוי־שטעלע״.

דער אַרבעט־פּלאַץ איז געווען גענוג ווייט און אָפט פלעגן די דייטשע אויפזעערס איינזען אַז די ייִדן וועלן נישט קאָנען פונעם מיטאָג צוריקקומען צו דער צייט צו דער אַרבעט. דעמאָלט זענען פון דער „בוי־שטעלע״ געקומען צוויי יונגע מענער כּדי צו שלעפּן די קעסלען מיטן עסן צום אַרבעט־פּלאַץ. די שיסעלעך און די לעפלען פלעגן די מענטשן מיטנעמען מיט זיך. מיר, די צוויי פרויען, זענען אויך מיטגעגאַנגען אַהין, צום „אַרבעט־פּלאַץ״, כּדי צו פאַרטיילן דאָס עסן. מיר האָבן זיך באַמיט צו באַקומען וואָס מער מאַרגאַרין און קאָכן דאָס עסן מיט מער פעטס, ווייל מיר האָבן געוווּסט ווי שווער עס איז די אַרבעט וואָס די מענטשן מוזן טאָן. די ייִדן האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף אונדז. זיי זענען געווען שטאַרק הונגעריק. ווי אַנדערש האָבן זיי אויסגעזען דאָ אויף דער בוי־שטעלע! מידע, צעקנייטשטע, פאַרדאַגהטע! אין לאַגער, נאָכן אָפּרוען זיך און אָפּוואַשן זיך האָט מען אויף זיי ווייניקער אָנגעזען דעם מצב אין וועלכן זיי געפינען זיך, אָבער דאָ, אויף דער בוי־שטעלע! ייִדן סוחרים, בעלי־מלאָכות, קרעמערס, וואָס זענען קיין מאָל נישט געוווינט געווען צו האַלטן אַ לאָפּעטע אין האַנט, זענען דאָ געשטאַנען אויף זייערע שוואַכע פיס פון סאַמע אין דער פרי און אָן איבעררייס געגראָבן די ערד! ביי טייל פלעגן די פיס געשוואָלן ווערן, אַזוי אַז אַפילו דער בייזער דייטש האָט זיי געמוזט באַפרייען פון דער אַרבעט אויף עטלעכע טעג. אָבער מיט

איין מאָל באַפֿרייען עטלעכע קראַנקע, האָט ער אויך נישט געקאָנט. אַזוי אַרום האָבן זיך אויף דער בוי־שטעלע שטענדיק געפֿונען קראַנקע און שוואַכע. אָפֿט מאָל, ווען דער „שאַרפֿירער" איז געווען אין „גוטער לוינע", פֿלעגט אונדז געלונגען ביים מיטאָג צוריקצופֿירן אין לאַגער אַריין אַזאַ שוואַכן. עס פֿלעגט אָבער אויך טרעפֿן אַז דער ייִדישער קאָלאָנען־פֿירער האָט עס נישט דערלויבט.

אין די דאָזיקע געברענטע צרות פֿון אַ גאַנצער וואָך האָבן מיר דאָך זיך געגרייט צום שבת. יעדן טאָג פֿלעגן מיר עפּעס אָפּשפּאָרן פֿון אונדזערע ראַציעס — לכּבֿוד שבת. דאָס וויכטיקסטע איז געווען דער פֿרייטיק אויף דער נאַכט. שבת אין דער פֿרי האָט מען געמוזט צוריקגיין צו דער אַרבעט. ערשט צוועלף אַ זייגער, ווען מ׳פֿלעגט קומען צום מיטאָג, האָבן מיינע „פּענסיאָנערן" ווידער געקאָנט האַלטן שבת.

פֿרייטיק האָבן מיר נאָך שענער אויסגעוואַשן די צימערן, אויפֿגעלייגט ווייסע ליילעכער אויפֿן טיש און אָנגעצונדן ליכט. מיר פֿלעגן זיך איבערטאָן לכּבֿוד שבת און די מאַנסלייט האָבן געדאַוונט און מיט געזאַנג מקבל שבת געווען. דאָ און דאָרט פֿלעגט עמעצער אין דער שטיל שלינגען אַ טרער. מ׳האָט געוווּסט אַז דער דאָזיקער צושטאַנד קאָן נישט לאַנג אָנהאַלטן. פֿריִער אָדער שפּעטער וועלן זיך די מענטשן איינברעכן. מיר, די פֿרויען, האָבן זיך באַמיט צוצוגרייטן אויף שבת בעסער עסן. מיר האָבן נאָך געהאַט אַ וועלכע מעגלעכקייט עס איז צו באַקן פּאַר איטלעכן אַ שבת־חלה. אויף דעם ליילעך־געדעקטן טיש האָבן מיר אָנגעצונדן די שבת־ליכט און גע־פּראַוועט דעם לאַגער־שבת.

אין לאַגער זענען מיר געווען פּופֿציק מענטשן, מערסטנס עלטערע ייִדן. עס זענען אויך געווען צוויי יונגע־לייט מיט זייערע פֿאָטערס. איינער איז געווען דער זון פֿון קלאָבוצקער פֿערד־הענדלער און דער צווייטער — אַ ייִנגל — איז געווען מיט זיין איידעלן פֿאָטער, דעם קזשעפּיצער מלמד. דער פֿערד־הענדלער מיט זיין זון זענען געווען גרויסע צעוואַקסענע מענער. זיי זענען געווען פֿרום, האָבן יעדן טאָג געדאַוונט און געפֿירט זיך ייִדישלעך. דער פֿערד־הענדלער האָט געבראַכט מיט זיך אַ סך געלט און דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט באַלד אין די ערשטע טעג צו ווערן אַ גוטער

ברודער מיטן דייטשישן אַרבעטס־פירער. דעם פאָטער האָט דער דייטשער אַרבעטס־פירער גלייך באַפרייט פון דער אַרבעט, דעם זון האָט ער געשטעלט אויף אַרבעט ביי די לאַגער־פערד. צו דעם אַלעם האָט דער פאָטער און דער זון זיך פאַרליבט אין איינער פון אונדז. אָנגעפרעסן זיך, אויסגערוט זיך — האָט זיי גאָר פאַסמאַקעוועט ליבעריי! אַ סך מאָל זענען אַרויסגע־קומען קאָמישע סיטואַציעס: דער פאָטער האָט זיך באַמיט צו קאָנקורירן „אין ליבע" מיט זיין יונגן זון. ביידע, סיי דער פאָטער, סיי דער זון זענען געווען פרימיטיווע מענטשן. זיי זענען געווען שיינע מענער מיט אַן אויס־געשאַרפטן חשק צום לעבן. און דער גורל האָט געוואָלט אַז אין די דאָזיקע אומנאָרמאַלע באַדינגונגען זאָלן זיך פאָטער און זון פאַרליבן אין דער זעלבער פרוי. עס האָט גענומען אַ שטיקל צייט און דער פאָטער האָט אָפּגעטראָטן דעם וועג פאַרן זון. איך ווייס נישט וויפל ליידן עס האָט געקאָסט דעם פאָטער. אָבער מיר, די לאַגער־מענטשן, האָבן זיך מיט דעם שטאַרק געווילט.

נישט לאַנג האָט אָבער געדויערט אונדזער רויִק לעבן אין אָט דעם לאַגער. אונדזערע דייטשן פלעגן אָפּט ברענגען אַהער אַנדערע דייטשן כּדי זיי צו באַווייזן ווי זויבער עס איז ביי אונדז. ספּעציעל איז די דייטשישע געסט געפעלן געוואָרן דאָס צימער פון די פרויען וואָס האָט געבלענדט פון ריינקייט. די פאָליצעס, דאָס ווייסע טישטעכל, די בלימעלעך אין גלאָז און אַנדערע קלייניקייטן האָבן אויף אַן אמת פאַרפירט, נישט דערלאָזט זיך שאַפן דעם איינדרוק אַז מען געפינט זיך אין אַן אַרבעט־לאַגער.

נאָכן אָפּזיין אין נייעם לאַגער זעקס וואָכן איז פּלוצים געקומען אַ באַפעל אַז מען זאָל מיך תּיכּף איבערשיקן אין אַן אַנדערן לאַגער פון דערבייאיקן שטעטל. דעם באַפעל האָבן מיר באַקומען פינף נאָך מיטאָג און אין דריי שעה אַרום האָב איך שוין געדאַרפט זיין דאָרט און זיך שטעלן צום אַפּעל. די ידיעה האָט אַריינגעבראַכט אַ צערודערונג צווישן אונדזערע לאַגער־מענטשן וועלכע זענען געוואָרן צעטומלט פון דעם באַפעל און גע־טראַכט וואָס צו טאָן כּדי דעם באַפעל אָפּצורופן. עס איז באַשלאָסן געוואָרן אַז איך זאָל טעלעפאָנירן צום יידן־עלצטן, און אים בעטן אַז ער זאָל אינטערווענירן ביים לאַגער־פירער מיך דאָ איבערצולאָזן.

אַזוי ווי דעם באַפעל וועגן פאַרלאָזן דעם לאַגער האָט מיר איבערגעגעבן די פּאָליציי, בין איך אַריין אין פּאָליציי־פּאָסטן מיט אַ ווענדונג מ׳זאָל מיר דערלויבן עפּעס זיך אָנפרעגן דורכן טעלעפאָן אין שייכות מיט מיין פאַרלאָזן דעם דאָיקן לאַגער. די פּאָליציי האָט עס באַוויליקט און מיך פאַרבונדן מיט דער „דינסט־שטעלע״. צו מיין איבעראַשונג איז דער באַפעל איבערגעחזרט געוואָרן מיט אַן אַנטשלאָסענעם טאָן, בכן די אַרבעט וואָרט שוין אויף מיר פון אין דער פרי אָן, ס׳הייסט איך דאַרף גלייך אַהינקומען.

ביים צוריקקומען פון דער פּאָליציי האָבן אַלע לאַגער־מענטשן מיך אָפּגעוואַרט מיט אומגעדולד. ווען איך האָב זיי דערציילט אַז איך מוז באַלד אַוועק צו פוס אין נייעם לאַגער אַריין, האָב איך דערהערט זיפצן און געוויין. נאָך היינט שטייט פאַר מיר דאָס דאָזיקע רירנדיקע בילד. אָבער נישט געקוקט אויף דעם וואָס מיר איז געווען גענוג ביטער אויפן האַרצן ווייל איך האָב פאַרגעפילט שווערע צייטן אויפן נייעם אָרט, האָב איך געטרייסט די מענטשן, וועלכע איך האָב געמוזט פאַרלאָזן. איך האָב זיי געזאָגט דאָס וואָס איך אַליין האָב נישט געגלייבט. דהיינו? אַז דער לאַגער אין קאַמיק וועט בקרוב אויפגעלייזט ווערן און מיר וועלן זיך טרעפן אין דעם צווייטן לאַגער ווּהין איך גיי איצט.

מיינע טייערע, אָרעמע יִדן, פון וועלכע עס איז אפשר דאָך עמעץ געבליבן ביים לעבן, האָבן געשאַפן אַ פערד און וואָגן כּדי איך זאָל נישט מוזן גיין צו פוס די זיבעצן קילאָמעטער אין נייעם לאַגער אַריין. זיי האָבן זיך מיט מיר האַרציק געזעגנט און צוויי האָבן מיך באַגלייט ביזן נייעם לאַגער. יאָרן שפּעטער ווען איך בין ניצול געוואָרן פון כּלערליי סכּנות האָב איך שטענדיק געטראַכט פון דער צייט אין לאַגער קאַמיק און האָב עפּעס ווי געגלייבט אַז די כּשרע יִדן פון דעם לאַגער מיִען זיך פאַר מיר.

אָנגעקומען אין נייעם לאַגער בין איך ווען עס איז שוין געווען פינצטער. איך האָב געוווּסט אַז אין שטעטל קלאָבוצק, ווו דער נייער לאַגער האָט זיך געפונען, זענען דאָ עטלעכע „נוצליכע יִדן״, האָב איך צו איינעם פון זיי זיך געווענדט מיט דער בקשה, אַז ער זאָל צוגיין צום לאַגער און בעטן אַז אַזוי ווי עס איז שוין שפּעט ביי נאַכט, זאָל מען מיר דערלויבן זיך צו מעלדן צו מאָרגנס אין דער פרי. איך האָב געוווּסט אַז די יִדן שטייען

אין פֿאַרבינדונג מיטן לאַגער־פירער, ד״ה אַז פון צייט צו צייט באַקומט ער פון זיי אַ מתּנה. זיי האָבן מיר געזאָגט אַז דער לאַגער־פירער האָט פאַרשידענע „צייטן״, אים באַפאַלן „שטימונגען״. פאַראַן טעג ווען ער איז אַכזריותדיק, אָבער ווען ער איז נאָרמאַל קען מען פון אים אויסהאַלטן. לעצטנס אָבער איז ער זייער צערייצט. ס׳איז אַן איינשטעלעניש צו אים צו גיין עפּעס בעטן.

איך בין אָבער געווען צודרינגלעך מיט מיין בקשה און דער „נוצלי־כער יודע״ איז פון דעסטוועגן אַוועק צום לאַגער־מושל. אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און איבערגעחזרט דעם באַפעל, אַז איך מוז זיך תּיכּף מעלדן. דער באַפעל אַז איך מוז שפּעט אין אָוונט זיך מעלדן צו אים האָט נישט אָנגעזאָגט קיין גוטס און איך האָב באַשלאָסן, אַז ווען עס זאָל מיך אַפילו קאָסטן מיין לעבן, וועל איך אויף דער נאַכט נישט גיין זיך מעלדן. וועגן מיין שרעק האָב איך גערעדט מיט דעם ייִדן. ער האָט מיר מודה געווען אַז איך בין גערעכט, אָבער ער האָט צוגעגעבן, אַז איך מוז גיין. ער וועט מיט מיר מיטגיין און פון מיר נישט אָפּטרעטן. ס׳איז נישט געווען קיין ברירה, ס׳איז געווען די צייט פון נאַקעטן הפקר.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען צום לאַגער־פירער, האָט ער דאָס ערשטע געפרעגט, צו וואָס דער „יודע״ איז מיטגעקומען. איך האָב שוין געהאַט דערפאַרונג פון תּפיסה, נישט צו ענטפערן אויף קיין פראַגע, אויב מ׳ווערט נישט געבעטן דערצו. דריי מאָל האָט ער איבערגעחזרט זיין פראַגע, אָבער נישט איך און נישט מיין באַגלייטער האָבן אים געענטפערט. דער פעטער קאַרק פונעם דייטש האָט אָנגעהויבן רויט ווערן, זיינע נאָזלעכער האָבן זיך צעשפּרייט ווי ביי אַ צעיושעט פערד און פלוצלינג האָט ער געענדערט זיין טאָן. ער האָט מיר אָנגעוויזן דעם צימער, אין וועלכן די פרויען וועלן וווינען — לעבן זיין „דינסט־שטעלע״. דערנאָך האָט ער מיר געגעבן דעם שליסל און בעטגעוואַנט. איך האָב אַלץ גענומען, געבראַכט אין אָרדענונג דעם צימער און אַוועקגעגאַנגען איבערנעכטיקן אין שטוב פון דעם „נוצליכן יודע״. צו מאָרגנס אין דער פרי ווען איך האָב זיך צוגעשטעלט, האָט דער „קלוגער הערשער״ מיך געפרעגט, ווו איך בין געשלאָפן און צי איך ווייס נישט אַז איך געפין זיך אין אַ לאַגער פון וועלכן מ׳טאָר נישט אַרויסגיין?

היינט קומען נאָך פרויען, און דו דאַרפסט וויסן אַז „נור איך האָבע רעכט צו באַפעלן".

ס'איז געווען אַ שווערע מינוט, אָבער עס איז מיר אַדורך גלאַטיק.

אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג זענען מיר שוין געווען דאָ אַכצן פרויען. צוויי פון אונדז זענען געווען באַשעפטיקט אין ביוראָ, אייניקע — אין קיך, אין דער שניידעריי און ביי אַנדערע אַרבעטן. ווען איך האָב זיך צוגעקוקט צו די פרויען, האָב איך באַמערקט אַז דאָ געפינען זיך נאָר שיינע. אייניקע פון די פרויען האָבן שוין לאַנג געהאַט זייערע מענער אין אַרבעטס־לאַגערן און ס'זענען געווען אויך יונגע מיידלעך. דער דאָזיקער צוזאַמענשטעל איז מיר אויסגעקומען פאַרדעכטיק און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט דער לאַגער־פירער געהאַט אַ פּלאַן צו שאַפן אַ מין „האַרעם" פון די ייִדישע פרויען. מיר האָבן אים אָבער צעשטערט זיין פּלאַן וואָס איז אויך געווען דער פּלאַן פון זיינע דייטשישע חברים.

ער איז געווען אַ דייטש פון אַ יאָר פופציק. ווי מיר האָבן דערנאָך זיך דערוווּסט, איז ער פון פאַך געווען אַ גערטנער וואָס האָט שווער פאַר־דינט זיין פּרנסה. ביים אַנטשטיין פון דער דייטשישער נאַצי־פּאַרטיי איז ער געוואָרן אירס אַן אַקטיווער מיטגליד און האָט, פאַרשטייט זיך, אין זין געהאַט צו מאַכן אַ קאַריערע. אין דער ערשטער ריי האָט ער דאָס געוואָלט דערגרייכן מיט פייניקן ייִדן. ער האָט אָבער זיך נישט אָפּגעזאָגט צו נעמען ביי ייִדן פאַרשידענע „מתּנות". אַזוי, למשל, האָט מען געזען אַז אַזעלכע טייערע שטיוול טראָגט ער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. די שטיוול זענען טאַקע געווען אַ מתּנה פון די שטעטלשע ייִדן. ווען עס האָט אים געלוינט פלעגט ער זיין צו אונדז גוט און זיך באַריימען אַז ער איז נישט אַזוי ווי די אַנדערע. דער עיקר איז וואָס ער איז געווען דער אַפּוטרופּוס איבער די 18 ייִדישע פרויען. ווען ער האָט שפּעטער מיט עטלעכע וואָכן איינגעאָרדנט אין דערבייאיקן בנין אַ מענער־לאַגער, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט דאָס געמאַכט צוליב אונדז, כּדי מיר זאָלן זיך נישט לאַנגווייליקן נאָך דער אַרבעט.

נאָך עטלעכע וואָכן פון רויִקער אַרבעט האָט אונדז דער לאַגער־פירער אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן. ער האָט פאַראָרדנט אַז יעדן אָוונט זאָל די וואָס

האָט „שטובן־דינסט״ אַריינקומען צו אים פּוצן זיינע שטיוול. מיר האָבן פאַרשטאַנען וואָס ער איז אויסן. מיט באַדויערן מוז איך דערמאָנען אַז צווישן די אַכצן פרויען האָט זיך געפונען אַ מיידל וועלכע איז גערן געגאַנגען צו אים. ווען זי איז צוריקגעקומען צו אונדז האָבן מיר שוין פאַרשפּאַרט זי עפּעס צו פרעגן.

דער ענין האָט אָנגעהויבן ווערן ערנסט. נאָך די דיזשורן פון אייניקע פרויען האָבן מיר באַשלאָסן אַז קיינער פון אונדז וועט מער נישט גיין צום לאַגער־פירער פּוצן די שטיוול. מיר האָבן זיך געלייגט אויף אונדזערע געלעגערס, וואַרטנדיק געשפּאַנט דערויף וואָס עס וועט געשען. מיר האָבן דערנאָך געהערט ווי דער פאַרשוין איז אַריינגעקומען זוכן זיין קרבן. געוועקט האָט ער קיינעם נישט, אָבער צו מאָרגנס אין דער פרי האָט ער געפרעגט דאָס מיידל וואָס האָט סטאַביל געאַרבעט דעם גאַנצן טאָג ווי די דינסט פון זיין וווינונג, ווער עס האָט נעכטן געהאַט „שטובן־דינסט״. זי האָט געענטפערט, אַז זי ווייסט נישט און דאַן האָט ער זי געהייסן צוריקגיין אין לאַגער און אַריינשיקן צו אים די „שטובן־דינסט״ פון נעכטן.

דעם דאָזיקן טאָג איז די „שטובן־דינסט״ געווען איינע פון די יִינגסטע מיידלעך. אַ פּשוט קליין־שטעטלדיקע יִדישע טאָכטער. ווען זי האָט געהערט אַז זי דאַרף אַריינגיין צום באַלעבאָס האָט זי אָנגעהויבן וויינען און ברעכן די הענט. מיר האָבן זי באַרויִקט און איר געזאָגט אַז איך וועל מיטגיין מיט איר צום לאַגער־פירער. ווען מיר זענען אַריין אין זיין צימער איז ער נאָך געלעגן אין בעט. מיר זענען געבליבן שטיין ביי דער טיר און פאַר שרעק האָבן מיר ביידע נישט געקענט עפענען דאָס מויל.

— וואָס ווילט איר דאָ — האָט ער אויסגעשריגן.

איך האָב לסוף אים געענטפערט אַז איך וויל אים אויפקלערן דאָס דער נעכטיקער „שטובן־דינסט״ — ריווטשאַ, איז אין אָוונט אַנטשלאָפן געוואָרן און צוליב דעם האָט זי פאַרשפּעטיקט דאָס פּוצן די שטיוול. דער־פאַר איז זי אַריינגעקומען איצט דאָס מאַכן.

— יאָ, יאָ — האָט ער אַרויסגעמרוקעט — אַלע טאָג פאַרשלאָפט איר, אָבער איך וועל אייך שוין ווייזן. אייערנעכטן איז רייזע פערשלאָפן און דאָנערשטאָג — די טובה. יאָ — האָט ער ווידער געמורמלט — איך וועל

מיר וועגן אייך קיין זאָרג נישט מאַכן. נו — האָט ער זיך שוין צעשריגן — ברענגט אַהער די שטיוול פון ווינקל!

ריווטשאַ איז צוגעגאַנגען נעמען די שטיוול און איך בין געבליבן שטיין אויפן אָרט. דאַן האָט דער דייטש ווידער אויסגעשריגן צו מיר:

— וואָס שטייסטו דו נאָך דאָ, וואָס נאָך ווילסטו?!

— הער לאַגער־פירער — האָב איך זיך צו אים געווענדט — מיר ווילן אייך בעטן אַז איר זאָלט אין אָונט אַרויסשטעלן די שטיוול פאַר אייַער טיר און צו מאָרגנס וועט איר זיי געפינען אָפּגעפּוצט.

דער דייטש האָט זיך צעשריגן:

— גייט אַלע צום טייוול מיט אייַער שטיוול־פּוצן. די מעני וועט דאָס שוין מאַכן... איך שיס אויף אַלע אייך.

מעני איז געווען דאָס מיידל וואָס איז גערן צו אים אַריינגעגאַנגען. ווי מען האָט דערציילט איז זי געווינט געווען צו פאַרברענגען מיט מענער, נישט געקוקט אויף איר יונגן עלטער. אונדז האָט אָבער ווי געטאָן, פאַר וואָס זי מאַכט נישט קיין חילוק צווישן אַ דייטש און אַנדערע מענער. זי איז געווען אַ שיינע און אַ גוטע חברטע. נאָר אין דער פראַגע פון מענער איז זי נישט געווען איבערקלייבעריש. אין די שווערסטע צייטן, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, האָט זי זיך אָפּגעוואַשן, איבערגעטאָן, אַריינגעשטעקט אַ בלום אין קאָפּ. לויטן קאָליר פון דער בלום האָבן מיר שוין געוווּסט אין וועלכער שטימונג זי איז. איר ליבע האָט זי אויך געשענקט דעם לאַגער־פירערס הונט.

געבראַכט דעם הונט האָט אַ פריינד פון מזרח־פּראַנט. געווען איז זי אַ גרויסע, שיינע, שוואַרצע צויג און געהאַלטן האָט דער לאַגער־פירער די הינטיכע צוליב צוויי סיבות: דער הונט האָט אַרויסגערופן ביי אונדז פחד און האָט אונדז אויך פאַרשאַפט צרות. עס איז געווען אַ צייט ווען מ'האָט אונדז געגעבן זייער שלעכט צו עסן און מיר פלעגן מוזן צוטראָגן דער הינטיכע אַ גוטן מאָלצייט מיט אַ סך פלייש, קעז... ווען מיר האָבן געזען, ווי די הינטיכע פרעסט אויף אירע נאָר וואָס געבוירענע הינטעלעך האָט זי אין אונדז דערוועקט עקל און מיר האָבן דעם כּלב נישט ווייניקער געהאַסט ווי זיין דייטשישן באַלעבאָס.

די אַלע יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך געפונען אין די דייטשישע הענט, האָבן מיר געבענטשט דאָס דייטשישע געזעץ פון ראַסן־שאַנד וואָס פאַר־ווערט אַ דייטש צו האָבן ליבע־עסקים מיט איינער פון דער „נידעריקער" ראַסע. עס וואָלט געווען גאָר טרויעריק ווען אַזאַ געזעץ וואָלט נישט עקסיסטירט. מיר, פרויען, האָבן פון דעם געזעץ געוווּסט און דעריבער האָבן מיר זיך נישט געשראָקן קעגנצושטעלן די דייטשן אין די פאַלן פון זייער מענערישער אַגרעסיווקייט.

צווישן אונדז האָט זיך געפונען איינע אַ פריילין פעלאַ פון וולאָצלאַוועק. זי איז געווען אַ שוואַרץ־חנעוודיקע מיט גרויסע בלויע אויגן. זי איז אויך געווען אַן אינטעליגענטע און מיט אַ סך מיידלשער פאַנטאַזיע.

איין מאָל ווען זי האָט געאַרבעט אין קליידער־מאַגאַזין וואָס האָט זיך געפונען אויף אַ בוידעם, איז צו איר אַרויפגעקומען דער דייטש און גענומען מיט איר שמועסן אויף פאַרשידענע טעמעס. צווישן אַנדערע האָט ער אויך גערעדט וועגן... ליבע. ווען דער שמועס איז אַוועק אין די הויכע גדולות, האָט דער יעקע געוואָלט זיך דערנענטערן צו איר. דאָס מיידל האָט, ווי זי האָט דאָס שפּעטער דערציילט, זיך פאַמעלעך אָפּגערוקט פון אים. דער דייטש האָט זיך אויך פאַמעלעך גערוקט צו איר. היות דער לאַגער־מאַגאַזין האָט זיך געפונען אויף דעם נידעריקן בוידעם, און דער דייטש איז געווען אַ הויכער, האָט ער יעדעס מאָל ווען ער האָט געפּרוּווט זיך דערנענטערן צו דער ייִדישקע זיך צעקלאַפּט דעם קאָפּ. דאָס שפּיל איז איר געפעלן געוואָרן. זי האָט הנאה געהאַט פון יעדן קלאַפּ וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן ווערן שטאַרק אַגרעסיוו האָט זי זיך שוין דערוועגט אים צו זאָגן, אַז אויב ער וועט זי נישט צו רו לאָזן, וועט זי שרייען. דאָ איז זיין פּנים פאַרלאָפן געוואָרן מיט בלוט און ער האָט אויס־גערופן: דו פאַרפלוכטע ייִדישקע, דיין סוף וועט באַלד קומען! און ער איז אַרויס פון בוידעם־מאַגאַזין.

פון מאַגאַזין איז דאָס מיידל געקומען אַ פריילעכע, אַ לאַכעדיקע. זי האָט באַדויערט וואָס מיר האָבן נישט געזען די סצענע, ווי דער לאַגער־פירער האָט זיך געראַנגלט מיט איר און יעדעס מאָל האָט ער זיך צעקלאַפּט

דאָס „הייפּטל קרויט״. די פאַרשווינטע וואָס האָט געאַרבעטביים לאַגער־פירער האָט נאָך דעם דערפילט דעם דייטשס געפאַלענע שטימונג. אויך מיר האָבן עס אָפּגעשפּירט אין משך פון עטלעכע טעג. דער לאַגער־פירער האָט שטענדיק געפונען אַ סיבה אונדז צו פּייניקן. דאָ איז אים זיין רייט־פערד קראַנק געוואָרן, דאָ האָט סאַשע, די צויג, פאַרלוירן דעם אַפּעטיט. דער קרבן פון זיין איבערגעפירטער שטימונג זענען געווען מיר — די געפּיי־ניקטע ייִדן. האָט זיך טאַקע געמאַכט אַז ווען זיין פערד איז געוואָרן חולה, איז נישט געווען וואָס מקנא צו זיין דעם ייִדישן פורמאַן. זיין כּעס איז דערגאַנגען אַזוי וויט אַז ער האָט אים געוואָלט דערשיסן. מיר האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט ביטערע טעג. דעם ייִד האָבן מיר אויסגעקויפט פאַר אַ גרויסער סומע געלט!

ביסלעכוויז האָב איך זיך צוגעוווינט אויך צו דעם לעבן דאָ, דער טאָג איז ווי עס איז אַדורך. אין די אָוונטן פלעגן מיר זיך צונויפקומען, פאַרגעסן אויף אַ רגע ווּו מיר זענען. דערציילן פון די פאַרלוירענע היימען און אַרומוועבן די דערינערונגען מיט האָפענונגען, אַז מיר וועלן נאָך זוכה זיין ווידער זיך צו טרעפן מיט אונדזערע נאָענטסטע. אין די אָוונטן פלעגן מיר רעציטירן פון אויסנווייניק פאַרגעדענקטע לידער, דיסקוטירט וועגן ליטע־ראַטור, קונסט. מיר איז געבליבן אין זכרון די דיסקוסיע וואָס עס האָט צווישן אונדז אַרויסגערופן מערעזשקאָווסקיס בוך „לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי״, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט צווישן אונדז אין לאַגער. אייניקע פון אונדז האָבן דאָס באַרימטע בוך שוין געהאַט געלייענט און אויך געהאַט געזען אין פּאַריזער „לוווּר״ דאָס באַרימטע בילד פון דאַ ווינטשי. אַנדערע איז די דזשאָקאָנדאַ געווען באַקאַנט פון פאַרשידענע רעפּראָדוקציעס. יעדע האָט עפּעס אַנדערש געפונען אין דעם בילד.

נאָך אַזאַ אָוונט זענען מיר געוואָרן מונטערער און מיר האָבן באַשטימט אַז עמעץ זאָל צוגרייטן עפּעס נייעס אויף צו מאָרגנס. איינער האָט געדאַרפט דעקלאַמירן היינעס אַ ליד, אַ צווייטער אַ ליד פון טווּימען. אין דער בעסטער שטימונג פלעגן מיר זיין, ווען עמעץ האָט געזונגען פון

קיפּניס־זעליגפעלדס רעפּערטואַר. דאָס הויפּטליד אונדזערס איז געווען וועגן דעם חלוץ מיטן לויתן. זיפּצן פלעגן זיך אַרויסרייסן פון אונדז און מיר האָבן מקנא געווען די חלוצים וואָס האָבן נישט געוואַרט אויפן לויתן.

אַזוי האָבן זיך געשלעפּט ווי אין אַ זומפּ די טעג און וואָכן. מיר האָבן זיי טרויעריק געציילט. פון די טעג זענען געוואָרן וואָכן, חדשים: יאַנואַר, פעברואַר, מערץ. מ׳הערט גאָרנישט. מיר ווייסן נאָר אַז דער שונא גייט אַלץ טיפער אַריין אין רוסלאַנד און מיר, די שוואַכע, גלייבן אין זיין כּוח. ס׳איז די ערגסטע צייט. טעג אָן האָפענונג. דאָס שטעטל ווו דער לאַגער געפינט זיך איז שוין אויך יודן־ריין. מיט דריי טעג צוריק האָט מען אויך די אַרומיקע שטעטלעך „אויסגערייניקט״. די דאָזיקע איוב־בשורות זענען צו אונדז תּיכּף דערגאַנגען. די ליכטיקערע מינוטן פאַר אונדז זענען די ווען מיר זעען אַז דער דייטש, דער לאַגער־פירער, איז אויפגעצאָרנט. אמת, מיר ליידן פיזיש פון זיין בייזקייט, אָבער מיר פּרוּוון זיך טרייסטן אַז די סיבה פון זיין שטימונג זענען די שלעכטע דייטשישע ידיעות פון פראָנט. מיר זוכן טאַקע צווישן די ברודיקע פּאַפּירן אין מיסטקאַסטן אַ דייטשישע צייטונג, כּדי עפּעס זיך צו דערוויסן. אָבער אין צייטונג זענען כּמעט אַלע ידיעות פון זעלבן כאַראַקטער: „אין אָסטן זענען שווערע קאַמפן״. די דאָזיקע נייעסן חזרן זיך איבער זינט לאַנגע חדשים.

נאָכן פאַרענדיקן די ביוראָ־אַרבעט, פלעגט מען מיך הייסן ריין מאַכן די קלאָזעטן. צוויי ס.ס.־מענער פלעגן דערביי צוהיטן איך זאָל די אַרבעט אויספירן גרינטלעך. געענדיקט מיין אַרבעט פלעג איך זיי פרעגן, צי זיי קענען אויך אַזוי גוט דאָס מאַכן און כ׳האָב נאָך שטאָלצער אויפגעהויבן מיין קאָפּ. זיי האָבן מיך גערופן „די שטאָלצע, בלאָנדע יודין״.

יודן־ריינע שטעטלעך

אין קזשעפּיץ, אַ קליין שטעטל נישט ווייט פון קלאָבוצק, איז די יודן־ריייניקונג פאָרגעקומען עטלעכע חדשים שפּעטער, ווי אין אַנדערע

ערטער. קרזשעפּיץ האָט בכלל געהאַט אַ ספּעציעלן מזל און דאָס אַ דאַנק דעם אָרטיקן אַמטס־קאָמיסאַר.

ווען מ׳האָט מיך מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער אַריבערגעפירט קיין קזשעפּיץ אויף אַרבעט איז די זאַך מיר געוואָרן אויפפאַלנדיק און איך האָב גענומען נאָכפאָרשן הלמאי דאָס איז געשען. דאַן בין איך געוויר געוואָרן אַז דער אַמטס־קאָמיסאַר איז אַן אַלטער „ווילהעלמאָוויעץ״. ווען די נאַצי־מאַכט האָט אים געהייסן שאַפן אַ געטאָ אין קזשעפּיץ ווו ער האָט אַמטירט, האָט ער געענטפערט אַז ביי זיין לעבן וועט דאָס נישט געשען. זיינע פאַר־דינסטן פאַר דייטשלאַנד זענען אַפּנים געווען גאָר גרויסע אויב מען האָט אים רעספּעקטירט און נישט באַשטראָפט.

ווען מיר איז שפּעטער אויסגעקומען צו אַרבעטן ווי אַ העלפערין אין סעקרעטאַריאַט פון דער „קרייז־דינסטשטעלע״ פון אַזוי גערופענעם „באַוטרופ־נאָרד״ אין שטעטל בלאַכשטעדט, נישט ווייט פון טשענסטאָכאָוו, זענען מיר אין האַנט אַריינגעפאַלן די דאָקומענטן וועגן דער „אויסזידלונג״ פון קזשעפּיץ. צווישן די דאָקומענטן האָב איך אויך אָנגעטראָפן דעם בריוו פון דער אָבערקאָמאַנדאַנטור פון ס.ס.־אָרטס־קאָמיסאַר אין קזשעפּיץ. די גרויסע פאַרדינסטן פון אַמטס־קאָמיסאַר האָב איך זיך דערוווּסט פון דעם דאָזיקן בריוו. אין דעם בריוו האָבן זיי דעם קאָמיסאַר אויפגעקלערט די סיבה פון איינשטעלן די געטאָס (דעם דאָקומענט האָב איך שפּעטער באַ־האַלטן אויף אַ בוידעם, אָבער איך האָב אים מער נישט געפונען). אין זיי האָט זיך געזאָגט: „עס איז פּראַקטיש צו שאַפן געטאָס, אויב מ׳וויל די דאָזיקע געגנט מאַכן יידן־ריין. דאָרט ווו עס זענען נישט געווען קיין געשלאָסענע געטאָס, איז דאָס גאַנצע האָב־און־גוטס פון די אַרויסגעטריבענע יידן געוואָרן אויסגערויבט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. דאָס, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך זיי, האָט נישט געדעקט די קאָסטן פון דער דע־פּאָרטאַציע״.

אין קזשעפּיץ זענען נאָך דער „אויסזידלונג״ געבליבן ווינען עטלעכע יידישע פאַמיליעס, די „נוצלעכע יידן״. זיי האָבן געוווינט צעוואָרפן אין שטעטל און ס׳האָט אויסגעזען אַז זיי פירן נאָך אַ פאַרהעלטנישמעסיק רויִק לעבן. אָבער אין וואָכן אַרום האָט מען אויך זיי, די אויסדערוויילטע,

פֿאַרשיקט אין אַן אַרבעטס־לאַגער. אויך אונדזער לאַגער איז איבערגעפירט געוואָרן קיין קלאָבוצק. דאָ האָב איך זיך געווענדט צום ייִדן־עלצטן אַז מ׳זאָל מיך באַפרייען פון דער ביוראָ־אַרבעט. איך האָב דערפֿאַר געהאַט אַ תּירוץ: באשר די ביוראָ־אַרבעט האָט מיר געשעדיקט מיינע נערוון און איך בין נישט אין שטאַנד ווידער זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער דאָזיקער אַרבעט.

דער ייִדן־עלצטער האָט באַוויליקט מיין בקשה און איך האָב אין קזשעפּיץ אָנגעפירט מיטן מאַגאַזין פון געבליבענעם ייִדישן פֿאַרמעגן. אַזוי ווי איך בין געווען די באַלעבאָסטע פון מאַגאַזין, געהאַלטן די שליס־לען אאַז״וו, האָב איך אַ סך זאַכן צוריקגעקערט צו די ייִדן וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער. מ׳האָט זיך גענומען סודען אין לאַגער אַז מ׳וועט דערפֿאַר שטרענג באַשטראָפן. אויך די לאַגער־מענטשן האָבן מיך געפֿרעגט צי איך גיב זיך אָפּ אַ חשבון פון דעם וואָס איך טו און וואָס עס דראָעט מיר? איך האָב אָבער ווייטער געטאָן מיין אַרבעט ביז די לאַגער־ייִדן האָבן מיך גענומען וואָרענען אַז זיי וועלן זיך באַמיִען מען זאָל מיך אַוועקנעמען פון דאַנען.

איך דערמאָן מיך דעם לעצטן אָוונט פון מיין זיין אין קזשעפּיץ. עס איז צו מיר געקומען אַ פֿאַרוויינטע פרוי און דערציילט אַז אין לאַגער־מאַגאַזין געפינט זיך דער קליינער אונטערדעק פון איר קינד. דאָס קינד איז נישט געווען צוזאַמען מיט איר, דער מוטער. ווייטער האָט זי מיר געזאָגט אַז דאָס פעדער־דעקל וואָלט געראַטעוועט איר קינד פון קעלט און פון הונגער, ווייל אין דעם אונטערדעקל האָט זי איינגענייט געלט. איך האָב שוין געהאַט אַוועקגעגעבן די מאַגאַזין־שליסלען דער לאַגער־פֿאַרוואַלטונג און מיר איז שוין געווען שווער אַריינצוקומען אין מאַגאַזין. איך האָב אָבער געטראַכט וועגן דעם קינד וואָס געפינט זיך אפשר אין וואַלד און דאָס אונטערדעקל וואָלט עס דערוואַרעמט. וואָס זשע קאָן איך איצט טאָן פֿאַר דעם קינד? איך האָב געבעטן דער פרוי וואַרטן און זיך געווענדט צום דייטשן קאָלאָנען־פירער פון אונדזער גרופּע, וועלכער איז

געווען אַן אָנשטענדיקער מענטש און אים דערציילט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און געבעטן ער זאָל מיט מיר גיין אין דער לאַגער־פאַרוואַלטונג. ער האָט מיר צוליב געטאָן און איך האָב געמאָלדן דאָרטן אַז נעכטן ביים פאַרשליסן דעם מאַגאַזין, האָב איך פאַרגעסן עטלעכע וויכטיקע דאָקומענטן, וועלכע איך דאַרף מיטנעמען קיין קלאָבוצק. דער דייטש האָט מיר געגעבן דעם שליסל און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט דאָס אונטערדעקל אַרויסצוואַרפן דורך אַ פענצטער.

די אַלע לאַגער־יאָרן מיינע האָב איך געדענקט וועגן דער מאַמען, וועלכע האָט געמיינט אַז מיט דעם דעקל פון פעדערן וועל איך העלפן איר קינד. איך האָב געטראַכט: אפשר איז דאָס קינד געבליבן לעבן? די פרוי האָב איך, ליידער, קיין מאָל מער נישט געטראָפן, אָבער איר פנים האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע פנימער פון מענטשן וועלכע איך האָב געפּרוּווט אויפזוכן נאָך דער מלחמה.

אין קלאָבוצק האָט מען מיר צוגעטיילט אַרבעטן אין דער ניי־שטובע ביי דער דינסטשטעלע. מיר האָבן פאַרריכט און גענייט קליידער פאַר ייִדן פון פאַרשידענע לאַגערן. ביי דער דאָזיקער אַרבעט זענען געווען באַ־שעפטיקט פופצן פרויען. מיר האָבן באַקומען גוט צו עסן און זענען געזעסן אין אַ ליכטיקער וואַרעמער שטוב.

אויך דאָ איז געווען אַ מענער־וואַרשטאַט. דער הויפּט־שניידער איז געווען אַן אַלטער, פאַרצייטיקער בעל־מלאָכה. ער איז אַהערגעקומען מיט זיין זון וועלכער האָט געאַרבעט אין ביורא. ווען דער אַלטער האָט גענייט ביי דער מאַשין פלעגט זיך ביי אים אָפּט אַרויסרייסן אַ זיפץ. אָבער באַלד האָט ער זיך אַליין גענומען טרייסטן. זיין הויפּט־טרייסט האָט ער געפונען אין תנ״ך, אין די ספרי־קודש. ער האָט געדענקט דאָס וואָס ער האָט ייִנגלווייז געלערנט אין חדר. ווען ער איז עלטער געוואָרן האָבן אים טאַטע־מאַמע אָוועקגעגעבן צו אַ בעל־מלאָכה. ער איז געווען איינער פון די וואָס האָבן אין ראש־השנה 1942 געפּרוּווט פועלן מען זאָל דערלויבן אַ מנין אָדער לאָזן גיין דאַווענען אַנדערשוווּ. דער דייטש האָט אויסגעהערט

אונדזער בקשה און געזאָגט, אַז ער מוז דאָס קודם באַטראַכטן. אין אַ צייט אַרום איז ער, דער דייטש, אַרויס פון זיין צימער און אַנשטאָט צו פרעגן ווער עס וויל ראש־השנה גיין דאַווענען האָט ער געפרעגט ווער ס׳וויל נישט אַרבעטן אין ראש־השנה. אויף דער פראַגע האָט קיינער נישט געענטפערט. אַרומקוקנדיק זיך אַז קיינער ענטפערט נישט האָב איך אים געזאָגט אַז איך וויל נישט אַרבעטן אין ראש־השנה. אמת, איך האָב זיך דערנאָך אַליין דערשראָקן פאַר מיין דרייסטקייט ווייל אָפּזאָגן זיך פון גיין אַרבעטן האָט געשמעקט מיט ערנסטע שטראָפן. אָבער דער דייטש האָט געענטפערט: דו וועסט ראש־השנה נישט אַרבעטן.

אָבער דער ענטפער האָט אונדז נישט באַפרידיקט און מיר האָבן זיך ווידער געווענדט צום ייִדן־עלצטן, ער זאָל נאָך אַ מאָל אינטערווענירן, אַז די ייִדן זאָלן דאָך ראש־השנה קאָנען גיין צום דאַווענען און אויך מיר, די צוויי פרויען, זאָלן קאָנען מיטגיין.

איצט האָט דער דייטש פון ס׳ניי אונדז צוזאַמענגערופן און געמאָלדן אַז די ייִדן וועלן מעגן גיין דאַווענען, אָבער די פרויען — נישט. דערביי האָט ער צוגעגעבן מיטן טראָפּ אויף דעם מין פון פרויען: „די פראַוען ווערדען דאָך ביי אויך ניכט גערעכנעט”. אָבער מיר זענען דאָך מיטגעגאַנגען צום דאַווענען.

דער ראש־השנה פון 1942 האָט זיך באַזונדער איינגעקריצט אין זכרון. די מענטשן זענען געבראָכענע געשטאַנען איינגעהילט אין טליתים, אונטערטעניק צום מלך מלכי המלכים. דאָס שעפּטשען דעם „למנצח” פאַרן שופר־בלאָזן האָט צעעפנט אין אונדז די שוין אויסגעטריקנטע טרערן־קוואַלן און אַלע האָבן מיר געוויינט. מיר האָבן געוויינט אויף דעם וואָס מ׳האָט פאַריאָגט די ייִדן פון די אַרומיקע שטעטלעך, און מיר האָבן געוויינט אויף די וואָס מ׳וועט מאָרגן, איבערמאָרגן אַוועקטרייבן, פאַרשיקן. מיר האָבן דעמאָלט נאָך נישט געוווּסט וווהין מ׳האָט די ייִדן פאַריאָגט. ס׳זענען דערגאַנגען צו אונדז נאָר פאַרנעפּלטע ידיעות. עפּעס האָט מען געהערט. ס׳האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען אַז די קינדער זענען אָפּגעשיקט געוואָרן

אין לאָדזשער געטאָ, אָבער קלאָר איז שוין געווען אַז די עלטערע לייט האָט מען אַוועקגעפירט אויף פאַרטיליקונג.

מ׳האָט געדאַוונט מיט צעבראָכענע הערצער. פאַרטיפט מיט כוונה אין דער תּפילה, האָבן מיר אומגעריכט דערהערט אויסרופן נעמען פון מענטשן וואָס האָבן זיך געפונען צווישן די דאַוונענדיקע, בתוכם אויך מיין נאָמען. דער דייטש וואָס איז געקומען אונדז רופן האָט דערקלערט אַז מיר מוזן תּיכּף צוריקגיין צו דער דינסט־שטעלע, ווייל עס וואַרט אויף אונדז אַ דרינגלעכע אַרבעט. פאַר דער טיר פון הויז ווו מ׳האָט געדאַוונט האָט שוין געוואַרט אַ פורל. מיר האָבן זיך געמוזט אַרויפזעצן און פאָרן. עס זענען געווען עטלעכע ייִדן וואָס האָבן נישט געוואָלט פאָרן אין ראש־השנה. זיי האָבן געוואָלט גיין צו פוס אָבער דער באַפעל איז געווען אַז אַלע מוזן צוריקקומען מיטן פורל.

צוריקגעקערט זיך אין לאַגער איז פאַר יעדן פון אונדז שוין געווען צוגעגרייט אַרבעט. די אַרבעט האָט וואָס אַן אמת געקאָנט רויִק וואַרטן ביז איבערמאָרגן. דער דייטש האָט אָבער זיך צעשריגן אַז די אַרבעט מוז שנעל געמאַכט ווערן. בלית ברירה האָט יעדער געמוזט נעמען אַרבעטן. מיר האָבן פאַרשטאַנען אַז אַפילו צוליב ראש־השנה טאָרן מיר זיך מער נישט איינשטעלן און פאַרלאָזן דעם לאַגער.

נאָך ראש־השנה איז געקומען אַ באַפעל אַז איך בין ווידער צוגעטיילט געוואָרן אויף אַרבעט אין דער הויפּטדינסט־שטעלע. כ׳האָב געמוזט פאַר־לאָזן דעם שניידער־וואַרשטאַט. איך האָב זיך באַמיט צו פאַרבלייבן אין לאַגער, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. נישט איך אַליין בין באַשטימט געווען פאַר דער דאָזיקער נייער אַרבעט. 13 ייִדן זענען מיר געווען און צווישן זיי 5 פרויען. דרייַ טעג האָט מען אונדז געגעבן צייט זיך צוצוגרייטן צום אַרויספאָר. מיר איז ווידער שווער געווען זיך צו צעשיידן מיט מיינע לאַגער־חברטעס, איבערהויפּט מיט מיין טייערער חברטע גוטשע בעהם. אַלע מיינע לאַגער־פריינד האָבן זיך באַמיט אַז מ׳זאָל מיך איבערלאָזן מיט זיי, אָבער אָן דערפאָלג. איין זאַך האָבן זיי יאָ געפועלט: אַז יעדן שבת זאָל איך באַקומען אַ דערלויבעניש אַהער צו קומען אין לאַגער צו פאַר־ברענגען מיט זיי ביז זונטיק אָוונט.

צייכנס פון היטלערס מפּלות

אַזוי זענען מיר, די דרײַצן ייִדן, אין אַ שפּעט־ווינטערדיקן פּוילישן מערץ־אָוונט אָנגעקומען אין שטעטעלע בלאַכשטאַט, ווו עס האָט זיך געפונען די הויפּטקרייז־דינסטשטעלע פון דעם אַזוי גערופענעם באַטוטרופּ־נאָרד.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ רחבותדיקן, גוט־באַלויכטענעם פּאַלאַץ ווו ס׳האָט געוווינט דער גובערנאַטאָר, אַ שטורעם־באַנפירער מיט זיין פאַמיליע און עס האָבן זיך געפונען די ביוראָען פון דער דינסטשטעלע. אין אַ זייט פון הויפּט־בנין איז געווען אַ גרויסער אויבסגאָרטן אין וועלכן עס איז געשטאַנען אַ הויז וואָס האָט געזאָלט זיין אונדזער קליינער אַרבעט־לאַגער. אונטן זענען געווען צוויי צימערן און אויפן גאָרן נאָך אַ גרויסער צימער. אויבן האָבן געדאַרפט וווינען די מענער און אונטן איז געווען די קיך און אויך די וווינשטוב פאַר די פרויען. דאָס צימער פאַר די פרויען איז געווען קליין. אין צימער זענען געשטאַנען פאַר אונדז דרײַ בעטן.

געווען זענען מיר פינף פרויען און מיר האָבן דערוואַרט דאָס אָנקומען פון נאָך אַ מיידל. צווישן אונדז איז אויך געווען אַ קליין מיידעלע וועלכע האָט אַהער פאַרבלאָנדזשעט. מיר האָבן איינגעטיילט צווישן זיך די וווינונג און דאָס קליינע מיידעלע האָב איך גענומען שלאָפן צו מיר.

באַלד צו מאָרגנס האָט מען אונדז צוגעטיילט די אַרבעט. די מענער האָבן געדאַרפט אַרבעטן אין גאָרטן, ביי די קי, ביי די פערד. צווישן אונדז איז געווען איינער אַ ציין־דאָקטער. ער האָט געדאַרפט עטלעכע שעה אין טאָג אַרבעטן ביי זיין פאַך, פאַר די דייטשן, און די איבעריקע צייט אין גאָרטן. צוויי פרויען זענען געבליבן אַרבעטן אין קיך און קאָכן פאַר אונדז. צוויי מיידלעך האָבן געאַרבעט ביים שטורעם־באַנפירער, דעם גובערנאַטאָר. מיך האָט מען באַשטימט צו אַרבעטן אין ביוראָ.

ווען איך בין אָנגעקומען אויפן אָרט צו דער אַרבעט איז מיך באַפאַלן אַ שרעק. איך האָב באַקלאָגט מיין גורל און האָב מקנא געווען די מיידלעך

וואָס זענען געבליבן אין קיך. זיי זענען נישט געצווונגען אַ גאַנצן טאָג אָנקוקן די דייטשע פּרצופים. איך אײנע מוז זיך אַ גאַנצן טאָג געפינען צווישן די נאַציס.

דעם ערשטן טאָג האָט מען מיך אַרײַנגעזעצט אין אַ צימער ווו כ׳בין געזעסן אײנע אַליין. מ׳האָט מיר געגעבן פאַרשידענע פּאַפּירן איבערצו־שרייבן אויף אַ שרייבמאַשין מיט גאָטישער דייטשישער שריפט. פאַר שרעק האָב איך דעם גאַנצן טאָג נישט אויפגעהויבן די אויגן פון די פּאַפּירן. כ׳האָב אויסטערליש מורא געהאַט פאַר אַלץ. ווען עס איז געקומען די מיטאָג־שעה זענען אַלע דייטשן אַוועקגעגאַנגען און איך בין אַ הונגעריקע געבליבן זיצן. שפּעטער האָבן זיי, ווייזט אויס, זיך דערמאָנט אָן מיר און אײנער פון זיי איז אַרויפגעקומען און מיך געשיקט אין לאַגער אַריין אויף מיטאָג. דאָס איז געווען דער אַדמיניסטראַטאָר פון דער קרייזדינסט־שטעלע, אַ פאָלקסדייטש. אין עטלעכע טעג אַרום האָבן מײנע באַלעבאַטים מיך אַריבערגעפירט אין שטוב ווו עס האָבן געאַרבעט ס.ס.־לייט. דרײַ פון זיי זענען געווען עלטערע און אײנער אַ יונגער וועלכער איז צוריקגעקומען פון מזרח־פראָנט מיט אַ פאַרווונדעטן פוס. אין אָנהייב פלעג איך די גאַנצע צוועלף שעה וואָס איך האָב געאַרבעט נישט עפענען מיין מויל. איך האָב זיך באַמיט צו שאַפן דעם איינדרוק אַז איך פאַרשטיי גאָרנישט וואָס זיי רעדן. כ׳האָב זיך געטראַכט אַז אַזוי אַרום וועל איך אפשר עפּעס הערן און עפּעס זיך דערוויסן. און ווירקלעך: נאָך אַ שטיקל צייט האָבן די דייטשן אויפגעהערט זיך צו היטן פאַר מיר און באַלד אין דער פרי פלעגן זיי אָנהייבן פירן פּאָליטישע דיסקוסיעס. נישט שטענדיק זענען די דיסקוסיעס געווען אינטערעסאַנט. אָבער איין מאָל האָב איך פון זייערע רייד זיך דערוווסט נייעסן וועלכע האָבן אונדז יידן געגעבן מוט ווייטער צו לעבן.

דאָס איז געווען אין אַ טאָג ווי אַלע טעג. אין דער פרי האָט דער הויפּטשעף זיך דורכשפּאַצירט איבער אַלע צימערן און יעדן באַאַמטן גע־געבן די האַנט אויף „גוט־מאָרגן״. ווי באַלד ער איז אַרויס, האָבן אַלע פיר ביוראָ־מענטשן זיך אויפגעשטעלט און זענען צו צו דער מאַפּע וואָס איז

געהאָנגען אויף דער וואַנט. דער ייִנגסטער פון זיי האָט געטייטלט מיטן פינגער און אָנגעהויבן אויפקלערן זיינע קלאָגן: „היינט איז יולי 1943 און היינט איז אייגנטלעך אונדזער ערשטער ערנסטער פאַרלוסט. עס זענען אויך געווען פאַרלוסטן אין 1941, אָבער דעמאָלט האָט מען נישט געקאָנט אויסרעכענען אַז מיר וועלן נישט קאָנען צוקומען צו מאָסקווע; דעמאָלט האָבן מיר נישט פאַרשטאַנען וואָס עס הייסט ‚אָסטפראָנט'..." נישט דערענ־דיקט די רייד איז ער צוריקגעגאַנגען צו זיין אַרבעט־טיש.

אין דער קרייז־דינסטשטעלע זענען די באַאַמטע געווען סאָלדאַטן וואָס זענען פאַרוואונדעט געוואָרן אויף די מלחמה־פראָנטן און זענען געווען אומפּעיִק ווייטער אָנטייל צו נעמען אין די שלאַכטן. מען האָט דאָס מענטשן־מאַטעריאַל אויסגענוצט צו כּלערליי אַרבעטן פון היגטערלאַנד.

דאָס זענען געווען מערסטנס זעלנער פון מזרח־פראָנט. דער יונגער דייטש וואָס האָט געאַרבעט אין דעם זעלבן צימער וואָס איך האָט געשטאַמט פון בייערן; צוזאַמען מיטן פאַרלירן זיין פוס, האָט אויך היטלער ביי אים פאַרלוירן זיין אויטאָריטעט. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל אַריינגעקומען אין ביוראָ איז ער אויך צוגעגאַנגען צו מיר, מיר דערלאַנגט די האַנט כּדי מיך אַזוי אַרום צו באַגריסן. אין אַזעלכע פאַלן פלעג איך זיך אַלע מאָל אויפשטעלן און מעלדן אַז איך בין אַ ייִדישקע. כּדי אויפצושטעלן זיך און אים דערקלערן אַז מיך עקלט אים צו געבן די האַנט מחמת זיין האַנט איז איינגעטונקען אין ייִדיש בלוט, איז נאָך נישט געהאַט געקומען די צייט. דערויף האָב איך געמוזט וואַרטן נאָך צוויי יאָר.

אָבער דעם זעלבן אויפדערנאַכט איז דער זעלביקער יונגער דייטש געקומען צו אונדז אין לאַגער אַריין. מיר האָבן באַמערקט אַז ער וויל אונדז עפּעס דערציילן. ער האָט אָנגעהויבן אונדז אויספרעגן וועגן פער־זענלעכן לעבן און פּלוצלינג גענומען אונדז טרייסטן אַז עס וועט שוין נישט לאַנג דויערן, מיר וועלן זיין פריי.

פאַר דער קרייז־דינסטשטעלע איז דערווייל אָנגעקומען פון אוישוויץ אַ טראַנספּאָרט קליידונג פאַרן געברויך פון די באַאַמטע. דאָס געשעעניש וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן. ווי ווילדע חיות האָבן די דייטשן זיך געוואָרפן אויף דעם. יעדער פון זיי האָט געבראַכט זיין פרוי אָדער זיינע

קינדער כּדי אָנצוּמעסטן די קליידער, די אָנצוגן, די וועש וואָס זענען געבליבן פון די פּאַרטיליקטע ייִדן אין אוישוויץ, פון די זאַכן זענען אַרויסגעפאַלן דאָקומענטן פון גריכנלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע און אַנדערע לענדער פון וועלכע מ׳האָט די מענטשן געבראַכט קיין אוישוויץ. איך האָב אין די דאָקומענטן איבערגעלייענט פאַרשידענע נעמען. די דאָזיקע זאַכן האָט געהיטן איינער פון די גרעסטע כּלבים פון דער אָרטיקער פּאָליציי. ווייל חוץ דעם וואָס ער איז געווען אַ דייטש איז ער אויך געווען אַ סאַדיסט, אַ פאַרביסענער פאַרשויץ. איך האָב געזען מיט וואָס פאַר אַ פרייד ער קוקט זיך צו ווי די דייטשע פרויען וואַרפן זיך מיט די רעשטלעך פון ייִדיש האָב־און־גוטס. מיר איז געוואָרן פיינלעך דאָס ווילדע גראָבן זיך מיט די הענט און מיט די אויגן אין די קליידער. איך האָב עס נישט אויסגעהאַלטן און האָב איינע פון די פרויען געפרעגט צי זי ווייס פון וואַנען די זאַכן קומען? — „יאָ, איך ווייס — האָט זי געענטפערט — דאָס זענען פאָן דען אויסגעזידעלטן יודען. אָבער ווען איך נעמע ניכט — האָט זי געמאַכט אַן ערנסט פּנים — נימט יעמאַנד אַנדערס. אונד הויטע איסט דאָך זאָ שווער עטוואַס צו בעקאָמען״.

„שליידער, שליידער דאָס דרעק — האָט דער הינטישער שופּא־מאַן זיך אָנגערופן — וויר זינד גוט, וויר שלעפּן אונד שמייסן נור די רעסטליכן קליידער, אָבער ווען די רוסן, די קאָמוניסטן ווערדן היר הערייַנקאָמען, דאַן ווערדען די אונדז מיט אונדזערן קליידער צוזאַמען זאָ שמייסן!״

אַלע האָבן זיי זיך אויסגעפּוצט אין די קליידער, פון דער פרוי און די קינדער פון דעם שעף פון די קרייז־דינסטשטעלע ביז דעם קלענסטן שופּאַ־מאַן. מ׳האָט דאָ אויסגעקליידט די אַהערגעבראַכטע דייטשן פון רומעניע און אַנדערע אָקופּירטע לענדער. דאָס איז געווען איינער פון די היטלערס פּלענער צו ברענגען די דייטשן פון פאַרשידענע לענדער אין זייער היימאַט. דעם בודזשעט פאַר די דאָזיקע קאָלאָניזירונג און אויסשטאַטונג איז געדעקט געוואָרן פון די פאַרמעגנס וואָס זענען געבליבן פון די ייִדן, וועלכע זענען פאַרברענט געוואָרן אין אוישוויץ, מאַידאַנעק, טרעבלינקע און אַנדערע טויט־קאָמבינאַטן.

געטאָ וואַרשע האָט געברענט און...

אין אַפּריל 1943 האָב איך אָנגעהויבן באַקומען די ערשטע זייער טרויעריקע בריוו פון מײַן מאַן אין וואַרשע. פון די בריוו איז מיר קלאָר געוואָרן אַז אין די נאָענטסטע טעג שיקט מען זיי קיין פּאָניאַטאָוו. איך האָב געוואָלט אים דרינגלעך איבערשיקן געלט קיין וואַרשע און כ'האָב נישט געפונען קיין אַנדערן אויסוועג, ווי צו טאָן דאָס מיט דער הילף פון אַ דייטש וואָס געפינט זיך דאָ.

אין דער פּאָליציי ביי דער קרייזדינסטשטעלע איז געווען איין פּאָליציאַנט, אַן עלטערער מאַן וועלכער האָט די ייִדן נישט געטאָן קיין שלעכטס. ער איז געווען דער איינציקער צווישן גאַנצן געהינטעכץ וואָס פלעגט זיך אינטערעסירן צי מיר קריגן אַ צוגאָב צו אונדזער טעגלעכן פּראָוויאַנט, צי מיר האָבן אַ גוט געלעגער. ער האָט זיך אַפילו געפרעגט צי מיר באַקומען בריוו אויב מיר האָבן נאָך פון עמעצן צו קריגן קאָרעספּאָנדענץ. אין דעם דייטש איז געבליבן אַ ווילער מענטש. איך בין אַלע מאָל געווען איבערגעצייגט ווען איך פלעג געפינען אין ביוראָ אַ בריוו פון וואַרשע, אַז דאָס איז געווען אַ דאַנק דעם דאָזיקן פּאָליציי־מאַן. מיר איז געווען באַוווּסט אַז ער פאָרט טייל מאָל אָמטלעך קיין וואַרשע און אויך היינט האָב איך געהערט רעדן אין ביוראָ אַז טילע (אַזוי האָט ער געהייסן) פאָרט פּאַר טאָג קיין טשענסטאָכאָוו. איך האָב געוווּסט אַז אויף דער נאַכט ווען איך וועל וואַשן די קלאָזעטן וועל איך האָבן די מעגלעכקייט אים צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער. אויף אַזאַ אופן האָב איך דעצידירט אים צו דערציילן פון מײַן מאַן אין וואַרשע און אים בעטן ער זאָל מיר העלפן איבערגעבן אַ נייטיקע הילף. אָבער ער איז דאָס מאָל נישט געקומען היטן מײַן קלאָזעט־וואַשן. דערפאַר האָב איך נישט געהאַט קיין רו די גאַנצע נאַכט און פאַר טאָג בין איך אַרויס אים אָפּוואַרטן. איך האָב אים אין קורצן דערציילט וואָס איך פאַרלאַנג פון אים, זיך באַקלאָגט אויף דער שווערער לאַגע פון מײַן מאַן, וועמען איך מוז מיט עפּעס העלפן. דערפאַר בעט איך אים אַז ער זאָל

זיין דער גוטער שליח. דער דייטש האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפֿן אָבער היות ער פֿאָרט איצט נישט קיין וואַרשע נאָר צו אַ פֿריינד אין טשענסטאָ־כאָוו, אַ מאַיאָר, וועט ער יענעם בעטן דאָס צו דערליידיקן.

אין דער פֿרי ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט איז מיר געוואָרן פֿאַרדעכטיק דאָס שושקען זיך פֿון די באַאַמטע. דאָס ערשטע מאָל האָב איך באַמערקט ביי די דייטשן אַזוינס ווי פּחד. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט עפּעס אויפֿצוכאַפּן פֿון זייערע ווערטער, אָבער דאָס האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן. איך האָב נאָר געהערט: „אַלעס גייט צום גרונדע; גאַנצע שטראַסן זינד אין בראַנד; דאָס איזט דאָך פֿיר דען פֿאַראָוס פֿערלאָרן! יאַ, די שטעהען דאָך ניכט אַב!"

איך האָב געמיינט אַז עפּעס איז געשען אויפֿן מזרח־פֿראָנט, אָדער אפֿשר אויפֿן צווייטן פֿראָנט. אָבער דער אַלטער פּאָליציאַנט איז אין אָוונט צוריקגעקומען און זיך פֿאַר מיר פֿאַרטיידיקט הלמאַי זיין פֿריינד וועלכער פֿאָרט יעדע פֿאַר טעג קיין וואַרשע קאָן היינט דאָרט נישט פֿאָרן. דערביי האָט ער מיר שוין דערציילט אַז די סיבה פֿון אָט דעם נישט קאָנען פֿאָרן קיין וואַרשע איז דאָס וואָס דאָס געטאָ אין וואַרשע ברענט.

ביז יאַנואַר 1945 האָבן מיך פֿאַרפֿאָלגט די שושקענדיקע סודלערייען פֿון די דייטשן אין יענעם אַפּריל־טאָג פֿון 1943. מיר האָבן עפּעס געוווּסט, עפּעס זיך דערטראַכט, אָבער וואָס ס'איז אויף אַן אמת געשען, האָבן מיר אַפֿילו נישט געהאַט קיין מוט צו קלערן. ערשט ווען מיר זענען אין יאַנואַר 1945 איבערגעפֿירט געוואָרן אין צווייטן לאַגער האָבן מיר דאָרט געטראָפֿן פּאָלאַקן וועלכע זענען אַהער געשיקט געוואָרן נאָכן טראַגישן אויפֿשטאַנד פֿון סעפּטעמבער 1944. מיר האָבן זיי גערופֿן באַר־קאָמאַראָווסקיס קרבנות. די אַלע מענטשן האָבן זיך דעמאָלט געוווּנדערט וואָס מיר האָבן לגמרי נישט געוווּסט וואָס אין וואַרשעווער געטאָ איז געשען. ווען די פּאָלאַקן האָבן אָנגעהויבן דערציילן וועגן דער העלדישקייט פֿון די אויפֿשטענדלערישע פּאָלאַקן, האָבן זיי זיך ערשט ענטוזיאַזמירט מיט די גבֿורות וואָס די ייִדן האָבן אַרויסגעוויזן אין געטאָ אין אַפּריל 1943.

מיר האָבן זיך ביסלעכווייז צוגעוווינט צום קליינעם לאַגער. מיר האָבן באַקומען געגוג עסן. מיר האָבן אויך געהאַט פרוכטן פונעם גאָרטן ווו עס איז געשטאַנען אונדזער וווינשטוב. מיר האָבן געהאַט אַפילו אַ ביסל געלט עפּעס זיך צוצוקויפן. די שווערקייט איז גאָר באַשטאַנען אינעם צוזאַמענלעבן פון די פּאָר לאַגער־ייִדן.

מיר זענען געווען נאָר דרײַצן ייִדן אָבער דאָס זענען געווען דרײַצן וועלטן. אַ טראַגישע צופעליקייט האָט אונדז געבראַכט צו לעבן צוזאַמען. אַלע האָבן מיר געהאַט די זעלבע מעגלעכקייטן, די זעלבע אומשטענדן. מיר, די דרײַ עלטערע דאָ, האָבן זיך אָפט מאָל געפילט אַזוי ווי איינוווינערס פון אַן אויסטערלישן אינדזל און זענען אָפט אַרײַנגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג הלמאי ס׳זעט זיך נישט קיין אויסוועג פון דער לאַגע. די דרײַ עלטערע זענען געווען דער ציין־דאָקטער, וועלכער איז, אַגב, נישט געווען קיין גרויסער חכם, אָבער זייער אַן אָנשטענדיקער מענטש. דער צווייטער — אַ תבואה־סוחר. ער איז אַהערגעקומען פון אַ קליין שטעטעלע, אַ מאַן אָן שום אַספּיראַציעס. ער האָט געאַרבעט ביי די קי און ביי דעם פאַרגעסן זיינע קוועלענישן. ווען די קו האָט געדאַרפט ברענגען אויף דער וועלט אַ קאַלב און עס איז איר שווער אָנגעקומען, האָט ער זיך אַזוי איבערגענומען גלייך ווי זיין ווייב וואָלט געגאַנגען צו קינד. די דריטע בין איך. דער ציין־דאָקטער, כאָטש שוין אַ פערציק־יאָריקער, איז נאָך געווען אַ פריילײדיקער. נישט געקוקט אויף די שווערקייטן האָבן מיר זיך אַלע דאָך אַ ביסל צונויפגעלעבט, אָבער דער דענטיסט איז געבליבן איינזאַם. עפּעס אַן אויסטערלישער מענטש. דער עיקר־זאָרג ביי אים איז געווען זיין געזונט וואָס ער האָט שטאַרק אָפּגעהיט. ער האָט זיך רק באַמיט וועגן דער היגיענע און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אין דער פּראָצעדור פון צוגרייטן דאָס עסן. כאָטש אין לאַגער, האָט ער תמיד געטראָגן מיט זיך אַ ווייסע סערוועטקע. אַז עס איז אויסגעקומען צו עסן אויף דער בוישטעלע איז דאָס געווען אַ פאַרווײַלונג פאַר דער גאַנצער חברה. ווען די לייט זענען אַהיימגעקומען האָבן זיי נאָכגעמאַכט ווי דער דענטיסט בייגט איין זיין עלנבויגן, ווי ער שפּרייט אויס זיין סערוועטקע אויפן עלנבויגן און גרייט זיך צום טיש. גאַנצע טעג פלעגט ער שווייגן, נישט נעמען קיין אָנטייל

אין אונדזערע באַגרענעצטע שמועסן. צו מיר האָט ער זיך באַצויגן אַ ביסל אַנדערש. אים האָט אָבער געשטערט דאָס וואָס איך בין חבר מיט אַלעמען און האַלט זיך נישט אַזוי אָפּגעזונדערט ווי ער.

ער האָט אַרויסגעוויזן צו מיר אַ פּאַראינטערעסירונג. דאָס האָט גענומען מיך שטאַרק מאַטערן און כ׳בין געווען געצווונגען צו בעטן מיינע פריינד פון פּריִערדיקן לאַגער זיי זאָלן טאָן אַלדאָס מעגלעכע מיך אַרויסצונעמען פון דעם „גן־עדן".

אָבער עס טוט זיך נישט אַזוי ווי מען באַגערט. וואָס נוגע אים האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די מענטשלעכע טבע האָט אַזאַ כּוח אַז עס ציט איר שטענדיק דאָס נישט דערגרייכלעכע!

נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך האָב געשאַפן דיסטאַנץ צווישן אונדז, האָט ער ווי אויף להכעיס דווקא געוואָלט זיך דערנענטערן צו מיר. איך בין געוואָרן פאַר אים אַן אָביעקט פון אומגליקלעכע האָפענונגען, אָבער אויך פון טרייסט. לאַגער־חברים האָבן מיר דערציילט אַז אין די טעג ווען איך האָב זיך געפונען אויף אורלויב אין דערבײַיאיקן לאַגער, איז דער דענטיסט געוואָרן כּמעט אומנאָרמאַל. שעהען־לאַנג שטייט ער און קוקט אַרויס צום וועג, מיט וועלכן איך דאַרף אָנקומען. ווייטער דערציילן זיי, מיינע לאַגער־חברים, אַז לעצטנס ווײַנט ער מחמת מיין גלייכגילטיקייט צו אים! איך האָב זיך אַליין אויך דערטראַכט צו דעם און כ׳האָב זיך געפילט אין עפּעס שולדיק.

אָפּגעזען פון מיין גלייכגילטיקייט צו דעם מענטשן האָב איך זיך גע־טראַכט אַז איצט ווען אונדז אַלעמען איז אַזוי ביטער, מיר אַלע בענקען נאָך עפּעס, מיר ווייסן נאָך נישט קלאָר וואָס מיר האָבן שוין פאַרלוירן און מען באַדויערט אָפּט וואָס מ׳איז געבליבן לעבן, איצט איז אַוודאי נישט קיין צייט אויף ראָמאַנטישע פאַרבינדונגען. אָבער ווי אַזוי קלערט מען דאָס אים אויף!

עס איז יוני 1943. אַרום אונדז איז אַלץ צעבליט. שוין אין חודש מערץ האָב איך זיך געטראַכט וועגן דעם וואָס די נאַטור איז נישט אייניק מיט אונדז, מיט אונדזער געמיט. ווען איך האָב אין מערץ געזען אויף די ביימער די ערשטע קנאָספּן האָב איך צו מיר אַליין געזאָגט: קנאָספּן? דאָס איז

דאָך האָפענונג, שפּעטער קומט די רייפקייט און דער גענוס. ווען איך האָב אין מערץ געזען ווי די גרויסע קוואָקע שפּאַצירט זיך מיט אירע קליינע הינדעלעך, די קו הערט אויף צו געבן מילך, ווייל זי דאַרף ברענגען אַ קאַלב אויף דער ליכטיקער שײַן, ווען דעם לאַגער־פירערס פערד איז שוין געגאַנגען מיט איר קליין לאָשעקל, האָב איך געטראַכט וועגן אונדז יידן. פון איין זייט האָבן פאַר אונדז אויפגעהערט צו גילטן די נאַטור־געזעצן און פון דער צווייטער זייט איז דאָס מאָראַלישע לעבן געוואָרן עפּעס ווי הפקר...

אַזעלכע געדאַנקען זענען מיר געקומען אין קאָפּ ווען כ׳האָב געזען וואָס ס׳טוט זיך אין דעם קליינעם לאַגער ביי די דרייצן צופעליק צונויפ־געטראָפענע מענטשן. אין דער גרופּע געפינען זיך צוויי מיידלעך. איינע פון אַ יאָר פיר און צוואַנציק און די צווייטע איז אַ פּאָר יאָר יינגער. ביידע שטאַמען פון קלאָבוצק דעם שטעטעלע ווו ס׳רוב יידן האָבן זיך פאַרנומען מיט פעלד־אַרבעט. די עלטערע האָט דערציילט אַז איר חתן איז אין אַן אַנדערן לאַגער; זיי האָבן זיך אַזוי ליב געהאַט, אַז זייער ליבע איז געווען באַרימט אין שטעטל. האָט מען אָבער דערציילט אַז באַלד נאָכן פאַרשיקן איר חתן אין לאַגער אַריין, האָט זי זיך פאַרבונדן מיט אַ צווייטן, אַ חתונה־געהאַט מאַן. דאָ אין לאַגער איז מיט איר געווען אַן אַנדערע צרה: דעם צווייטן מיידל, דער יינגערער, איז געלונגען אַהער צו ברענגען איר חתן מיט וועלכן זי האָט פאַרבראַכט ווי מאַן און ווייב. זיי האָט נישט געשטערט וואָס מיר זענען געשלאָפן אין זעלבן צימער, אין דער לאַגער־קיך. הפקר! עס זענען אָבער אַוועק אַ פּאָר וואָכן און דאָס עלטערע מיידל האָט באַוויזן אָנצורעדן דעם יינגערן מיידלס חתן אַז ער זאָל מיט איר אויך פאַרברענגען. דער בחור האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. די צעלאָזנקייט האָט אַפילו נישט געזוכט קיין באַהעלטעניש. אָבער ביידע ליבע־קאָנקורענטקעס האָבן גענומען זיך אַרומשלאָגן. אין לאַגער איז געוואָרן אַ גיהנום. מיין קליינע, דאָס זיסע יידישע מיידעלע, האָט איצט שוין נישט געהאַט קיין מנוחה נישט ביי טאָג, נישט ביי נאַכט.

אין גיכן בין איך צוריק אַריבערגעפירט געוואָרן אין לאַגער פון קלאָבוצק. איך האָב שפּעטער געהערט אַז די עלטערע איז געוואָרן

שוואַנגער און די דייטשן האָבן זי משלח געווען אין אַן אַנדער לאַגער ווו זי האָט געטראָפן איר חתן. ווען ער האָט דערזען זיין כלה אין אַזאַ צושטאַנד האָט ער זיך דאָס שטאַרק גענומען צום האַרצן. דער בחור איז געווען אויסגעמאַטערט פון קאַטאָרגע־אַרבעט, פון הונגער. ער האָט דעם קלאַפּ נישט אויסגעהאַלטן און איז נאָך אַ פּאָר טעג געשטאָרבן אין לאַגער.

טאָג אויס, טאָג איין אין קליינעם לאַגער

מיר זענען געווען אין אַ קליינעם לאַגער, אַ קליינער אינדזל פון געפאַנגענע ייִדן; אין גאַנצן דרײַצן ייִדן אָבער וואָס פּאָר אַ שפּאַנונגען עס זענען באַשערט געווען! צו מאָל — אַליין געשאַפענע שפּאַנונגען. דאָס צוזאַמענלעבן פון 13 פאַרשידענע מענטשן האָט געבראַכט שווערע קאָמפּליקאַציעס. איך פלעג ציילן די טעג פון דער וואָך, געוואַרט אַז עס זאָל שוין קומען דער שבת־טאָג ווען איך וועל זיין פריי צו גיין צו דעם לאַגער ווו עס האָבן זיך געפונען מיינע פריינד. עס זענען געווען שבתים ווען עס איז נישט געווען מיט וואָס צו פאָרן די 17 קילאָמעטער פון מיין לאַגער צו יענעם לאַגער. אָבער איך האָב מיט פרייד געשפּאַנט דעם וועג צו פוס. דאָרט האָט געוואַרט אויף מיר מיין פריינדין, גוטשע בעהם. זי איז געווען ייִנגער פון מיר מיט אַ פּאָר יאָר. קורץ פאַר דער מלחמה האָט זי פאַרענדיקט איר אַדוואָקאַטן־שטודיום און חתונה געהאַט. פון איר מאַן וועלכער איז באַלד אָנהויב מלחמה געהרגעט געוואָרן האָט זי מיר ווייניק דערציילט. זי איז געווען אַ שיינע שוואַרץ־חנעוודיקע און זייער קלוג. אין די שבתים ווען איך האָב נישט געקאָנט קומען צו איר פלעגט זי זיך באַמיִען מיר איבערצושיקן עסן און אַ בריוו. די בריוו האָב איך געלייענט אַ גאַנצע וואָך. איין מאָל האָב איך איר געשריבן אַז איך פיל אַן אויסטערלישע ענגשאַפט, עס דריקט מיר אויף דער נשמה און אַז איך האָב מיר קיין מאָל נישט פאָרגעשטעלט אַז דאָס צוזאַמענלעבן מיט מענטשן פון אַנדערע מענטאַלי־

טעטן קאָן פאַרשאַפן אַזוי פיל ליידן. איך האָב איר באַשריבן מיין מוראדיקן עלנט, די גייסטיקע אָרעמקייט אַרום מיר אאַז״וו א״וו. צווישן אַנדערן האָב איך איר דערציילט פון אַ פאַל אין וועלכן איך האָב זיך דערמאָנט.

מיר האָבן אַ מאָל באַקומען צוגעטיילט פערד־פלייש און די קעכין האָט דאָס צעטיילט אין נישט גלייכמעסיקע פּאָרציעס, האָט איינער פון די לאַגער־מענטשן באַקומען אַ נערוון־צעטרייסלונג ווייל אים האָט זיך אויסגעדאַכט אַז זיין פּאָרציע איז קלענער ווי די אַנדערע. ער האָט זיך דאַן צעשריגן און פון כּעס אַרויסגעוואָרפן זיין פּאָרציע פלייש פאַר די הינט. אויף דעם בריוו האָט מיין פריינדין מיר געענטפערט מיט יוליאַן טווימס אַ ליד: „פון די קליינע מענטשן, אויף וועלכע מ׳קאָן נאָר רחמנות האָבן״. גוטשע איז געווען דער איינציקער מענטש אין די מלחמה־יאָרן פאַר וועלכן איך האָב געקאָנט אַנטפּלעקן מיין האַרץ. זי האָט דערפילט מיין אויסטערלישע איינזאַמקייט און פאַרשטאַנען פאַר וואָס איך וויין אין די נעכט.

עס איז שוין געווען דאָס יאָר 1943. דאָס יִידישע וואַרשע איז שוין געווען פאַרברענט, דאָס „רייך״ איז געווען „יודן־ריין״. איצט האָט מען שוין געוואָרט אויף אונדזער סוף. דערצו האָט מען געמוזט זיין וואַך, נישט געטאָרט ווייזן קיין טרויעריק פּנים. אין די דאָזיקע שווערע טעג האָב איך כּסדר געדענקט דעם מאמר: „במקום שאין איש, השתדל להיות איש״. איך האָב זיך באַמיט צו דערהאַלטן דאָס לעצטע ביסל לעבנסלוסט. די שווערע צייטן האָבן נאָך מיר פיזיש נישט אָנגעגריפן און ווען עס זענען געקומען מאָמענטן פון גורלדיקע דעציזיעס און מ׳האָט געמוזט עפּעס אונטערנעמען און דורכפירן, האָבן מענטשן אַלע מאָל זיך געווענדט צו מיר און איך טראַכט, אַז עס איז נישט געווען אין דער אומגליקלעכער סביבה קיין פּסיכיש שטאַרקערער מענטש ווי איך. אָפט האָט געטראָפן אַז מיר האָבן געמוזט שנעל באַשליסן: בלייבן אויפן אָרט אָדער אַנטלויפן? ס׳האָט אָנגעהויבן פילן אַז אויפן באַטרעפנדיקן אָרט וועלן מיר שוין לאַנג נישט קענען בלייבן. אָבער ווו אַהין לויפט מען? ווו וועלן זיי אונדז ווידער פאַרשיקן? אייניקע פון אונדז האָבן שוין געפּלאַנט צו אַנטלויפן און צוריק־

צוקערן זיך אין גובערנאַמענט. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן אַז אין גובערנאַמענט האָבן זיך געשאַפן מער מעגלעכקייטן צו קענען זיך אויסבאַהאַלטן, ווי אַריער. צוויי גרופּעס וואָס האָבן זיך געלאָזן אויף דעם דאָזיקן וועג זענען אומגעקומען. פון אַנדערע וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין האָט מען מער נישט געהערט. דאָס האָט מיך אָבער נישט באַפרייט פון טאָן עפּעס, ווייל דאָ בלייבן וועט מען אונדז געוויס נישט לאָזן און געשיקט צו ווערן קיין אוישוויץ און לאָזן זיך לייכט אומברענגען איז אויך נישט קיין פּלאַן.

כּדאי דערביי צו דערציילן אַז מיט אַ פּאָר חדשים פריִער, בעת איך בין נאָך געווען אין דעם לאַגער ווו עס האָט זיך געפונען מיין חברטע גוטשע, זענען מיר, אַ קליינע גרופּע, שוין געווען גרייט צו אַנטלויפן, אָבער איך האָב עס צופעליק צעשטערט. מיר האָבן געזאָלט אויספירן דעם פּלאַן זאַלבעפינף: צוויי ברידער, אַ שוועסטער, מיין חברטע גוטשע און איך. מיר אַלע האָבן צום גליק נישט געהאַט קיין ספּעציפיש ייִדישן אויסזען. מיר האָבן געקאָנט אַנגיין פּאַר אַריער, אָבער אויף דער נאַכט, ערב דעם באַשטימטן פרימאָרגן פון אונדזער אַנטלויפן, זענען מיר זאַלבעפינף געזעסן און ווידער אַרומגערעדט דעם ענין. אין אַ געוויסן מאָמענט האָב איך דערפילט ווי איינער פון די ברידער מיט וועלכע מיר האָבן געזאָלט אַנט־רינען פון לאַגער האָט אָנגעהויבן טאַפּן די קנעפּ פון מיין קנעפּל־קלייד. דעמאָלט בין איך געפאַלן אויף אַ חשד אַז ער וויל דערגיין צי די קנעפּ פון מיין קלייד באַהאַלטן אינעווייניק גאָלד. אין יענער צייט האָבן ייִדן פּראַקטיצירט אַזאַ אופן פון באַהאַלטן עפּעס פון זייער אָפּגעראַטעוועטן פאַרמעגן כּדי צו האָבן עפּעס ווערטפולס אין אַ קריטישער מינוט. אין יענעם מאָמענט האָב איך מיר געגעבן חשבון אַז דער בחור וויל מיר צונעמען דאָס וואָס איך פאַרמאָג און האָב באַשלאָסן נישט לאָזן זיך אין וועג אַריין מיט אַזעלכע מענטשן.

זינט אויבערשלעזיע איז געוואָרן ייִדן־ריין, ווייזן מיינע „בּיוראָ־קאָלעגן״ אַרויס אַ באַזונדערע פאַראינטערעסירונג מיט מיר. פון זיי ווערט יעדן טאָג עמעצער גערופן צום אָסטפּראָנט. זיי געזעגענען זיך מיט מיר זייער פריינד־

לעך, און יעדער זאָגט מיר דעם זעלביקן פּזמון: „יאָ, פּראַו שטאַרק, איך מעכטע איהנען נאָך דעם קריג טרעפען וואָללען". דער לעצטער פון די דייטשע באַאַמטע, וואָס איז געשיקט געוואָרן אויפן פּראָנט איז געווען קאַהלער. ער איז געווען דער גרעסטער הונט אין דער קרייז־דינסטשטעלע. ווען ער האָט זיך אויך מיט מיר אַזוי האַרציק געזעגנט, זאָגנדיק די זעל־ביקע ווערטער, האָב איך אים געזאָגט:

„אָבער ווי זאָ דען? ווען זי צוריקקאָמען ווערדן שוין מער קיינע יודען זיין".

„דאָס ווייסט מאַן אַבער ניכט, פּראַו שטאַרק, האָט ער מיר געענטפערט — עס איז קריג, אונד די רוסן קעמפן זאָ ווי די טירע..."

קאַהלער מיט זיין טאָכטער, די הויפּט־סעקרעטאַרשע פון דער קרייז־דינסטשטעלע, זענען געווען די גרעסטע רשעים אין דעם דאָזיקן אַמט. זייער שׂינאה לגבי ייִדן האָבן זיי אַרויסגעוויזן אין יעדער פאַרעם. אַ פּאָר וואָכן איידער מ'האָט אַוועקגעשיקט קאַהלערן, האָט ער זיך געווענדט צו מיר מיט אַזאַ קליגלערישע פראַגע: „וואַרום לאַזן זי זיך ניכט וואָלגיין מיט אירע יונגס דאָרט אים לאַגער?" איך האָב אים געענטפערט פּשוט: „ווען דער קריג צו ענדע קאָמט, געהע איך צוריק נאָך לאָדזש, צו מיין מאַן!"

„אָבער בלעדעס מעדעל, זאָגט ער, ווען דער קריג צו ענדע קאָמט, ווירד קיין לאָדזש זיין, ווירד קיין מאַן זיין".

„דאָס קאַן מאַן יאָ אויך ניכט וויסן, הער קאַהלער" — האָב איך דער־ווידערט.

דער זעלביקער קאַהלער איז איין מאָל געפאָרן אויף יאַגד. צוריקגע־קומען, האָט ער מיטגעבראַכט אַ הונט. דאָס איז געווען נישט קיין שיינער הונט. ער האָט אים אין תּחילת געפּירט אויף אַ לעדערנעם רימען; שפּעטער ווען ער האָט אים פריי געלאָזט, איז דער הונט געקומען צו מיר. וואָר־שיינלעך האָט דער הונט אין מיר דערקענט עפּעס פון זיין פריִערדיקער באַלעבאָסטע. ווער פאַרשטייט די הינטישע נשמה? בכל־אופן האָט דער כּלב אָנגעהויבן מיר נאָכגיין. ביי נאַכט ווען מיר פלעגן פאַרשליסן די טיר און אים נישט אַריינגעלאָזט צו אונדז, האָט ער אָנגעהויבן וואָיען און בילן. צום סוף האָבן מיר אים געמאַכט אַ געלעגער אין אונדזער ענגן צימער,

אָבער מערסטנס האָבן מיר אים געפונען אין דער פרי שלאָפנדיק ביי מיין צופוסנס. דער הונט האָט מיר דעם גאַנצן טאָג נישט פאַרלאָזט; אויך ווען איך בין געווען ביי דער אַרבעט אין ביוראָ, איז ער געזעסן אונטער מיין אַרבעט־טיש. אויף דער נאַכט, נאָך דער ביוראָ־אַרבעט, ווען איך האָב געדאַרפט ריין מאַכן דעם הויף און די קלאָזעטן, האָט דער הונט אויך זיך געדרייט אַרום מיר, גלייך ער וואָלט מיר געוואָלט צוהעלפן. אויף אַן אומ־דערקלערלעכן אופן האָב איך דעם הונט ליב באַקומען און ווי אַ געליבטער מענטש ווערט שענער אין די אויגן פון זיין געליבטער, אַזוי איז אויך מיין הונט געוואָרן עפּעס שענער, באַליבטער, ציכטיקער. אין אונדזער אָרעמען לעבן האָט דער הונט אונדז אַפילו אַריינגעברענגט אַ ביסל פרייד.

אָבער דאָס איז די דייטשן נישט געפעלן געוואָרן. זייערע קליינע, גלאַנצנדיקע קעצישע אייגעלעך האָבן אָנגעהויבן פינקלען ווען זיי האָבן מיך געזען מיטן הונט. איין מאָל ווען איך בין נאָכן מיטאָג־עסן צוריקגע־גאַנגען אין ביוראָ אַריין און דער הונט האָט מיך באַגלייט, האָב איך גע־טראָפן שטיין אין קאָרידאָר אַ גרופּע דייטשן פאַרטאָן אין אַ שמועס. מיט מיין אַריינקומען האָבן זיי מיט אַ מאָל איבערגעריסן דאָס געשפּרעך, אָבער אין זייער שווייגן האָט זיך געהערט מער ווי אין רייד. איך בין פאַרביי־געגאַנגען און קוקנדיק אויפן הונט האָב איך געזאָגט: „זיזקאָ — אַזוי האָט מען גערופן דעם הונט — ווייסט ניכט דאָס איך יודין בין, אונד האַט מיך גערנע״. די דייטשן האָבן עס געהערט, אָבער אויף דעם גאָרנישט גע־ענטפערט. עס האָט זיך נאָר באַוויזן אַ פייער אין זייערע אויגן און דאָס האָט מיך אויף אַן אמת איבערגעשראָקן, ווייל כ׳האָב געפילט אַז עפּעס וועט שוין פּאַסירן, אָדער מיט מיר, אָדער מיטן הונט. מיין פאָרגעפיל האָט מיך טאַקע נישט גענאַרט: אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן זיי דערשאָסן דעם הונט.

די שפּאַנונג האָט מיט דעם נישט אָפּגעלאָזן.

דער לייטער פון דער קרייז־דינסטשטעלע, אַן אַמאָליקער גרויסהענד־לער פון פראַנקפורט און איצט אַ באַרימטער ס.ס.־מאַן, האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק צו אינטערעסירן מיט אונדז. דאָס מיידל וואָס האָט געאַרבעט ביי אים האָט דערציילט, אַז דעם הער לייטערס פרוי פרעגט זיך אויס אויף

יעדן פון אונדז. זי האָט קלאָמפּערשט אַרויסגעוויזן מיטגעפיל צו די פאַר־טריבענע, געליטענע „יודען". אָבער שפּעטער ווען מ'האָט אונדז געזאָלט פון דאַנען אַוועקשיקן און דאָס זעלביקע מיידל האָט ביי דער מאַדאַם געבעטן מיטגעפיל, באשר זי האָט מער נישט קיין כּוח צו קיין נייע ערטער, האָט די „גוטע מאַדאַם" אויף איר שטאַרק אָנגעשריגן און איר באַפוילן: „פאַר־פלוכטע יודין, שנעל גיי וועק!"

דער לייטער האָט געהאַט צוויי זין, איינער פון צוועלף יאָר און דער קלענערער פון זעקס יאָר. די קינדער זענען אָפט געקומען צו אונדז אין לאַגער אַריין. דער עלטערער איז געווען אַ נאַריש יינגל, אָבער דער יינגערער איז געווען זייער קלוג. זיי פלעגן שטיין און זיך צוקוקן וואָס מיר טוען, ווי מיר לעבן. מיר האָבן באַמערקט, אַז דער קליינער פאַרשטייט אַ סך, אָבער ער באַנעמט נישט דאָס רשעות קעגן אונדז, יידן. איך האָב דאָס יינגל געפרעגט — אַזאַ נייגער האָט מיך דערצו געשטויסן! — צי ער ווייסט וואָס דאָס איז אַ ייד? ער האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. האָב איך אים ווייטער געפרעגט, צי זיין מוטער האָט אים קיין מאָל נישט דערציילט פון יידן? אויך אויף דעם האָט ער נישט געענטפערט. איך בין אָבער שוין אַריין אין אַזאַ טראַנס און האָב דעם יינגל ווידער געפרעגט אַ פראַגע וואָס האָט געברענגט אונדז אומרו: „האָסטו ליב, יינגעלייך, אונדז יידן?"

דאָ זענען דעם זעקס־יאָריקן דייטש אַרויס פלאַמען אויפן פּנים. ער האָט פאַרקרימט זיין געזיכט, אַרויסגעוויזן אַ גרימאַסע וואָס דריקט אויס עקל און האָט אויסגעשפּיגן. אַלע זענען מיר געבליבן פאַרשטאַרט. פאַר אונדז איז געוואָרן קלאָר, אַז לויט דער לערע וואָס ער באַקומט פון זיינע עלטערן וועט ער אויסוואַקסן אַ פולער נאַצי. עס ווערט שוין דערצויגן אַ צווייטער נאַצי־דור.

דערווייל איז אין אונדז געוואַקסן די שרעק אַז אָט־אָט ווערן מיר פון דאַנען אַוועקגעשיקט. יעדער פון אונדז האָט נאָך געהאַט אַ ביסל ווערטזאַכן און גאָלד. אַזוי לאַנג ווי מיר זענען געווען אויף אַן אָרט האָבן מיר דאָס געקאָנט באַהאַלטן. ס'טרעפט אָבער אין אַ סך לאַגערן אַז אומגעריכט קומט אַ באַפעל תּיכף איבערטראַנספּאָרטירט צו ווערן און עס קלעקט נישט קיין

צייט אַרויסצונעמען דאָס איבער וואָס מ׳ציטערט די גאַנצע צייט. מיר האָבן בכן אָנגעהויבן זוכן עמעצן וואָס זאָל געוואָר ווערן פון לאַגער־פירער ווי עס האַלט מיט אונדז. מיר האָבן זיך צווישן זיך באַראַטן וואָס צו טאָן, און עס איז געבליבן, אַז אַזוי ווי איך האָב נאָך אין ביוראָ צו ענדיקן שרייבן אַנדערע פּאַפּירן זאָל איך אויסגעפינען אַ תּירוץ, באשר מיר איז עפּעס נישט קלאָר און ביי דער געלעגנהייט זאָל איך דעם לאַגער־פירער, כּלאחר־יד, פרעגן ווען מיר פאָרן אַוועק פון דאַנען? ווייל אַזאַ סכּנה האָט זיך פּאַקטיש געטראָגן אין דער לופט.

ווען איך בין געקומען מיט די פּאַפּירן אין ד׳ער דינסטשטעלע, האָב איך דאָרט געטראָפן צוויי שופּא־לייט. ייִדן האָבן שוין דאָרט נישט גע־אַרבעט. די דייטשן האָבן מיך געגנוג העפלעך אויפגענומען און גענומען מיט מיר שמועסן. בינו לבינו האָבן זיי מיר דערציילט, אַז די איינציקע ייִדן וואָס געפינען זיך אין דער געגנט זענען מיר אין אונדזער קליינעם לאַגער. דאָס האָט געקאָנט הייסן אַז מיר ווערן פון דאַנען אַרויסגעשיקט נאָך די היינטיקע נאַכט, אָבער ס׳איז אויך געווען מעגלעך אַז דאָס קאָן געשען ערשט אין טעג אַרום. קיין זיכערס איז נישטאָ. דאָס האָב איך אַרויס־געהערט פון זייערע רייד. איך האָב נישט אָן שרעק זיי געזאָגט אַז מסתּמא וועט מען אונדז גאָר שיקן קיין אויסשוויץ.

דערויף האָט איינער פון די שופּא־לייט מיר אָפנהאַרציק געראָטן אַז איך זאָל זען פון דאַנען וואָס געשווינדער אַוועקגיין. זיך אַליין האָט דער דייטש אָבער באַלד געפרעגט, כאָטש גערעדט האָט ער צו מיר: אָבער ווו אַהין וועט איר גיין? אומעטום וועט איר אונדז טרעפן. איר קאָנט נאָך באַקומען אַ קויל הינטן אַרום!

מיר האָבן פון דעסטוועגן באַשלאָסן קלאָר צו מאַכן אונדזער לאַגע. דרייַ פון אונדז זענען אַריין צום לאַגער־פירער אין שטוב און אים געגעבן די געפאָדערטע פּאַפּירן און געזאָגט אַז עס איז נאָך פאַראַן עפּעס צו פאַרענדיקן.

— איר מוזט דאָס שנעל מאַכן — זאָגט ער ברוגז — ווייל ס׳איז מעגלעך אַז איר וועט מוזן פון דאַנען אַוועקפאָרן!

— אַזוי ? — האָבן מיר אָנגעשטעלט אויף אים שטוינענדיקע בליקן — אָבער וווהין, הער לאַגער־פירער ?

— דאָס ווייסן מיר נאָך ניכט — אַבער בעשטימט דאָס פון היער מוזט איר וועגקאָמען. איר זייט די לעצטן יודן אין דען קרייז און נאָר מיינעטוועגן זינד איר נאָך היער.

— אַבער זאָגען זי דאָך הער לאַגערפירער, וואָהין וויר קאָממען ? — בעטן מיר אים — הער לאַגערפירער, רעכט צו לעבן היער האַבען וויר ניכט אַבער רעכט צו קעמפּפען פיר אונדזער לעבן האַבען וויר דאָך.

— אַבער מאַכט דאָך ניכט זאָ, מיינע לויטע — זאָגט ער — אין אירעס אַלטער קאָממען זי. געוויס אין איין צווייטעס אַרבייטסלאַגער, אונד עס קאַן יאַ אויך נאָך דאַוערן.

נאָך דעם שמועס מיט די שופּא־לייט און נאָך דער טענה פון לאַגער־פירער האָבן מיר זיך אָנגעהויבן גרייטן צום וויטערדיקן וואַנדערן. איצט האָט געהערשט אַן אויסטערלישע שטילקייט אין דער דינסטשטעלע. און ווי ערב אַ שטורעם האָבן מיר איצט געלעבט אַ מצב פון מנוחה. אונדזערע פייניקערס האָבן אונדז נישט געטריבן צו דערפילן אונדזערע פליכטן; נישט געצווונגען אונדז זיך צו צופּאַסן צו זייערע משוגענע דיסציפּלינען. אָבער אין איין אָוונט ווען מיר אַלע זענען שוין געווען אויף די געלעגערס, איז דער לאַגער־פירער אַריין צו אונדז. ווי שטענדיק האָט ער געהאַלטן אויך דאָס מאָל די הענט פאַרלייגט אויף הינטן און קורץ געפרעגט צי מיר האָבן עפּעס געלט און ווערטזאַכן ? אויב יאָ, זאָל מען עס אים אָוועקגעבן. ער האָט עס געזאָגט שטיל, אָבער ווען ער האָט עס איבערגעחזרט, איז זיין טאָן שוין געווען געביטן. ער האָט שוין באַפוילן אים דאָס צו געבן.

— קינדער — האָט ער געזאָגט — איר ווייזט דאָך אַז איר מוזט פון דאַנען אַוועקגיין, און וועט איר קומען אויף אַן אַנדער פּלאַץ וועט איר אַלץ מוזן אַוועקגעבן. בעסער אַז איר לאָזט עס איבער ביי מיר.

ווען קיינער האָט אים גאָרנישט נישט געענטפערט, איז ער אַרויס. פאַרשטייט זיך אַז נאָכן באַזוך פונעם לאַגער־פירער האָט שוין קיינער נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, אַ פּחד האָט אונדז צערודערט און לאַנג געהאַלטן וואַך. ערשט פאַר טאָג זענען מיר פאַרט איינגעשלאָפן. פּלוצים

האָט מען אונדז גענומען ראַשיק וועקן. ווען מיר זענען אַראָפּ פון די געַ־לעגערס און צוגעגאַנגען צום פענצטער האָבן מיר געזען די מענער פון שכנותדיקן לאַגער אויסגעשטעלטע ביי דער וואַנט; אונדזער הויז איז געווען אַרומגערינגלט מיט זשאַנדאַרמען. מען האָט אונדז געגעבן צייט נאָר עטלעכע מינוט זיך אָנצוטאָן און צו נעמען מיט זיך אַ קליין ביסל זאַכן. אונדזערע קלומיקעס זענען שוין געווען גרייט. עטלעכע נעכט פריִער זענען מיר אויף זיי שוין געשלאָפן. ווען מ׳האָט אונדז אַרויסגעפירט אויפן הויף, זענען מיר צוגעשטעלט געוואָרן צו די מענער און פון אַלע זייטן זענען מיר געוואָרן אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי. אין אונדזערע צימערן האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ רעוויזיע. דעם לאַגער־פירער האָבן מיר מער נישט געזען. ווען די באַפעלערס זענען פאַרטיק געוואָרן מיט אַלעם, האָבן זיי אונדז אין אַ געשלאָסענער גרופּע צוגעפירט צו אַ פּלאַץ נישט ווייט פון פּאָליציי־הויף. דאָרט זענען מיר געזעסן אַ פּאָר שעה און מ׳האָט געבומען ברענגען צו אונדז נאָך קליינע גרופּעס ייִדן. אַזוי האָט מען אַ גאַנצן טאָג געפירט צו אונדז רעשטלעך ייִדן פון ערגעץ ווו. ביזן אָוונט זענען מיר שוין געווען אַ מחנה פון קרוב צו 2.000 מענטשן, אַלטע, יונגע און קינדער. ביי נאַכט האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ רעגן און מיר זענען נאָך אַלץ געשטאַנען אין דרויסן. דער זאַמדיקער פּלאַץ האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ בלאָטע און ס׳האָבן זיך ברייט צעגאָסן קאַלוזשעס וואַסער. קיין עסן האָבן מיר דעם גאַנצן טאָג נישט באַקומען, אָבער מיר האָבן דעם הונגער נישט אַזוי שטאַרק געפילט. אַזוי האָבן מיר זיך געוויקט אַ גאַנצע נאַכט, געשטאַנען אין נאַסן, קילן דרויסן, מידע, פאַרצווייפלטע. אין דער פרי האָט זיך דאָס וועטער אַ ביסל אויסגעלייטערט און אויך די דייטשן זענען געווען עפּעס פריינדלעכער צו אונדז. מיר האָבן געוואָלט די דאָזיקע פריינדלעכקייט אויס־נוצן ווייל צווישן אונדז האָבן זיך געפונען אַזעלכע וואָס האָבן נאָך געהאַט אין לאַגער זאַכן וואָס זיי האָבן געוואָלט אַרויסקריגן פון דאָרט. מיר האָבן געבעטן די דייטשן זיי זאָלן אונדז דערלויבן צוצוגיין צום לאַגער. טייל האָבן געזאָגט אַז זיי האָבן דאָס אָנגעטועכץ איבערגעלאָזט דאָרט. סוף־כּל־סוף האָבן די דייטשן דערלויבט דריַי פון אונדז צוגיין. זיי האָבן אַפילו דערלויבט צו גיין אָן אַ וואַך. ווען מיר האָבן דערקלערט אַז מיר האָבן

מורא צו גיין אָן אַ וואַך האָבן זיי געענטפערט, אַז די פאָליציי וועט שוין וויסן, אַז דרײַ ייִדן האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש צוגיין אין לאַגער אַריין. מער קיין ייִדן זענען דאָך נישטאָ אין דער געגנט, האָבן זיי צוגעגעבן.

אין לאַגערהויף האָבן מיר קיין מענטש מער נישט געטראָפן. אונדזערע ווערטזאַכן האָבן מיר נאָך געפונען אין זייערע באַהעלטענישן. דאָס איז געווען גאָלד אין געלט, וואָס מיר האָבן אין דער לעצטער מינוט, פאַרן פאַרלאָזן דעם לאַגער, פאַר שרעק אַרײַנגעשטופּט אין אויוון. עס איז געווען אַ נס, אַז די דײַטשן האָבן דאָרט נישט געזוכט. פאַר דעם דאָזיקן גאָלד אין געלט האָבן מיר שפּעטער אין די אַנדערע לאַגערן געקויפט ברויט.

דרײַ טעג און דרײַ נעכט זענען מיר געשטאַנען אויף דעם פּלאַץ אונטערן אָפענעם הימל. דעם דריטן טאָג האָבן מיר געזען ווי פון מאָל צו מאָל ברענגט מען אַ געהרגעטן ייִדן וואָס האָט געפּרוווט אַנטלויפן פון דעם זאַמל־אָרט. אין די דאָזיקע טעג זענען אַלע וועגן, אַלע וואַלד־סטעזשקעס אין דער סביבה געווען באַוואַכט פון דער דײַטשער רײַטער־פאָליציי. ווי באַלד די פאָליציי האָט באַמערקט מענטשן לויפן, האָט זי געשאָסן. שפּעטער האָבן מיר געהערט אַז איינער פון די הויפּט־פאַרפאָלגערס איז געווען אונדזער לאַגער־פירער. דעם דריטן אויפדערנאַכט זענען מיר געוואָרן אַרומגערינגלט פון אַ גאָר גרויסער צאָל ברוין־מונדירטע פאָליציי־לײַט מיט הינט. באַלד איז געקומען אַ גוואַלדיק שטרענגע קאָמאַנדע, מ׳זאָל זיך שטעלן צו פינף אין דער ריי, נעמען אונדזערע זאַכן און אָנהייבן גיין. אָט אַזוי, באַגלייט פון די ווילדע דײַטשישע געשרייען און פונעם בילן פון זייערע הינט זענען מיר אָנגעקומען צום קלאָבוצקער באַן־הויף ווו עס זענען געווען צוגעגרייט פאַר אונדז וואַגאָנען. מען האָט אונדז אויפגעלאָדעוועט ווי געפאַנגענע חיות און שפּעטער הערמעטיש פאַרמאַכט די טירן פון די וואַגאָנען. אַפילו דאָס קליינע וואַגאָן־פענצטערל האָבן זיי פאַרקלאַפּט מיט רוגזה. באַלד האָבן מיר דערשפּירט אַז מיר פאָרן. לאַנג זענען מיר געפאָרן, געפאָרן אין פינצטערניש, אין ענגשאַפט, אין אימה. מיט אַ מאָל האָט זיך די באַן אָפּגעשטעלט און באַלד זענען מיר ווײַטער געפאָרן. ווידער געשטאַנען ערגעץ אויף אַ בלינדער סטאַציע און ווידער געפאָרן. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף סטאַציעס, ד״ה, ווען מיר האָבן געפילט אַז מ׳פאָרט נישט, האָבן מיר

אָנגעהויבן שרייען, בעטן אַ ביסל וואַסער, אָדער מען זאָל אונדז אַראָפּלאָזן טאָן די מענטשלעכע באַדערפעניש. אָבער אויף דעם לאַנגן, אומהיימלעכן וועג האָט זיך נישט געפונען קיין איין דייטש וואָס זאָל אונדז דערהערן. נאָך אַ לענגערער צייט פון אָט דעם פאָרן האָבן מיר זיך פאַרהאַלטן אויף אַ סטאַציע. מ׳האָט אונדז געלאָזט וויסן אַז דאָ גייען מיר אַראָפּ. וואָס איז דאָ? וואָס וועט זיין דאָ מיט אונדז? — האָט די שרעק אין אונדז געצאַפּלט. פון די וואַגאָן־שפּאַרעס האָבן מיר געזען גרויסע קוימענס, און מיר זענען געווען זיכער אַז די אויווגס זענען פאַר אונדז. אָבער דאָס איז נאָר געווען דער גרויסער דורכגאַנגס־לאַגער בלעכהאַמער.

גייען מיר אַנטקעגן דעם אומהיימלעכן סוף?

מיר זענען אַרויס פון די וואַגאָנען דערשעפּטע, פאַרקויטיקטע, אויס־געווייסטע פון קאָלד. מיר האָבן נישט געהאַט קיין צייט זיך אַרומצוקוקן. מ׳האָט אונדז תיכּף ווידער געשטעלט אין פינפטלעך און באַפוילן צו מאַר־שירן. נאָכן שפּאַנען פופצן מינוט האָבן מיר באַמערקט אַז אַ סך ייִדן וואַרטן אונדז אָפּ. מיר האָבן זיך נאָר דערנענטערט האָבן מיר שוין געהערט פון זייער האַרציקע ווערטער. אָבער די דייטשן האָבן זיך ווידער מקדים געווען מיט זייערע געשרייען אַז מיר זאָלן זיי אַוועקגעבן אונדזער געלט און גאָלד. עס איז געווען אַ גרויסער טומל און אינעם געטומל האָבן מיר געהערט ווי די ייִדן שרייען צו אונדז אַז מיר זאָלן עס נישט אַוועקגעבן. האָט נישט קיין מורא — האָבן די ייִדן צו אונדז געשריגן — גיט זיי אַ קדחת!

איך ווייס נישט וועגן די ייִדן זענען געווען. איך ווייס נישט צי עמעץ פון זיי איז געבליבן לעבן. די דערמוטיקנדיקע ווערטער פון די מענטשן האָבן אין אונדז אַריינגעגעבן אַ ניי חיות. דאָס אויסטערלישע שרייען פון די דייטשן האָט אונדז מער נישט אָפּגעשראָקן.

שפּעטער האָט מען אונדז ווידער אַ מאָל אויסגעשטעלט אין רייען, צו יעדן פון אונדז איז צוגעקומען אַ דייטש וואָס האָט געפּאָדערט געלט, גאָלד און זייגערלעך. יעדער פון אונדז האָט אָנגעגרייט נאָר אַ פּאָר מאַרק און עס אים אָוועקגעגעבן. „מער האָבן מיר נישט" — איז געווען אונדזער ענטפער. געענדיקט מיטן געלט־נעמען האָבן די דייטשן אונדז איבער־געגעבן אין יידישע הענט, זיי זאָלן אונדז איינאָרדענען.

בלעכהאַמער איז געווען אַ דורכגאַנגס־לאַגער און טיילווייז אַ לאַגער ווו מ׳האָט דורכגעפירט גורלדיקע סעלעקציעס. די יידן, וועלכע האָבן אונדז איבערגענומען האָבן דאָ געאַרבעט סטאַביל. איך מוז מיט טרויער צוגעבן אַז די דאָזיקע יידן האָבן פּאַר געלט און גאָלד אויסגעלייזט יידן פון באַלדיקן טויט. נישט ווייניק יידן האָט מען אָבער דאָרט אומגעבראַכט. דאָס אויסלייזן געוויסע יידן פון באַלדיקן טויט איז באַשטאַנען אין דעם וואָס זיי האָבן אויסגעטוישט דעם קרבן וואָס דער דייטשער טיגער האָט געמוזט פאַרצערן. די דאָזיקע אויסטויש־יידן האָבן געגעבן אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ: אַן אַנדערן ייד אויפן אָרט פון דעם אויסגעלייזטן. ווען עס איז אַריינגעפאַלן צו זיי אין די הענט אַ רייכער אַלטער ייד וואָס האָט גוט באַצאָלט, האָבן זיי אים געלאָזט אַ ביסל אָטעמען און אויף זיין אָרט האָבן זיי געשיקט אויף אומקום אַ יונגן אָרעמען ייד. צו מאָל אויך אַזעלכן וואָס איז געוואָרן אומבאַקוועם. דאָס איז געווען אַ חברותא פון טונקעלע פאַר־שוינען, אַזעלכע, וואָס האָבן אין דער פינצטערער צייט פרייגעלאָזן זייערע אינסטינקטן.

מיט אונדזער גרופּע איז אויך מיטגעקומען אַ קאָלאָנען־פירער פון אַ שכנותדיקן לאַגער. ער האָט געשטאַמט פון די בענדינער ווילע יונגען. שוין ד׳אָס אָנקוקן אים האָט אָנגעוואָרפן אַ שרעק. ער איז געווען זייער אַ הויכער, אַ דיקער מיט רויטע גלאַנציקע באַקן און אַ רויטער נאָז וואָס האָט עדות געזאָגט אַז ער האָט נישט פיינט אַ ביסל בראָנפן. צווישן די לאַגערניקעס איז ער געווען באַוווסט ווי אַ מערדערלעכער שלעגער. ער איז געווען דאָס געשפּענסט פון לאַגער. צו אַלע זיינע מעלות האָט ער נאָך געהאַט אַ שוואַכקייט צו יונגע מיידלעך. אין בלעכהאַמער איז ער געקומען מיט אַ גרופּע יידן פון אַ קליינעם אַרבעטס־לאַגער, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט

רײַן מאַכן דאָס שטעטל פֿון ייִדן. מ׳האָט געהערט אַז אין יענעם שטעטל האָט דער פֿאַרשוין געהאַט די מעגלעכקייט אין די פּרייַע שעהען צו פֿאַר־ברענגען אין אַ קנייפּע מיט אַ חברה שמוגלערס. דאָס איז געווען אַ גרענעץ־שטעטל צווישן זונסקאַ־וואָליע און איר סביבה. צווישן די שמוגלערס האָט זיך אויך געפֿונען אַ שיין יונג מיידל פֿון מיין היימשטאָט. איר פֿאָטער, זיידע און עלטער־זיידע זענען געווען באַוווסטע תּלמידי־חכמים. ווען מ׳האָט פֿאַרמאַכט דאָס געטאָ האָט דאָס מיידל מפֿרנס געווען מיט שמוגל איר גאַנצע משפּחה. זי איז געווען אַ שיינע, אַ ציכטיקע און מלא־חן. די אויסטערלישע אומשטענדן האָבן זי אַריינגעבראַכט אין אַ סביבה פֿון לייט וואָס האָלטן פֿאַר אַ טויגנט דאָס טרינקען בראָנפֿן, דאָס רעדן ניבול־פּה און אַזוי ווייטער. דער פֿאַרשוין וועגן וועלכן מיר דערציילן האָט זיך באמת פֿאַרליבט אין איר. די געפֿילן צו דעם מיידל האָבן אַפֿילו געמילדערט זיין גרויזאַמען כאַראַקטער. אין לאַגער האָט מען אָנגעהויבן שמועסן אַז ער איז געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. ער שלאָגט שוין נישט אַזוי די ייִנגלעך און אַז ער באַקומט זיין אַטאַקע פֿון ווילדקייט איז גענוג אים צו דערמאָנען דעם נאָמען פֿון דעם מיידל אַז ער זאָל זיך באַלד באַרויִקן. די נאָענטקייט פֿון דעם גראָבן נפֿש צום יחוסדיקן מיידל האָט באַוויזן וווּנדער. אָגב האָט דאָס איידעלע מיידל ביסלעכווייז אויך זיך צו אים צוגעוווינט. צום גליק איז זי געווען זייער אַ קלוגע און האָט פֿאַרשטאַנען איר אויסטערלישע סיטואַציע.

— סאַבאַ — (דאָס איז געווען מיין פֿאַלשער לאַגער־נאָמען) — ווענדט זי זיך איין מאָל צו מיר — דו קוקסט זיך צו צו מיין אויפֿפֿירן זיך און דיר איז אַוודאי אַ רחמנות אויף מיר. אָבער מיר אַליין איז אויך אַ רחמנות אויף מיר... אויב איך וועל איבערלעבן דעם קריג, וועל איך זיך סיי ווי סיי דאָס לעבן נעמען.

זייער אָפּט האָט זי גערעדט פֿון זעלבסטמאָרד. דאָ אַהער איז זי אויך מיטגעקומען מיט אים. ער האָט אויך דאָ, אין דורכגאַנגס־לאַגער, באַקומען אַ „פּירערישע מיסיע״. ווי איך האָב שפּעטער געהערט איז זיין געליבטע אַהער געקומען שוין אַ מעוברתע און, ווי באַוווסט, האָבן די דייטשן אַוועק־געשיקט אויף פֿאַרניכטונג קודם כּל די שוואַנגערדיקע ייִדישקעס. אויך די האָט מען באַלד אַוועקגעשיקט קיין אוישוויץ.

בלעכהאַמער האָט זיך געפונען אויפן וועג צווישן טשענסטאָכאָוו און ברעסלע. די געגנט איז געווען אַ וואַלדיקע, מיט הויכע שיינע סאָסנעס. דער לאַגער האָט פאַרנומען זייער אַ גרויסן שטח אויף וועלכן עס זענען געווען צעוואָרפן באַראַקן. מיר האָבן דאָ געטראָפן יידן פון דער גאַנצער וועלט. זיי האָבן געאַרבעט אין די וועלדער, ביז ס'איז ערגעץ געפאַלן די דעציזיע אַז מ'זאָל זיי פאַרשיקן אין סטאַבילע לאַגערן אָדער אויף פאַר־ניכטונג קיין אוישוויץ. כמעט יעדן טאָג זענען אַהער געקומען נייע טראַנס־פּאָרטן. צווישן די ניי אָנגעקומענע האָט מען אויסגעקליבן די נאָך פעיִקע צו אַרבעט און מ'האָט זיי געשיקט קיין דייטשלאַנד. דאָרט זענען זיי געשיקט געוואָרן אַרבעטן אין שפּינערייען, וועבערייען אָדער אין קוילן־שאַכטן.

אויף צו מאָרגנס נאָך אונדזער אַהערקומען איז דורכגעפירט געוואָרן אַן אַפּעל. אונדזער גרופּע וואָס איז באַשטאַנען פון הונדערט און צוואַנציק מענטשן האָט מען שוין פאַרן אַפּעל צעטיילט אין קליינע גרופּעס. פון זיי האָט מען ערשט אָנגעהויבן איבערקלייבן מי לחיים ומי למות. ווער ווייסט? די גרעסטע גרופּע איז אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ שפּינעריי אין בייזאַליץ. אַ צווייטע גרופּע, אַ ביסל אַ קלענערע, האָט מען געדאַרפט שיקן קיין לויטערבאַך און די קלענסטע גרופּע, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען, האָט געזאָלט פאָרן קיין קלעטענדאָרף, נעבן ברעסלע.

איצט האָט מען מיך ווידער אָפּגעזונדערט פון אַלע מיינע פריינד, צו וועלכע איך בין געווען זייער צוגעבונדן. זיי האָבן מיר צוגעשיקט בריוועלעך דורך די אָרדנערס, אַז זיי ווילן מיט מיר מיטגיין. אפשר קאָן מען עפּעס פועלן פאַר געלט. אָבער ווען איך האָב זיך צוגעקוקט וואָס דאָ געשעט איז מיר געוואָרן אויפפאַלנדיק וואָס אַלע מיינע פריינד געפינען זיך אין גרופּעס מיט יונגע מענטשן און נאָר איך איינע בין אין אַ גרופּע פון עלטערע פרויען, צווישן זיי אויך אַ פרוי מיט אַ קינד. ווו אַהין מיר פאָרן איז נישט געווען קלאָר. האָב איך דערפאַר באַשלאָסן גאָרנישט צו טאָן און לאָזן די זאַכן גיין ווי זיי גייען. איך בין געוואָרן אַבערגלויבעריש און געטראַכט, אַז אפשר איז דאָס מיין גורל? ווען דער אַפּעל האָט זיך געענדיקט האָט מען אונדז מער נישט פריגעלאָזט, נאָר אַזוי ווי מיר זענען

געשטאַנען אין גרופּעס, האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין באַזונדערע באַראַקן, צוויי שעה שפּעטער האָט מען געדאַרפט זיין גרייט צו פאָרן ווייטער. יעדער האָט באַקומען אַ ברויט, אַ ביסל אַנדערע שפּייז און אין באַגלייטונג פון צוויי אַלטע דייטשן האָט מען אונדז, אַ גרופּע פון דרייסיק פרויען, צוגעפירט צו דער באַן. דאָ זענען שוין געשטאַנען פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען אין וועלכע מיר זענען אַריין ווי געוויינלעכע פּאַסאַזשירן און מיר זענען טאַקע געפאָרן. אין ברעסלוי האָבן מיר געמוזט אַריבערגיין אין אַן אַנדערן וואַגאָן און פון ברעסלוי זענען מיר געפאָרן נאָך צען מינוט און זענען אָנגעקומען קיין קלעטענדאָרף.

קלעטענדאָרף איז אַ פאָרשטאָט פון ברעסלוי. זייט 1941 האָט דאָ עקסיסטירט אַן אַרבעט־לאַגער וועלכער האָט געהערט צו דער ט.אָ.ט.־אָרגאַניזאַציע. דאָ זענען געווען גרויסע מאַגאַזינען פון אַלט אייזן און אַ גרויסע ניי־ווערקשטאַט. אַלע מענער האָבן דאָ געאַרבעט אין די אייזן־מאַגאַזינען און די פרויען אין ניי־זאַל. מ׳האָט גענייט און פאַרריכט קליידונג פאַר מיליטער.

שוין שפּעט נאָך מיטאָג האָבן מיר אַריבערגעטראָטן די לאַגער־טויערן און זענען געוואָרן שטאַרק איבערגעראַשט פון דעם וואָס מיר האָבן דאָ געזען. גאָר אַן אַנדער וועלט! נישטאָ דאָס געשפּענסט פון טויט. מיר האָבן געטראָפן פרויען גיין פון די באַדצימערן און יעדע האָט געהאַלטן אויפן אָרעם אַ באַד־האַנטוך, אַ זעקעלע מיט וועשצייג און אָנגעטאָן אין אַ שלאָפראָק. אויף זייערע פּנימער איז נישט געווען קענטיק קיין געדריקטקייט. יאָ, פאַראַן דראָט־פאַרצוימונגען, אָבער די דראָטן וואָס האָבן אָפּגעגרענעצט דעם פרויען־לאַגער פון דעם מענער־לאַגער זענען געווען נאָר... דראָטן. פון איין זייט פון די דראָטן זענען געשטאַנען מענער און פון דער צווייטער זייט פרויען. זיי האָבן געשמועסט, זיך אונטערהאַלטן. אַ ביסל שפּעטער האָט מען אונדז פאָרגעשטעלט דער יידן־עלצטער פון לאַגער. זי האָט אונדז איבערגעציילט און צוגעטיילט איינע אָדער צוויי פון אונדז צו די צימערן ווו עס האָבן שוין געוווינט אַנדערע פרויען.

צווישן די פֿרויען וואָס האָבן זיך שוין דאָ געפֿונען האָב איך געטראָפֿן צוויי לאָדזשער מיידלעך, קרובֿות פֿון מיינס אַ יוגנט־פֿריינדין. אויך די צוויי מיידלעך האָבן מיך געקענט פֿון לאָדזש. זיי זענען געווען גוט איינגעאָרדנט אין לאַגער. איינע האָט געאַרבעט אין קיך און די צווייטע אין ביי־זאַל. זיי האָבן זיך מיט מיר שטאַרק דערפֿרייט און מיך אַריינגענומען ווינען צו זיך. אין דעם צימער זענען געווען בלויז מיידלעך און איך האָב געזען אַז איך וועל אין צימער זיין די עלצטע. אַזוי בין איך מיט די מיידלעך געווען ביז יאַנואַר 1945. אַ טייל פֿון די לאַגער־מיידלעך האָבן דאָ געהאַט זייערע חתנים און זיי האָבן די מיידלעך אַ סך געהאָלפֿן. אַ טייל פֿון די פּאָרלעך האָבן נאָך דער מלחמה חתונה געהאַט.

די צוויי לאָדזשער מיידלעך האָבן מיר געהאָלפֿן זיך דאָ איינאָרדענען. פֿאַר נאַכט האָט מען אונדז גערופֿן און געמאָלדן אַז מאָרגן אין דער פֿרי גייען מיר, די ניי־אָנגעקומענע 30 פֿרויען, צו דער אַרבעט. 15 פֿרויען וועלן אַרבעטן אין אַ צעמענט־פֿאַבריק.

די אַרבעט איז געווען אַ מוראדיק שווערע און אומגעזונטע. מיר האָבן געמוזט שטיין ביז צו די קני אין וואַסער, אַרבעטן אין דער פֿינצטער און דערצו שטענדיק הייבן שווערע כּלים אָדער זעק מיט צעמענט. ווען מיר זענען דעם ערשטן טאָג אין דער פֿרי אָנגעקומען צום אַרבעטס־פּלאַץ איז אונדז פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. דאָס איז געווען גאָר אַ נייער אַרבעטס־פּלאַץ. צוגעפֿירט צו דער דאָזיקער קאַטאָרגע האָט אונדז אַ וואַכמייסטערין און דער מייסטער האָט באַלד אָנגעוויזן וואָס צו טאָן.

מיר האָבן גענומען אַרבעטן. באַלד פֿון אָנהייב איז עס געווען אַ געראַנגל מיט שווערע משׂאות. שטיינער! אויף דער נאַכט זענען אונדזערע פֿיס שוין געווען געשוואָלן. ספּעציעל האָט די האָרעוואַניע זיך מוראדיק אָפּגערופֿן אויף מיר. כ׳האָב געפֿילט ווי מיין גאַנצער קערפּער ווערט אָנגעדראָלן. קיין איינע פֿון אונדז האָט פֿון דעסטוועגן זיך נישט דערוועגט צו קלאָגן און אויך צו מאָרגנס זענען מיר ווידער אַרויס צו דער אַרבעט. ס׳האָט גענומען אויסזען ווי אַלע פֿרויען געוווינען זיך צו צו דער שווערער האָרעוואַניע, אָבער מיר איז געוואָרן וואָס אַ מאָל שווערער דאָס אויפֿהייבן די כּלים מיט וועלכע מ׳האָט געמוזט אַרבעטן. יעדעס מאָל ביים אויפֿהייבן

די לאָפּעטעס, האָב איך געפילט אַן אויסטערלישן ווייטיק אין די פיס און די אַרבעט איז פאַר מיר געוואָרן אומדערטרעגלעך. איך האָב זיך געשראָקן אַז איך וועל אָט באַלד אַנידערפאַלן. איך האָב אָבער זיך אָנגעשטרענגט נישט נאָכצוגעבן מיין שוואַכקייט. דו מוזסט זיך צוגעווינען, האָב איך צו זיך גערעדט און פאַרביסן די ליפּן. אַז אַלע פּרויען, עלטערע ווי איך טוען די אַרבעט, מוז איך אויך דאָס טאָן. כ׳האָב נישט געוואָלט אַרויסרופן קיין טומל וועלכער פלעגט אַלע מאָל זיין פיינלעך פאַר די אַנדערע וואָס האָבן זיך געפונען ביי דער אַרבעט. אויף דער נאַכט, נאָכן אַהיימקומען אין לאַגער אַריין, בין איך געווען די איינציקע וואָס האָב זיך שלעכט געפילט. איך האָב אָבער וועגן דעם נישט געוואָלט מעלדן ווייל כ׳האָב געמיינט אַז ביז אין דער פרי וועט דאָס געשווילעכץ אָפּגיין. אָבער אין דער פרי איז מיר נישט בעסער געווען און איך האָב געמוזט אין דעם טרויעריקן צושטאַנד גיין צו דער אַרבעט. איך האָב זיך קוים דערשלעפּט און זיך ווידער געשטעלט אַרבעטן אין דער צעמענט־פאַבריק. דאָס אויפהייבן דעם האַמער איז מיר געווען אומדערטרעגלעך שווער. דער מייסטער וועלכער פלעגט אין מיטן דער אַרבעט צוקומען צו יעדן פון אונדז כדי צו קאָנטראָ־לירן ווי די אַרבעט גייט, האָט באַמערקט אַז איך האַלט ממשביים פאַלן. ער האָט דערזען מיינע געשוואָלענע פיס אויף וועלכע דאָס געשווילעכץ איז שוין דערגאַנגען ביז איבער די קני. באַטראַכטנדיק מיינע פיס האָט ער מיך געפרעגט פון וואַנען איך קום אַהער און וואָס איז געווען מיין אַרבעט פאַר דער מלחמה? איך האָב אים אויף דעם גאָרנישט געענטפערט. דערי־בער האָט ער מיך געפרעגט, ווער עס האָט מיך היינט אַהער געשיקט אַרבעטן, ווייל שוין נעכטן האָט ער אָנגעזאָגט דער וואַכמייסטערין, אַז מען זאָל מיך מער נישט אַהערשיקן.

— היינט — האָט ער געזאָגט — וועסטו שוין דאָ בלייבן, אָבער די אַרבעט וועסטו איבעררייסן. גיי אַרויס אין גאָרטן, נעם די גומי־קישקע און מאַך אַזוי אַז מ׳זאָל מיינען אַז דו אַרבעטסט. מער וויל איך דיך נישט זען אין דער צעמענט־פאַבריק. איך וועל דאָס אויך באַפעלן דער וואַכ־מייסטערין.

ווען איך האָב איבערגעריסן מיין אַרבעט איז שוין געווען מיטאָג־שעה. כ׳האָב דערפילט, אַז איך קאָן שוין נישט שטיין אויף די פיס. כ׳בין אַרויס אין גאָרטן אַריין און זיך אַנידערגעזעצט אין אַ ווינקל מיט דער גומי־קישקע אין דער האַנט. ערשט דאַן האָב איך דערזען אַז מיינע פיס זענען, חוץ דעם געשווילעכץ, אויך באַשאָטן מיט רויטע פלעקן. איך בין אַזוי געזעסן ביז אַלע אין דער צעמענט־פאַבריק האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט. דעמאָלט האָב איך אַן אָנגעשפּאַרטע אויף צוויי פרויען, זיך קוים דערשלעפּט אין לאַגער אַריין.

ווען מ׳האָט אַריינגערופן צו מיר דעם לאַגער־דאָקטער, האָט ער אַרויסגעוויזן גרויס שרעק איבער דעם צושטאַנד פון מיינע פיס. אַכט טעג האָט מען מיך געהיילט. מ׳האָט געטאָן אַלץ וואָס איז געווען מעגלעך אין די דאָזיקע באַדינגונגען כּדי אויסצוהיילן מיינע פיס. נאָך די אַכט טעג האָב איך שוין געקאָנט אַראָפּגיין פון בעט, אָבער מיינע פיס זענען געבליבן קראַנק אויפן גאַנצן לעבן. אין דער צעמענט־פאַבריק האָט מען מיך שוין נישט געשיקט; מ׳האָט מיך באַשטימט צו אַרבעטן אין ניי־זאַל. מ׳האָט בכלל פאַרקלענערט די צאָל אַרבעטנדיקע פרויען אין דער צעמענט־פאַבריק. אויף זייער אָרט זענען געשיקט געוואָרן מענער.

דער ניי־זאַל איז געווען אַ גוטער אַרבעט־פּלאַץ פאַר די געפּלאָגטע וואָס נעמען פאַר ליב זייער גורל. עס איז געווען אַ גרויסער, ליכטיקער האָל אין וועלכן עס זענען געווען אויסגעשטעלט ניי־מאַשינען. מיר האָבן געאַרבעט כּמעט אָן דייטשישער אויפזיכט. אָבער מיר פלעגן אַפילו איבער־שטייגן די באַשטימטע אַרבעט־נאָרמע. מ׳האָט דאָ נאָך געקאָנט צופאַרדינען פאַר ספּעציעלער אַרבעט. ווער ס׳האָט געקענט שניידעריי האָט באַקומען „באַשטעלונגען״ פון די דייטשקעס אָדער פון די יידישע פרויען, וואָס זענען געווען אין דער אָנפירונג. די מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין קיך פלעגן פאַר אַרבעט באַצאָלן מיט „זופּעס״. די קאָלאָנען־פירערקעס וועלכע האָבן באַקומען בעסער און מער צו עסן האָבן פאַר דער צוגאָב־אַרבעט וואָס מ׳האָט געמאַכט פאַר זיי באַצאָלט מיט ברויט אָדער אַנדערע פּראָדוקטן. די וואָס האָבן געאַרבעט אין דער „ניי־שטובע״ זענען דערפאַר נישט גע־ווען הונגעריק. מיר זענען אויך געווען בעסער אָנגעטאָן ווייל צווישן די

זאַכן וועלכע מיר פלעגן פאַרריכטן, האָבן מיר אויך געפונען אַנטוועכץ וואָס האָט געפּאַסט פאַר אונדז. אַ מין סטיכישע פרייד האָט גענומען אַרויס־שפּאַרן פון די יונגע מיידלעך וועלכע האָבן, צום אומגליק, שוין אָנגעהויבן פאַרגעסן זייערע היימען. גאָר זעלטן האָט מען זיי געקאָנט הערן רעדן פון דעם „אַ מאָל״. דאָ האָבן זיך פאַר די יונגע מענטשן געשאַפן נייע פּראָבלע־מען. די גאָר יונגע קינדער וועלכע זענען על־פּי נס אַריינגעפאַלן אַהער, האָבן שוין געדאַרפט זאָרגן פאַר זיך, געמוזט אַליין זיך דורכברעכן אַ וועג. נישט אַלע מאָל איז דאָס געווען לייכט, אָפטער איז עס געווען קאָמפּליצירט... טאַקע צוליב דעם איז צווישן אונדז געוואָרן אַ בהלה, ווען מיר האָבן באַקומען דעם באַפעל, אַז מ׳מוז פאַרלאָזן דעם לאַגער קלעטענדאָרף.

מיר האָבן געוווּסט וווהין מיר גייען: אין גאַנצן דרײַ קילאָמעטער פון דאַנען. די מיידלעך פון דער ניי־שטובע וועלן מוזן יעדן טאָג אַהערקומען צו דער אַרבעט. דער עיקר האָבן אַלע באַדויערט וואָס מיר מוזן פאַרלאָזן דאָס אָרט ווייל דאָ האָבן מיר געלעבט אין רויִקייט. קיין דייטש האָבן מיר כמעט נישט געזען. דאָס אויסזען פון די לאַגער־פירערינס און פון לאַגער־פירער איז מיר נישט געבליבן אין זכרון, אַזוי ווינציק האָט מען זיי געזען. אַזוי אָן איבערראַשונגען איז אונדז דורכגעגאַנגען די צייט אונטער זייער פירערשאַפט. אויך דאָס דרויסנדיקע לעבן איז צו אונדז כמעט ווי נישט דערגאַנגען. די נייעסן וואָס די יִינגלעך פון דער בוי־שטעלע האָבן גע־בראַכט, זענען געווען „קאָניונקטור־נייעסן״, מערסטנס וועגן זאַכן וואָס האָבן אונדז נישט פאַראינטערעסירט. אַלע האָבן זיי געהאַנדלט און אויסער דעם האַנדל וואָס האָט זיי, מישטיינס געזאָגט, אינטערעסירט?

אין משך פון דער גאַנצער צייט איז נאָר איין מאָל געקומען אַן אינ־ספּעקציע. מ׳האָט אונדז געהייסן „אַנטרעטן״ (זיך שטעלן צום אַפּעל). מ׳האָט אויף אונדז געשריגן, פאַרלאַנגט אָפּצוגעבן דאָס גאַנצע געלט און גאָלד וואָס מיר באַזיצן נאָך, לויט די ידיעות וואָס זיי האָבן וועגן אונדז. עס איז געווען אַן אומגעריכטער איבערפאַל און דערפאַר האָבן די דייטשן אונדז רעכט איבערגעשראָקן און האָבן געפּועלט אַז מיר זאָלן זיי איבערגעבן אַ טייל פון אונדזערע באַהאַלטענע געלטער.

פון דער גאַנצער סצענע איז מיר געבליבן אַ שלעכט געפיל צוליב דעם וואָס דאָס ייִדישע מיידל גערדאַ האָט צוגעהאָלפן די דייטשן צונויפ־זאַמלען דאָס געלט און גאָלד וואָס אונדזערע ציטערדיקע הענט האָבן פון ערגעץ אַרויסגעגראַבלט. מיר האָבן טאַקע פּאַר איר נישט ווייניקער מורא געהאַט ווי פּאַר דעם גרויסן, דיקן דייטש מיט זיינע בלישטשענדיקע אויגן. ווען דער גראָבער דייטש איז מיד געוואָרן פון שרייען, האָט ער עטלעכע פון אונדז שטאַר אָנגעקוקט און אַרויסגענומען פון דער ריי. ווען ער האָט זיך געווענדט צו מיר, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך האָב שוין גאָרנישט, ווייל דאָס איז נישט מיין ערשטער לאַגער און איך האָב שוין אַלץ אַוועקגעגעבן פריִער. דער ענטפער האָט אים אַריינגעבראַכט אין כּעס און ער האָט מיט געשריי באַפוילן אַז איך זאָל זיך שנעל דערווייטערן פון אים. די נכפּה האָט אים גענומען. איך בין גיך אַוועק אָבער ער איז מיר נאָכגעלאָפן. אין די פּאָר מינוט וואָס איך בין געלאָפן פון אַפּעל־פּלאַץ ביז צום הויז ווו עס איז געווען מיין וווינשטוב, האָב איך געזען דעם טויט פאַר די אויגן. כ׳האָב געמיינט, ער וועט מיר נאָכשיסן אין דער פּלייצע. ווען כ׳בין שוין געווען נאָענט פון שטוב, האָב איך דערזען אַז ער לויפט מיר ווייטער נאָך, דעמאָלט האָב איך זיך אַרויסגעדרייט און צוריקגעלאָפן אין דער ריי אַריין. עטלעכע מינוט שפּעטער האָט מען אונדז געלאָזט פריי.

אַ נייער נסיון — לאַגער־לופטוואַפע

דער לאַגער קלעטענדאָרף איז געווען אַן אַרבעט־לאַגער און די באַ־האַנדלונג וואָס ס׳האָבן באַקומען די לאַגערניקעס איז געווען מער־ווייניק אַ מענטשלעכע. טייל לאַגער־מענער זענען געווען באַפריינדט מיט די לאַגער־פירערס און אַ דאַנק דעם האָבן מיר באַצייטנס זיך דערוווּסט אַז מ׳וועט אונדז ווידער אַריבערפירן אין אַן אַנדערן פרויען־לאַגער. ווען ס׳איז אָנגעקומען דער באַפעל אַוועקצוגיין אין לאַגער לופטוואַפע, דריי

אַ געוועזענע קאַלאַנען־פירערין פון קלעטענדאָרף איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק געוואָרן יודן־עלצטע פון דער לופטוואַפע־לאַגער. זי איז געקומען קילאָמעטער פון קלעטענדאָרף, זענען מיר אַלע שוין געווען גרייט צום אָפּמאַרש. מיר האָבן שוין געוווסט אַלע איינצלהייטן פון דאָרט. ווייל צו אונדז עטלעכע טעג פריִער און מיר האָבן צו פריִער געוווסט אין וועלכע צימערן מיר וועלן וווינען און מער־ווייניק וואָס עס דערוואַרט אונדז דאָרט. אַזוי ווי איך האָב זיך דאָ מטפל געווען מיט אַ גרופּע מיידלעך האָט די ייִדן־עלצטע באַוויליקט אונדז אויך דאָרט צוצוטיילן אין צימער. דאָס האָט אונדז געפרייט ווייל דאָס איבערגיין פון לאַגער צו לאַגער פלעגט שטענדיק ברענגען מיט זיך די זאָרג וועגן דעם מיט וועמען מ׳וועט זיך דאָרט טרעפן און מיט וועמען מ׳וועט דאַרפן אויף ס׳ניי זיך צונויפלעבן.

די נייע „יודן־עלצטע״ איז געווען אַ פריינדין פון די מיידלעך פון דער ניי־שטובע. זי האָט דעריבער געזאָרגט אַז מ׳זאָל אונדז נישט צעשיידן. בכלל האָט זי געהאַט אַ שם פאַר אַן אָנשטענדיקן מענטש. ווי די יודן־עלצטע אין קלעטענדאָרף איז זי אויך געווען אַן עלטערע פריילין, אָבער אַ סימפּאַטישע און אַן אינטעליגענטע. נאָך היינט איז פאַר מיר אומפאַר־שטענדלעך, פאַר וואָס זי האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון אָננעמען אַזאַ אַמט. מיר, וואָס זענען געווען אונטער איר אויפזיכט האָבן איר פיל צו פאַר־דאַנקען. אונטער איר השגחה איז אונדזער גורל געווען גרינגער און די אַטמאָספער איז ווייט נישט געווען קיין לאַגער־אַטמאָספער. זי איז געווען גענוג קלוג זיך צו פאַרשטענדיקן מיט דער דייטשער לאַגער־פירערין און איר געליבטן, איינער פון די כיטרעסטע דייטשן וואָס אונדז איז אויסגע־קומען צו טרעפן. אַ מענטש איז אָבער נאָר אַ מענטש. אין דער אַטמאָספער פון חיהשקייט האָט אויך אַזאַ מענטש ווי פריילין כאַדזיאַ אין איר אַמט אָפּט אַרויסגעוויזן אוממענטשלעכקייט. אמת, עס איז געווען אוממעגלעך זי זאָל אָנפירן אַ גרופּע פון הונדערט און זעכציק פרויען וועלכע האָבן געמוזט אַרבעטן פאַר די דייטשן און דערביי זאָל זי נאָכקומען די פאַר־לאַנגען פון די אַרבעטנדיקע.

פון קלעטענדאָרף זענען מיר אַהער געקומען נאָר זעכציק פרויען. פון פריִער זענען שוין דאָ געווען הונדערט פרויען. די אַלגעמיינע באַדינגונגען

זענען געווען פאַרהעלטנישמעסיק גוטע. עסן איז געווען כּמעט געווענטלעך און די אַרבעט נישט קיין שווערע. אָנגעקומען זענען מיר שבת פאַר נאַכט ווייל זונטיק האָבן מיר נישט געאַרבעט. איז געווען צייט אַז מיר זאָלן אונדזערע זאַכן אַריינלייגן אין באַשטימטע פּאָליצעס, לופטערן אונדזערע שטרוי־זעק און שטרוי־קישעלעך. יעדע איינע פון אונדז האָט זיך פאַרשאַפט אייגן איבערציִעכץ. דאָך זענען מיר פון די ענדערונגען גיך מיד געוואָרן אַזוי אַז באַלד נאָכן באַקומען אונדזער עסן־צוטיילונג זענען מיר געגאַנגען שלאָפן. צו מאָרגנס אין דער פרי, זונטיק, האָט מען גערופן „אַנטרעטן" און מ'האָט אונדז צוגעטיילט צו פאַרשידענע אַרבעטן. די אַרבעט איז באַשטאַנען אין העלפן אין דער מיליטער־קיך און אין דער באַאַמטן־קיך. מיר האָבן אויך געדאַרפט אַרבעטן אין די אַמוניציע־מאַגאַזינען. פאַר אַרבעט האָט קיינער נישט מורא געהאַט. געאַרבעט האָט מען פינקטלעך אַכט שעה. אויפן אַרבעט־פּלאַץ האָט מען געדאַרפט זיין אַכט אַ זייגער פרי. צוועלף אַ זייגער זענען מיר געקומען אין לאַגער אַריין עסן מיטאָג און פון צוויי ביז זעקס — ווידער געאַרבעט. זעקס פאַר נאַכט נאָכן ענדיקן די אַרבעט, האָט מען נאָך געדאַרפט צוגיין אין די ביוראָען און פון דאָרט אָוועקטראָגן די קאָסטנס מיט די ביוראָ־דאָקומענטן אין לופטשוץ־קאַמערן. דאָרט פלעגן זיך אַלע טרעפן. מיר האָבן דאָרט אויך געטראָפן אַנדערע ייִדן און נישט־ייִדן פון די שכנותדיקע לאַגערן. נישט ווייט האָט זיך אויך געפונען אַ לאַגער פון האָלענדישע און טשעכישע ייִדן.

דער האָלענדישער לאַגער איז באַשטאַנען מערסטנס פון סטודענטן. פון זיי האָבן מיר זיך דערוווסט נייעסן. זיי האָבן פון זייערע היימען באַקומען צייטונגען ווי אויך שפּייז־פּעקלעך און האָבן אויך פיל מאָל אונדז געהאָלפן.

צווישן די ייִדישע מיידלעך און די סטודענטן פון די לאַגערן האָט זיך פאַרבונדן אַ פריינדשאַפט. ביי די שמועסן־טרעפונגען האָט מען גע־חלומט אויפן קול וועגן טרעפן זיך נאָכן קריג. די סטודענטן האָבן אַפילו אָרגאַניזירט פאַר אונדז אַ הילפספאָנד. ווען מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען פון זיי ברויט און צוקער וואָס זיי האָבן געבראַכט, האָבן זיי דער־קלערט אַז דאָס באַקומען זיי דירעקט פון האָלאַנד פאַר אונדז. עס זענען געווען אַלטע פרויען וואָס האָבן סיסטעמאַטיש יעדן טאָג פון זיי באַקומען

שטיצע. זונטיק איז די סטודענטן געווען דערלויבט צו פֿאַרלאָזן זייער לאַגער. דעמאָלט זענען זיי צוגעקומען צו אונדזער דראָט־פֿאַרצוימטן לאַגער און אַזוי זענען געשטאַנען פֿאַרלעך אָפּגעטיילט איינע פֿון דעם אַנדערן מיט אַ פֿאַרצוימונג פֿון עלעקטרישע דראָטן; די געפֿילן־פֿאַרבינדונג צווישן די פֿאַרלעך איז געווען אַזוי שטאַרק אַז אָפֿט מאָל פֿלעגן זיי פֿאַרגעסן אַז די דראָטן צעשיידן זיי. זיי האָבן זיך דערביי געמוזט היטן און יעדעס מאָל אָנזאָגן איינעם דעם אַנדערן אַז עס דערנענטערט זיך אַ דייטש.

מיין ערשטע אַרבעט אין לאַגער לופּטוואָפּע איז געווען צו האַלטן ריין דעם לאַגער־הויף. צו דער דאָזיקער אַרבעט האָט מען מיר צוגעטיילט אַ געהילף אָן אַלטע פֿרוי. מיר האָבן געדאַרפֿט אַכטונג געבן אַז דער הויף זאָל שטענדיק זיין ריין. ווען איך האָב דאָס ערשטע מאָל געקערט דעם הויף האָב איך אָנגעטאָפּט אויף דער ערד עפּעס אַ מאָדנע האַרטע זאַך. מורא האָבנדיק אָנצורירן אָט די זאַך האָב איך גערופֿן די אַנדערע פֿרוי. צו אונדזער שטוינונג האָבן מיר אַרויסגעצויגן פֿון דער ערד אַ זעקעלע פֿול מיט פֿרויען־צירונג פֿון גאָלד און בריליאַנטן.

מיר האָבן געוווּסט אַז פֿריִער איז דאָ געווען אַ מיליטערישער לאַגער. מיר האָבן זיך דעריבער משער געווען אַז דעם קליינעם אוצר האָט באַגראָבן אַ דייטש און אין דער לעצטער מינוט ווען ער האָט געדאַרפֿט אַוועק פֿון דאַנען, האָט ער עס נישט געקאָנט געפֿינען. מיר האָבן אָבער אויך גע־טראַכט, אַז אפֿשר האָט עמעצער פֿון אונדזערע פֿרויען דאָס באַהאַלטן. מיר האָבן באַשלאָסן אַריינצוגיין צו דער ייִדן־עלצטע און איר דערציילט פֿון אונדזער געפֿינס. מיר האָבן איר געזאָגט אַז מיר וועלן עס לאָזן ביי איר אויף אַ חודש צייט. אויב קיינער וועט זיך אין משך פֿון דער צייט נישט אָפּרופֿן נעמען מיר דאָס צוריק ביי איר. פֿון איצט אָן האָבן מיר און די ייִדן־עלצטע אַלעמען געקוקט אין די אויגן אַריין. מיר האָבן זיך אויך אונטערגעהערט צו אַלעמענס שמועסן. אין אָוונט האָבן מיר אַרויסגעקוקט פֿון אונדזערע פֿענצטער, צי עמעצער זוכט נישט אויף דעם באַטרעפֿנדיקן אָרט דעם באַגראָבענעם זעקעלע. דער חודש איז אַדורך און קיינער איז נישט געקומען זוכן אָדער נאָכפֿרעגן זיך אויפֿן זעקעלע. דעמאָלט זענען מיר ביידע אַריין צו דער לאַגער־עלצטער און געבעטן אונדזער אוצר

צוריק. זי האָט געפּרוווט מיט אונדז אונטערהאַנדלען אַז אַ העלפט זאָל מען איבערלאָזן ביי איר. מיר האָבן אָבער נישט מסכּים געווען. דאָך האָט זי זיך אַראָפּגענומען די צוויי גרעסטע בריליאַנטן מיטן תּירוץ אַז זי דאַרף אָפּט האָבן עפּעס וויכטיקס אויף צו דערלאַנגען במתּנה די דייטשן. דאָס איבער־ריקע האָט זי אונדז צוריקגעגעבן. מיר האָבן דאָס צעטיילט מער־ווייניק אויף צוויי גלייכע חלקים און פּאַר דעם געלט פונעם צירונג, וואָס מיר האָבן פאַרקויפט האָבן מיר זיך געקויפט ברויט. אַזוי האָבן מיר פון צייט צו צייט עפּעס פאַרקויפט און געקויפט ברויט פאַר אונדז און פאַר אונדזערע באַקאַנטע פון דערביי־יאַיקן מענער־לאַגער. אַזוי זענען אַוועק אַ פּאָר חדשים. געאַרבעט, מישטיינס געזאָגט געלעבט און געשטופּט די צייט ביז איך האָב באַקומען צאָן־ווייטיק און כ׳האָב געמוזט אַריינגיין צום ציין־דאָקטער פונעם לאַגער.

דער ציין־דאָקטער פון לאַגער, די פרוי עלזע, איז אויך געווען איינע פון מיינע לאַגער־חברטעס. ווען איך בין אַריין צו איר און זיך פונאַנדער־געשמועסט האָט זי מיר צווישן פיל אַנדערע זאַכן דערציילט אַז אין לאַגער געשעען אַ סך געמיינע זאַכן וועגן וועלכע קיינער ווייסט נישט. למשל, האַלינע, וואָס איז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אָנגעקומען אין לאַגער אַריין, האָט פאַרלוירן איר פאַרמעגן און קיינער האָט דערוועגן אַפילו קיין קרעכץ נישט געטאָן. האַלינע איז געווען איינע פון די דריי פרויען וואָס זענען אַהער געקומען פון תּפיסה ווו מען האָט זיי געהאַט פאַרשפּאַרט ווייל מ׳האָט אין זיי דערקענט אַז זיי זענען ייִדישע. על־פּי נס האָט מען זיי געשיקט אַהערצו אַנשטאָט קיין אוישוויץ. האַלינע איז געווען איינע פון די שענסטע פרויען אין לאַגער. הויך, שלאַנק, מיט אַ קאָפּ פּראַכטפולע האָר, בלויע אויגן. מען האָט געזען אין איר אַז זי קומט פון אַן איידעלער היים, אָבער זי איז נישט געווען איבעריק קלוג. די דענטיסטקע איז געווען איר בוזעם־פריינדין און נאָר איר האָט זי דערציילט פון איר גרויסן שאָדן.

דאָס דערהערט בין איך גלייך אַריין צו דער ייִדן־עלצטער און איר דערציילט וואָס איך האָב געהערט ביי דער דענטיסטקע. איך האָב זי געבעטן אַז זי זאָל גלייך אַריינרופן האַלינען, ווייל איך וויל איר אָפּגעבן אַלץ וואָס מיר איז נאָך געבליבן פון איר צירונג. אויך די אַלטע פרוי

האָט אָפּגעגעבן איר חלק האַלינעז. פֿאַרשטייט זיך אַז האַלינע איז געווען גליקלעך וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט עפּעס צוריקצוגעבן. איך האָב איר צוגעזאָגט אַז דאָס אויפֿגעגעסענע צירונג וועל איך איר נאָך דער מלחמה אָפּקויפֿן...

דערווייל זענען עטלעכע מענטשן עטלעכע חדשים געווען זאַט. אפשר האָט דאָס אונדז געהאָלפֿן איבערהאַלטן די שפּעטערדיקע הונגער־יאָרן.

נאָך עטלעכע טעג אַרבעטן אין דרויסן האָט מען מיך געשיקט אויף אַרבעט אין אַ זעלנער־קיך. דאָרט זענען מיר געווען 10 פֿרויען. מיר האָבן געשיילט קאַרטאָפֿל און ריין געמאַכט די שכנותדיקע קאַנטינע. אין קיך האָבן מיר באַקומען עפּעס צו עסן. דער קאַנטינע־אייגנטימער האָט אָפּגע־קויפֿט ביי אונדז פֿאַרשידענע זאַכן וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט פֿון דער היים, ווי וועש, קליידונג. ער האָט אונדז דערפֿאַר באַצאָלט מיט אַ גלאָז ביר, מיט אַ טעלערל סאַלאַט פֿון גרינסן און אַזו.

אויפֿן הויף פֿון דער קיך האָט זיך געפֿונען אַ דייטשישע ביוראָ און דאָרט האָבן געאַרבעט צוויי מענטשן — אַ פֿרוי און אַ מאַן. איך ווייס נישט פֿון וואַנען זיי האָבן זיך דערוווּסט אַז איך שרייב אויף אַ מאַשין. אין אַ טאָג, בעתן שיילן די קאַרטאָפֿל, זענען זיי אַריינגעקומען און מיך גענומען אין ביוראָ אַריין שרייבן אויף דער מאַשין. צו מאָרגנס האָבן זיי געזאָגט אונדזער וואַך־מייסטעריך, אַז איך דאַרף אַרבעטן ביי זיי. די צרה איז געווען וואָס אָפֿיציעל האָבן זיי נישט געטאָרט באַשעפֿטיקן אַ ייִדישע פֿרוי אין אַ דייטשישן ביוראָ. דערפֿאַר האָבן זיי יעדעס מאָל ווען זיי פֿלעגן זען אַז עמעץ קומט אָן, מיך אַרויסשיקן אין פֿעלד רייסן גרינס פֿאַר די קראָליקעס. איין מאָל האָט מיין „בעל־הבית" זיך געקריגט מיט אַ צווייטן דייטש וועלכער האָט אים פֿאַרגעוואָרפֿן הלמאי ער באַשעפֿטיקט אַ ייִדישע פֿרוי. כּדי זיך ריינוואַשן אַז ער איז כּשר כּלפּי די נירנבערגער געזעצן, האָט ער באַלד באַוויזן אַז די ייִדישע פֿרוי איז ביי אים באַשעפֿטיקט נאָר ביי פֿיזישע אַרבעט. דערויף האָט „מיין דייטש" אָנגעלאָדן אַ האַנט־וועגעלע מיט גלאָז

און געהייסן מיך צופירן דאָס צו דער סטאָלערײ, כּדי אַלע דײַטשן אין גאָס זאָלן זען אַז איך טו בײַ אים נאָר פיזישע אַרבעט.

נאָך דעם אינצידענט בין איך ווידער אַרײַן אַרבעטן אין קיך. מיר זענען איצט געווען נײַן פרויען, צווישן זיי אַ מיידל וועלכע האָט קינדווייז געליטן פון פּאָליאָמיעליטיס, זי איז געבליבן אַ קאַליקע און פיזיש אומפעיִק צו אַרבעטן. מיר די נײַן פרויען האָבן מיר געשיילט די קאַרטאָפל, און דאָס קראַנקע מיידל האָט זיי איבערגעלייגט פון איין עמער אין אַ צווייטן. אונדזער עובדה איז געווען דאָס שיילן די קאַרטאָפל און צו היטן אַז די דײַטשן זאָל נישט באַמערקן די קאַליקע.

אין דער קיך האָבן מיר באַקומען צו עסן אַ טעלער זופּ וואָס מיר האָבן געמעגט מיטנעמען אין לאַגער אַרײַן. היות מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט אין קיך נאָך עפּעס אָפּצועסן האָבן מיר די דאָזיקע זופּ אַוועקגעגעבן אונדזערע הונגעריקע חברטעס. אָבער דאָס איז געווען נישט גענוג ווײַל נישט געקוקט אויפן עסן וואָס מ׳האָט געגעבן אין לאַגער זענען געווען צווישן אונדז אַ סך הונגעריקע. מיר האָבן באַשלאָסן אויך מיטצונעמען אין לאַגער אַרײַן אַ פּאָר קאַרטאָפל. די דאָזיקע קאַרטאָפל האָבן מיר געלייגט אין אונדזערע בוזעמס, אָדער אין די אַרבל. עטלעכע קאַרטאָפל האָבן מיר סתּם באַהאַלטן אין אונדזערע שערצלעך. איין מאָל, ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון דער אַרבעט האָבן מיר אַלעמען געטראָפן שטיין אויסגעשטעלט אין דער ריי און די לאַגער־פירערין האָט דורכגעפירט אַ רעוויזיע. איינע פון אונדז האָט זיך זייער שטאַרק דערשראָקן און אַוועקגעוואָרפן איר רוקזאַק מיט די קאַרטאָפל. די לאַגער־פירערין האָט געענדיקט די רעוויזיע און געהייסן אַלע אַרײַנגיין אין די צימערן. שפּעטער האָט זי אָבער געפונען דעם רוקזאַק מיט די אַוועקגעוואָרפענע קאַרטאָפל און זי האָט באַשולדיקט די קיך־אַרבעטערינס אין גנבה. אונדז איז עס געווען נישט אָנגענעם צוליב דער קעכן וועלכע האָט אונדז שטענדיק דערלויבט צו עסן אין קיך אָבער עפּעס אַרויסטראָגן האָט זי בפירוש פאַרווערט. מיר האָבן זיך באַמיט צו איבערצײַגן די לאַגער־פירערין, אַז די קאַרטאָפל האָבן די מיידלעך געקויפט אויף זייערע אַרבעט־שטעלעס. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן אַז צווישן די קאַרטאָפל געפינען זיך אויך

אָפּגעשיילטע און דאָס איז געווען אַן איבעריקער באַווייז אַז די קאַרטאָפל שטאַמען פון אַ גנבה אין קיך. זינט דעמאָלט האָט מען אונדז שוין מער נישט געשיקט אַהין. עטלעכע טעג האָבן מיר געמוזט טאָן שטראָף־אַרבעטן. די גרופּע איז דערנאָך צעטיילט געוואָרן און אַ טייל פון אונדז האָט מען געשיקט אַרבעטן אין דער באַאַמטן־קיך. דאָ זענען מיר געוואָרן אויס קעכנס. מיר האָבן געטאָן אַלע שוואַרצע אַרבעטן און נאָר ביים אַהיימגיין האָט מען אונדז געגעבן האַלב־פאַרפוילט אויבסט וואָס די דייטשן האָבן נישט געגעסן.

דער לייטער פון דער קיך איז געווען אַ עס.עס.־מאַן וועגן וועלכן מ׳פלעגט דערציילן טרויעריקע געשיכטעס. מ׳האָט איבערגעגעבן אַז אַפילו צו דייטשן האָט ער אויך זיך באַצויגן ברוטאַל. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פּסיכאָלאָג, נאָר אין דער אמתן איז ער געווען אַ האַלבער משוגענער. נאָך מיטיק ווען אַלע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און ביי דער אַרבעט זענען געבליבן נאָר די עטלעכע ייִדישע מיידלעך, האָט ער זיך אַוועקגע־שטעלט שמועסן מיט אונדז. אים האָבן אינטערעסירט צו וויסן פּרטים פון ייִדישן לעבן, ייִדישע מנהגים פון שבת און יום־טובים. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן גורל פון אונדזערע נאָענטע און דערביי געווען אַזוי ציניש אַז ער האָט געפרעגט צי מיר באַקומען בריוו פון די קרובים. עס איז געווען די צייט ווען גרויס און קליין, בפרט דייטשן, האָבן גוט געוווּסט, וואָס עס באַטייט אוישוויץ און מיידאַנעק. די קרעמאַטאָריעס און די גאַז־קאַמערן האָבן דעמאָלט שוין געאַרבעט טאָג און נאַכט, געפלאַקערט מיט אַ פייער ביז צו די הימלען. מיר האָבן געהאַט אַן איינדרוק אַז דער ציני־שער דייטש האָט זיך מיט אונדז געוואָלט רייצן. פון דעסטוועגן דאַרף מען מודה זיין אַז זעענדיק דאָס מיר ווייסן גאָרנישט וועגן דעם וואָס עס געשעט מיט אונדזערע נאָענטע האָט ער געשוויגן. דערצו האָט ער ביים אַוועקגיין אונדז געגעבן קיכלעך. שפּעטער איז ער גאָר געוואָרן אַזוי גוט צו אונדז אַז ער האָט צוגעגרייט פאַר אונדז עסן בעת מיר זענען אין דער פרי געקומען הונגעריקע צו אונדזער אַרבעט.

נאָכן אַרבעטן דאָרט עטלעכע וואָכן האָבן מיר צוריקקומענדיק איין מאָל אין אַן אָוונט ווידער געטראָפן אויפן הויף די לאַגער־פירערין, וועלכע

האָט יעדן רעווידירט. די מורא פאַר הונגער האָט אונדז אַזוי געפּייניקט אַז נישט געקוקט דערויף וואָס דער דייטש האָט אונדז שטאַרק געהיטן, האָבן מיר דאָך באַוויזן יעדעס מאָל צו באַהאַלטן אַ ביסל פּראָדוקטן אין אונדזערע מלבושים. מיר האָבן זיך שרעקלעך פאַרשעמט ווען די לאַגער־פירערין האָט די פּראָדוקטן ביי אונדז געפונען. זי האָט דאָס מאָל געמאַכט אַ גאַנצן ענין פון דעם געשעעניש. ביים אַפּעל האָט זי אונדז געמוסרט און געהאַלטן אַ שטראָף־רעדע. ביי איינער פון אונדז האָט זי ווי אַן עונש אָפּגעשוירן די האָר און קיינעם פון אונדז שוין נישט מער געשיקט אַרבעטן אין דער קיך.

אויף מאָרגן האָט זי מיך און נאָך אַ מיידל געשיקט אַרבעטן אין אַ גרויסן געווער־מאַגאַזין. מיר האָבן געדאַרפט סאָרטירן און פאַרפּאַקן פאַר־שידענע טיילן פון עראָפּלאַנען וואָס זענען צעשיקט געוואָרן אין די הויפּט־מאַגאַזינען ווו מ׳האָט געגרייט טראַנספּאָרטן פאַרן פראָנט. עמעצער האָט אונדז געוואָרנט אַז מיר וועלן איצט אַרבעטן אונטער דער אויפזיכט פון דעם סאַמע ערגסטן און נאַרישסטן דייטש.

צו מאָרגנס 8 אַ זייגער פרי זענען מיר אָנגעקומען אין אַ גרויסער האַלע, וואָס איז געווען אָנגעלייגט פון דער פּאָדלאָגע ביזן סופיט מיט פאַר־שידענעם אייזנוואַרג. פון דער טונקלקייט האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַ מיטל־יאָריקער בלאָנדער דייטש, וועלכער האָט מיט אַ צינישן שמייכל געפרעגט דער דייטשקע וואָס האָט אונדז באַגלייט ווער עס זענען די „צוויי לוסטיקע יודינען" וועלכע מ׳האָט אים געשיקט צו דער אַרבעט. זי איז אַריין מיט אים אין אַ דערבייַיאיקן צימער עפּעס אים צו זאָגן און מיר האָבן באַמערקט אַז זי באַמיט זיך דעם יעקע אין עפּעס איבערצייגן. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער אַרויס אַן אויפגעהייטערטער און מיט אַן אויסגעשריי „האָפּ" אונדז געגעבן אַ צייכן אַז מיר זאָלן זיך דערנענטערן צו אַ ווינקל פון דער האַלע ווו עס זענען געשטאַנען קאַסטנס גרייטע צום פּאַקן. ער האָט אונדז דער־קלערט אַז די טיילן דאַרפן אַריינגעלייגט ווערן לויט די געהעריקע נומערן. אויב מיר וועלן האָבן אַ טעות וועלן מיר דערשאָסן ווערן.

איך מוז זיך מודה זיין אַז די ערשטע טעג האָבן מיר די אַרבעט אויס־געפירט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט. איך ווייס נישט, וואָס עס

האָט אויף אונדז אַזוי געווירקט: צי די וואָרענונג דערשאָסן צו ווערן, צי די אַפּאַטיע, וואָס האָט אונדז באַהערשט ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף דער אַרבעט? אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ מין בונטאַרישקייט און איך האָב זיך אַליין געפרעגט: פאַר וועמען אַרבעטסטו אַזוי פלייסיק? פאַר וועמען פּאַקסטו אַזוי פּינקטלעך די טויט־מכשירים?

איך האָב זיך אַרומגעקוקט און קיינעם נישט געזען אויסער מיין חברטע — אַ באַשיידן מיידל פון דער פּראָווינץ. זי פלעגט טאָן אַלץ וואָס איך האָב איר געהייסן, וואָס איך האָב איר געוויזן און אויפגעקלערט.

דער דייטש וועלכער פלעגט בעת אונדזער אַרבעט שטענדיק אַרומ־שפּאַצירן איבער דער האַלע און עסן קוכן, האָט איין מאָל אומגעריכט גענומען זיך פאַרטיידיקן פאַר וואָס ער גיט אונדז נישט אַ שטיקל פון דעם קוכן וואָס ער עסט. ער האָט זיך פאַרענטפערט אַז ער איז אויך הונגעריק און ער האָט אויך נישט צו פיל צו עסן. ווען ער האָט אונדז געזאָגט אַז ער איז אויך הונגעריק האָב איך אים פאַרגעשלאָגן צו ברענגען ברויט. איך האָב געזאָגט, אַז מיר האָבן גענוג צו עסן, מיט פאַרגעניגן וועל איך אים אָוועקגעבן מיין טאָג־פּאַרציע. דערויף איז דער דייטש געוואָרן רויט ווי אַן אינדיק און אויסגעשריִען: „אַך, איר יודן, אַך, דו פאַרפלוכטע יודין!

מיין קליינע חברטע האָט זיך זייער איבערגעשראָקן פון די ווילדע געשרייען. זי האָט זיך דערשראָקן ווייל זי האָט בכלל מורא געהאַט פאַר די צאָרן־אויסברוכן פון די דייטשן — אַפילו פאַר זייער געלעכטער און ממילא פאַר זייערע געשרייען. זי איז נאָך געווען אונטערן שווערן רושם פון די איבערלעבונגען וואָס זי האָט דורכגעמאַכט ביים פאַרלאָזן דאָס געבורט־שטעטעלע נאָענט פון סאָסנאָוויעץ. פאַר אירע אויגן זענען גע־שטאַנען אומענדלעכע לאַנגע רייען פון קינדער־וועגעלעך, אויסגעליידיקטע פון זייערע ייִדישע קינדערלעך. עס איז איר נאָכגעגאַנגען דאָס שוידער־לעכע בילד פון אַרויסשליידערן דאָס לעצטע ייִדישע, אויסגעפּיעשטשעטע קינד פון וועגעלע אַרויס.

די חדשים וואָס איך בין געווען מיט איר צוזאַמען, האָב איך ביי איר קיין מאָל נישט געזען קיין שאָטן פון אַ שמייכל, אָבער אויך נישט פון קיין

צער. זי איז געווען ווי פאַרשטיינערט די קליינע און שטענדיק פאַרטראַכט.

ווען איך האָב געזען ווי דער דייטש איז ווילד געוואָרן ווען איך האָב אים פאָרגעלייגט ברויט, בין איך אַריבער אין צווייטן עק פון דער האַלע און צו זיך געלאַכט. שפּעטער, ווען מיין קליינע חברטע האָט וועגן דעם עפּיזאָד דערציילט אין לאַגער, האָב איך געלאַכט פון דאָס נייַ! דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל ווען איך האָב אמתדיק געלאַכט אין משך פון די פינף מלחמה־יאָרן. וואָכן לאַנג נאָך דעם האָבן אויך אַנדערע געלאַכט ווען זיי האָבן זיך דערמאָנט דעם אויפגעשטורעמטן נאַרישן דייטש.

אויפן אַנדערן טאָג ווען מיר זענען געקומען צו דער אַרבעט האָבן מיר זיך פאַרטיילט מיט די פונקציעס. איך האָב דערלאַנגט מיין מיטאַרבעטערין די טיילן און זי האָט זיי געפּאַקט אין די קאַסטנס אַריין. יעדעס מאָל פלעגט זי מיר אויפמערקזאַם מאַכן אַז איך זאָל אַכטונג געבן אויף דער נומעראַציע. איך האָב זי באַרויִקט אַז איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן טעות. כּדי זי פולשטענדיק צו באַרויִקן האָב איך איר געזאָגט, אַז איך וועל אָנשרייבן די געהעריקע ציפערן ביים פאַרמאַכן די קאַסטנס, אָבער דערפאַר וועט זי דאַרפן נאָך דער אַרבעט אויסקערן די האַלע. אַזוי האָבן מיר אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן. מיט דער צייט האָבן זיך די באַציִונגען צווישן אונדז און דעם דייטש נישקשהדיק פאַרבעסערט. וואָס מער צוטרוי ער האָט געקריגן צו אונדז, אַלץ בעסער איז אונדז געגאַנגען די אַרבעט.

און ווען ס׳איז געקומען דער באַפעל אַז מען זאָל די פאַרפּאַקטע קאַסטנס אָפּשיקן צום פראָנט, האָב איך זיך געטרייסט דערמיט וואָס דער וועלכער וועט דאַרפן זיך באַנוצן מיט די צוגעשיקטע רעזערוו־טיילן, וועט אין די קאַסטנס טרעפן דעם אמתן באַלאַגאַן. אַז ער וועט דאַרפן האָבן דעם שרויף נומ׳ 5 און אים וועלן אַרויסנעמען פון דעם באַשטימטן קאַסטן, וועט ער געפינען שרויפן פון אַלע נומערן, אָבער נישט דעם נומער 5. אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך שוין געזען ווי די דייטשן אויף דעם ריזיקן פראָנט־אָפּשניט בלייבן אָן אַוויאָנען. איך האָב פלייסיק געשלעפּט די קאַסטנס צום אויטאָ־וואָגן און געגרעדט צו זיך אַליין. מיין חברטע פלעגט מיינען אַז איך בין משוגע געוואָרן. איך איַיל זיך מיט די שווערע קאַסטנס אַקוראַט זיי וואָלטן נישט געהאַט אַזאַ וואָג.

איך בין אָבער איינגעבראָכן געוואָרן אונטער דער לאַסט פון דער האַרעוואַניע. מיין שוואַך האַרץ האָט דאָס נישט געקאָנט אַריבערטראָגן. איך האָב געמוזט איבעררייסן די אַרבעט און געמוזט בלייבן ליגן אין בעט אַ פּאָר טעג און נוצן ספּעציעלע מעדיצינען.

ווען מיין קליינע חברטע איז אויף מאָרגן געקומען אַליין צו דער אַרבעט, האָט איר אונדזער שעף געפרעגט פאַר וואָס איך בין נישט געקומען. זי האָט אים דערקלערט אַז איך בין קראַנק און די לאַגער־לייטונג האָט מיך באַפריט אויף דריַי טעג פון דער אַרבעט. נאָכן טאָג אַרבעט האָט זי דער דייטש געהייסן מיר פרעגן צי איך דאַרף נישט עפּעס פון אים.

נאָך דריַי טעג בין איך צוריקגעקומען צו דער אַרבעט. דעמאָלט האָט דער דייטש מיך גערופן און געפרעגט וואָס מיר איז געשען. איך האָב, וואָס אַן אמת, מורא געהאַט אים צו זאָגן אַז איך בין אַ האַרץ־קראַנקע. און ווען ער האָט מיר דאָס מאָל געפרעגט צי איך דאַרף עפּעס פון אים, האָב איך אים געענטפערט אַז איך מוז האָבן אַ מעדיקאַמענט פון דער אַפּטייק. ער האָט זיך פאַרשריבן דעם נאָמען פון דער רפואה און זי מיר שפּעטער געבראַכט. ער האָט מיך דערביי באַטראַכט און ווייזט אויס אַז מיין אויסזען איז געווען אַזאַ אַז אַפילו דעם דאָזיקן שלעכטן דייטש האָט עס אַ ריר געטאָן. ער האָט צו מאָרגנס געבראַכט אַן עלעקטרישע מאַשינקע און דערנאָך האָט ער יעדן טאָג געברענגט פאַר אונדז קאַרטאָפל, מערן און אַנדערע גרינצייג. ער האָט אַ מאָל זיך אַרויסגעכאַפּט אַז מיר זעען אויס שלעכט, מיר דאַרפן האָבן מער וויטאַמינען. זינט איך בין קראַנק געוואָרן האָט אָט דער דייטש אַכטונג געגעבן אַז מיר זאָלן נישט שלעפּן די קאַסטנס. מיין האַרץ האָט אָבער נישט געוואָלט שטאַרקער ווערן און איך בין געווען געצוווּנגען איבערצורייסן די אַרבעט. אין צווישן איז געקומען אַ באַפעל אַז דער לופטוואַפע־לאַגער ווערט ליקווידירט און לויט באַקומענע ידיעות האָט מען אונדז געדאַרפט אַריבערפירן אין אַ ספּעציעלן פרויען־לאַגער נישט ווייט פון גלאַץ וואָס ליגט אין מיטן פון די הויכע בערג פון דייטשלאַנד.

מיר האָבן געוווּסט אַז אין יענער געגנט געפינען זיך אַ סך ייִדן־לאַגערן. מיר האָבן געהערט אַז אין דעם לאַגער ווו מיר זאָלן געשיקט

ווערן איז נאָך נישט איינגעפּירט דער אָבליגאַטאָרישער אוניפאָרם פון די פּאַסן־קליידער פאַר לאַגערניקעס. די ידיעות האָבן געבראַכט די בחורים וואָס פלעגן זיך באַגעגענען מיט די מיידלעך מיט וועלכע איך בין געווען צוזאַמען. די בחורים האָבן זיך געפונען אין לאַגער וואַלדענבערג, נידער־שלעזיע. מענטשן זענען געקומען פון דאָרט און האָבן געבראַכט נישט קיין שלעכטע גרוסן, בכן זיי אַרבעטן ביים איבערקלייבן אַלט אייזן און די פרויען זענען באַשעפטיקט אין די אַמוניציע־פאַבריקן.

לאַגער לודוויגסדאָרף

דער באַפעל אַרויסצופאָרן איז געקומען שבת נאָך מיטיק. זונטיק פרי האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אַ פּאָר שעה זענען מיר געפאָרן פון דער לופטוואַפע ביז לודוויגסדאָרף. פאַר נאַכט זענען מיר אָנגעקומען קיין גלאַץ. פון דאָרט האָבן מיר געזאָלט מיט אַ זייטיקער באַן־ליניע צופאָרן צום לאַגער. די ליניע איז אָבער געווען פאַרנומען און מיר האָבן געמוזט גיין צו פוס. די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע; באַלייכטן דעם וועג האָט מען נישט געטאָרט. מיר זענען אַזוי געקראָכן דורך וועלדער, איבער גריבער און פאַרביי אויסטערלישע געביידעס. אין אָנהייב זענען מיר געווען זיכער אַז מ׳פירט אונדז אין אַן אַרבעט־לאַגער אַריין אָבער שפּעטער האָבן מיר אָנגעהויבן צווייפלען דעריין. עס האָט געהערשט אַ דריקנדיקע שטילקייט. אַפילו די דייטשן וועלכע האָבן אונדז קאָנוואָירט האָבן נישט געשריגן אויף אונדז. מיר האָבן דאָס אויסגעטייטשט דערמיט וואָס זיי ווייסן אַז זיי פירן אונדז צום טויט. מיר זענען געווען אַן ערך 200 פרויען און מיר זענען געווען גלייכגילטיק צו אַלעם. מיר האָבן מאַרשירט פאָרויס און גייענדיק האָט מען נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון אונדזערע הילצערנע שיך. מער האָט מען נישט געהערט, נישט קיין וואָרט, נישט קיין קרעכץ. מיר זענען געווען געוווינט צו הונגער, צו באַליידיקונגען, צו געשרייען. איצט

האָט קיין זאַך אויף אונדז שוין קיין איינדרוק נישט געמאַכט. מיר האָבן בפירוש געזען ווי מיר גייען צום ט ו י ט.

נאָכן מאַרשירן אַ לענגערע צייט האָבן מיר זיך דערנענטערט צו אַ ריזיקן פּלאַץ, אַן אַרומגעצוימטן מיט עלעקטרישע דראָטן. פון אינעווייניק האָבן אַרויסגעקוקט אַ סך באַראַקן און נעבן זיי האָט מען באַמערקט מענטש־לעכע שאָטנס. געווען איז עס זונטיק אויף דער נאַכט. די „העפטלינגע" האָבן דעם טאָג נישט געאַרבעט. וויסנדיק אַז עס קומט אַ נייער טראַנס־פּאָרט, האָבן זיי אונדז אָפּגעוואַרט אויף דער דערלויבטער דיסטאַנץ פון דעם עלעקטרישן דראָט.

דעם גאַנצן טאָג האָבן די לאַגערניקעס געאַרבעט ביים רייניקן די באַראַקן, וואָס זענען רעזערווירט געוואָרן פאַר אונדז. אויך איז פאַר דעם ניַי אָנגעקומענעם טראַנספּאָרט צוגעגרייט געוואָרן אַן אָוונטברויט אין די באַראַקן. צוליב דעם וואָס די נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע האָט מען אונדז אַריינגעלאָזט הינטער די דראָטן־פאַרצוימונגען, נישט ציילנדיק. ערשט דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז אַ נייע טראַגעדיע: אַ סך פון אונדזער גרופּע האָבן זיך געטראָפן מיט באַקאַנטע און די אַלע האָבן פאַר דער צייט זיך שטאַרק פאַרענדערט, געוואָרן פאַרעלטערט. די מענטשן האָבן גענומען דערציילן וועגן דער אומגעזונטער אַרבעט וואָס זיי מוזן דאָ אויספירן: דרײַ קילאָמעטער פון לאַגער האָבן זיך געפונען אַמוניציע־פאַבריקן וווּ מ'האָט אויסגעאַרבעט גילזן צו באָמבעס. די ייִדישע קאַצעט־לערס האָבן זיך פאַרנומען מיט וועגן דעם פּולווער אויף קליינע אַפּטייק־וואָגן אאַז"וו — דער פּולווער איז געווען אַ כעמיש גיפטיקער מאַטעריאַל, וואָס האָט פאַרענדערט די קאָליר פון די האָר ביי די פרויען און האָט גע־לאָזט אַ שטאַרקע ביטערקייט אין מויל. מיר האָבן געטראָפן פרויען מיט האָר פון פאַרשידענעם נישט נאַטירלעכן קאָליר. ביי אַ טייל זענען די האָר געווען רויט, ביי אַנדערע געל; די האָר האָבן זיך געביטן לויטן קאָליר פון דעם פּולווער ביי וועלכן די פרויען האָבן געאַרבעט. די גיפטיקע סובסטאַנץ האָט אויך אויפגעגעסן די לונגען און דאָס האַרץ. אַריינגעקומען אין די לאַגער־פאַבריקן האָבן מיר טאַקע באַלד דערשפּירט אַן אויסטער־לישע ביטערקייט אויף דער צונג.

די שוין איינגעזעסענע קאַצעטלערס האָבן דערציילט וועגן דער אַכזריותדיקייט פון דער בלאָנדער לאַגער־פירערין, אַ פאַרביסענע ס.ס.־אַקטיוויסטקע. דער לאַגער־פירערין האָט טיילווייז צוגעהאָלפן די ייִדישע „יודען־עלצטע". זיי זענען אויך געווען שטאַרק פאַרביטערט אויף דער קליקע פון די ייִדישע פּריווילינס וואָס האָבן געהערט צו דער היעראַרכיע פונעם לאַגער. די הויפּט־אָנפירערין צווישן זיי איז געווען די געלע ייִדישע קעכן. זי האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט אין לאַגער אַ סך גאָלד. דאָס געדיכטערע פון דעם עסן וואָס איז געוואָרן אָפּגעקאָכט אין קעסל, פלעגט זי פריִער פונאַנדערטיילן פאַר זייער אַ הויכן אָפּצאָל. מ'האָט געשמועסט אַז שותּפים צו אירע פאַרדינסטן זענען געווען די דייטשישע לאַגער־פירערקע און די יודען־עלצטע. ווען איך וואָלט זי היינט געטראָפן וואָלט איך זי זיכער נישט דערקענט ווייל זייענדיק אין לאַגער האָב איך זי שטענדיק אויסגעמיטן און נישט געוואָלט אָנקוקן איר פּרצוף.

מיר איז פאַרבליבן אין זכּרון דער ערשטער אָוונט אין דעם לאַגער. מ'האָט אונדז געגעבן אַ גוטן אָונטברויט, געגוי דערמאָן איך זיך נישט וואָס פאַר אַן עסן מיר האָבן באַקומען. איך געדענק נאָר אַז מיר זענען זאַט געוואָרן און מידע האָבן מיר זיך געלייגט אויף די צוגעגרייטע געלעגערס. עס האָבן אָבער זיך געטראָגן פון אונדז טיפע זיפצן ווייל די אימה פאַר נייע אומגעריכטקייטן האָט געשראָקן.

נאָרמאַל פלעגט מען דעם ערשטן שיכט וועקן פינף אַ זייגער פאַר טאָג. זעקס אַ זייגער האָבן אַלע געדאַרפט שטיין צום אַפּעל. צען מינוט שפּעטער זענען אַלע שוין געווען אויפן וועג צו דער אַרבעט. דאָס מאָל האָט מען געמאַכט אַן אויסנאַם און מ'האָט אונדז געלאָזט שלאָפן ביז 7 אַ זייגער. 10 אַ זייגער האָט געזאָלט קומען אַ קאָמיסיע פון „ווערק" כּדי אונדז צוצוטיילן צו די באַטרעפנדיקע אַרבעטן. דאָך זענען מיר אויפגעשטאַנען אַ סך פריִער און ביסלעכווייז זיך אַרויסגעשאַרט פון די באַראַקן. מ'האָט געוואָלט זען ווו מיר געפינען זיך.

דער לאַגער לודוויגסדאָרף האָט פאַרנומען אַ שטח פון בערך אַ צוואַנציק דונאַם. דער גאַנצער פּלאַץ איז געווען אַרומגערינגלט צו ערשט מיט געווײַנלעכן שטעכלדראָט און אַן ערך דרײַ מעטער ווייטער האָט זיך גע־

פונעם די אַרומצוימונג פון דראָטן מיט הויכער עלעקטרישער שפּאַנונג. אויף דעם אַרומגעצוימטן פּלאַץ זענען געשטאַנען גרינע באַראַקן און אין סאַמע מיט פון לאַגער זענען געווען די באָד־באַראַקן. אין איין ווינקל פון דעם גרויסן פּלאַץ האָבן זיך געפונען די קלאָזעטן, אין אַנדערן עק פון לאַגער — די קיכן. די וועגן צווישן די באַראַקן זענען געווען אויסגעלייגט מיט הילצערנע ברעטלעך. פון ערשטן אויגנבליק האָט עס אַרויסגערופן אַ געוויסע געמיטלעכקייט. עס איז געווען אַ ספּעציעלע גרופּע פרויען, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ריין מאַכן די באָד־באַראַקן, די קלאָזעטן אין דעם הויף. די אַלע פרויען, די יונגע און די עלטערע, זענען שוין דאָ געווען אַ צייט און זיי זענען שוין געווען מוראדיק אויסגעדאַרט. אַפילו די ברוסטן פון די יונגע פרויען זענען פּריצייטיק פאַרוויאַנעט געוואָרן פון נישט דערעסן. די קישקעס ביי די עלטערע פרויען זענען געוואָרן אויסגע־טריקנט, די הויט אויף זייערע לײַבער איז אַראָפּגעהאָנגען ווי ליידיקע זעק. עס האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אַ ליאַדע ווינטל קען זיי אומוואַרפן. קוקנדיק אויף זיי האָב איך מורא געהאַט זיך אויסצוטאָן ווייל שוין אַנטדערטהאַלבן יאָר ווי איך האָב זיך רעכט נישט אָנגעשפּיגלט. אפשר זעט מיין קערפּער אויך אויס אַזוי ווי זייערער?

צוליב דעם האָב איך באַשלאָסן צו וואַשן זיך בלויז ביי נאַכט. איך האָב זיך חדשים לאַנג אויפגעהויבן דרײַ אַ זייגער ביי נאַכט כדי זיך צו וואַשן. די „אַלט־איינגעזעסענע" האָבן מיר געגעבן פאַרשידענע עצות ווי אַזוי זיך צו פירן, פאַר מיר אָפּגעמשלט ווי עס זעען אויס די מייסטערס. די וועלכע האָט געוווסט צום מערסטן צו דערציילן פון די מייסטערס איז געווען אַ פרוי, וואָס האָט אין לאַגער פאַבריצירט צוקערלעך. זי האָט געשטאַמט פון בענדין און פאַר דער מלחמה האָט זי דאָרט געהאַט אַ צוקערלעך־פאַבריק. זי איז געווען אַ נידעריקע, אַ דאַרע און זייער אַ פרומע, זי איז געווען די איינציקע וואָס האָט געטראָגן אַ טיכל אויפן קאָפּ. פרייטיק צו נאַכטס האָט זי לכבוד שבת דאָס טיכל אויסגעבונדן אין אַ ספּעציעלער פאַרעם. ווינטער פלעגט זי זיך זעצן לעבן אויוון (אויב עס איז געווען געהייצט) און פאַרחלומט זינגען שבת־זמירות. עס זענען געווען עטלעכע פרויען וואָס נישט געקוקט אויפן טרויעריקן וואָכעדיקן לעבן אין לאַגער האָבן זיי פרייטיק

זיך אויפגעפירט ווי אין דער היים און געצונדן ליכט. די ערשטע צייט פון מיין לאַגער־לעבן האָב איך אויך מיט זיך תּמיד מיטגעפירט שבת־ליכטלעך. כּדי צו קריגן די ליכט האָב איך געדאַרפט באַצאָלן מיט ברויט, זייף וכדומה. עס איז תּמיד געווען ריזיקאַליש אָנצוצינדן די שבת־ליכט ווייל דער דייטש האָט געקענט שפּירן דעם רויך פון פּאַראַפין.

אין איין לאַגער ווו איך בין געווען אַ לענגערע צייט האָבן מיינע אחים־לצרה מיר געבראַכט פּאַראַפין וואָס זיי האָבן געפונען אין זייערע אַרבעט־ערטער. פון דעם פּאַראַפין האָב איך מיר אַליין געמאַכט שבת־ליכט. זומער פלעג איך אָנצינדן די ליכט גלייך נאָכן צוריקקומען פון דער אַרבעט. די צוויי קליינע ברענענדיקע שבת־ליכטלעך האָבן אַריינגעבראַכט אַ ביסעלע פרייד און דערמוטיקונג אין אונדזער באַראַק. ביינאַנד פלעגן מיר זינגען שבת־ניגונים און כּמעט שטענדיק האָבן מיר פאַרענדיקט מיט געבירטיקס „מיין שטעטעלע ברענט״. ווינטער איז מיר דאָס ליכט־צינדן אָנגעקומען אַ סך שווערער. מיר האָבן געאַרבעט ביז שפּעט אין שבת אַריין און נישט אויף יעדן אַרבעט־פּלאַץ האָט מען געקאָנט צוליב זיכערקייט אָנצינדן ליכט. די אַלטע פרוי אונגער, אַן אָפּשטאַמיקע פון פּילץ אָדער כזשאַנאָוו, פלעגט זיך באַמיִען צוליב דעם צו טוישן אירע אַרבעט־שעהען, אָדער זי פלעגט גיין אין מעדיצינישן פּונקט אַז מ׳זאָל זי ווי אַ קראַנקע באַפרייען פרייטיק פון דער אַרבעט. זי האָט דערציילט אַז זי האָט נאָך קיין מאָל אין איר לעבן נישט פאַרשפּעטיקט אָנצינדן די שבת־ליכט אין דער געגעבענער שעה. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה איז איר אויסגעקומען אַ סך צו וואַנדערן, אָבער פרייטיק נאָך מיטיק האָט זי זיך ערגעץ אָפּגעשטעלט כּדי צו קאָנען בענטשן שבת־ליכט אין זמן.

ווינטער 1943 איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אין ביוראָ פון דעם לאַגער־פירער. דאָרט האָבן געאַרבעט נאָר צוויי יידן. מיין אַרבעט־טיש איז געשטאַנען נאָענט פון אויוון. טייל מאָל ווען מיר איז געווען אומ־מעגלעך צו גיין אין די דערבייַיאַיקע באַראַקן אָנצינדן די שבת־ליכט, פלעג איך די ליכטלעך אַריינשטעלן אין אונטערשטן טירל פון אויוון און דאָרט אָנצינדן מיינע שבת־פלעמלעך. איין מאָל, אַ פרייטיק צו נאַכטס, ווען די ליכט האָבן שוין געברענט אין אויוון, איז פּלוצלינג אַריינגעקומען דער

לאַגער־פירער און דערשפּירט דעם נישט אָנגענעמען ריח פון חלב. ער האָט געגומען פרעגן: וואָס פּילט זיך דאָ? איך האָב זיך דערשראָקן און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב סימולירט אַז איך בין זייער פאַרטיפט אין מיין אַרבעט און איך הער נישט זיין פראַגע. אָבער מיין ייִדישער מיטאַרבעטער האָט געהאַט מער קוראַזש פון מיר. ער האָט געהאַט טענות צום לאַגער־פירער, אַז דער שלעכטער ריח קומט פון די שלעכטע קוילן מיט וועלכע מ'הייצט דעם אויוון. פון דעם שלעכטן ריח באַקומען מיר קאָפּ־ווייטיק.

דער לאַגער־פירער האָט נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט זיך נאָר ענערגיש אויסגעשנייצט און איז אַרויס פון ביוראָ.

די קליינע בענדינער פרוי האָט כסדר געוואָלט האַנדלען. זי האָט מיר פאָרגעלייגט איך זאָל איר געבן צוקער וועט זי מיר פאַר דעם צוריקגעבן אַ טאָפּלטן סכום צוקערלעך. איך האָב איר געזאָגט אַז אין פריִערדיקן לאַגער בין איך קראַנק געוואָרן פון נישט דערעסן, און איך קאָן אויף מיין פּאַרציע צוקער נישט מוותר זיין. דערויף האָט זי מיך געפרעגט צי איך האָב עפּעס צו פאַרקויפן. דער מייסטער האָט זי געפרעגט צי זי ווייס נישט ווער עס האָט צו פאַרקויפן אַ וואָלן קלייד. ער דאַרף עס האָבן פאַר זיין פרוי. ער האָט צוגעזאָגט צו באַצאָלן פאַר דעם מיט ברויט, און דאָס ברויט וועט זיין לייכט אויסצוטוישן אויף צוקער. איר אופן רעדן איז מיר געווען זייער אַנטיפּאַטיש, אָבער איר ענערגיע, איר לעבנסלוסט האָב איך באַוווּנדערט. ווען זי איז אַרויס פון באָד־באַראַק וועלכער איז געווען דער פּלאַץ פון אַלע „האַנדלס־טראַנזאַקציעס" האָב איך דערציילט די אַנדערע פרויען מיין שמועס מיט איר. דערויף האָבן מיר די פרויען דערציילט אַז מיט וואָכן צוריק האָט די פרוי זיך דערוווּסט אַז איר מאַן און אַ קינד געפינען זיך נישט ווייט אין אַ צווייטן לאַגער. זי האָט געפּרוּווט אַריבערקומען צו זיי, אָבער עס איז איר נישט געלונגען. איצט האָט זי אָנגעהויבן זאַמלען פאַר זיי פאַרשידענע זאַכן, גלייבנדיק אַז זי וועט זיך מיט זיי צוזאַמענטרעפן. יעדן איינעם פרעגט זי דערוויל וואָס צו טאָן און דערוויל האַנדלט זי, אַרבעט און וואַרט...

אַנומלט האָב איך אין באָד־באַראַק געזען שטיין ביים אויוון צוויי פרויען. זיי זענען געווען פאַרטיפט אין אַ שמועס. איך האָב געפרעגט ביי אַנדערע, פאַר וואָס יענע פאַרלאָזן נישט דעם באָד־באַראַק, האָט מען מיר געענטפערט אַז אין באָד איז זייער ווינאָרט. אין זייער באַראַק גייען זיי אַריין נאָר שלאָפן. די באַציִונג צווישן זיי און דער באַראַק־עלצטער, ווי אויך מיט טייל לאַגער־חברטעס איז אַן אומדערטרעגלעכע. אין באָד־באַראַק קאָכן זיי ביי נאַכט די אַריינגעשמוגלטע קאַרטאָפל. זיי עסן אויך אַלץ אַליין ווייל זיי ווילן זיך נישט טיילן מיט דער באַראַק־עלצטער וועלכע נעמט אַ חלק פון יעדן איינעם וואָס ברענגט עסן פון דרויסן. בלויז די דאָזיקע פרויען שטעלן זיך אַנטקעגן דער באַראַק־עלצטער און צוליב דעם געפינען זיי זיך שטענדיק אין באָד־באַראַק. אין דעם איינגעשטעלטן לאַגער־סדר איז אָבער געקומען אַן אומגעריכטע העפטיקע ענדערונג.

פלוצלינג האָט זיך באַמערקט אַן אויסערגעוויינלעכע נערוועזקייט צווישן די קאַצעטלערס. אַלע האָבן זיך באַהאַלטן אין די באַראַקן. אויפן הויף האָט מען געזען זיך אַרומדרייען נײַע, פרעמדע פּנימער. דאָס זענען געווען אַ פּאָר ציווילע דייטשן, באַגלייטע פון דער לאַגער־פירערין און דער יידן־עלצטער. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט מען אונדזער גרופּע גערופן צום אַפּעל. ווען מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען האָבן מיר געזען אַרום זיך עלעגאַנטע דייטשן וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון גרויס־אינדוסטריעלער. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַז דאָס זענען מסתּמא די פאַרשטייערס פון די באַרימטע פאַבריקן פון קרופּ, בייערס א״אַ. זיי זענען געקומען אויסקלייבן ביליקע אַרבעט־הענט פאַר זייערע גרויסע פאַבריקן. דאָס ערשטע האָבן זיי אַרויסגענומען פון די רייען פרויען, וועלכע האָבן נאָך אויסגעזען געזונט און קרעפטיק. דאָס זענען געווען פרויען וואָס האָבן זיך גערעכנט צו דער ערשטער קאַטעגאָריע פון אַרבעט־קראַפט, פרויען פון דער הויפּט־אַרבעט־בריגאַדע. זייער אַרבעט איז באַשטאַנען אין ריין מאַכן די באַראַקן, די פאַבריק־הויפן, רייניקן די מאַגאַזינען און אָנלאָדן וועגעלעך מיט אויסגעפאַרטיקטער אַמוניציע. מיך האָט מען אַריינגעציילט אין דער ערשטער גרופּע, אָבער מ׳האָט מיך נאָך אַוועקגעשטעלט אָן אַ זייט. דערנאָך האָבן זיי די אַנדערע פרויען צעטיילט אין גרופּעס. מיר האָבן זיך

דערפרייט וואָס מיר זענען ווידער געבליבן צוזאַמען. נאָר צוויי מיידלעך פון אונדזער גרופּע האָט מען צוגענומען פון דר חברותא.

די ערשטע וואָך האָט מען אונדז באַשטימט צו אַרבעטן ביי נאַכט. אַזוי ווי צו נאַכט־אַרבעט זענען מיר אַוועקגעגאַנגען אַכט אַ זייגער אין אָוונט האָבן מיר דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג געהאַט צייט צו מאַכן אָרדע־נונג אין צימער און זיך אָפּצורוען.

אַלץ אין דעם לאַגער איז פאַר אונדז געווען אַ נייעס. דאָס ערשטע מאָל האָבן מיר זיך געפונען הינטער אַן אַרומצוימונג פון עלעקטרישע דראָטן; דאָס ערשטע מאָל ווי אונדזערע וועכטער זענען געווען ס.ס.־פרויען און ס.ס.־מענער.

מאָנטיק פרי ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון דער נאַכט־אַרבעט האָט די יִדן־עלצטע אונדז באַפוילן צו ברענגען אין אָרדענונג דעם הויף. מיר זענען געוווינט געווען אַז מען זאָל אונדז אויסנוצן צו אַלע אַרבעטן, אָבער דאָ איז דער אופן פון פאַראָרדענען צו טאָן די אַרבעט נישט געווען גאָר צום האַרצן.

די יִדן־עלצטע פלעגט דירעקט זיך נישט ווענדן צו אונדז. זי פלעגט אַרויסגעבן אַ באַפעל דער קאָלאָנען־פירערין אָדער איר פאַרטרעטערין — זי האָט באַפוילן: „נעם די גרופּע פון באַראַק 10 אַריינצוטראָגן קוילן", אָדער „די 5 פון דער העלען־שטובע ווערן היינט צוגעטיילט צו קיך־אַרבעט". נאָך וווייטיקלעכער איז געווען צו הערן, ווען זי פלעגט זיך ווענדן צו די העלפערקע מיט די ווערטער: „די קליינע, דיקע פון דער שטובע 8 און די שוואַרצע מיט די קראַנקע פיס פון שטובע 2 ווערן געפאָדערט פון מייסטער מילער". דאָס איז געווען דער אופן פון אירע פאַראָרדענונגען.

די דייטשישע לאַגער־פירערין איז געווען אַ שיינע פרוי. זי איז געווען אַ שלאַנקע, אַ בלאָנדע מיט אַ שטענדיקן שמייכל אויפן פּנים. זי האָט געשמועסט מיט דער יִדישער יִדן־עלצטער ווי מיט אַ גוטער חברטע. זי איז געווען אַ גוטע תּלמידה פון היטלערס שול. דאָ האָט זי געהאַט די מעגלעכקייט אָנצווענדן אַלע כיטרע חיהשע מעטאָדן קעגן יִדן וועלכע זי האָט אויסגעפירט מיט דייטשישער פּינקטלעכקייט.

די ייִדן־עלצטע איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר דרייסיק. זי האָט גע־שטאַמט פון שלעזיע. אין זכות פון דעם וואָס זי האָט באַהערשט די דייטשישע שפּראַך און איז געווען האַרט און שלעכט, איז זי געוואָרן די ייִדן־עלצטע. מיר האָבן פאַר איר נישט וויייניקער מורא געהאַט ווי פאַר דער דייטשקע. אין דער פרי פלעגט זי אַרויסקומען צום אַפּעל מיט גלאַנציקע שוואַרצע שטיוועלעך, די באַקן — רויט, דער גוף גוט געפלעגט און דאַן האָט מען נאָך בולטער אָנגעזען דעם קאָנטראַסט צווישן איר און אונדז. אין די נעכט פלעגט מען הערן זינגען און געלעכטערס וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון איר „שטובע". אין איר שטוב פלעגן אָפט פאָרקומען פּלערליי שׂמחות. ווען עמעצער איז אַ מאָל אַרויסגעגאַנגען אין מיטן דער נאַכט טאָן זיין באַדערפעניש, האָט ער געטראָפן די דאָזיקע פּריווילעגירטע פרויען ליגן שיכּורע.

שבת נאָך מיטיק אָדער אין די זונטיקס ווען מיר האָבן גערוט אויף אונדזערע געלעגערס, פלעגט זי געפינען פאַר דער פאַסיקער צייט אַריינ־צוקומען מיט איר „אַסיסטענטין", דער קאָלאָנען־פירערקע, און אונדז פאַר־וואַרפן הלמאי די פאַדלאָגע איז נישט גענוג ריין, די בעטן נישט ריכטיק צוגעבעטט. זי פלעגט עס זאָגן דער קאָלאָנען־פירערקע מיט אַ ציניש גע־לעכטער און די קאָלאָנען־פירערקע פון איר זייט האָט דעמאָלט אַרויסגע־געבן אַ באַפעל אַז אין משך פון 10 מינוט מוזן מיר ברענגען אין אָרדענונג דעם גאַנצן באַראַק. לויטן באַפעל איז אויסגעקומען אַז ווען די שטיבער וועלן זיין אין אָרדענונג איז אונדז דערלויבט זיך צו זעצן נאָר אויפן קאַנט פון דעם געלעגער. און אין צימער, דאַרף מען געדענקען, האָבן מיר נישט געהאַט קיין שטול זיך צו זעצן און נישט קיין באַנק.

„אָרדענונג" האָבן ליב די דייטשן!

מאָנטיק פלעגט מען אונדז די ערשטע געבן דאָס מיטיק־עסן ווייל צען אַ זייגער אָוונט האָבן מיר שוין געמוזט זיין ביי דער אַרבעט. נאָכן

אָפּעסן דאָס מיטיק, האָבן מיר געקאָנט שלאָפן ביז אויף דער נאַכט ווען מיר האָבן געדאַרפט באַקומען דאָס אָוונטברויט און גיין צו דער נאַכט־שיכט. די עטלעכע שעה פלעגן גיך אַוועק. אָפּגעגעסן דאָס אָוונטמאָל און שוין דאַרפן זיין גרייט אויף דעם באַשטימטן לאַגער־פּלאַץ פון וועלכן מיר פלעגן אָפּמאַרשירן ביי דער באַגלייטונג פון אייניקע קאָלאָנען־פירערינס. די ייִדן־עלצטע פלעגט פאָרמעל ראַפּאָרטירן פאַר דער לאַגער־פירערין: „איך מעלדע 147 העפטלינגע צו דער אַרבעט — 3 אין דער קראַנקען־שטובע". עס גיט זיך אַ טראַג אַ פייף און אַן אויסרוף: „אַ פוי". מיר הייבן אָן אונדזער גאַנג אין דער פינצטערער נאַכט אַריין. מיר גייען כמעט מיט דעם זעלבן וועג מיט וועלכן מיר זענען אָנגעקומען פון דער באַן־סטאַציע.

גייענדיק האָבן מיר באַמערקט אין טאָל, הינטער אַ דראָטן־פאַרצוימונג, ווי אויסגעשטעלט אין אַ ריי, גרויסע באַראַקן. בעתן מאַרש האָבן מיר נישט געטאָרט רעדן, גאָרנישט פרעגן. די הענט האָט מען נישט דערלויבט צו האַלטן אין די קעשענעס. דער וועג איז געווען אַ שווערער, די גאַנצע צייט — באַרג אַרויף. אָבער די גוטע באַרג־לופט האָט אונדז פאַרלייכטערט דאָס גיין. פאַר דער פאַבריק האָט מען שוין אָנגעהויבן צו פילן דעם ריח פון פולווער און צו הערן דאָס געררויש. אין פאַבריק־הויף האָבן פאַרשידענע מייסטערס אונדז באַטראַכט. איינער פון די מייסטערס, אַ מאַן פון אַ יאָר פופציק מיט קליינע טיגערישע אויגן האָט מיך אַרויסגערופן פון דער ריי, כדי איך זאָל ביי אים אַרבעטן.

עס איז געווען אַ נייער פּרווו וואָס איך האָב געספּקט צי איך וועל אים אויסהאַלטן. באַלד אין אָנהייב מלחמה האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט נישט זיך איבערצוגעמען מיט די דייטשישע געשרייען און אַרבעטן אַזוי אַז כ'זאָל נישט אויסהויבן די נשמה ביי די דייטשישע פּראַצע. ביז איצט האָב איך אָנגעווענדט פאַרשידענע אופנים נישט צו אַרבעטן שווער. אויך איצט האָב איך געהאַט מיין פּלאַן. ווען דער מייסטער האָט מיך אַריינגעפירט אין דער פאַבריק און אָנגעוויזן ווי אַזוי איך דאַרף זיך אומגיין מיט דער מאַשין, האָב איך אים דערקלערט, אַז איך בין נאָך אַ שווערער קראַנקהייט און ס'איז פאַר מיר אוממעגלעך אויסצופירן די דאָזיקע אַרבעט.

„איר אַלע יודען זאָגט, דאָס איר קראַנק זינד — האָט ער אויסגעשריגן — מאַך מיר היר ניכט קיין לאַרעם און טו וואָס איך באַפעל!"

איך האָב זיך צוגעקוקט צו דער מאַשין. די מאַשין איז געווען איינגע־מויערט אין דער וואַנט און אויסגעזען ווי אַ גרויסער, ריזיקער זייגער. פון איין זייט איז געווען אַ גרויסע קאָרבע, וועלכע איך האָב געדאַרפט דרייען. אַ צייט האָב איך געהאַלטן די קאָרבע אין האַנט, אָבער זי נישט געדרייט. דער מייסטער איז ווידער צוגעקומען צו מיר און זיך ווילד צעשריגן. אָבער איך בין געבליבן שטיין רויִק, נישט געמאַכט זיך קיין צימעס פון זיינע געשרייען. איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון אַז איך וועל די מלחמה סיי ווי נישט איבערלעבן. נאָך פון יאָר 1942, ווען איך בין געווען אין תּפיסה, בין איך פּסיכיש געווען צוגעגרייט געטראָפן צו ווערן פון אַ דייטשישער קויל. ווען די דייטשן פלעגן מיך כאַפּן ביי אַ פאַרברעכן האָב איך געטראַכט אַז אָט, אָט באַקום איך אין רוקן אַריין אַ קויל. אַז איך האָב געהערט ווי מענטשן זענען געשטאָרבן ביי דער אַרבעט איז דאָס פאַר מיר געווען דאָס פיינלעכסטע. שטאַרבן ביי דייטשישער אַרבעט ? ניין !

דער מייסטער איז אַוועק און צוריקגעקומען אין באַגלייטונג פון אַ דייטשישער אַרבעטערין, אַז זי זאָל מיר ווייזן, ווי אַזוי מ׳דאַרף טאָן די אַרבעט. אויף אַן איידעלן אופן האָט זי אָנגעהויבן מיך לערנען. זי האָט מיט איר האַנט צוגעלייגט מיין האַנט צו דער מאַשין־קאָרבע, אַזוי אַז איך זאָל זי דרייען און ברענגען די מאַשין אין באַוועגונג. איך האָב זיך פאַרעקשנט און געלאָזט ליגן מיין האַנט אויף דער קאָרבע אָן באַוועגונג. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו בייזערן אויף מיר און געלאָפן מיט כּעס נאָך דעם מייסטער. ער האָט זיך ווידער צעשריגן, אָבער איך האָב זיך נישט גערירט פון אָרט. כ׳האָב אָנגעהויבן צוריקצושרייען. די פרויען פון מיין גרופּע וואָס זענען געווען אין דערבייאיקן צימער און געוויגן פולווער, דערהערנדיק מיינע געשרייען, זענען אַריינגעקומען צו מיר און גענומען דערקלערן דעם מייסטער, אַז איך בין נאָך אַ שווערער קראַנקהייט, אַז איך קאָן באמת נישט רירן די שווערע קאָרבע. דער מייסטער האָט זיך גענומען אויספרעגן ביי די מיידלעך וועגן מיר, ווער איך בין און צי האָב

איך טאָקע נאָך קיין מאָל נישט געהאַט קיין שווערע אַרבעט. אַזוי זענען אַוועק עטלעכע שעה. צום סוף איז דעם מייסטער דאָס נימאס געוואָרן; ער האָט געבראַכט אַ בעזעם און מיר באַפוילן אויסצוקערן די אַרבעט־האַלע. ווען איך האָב געקערט די האַלע, ווו מײַנע לאַגער־חברטעס זענען געזעסן און געוויגן דעם פּולווער וועלכער האָט געפרעסן זייערע לונגען, האָב איך געפילט אַז זיי קוקן אויף מיר מיט אַזאַ מיטלייד גלייך זיי וואָלטן געוווּסט אַז פאַר מיר איז שוין צוגעגרייט אַ טויט־אורטייל.

איך האָב געקערט, געגאַנגען פון איין אַרבעט־האַלע אין דער צווייטער און האָב באַמערקט אַז אין דער פאַבריק אַרבעטן אויך נישט־ייִדן. כ׳האָב געהערט פאַרשידענע שפּראַכן: טשעכיש, רוסיש, אוקראַיִניש, פּלעמיש, פראַנצויזיש. דאָס האָט מיך זייער פאַראינטערעסיר׳ט און איך האָב געזוכט אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן אַ שמועס מיט איינע פון די אַרבעטערס וואָס רעדן די לשונות וואָס איך הער. אָבער עס איז שוין געווען שפּעטע נאַכט. עס האָט זיך שוין דערהערט אַ פייף, אַ סימן אַז די נאַכט־שיכט איז גע־ענדיקט. מ׳דאַרף אַריינלאָזן צו דער אַרבעט די מאָרגן־שיכט.

די מאַשינען האָבן געאַרבעט פולע 24 שעה אין מעת־לעת. ווען די אַרבעט פון דער נאַכט־שיכט האָט זיך פאַרענדיקט זענען שוין געשטאַנען גרייט די העפטלינגער פון דער טאָג־שיכט כדי איבערצונעמען די אַרבעט.

אַרויס פון די אַרבעט־האַלעס האָבן מיר זיך ווידער אויסגעשטעלט צום אַפּעל. ווידער האָט מען אַלע איבערגעציילט, און מידע, צעבראָכענע זענען מיר צוריקגעגאַנגען אין לאַגער אַריין, זיך אַוועקגעלייגט אויף די געלעגערס און אָפּגעשלאָפן ביז מ׳האָט אונדז געוועקט צום מיטאָג־עסן.

3 אַ זייגער האָט זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט די פרימאָרגן־טורנע און ס׳איז געוואָרן אַ טומל אין באַראַק. איינער האָט געוואָלט איבער־שרייען דעם צווייטן. מ׳האָט זיך געקריגט און נישט דערלאָזט אונדז זיך אויסשלאָפן כדי צו זיין אויסגערוט צו דער נאַכט־שיכט, אָבער אַלץ איינס האָבן מיר אין אָוונט געמוזט גרייט זיין צו דער נאַכט־אַרבעט.

מײַנע חברטעס האָבן זיך גערייצט מיט מיר. אין שפּאַס מיך געפרעגט וואָס איך טראַכט היינטיקע נאַכט צו טאָן ביי דער אַרבעט? „איך טראַכט די נאַכט צו ווערן זשאַבאָטינסקיס סעקרעטאַרקע״, האָב איך געענטפערט

אויך אין שפּאַס. ווערן „זשאַבאָטינסקיס סעקרעטאַרקע" האָט געמיינט אַן אָנצוהערעניש צו פֿאַרפֿירן אַ גרויסן קאַמף, מחמת אין זאב זשאַבאָטינסקין האָט מען געזען דעם סימבאָל פֿון אַ שטאָלצן ייִדישן קעמפּער.

צווישן אונדז זענען געווען פרויען, נישט קיין אַלטע, אויך שוין נישט יונגע, און אַלע האָבן מיר געבענקט נאָך דער נאָענטער פֿאַרגאַנגענהייט; מיר האָבן, אמת, אויפֿגעהערט צו גלייבן אַז עס וועלן קומען ענדערונגען צום בעסערן, פֿון דעסטוועגן האָט מען געגלייבט אַז ווען עס איז וועלן מיר צוריק קריגן די וועלט וועלכע איז צוגעגזלט געוואָרן ביי אונדז. מיר האָבן באַנומען אַז נאָר על־פּי נס, על־פּי צופֿאַל געפֿינען מיר זיך נאָך צווישן די לעבעדיקע. דערפֿאַר האָבן מיר געהאַפּט אויף נייע צופֿעליקייטן, אויף נייע ניסים. אין משך פֿון די דריי פֿאַרגאַנגענע יאָר בין איך שוין אויסגעווען אין 11 פֿאַרשידענע לאַגערן, אָבער די גאַנצע צייט נישט געזען קיין טויטן. דאָס איז טאַקע אַ נס פֿאַר דער דאָזיקער שרעקלעכער צייט, אָבער אַזוי האָט דער גורל געפֿירט מיט מיר. כ'האָב דורכגעמאַכט אַ סך סעלעקציעס און יעדעס מאָל בין איך אָנגעקומען אין אַ נייעם אָרט ווו עס איז שוין געווען נאָך די סעלעקציעס. שוין אין וואַרשע האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף אומגעהויערע אַכזריותן, געשפּירט הונגער און די אימה פֿון טויט. אויך דאָס וואָס כ'האָב דאָ געזען כּסדר און כּסדר האָט אויף מיר נישט געהאַט קיין ווירקונג. דאָ, פּונקט ווי אומעטום, זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן געוואָלט די אַנדערע דערנידעריקן, זענען געריצט געוואָרן דורך זייערע נידעריקסטע אינסטינקטן. עס האָבן אָבער אויך זיך געפֿונען מענטשן וואָס זענען מיט גרויס מוט דורכגעגאַנגען די אַלע גיהנומס און אַרויס פֿון זיי מאָראַליש געשטאַרקט.

דער דייטש האָט זיך באַמיט צו וואַרפֿן אין בלאָטע די ווירדע פֿונעם ייִד, צו דערנידעריקן אים און צו דערפֿירן אים צו דער מדרגה פֿון אַ חיה. דער דייטש האָט עס געמאַכט סיסטעמאַטיש. קודם האָט ער אויסגעצאַפּט ס'חיות פּיזיש. געגעבן עסנס אָן וויטאַמינען און אָן מינעראַלן, אַזוי ווייט אַז נאָכן אָפּזיין אין לאַגער אַ יאָר, איז דער זכּרון אָפּגעשוואַכט געוואָרן, דער מענטש האָט פֿאַרלוירן די פֿעיִקייט צו רעאַגירן קעגן עוולהס אָדער אויסצודריקן זיינע געדאַנקען.

אין איינעם פון די לאַגערס האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ פראַנצויזיש־ייִדישן קונסט־מאָלער. געטראָפן האָב איך אים צופעליק, ווען איך בין דורכגעגאַנגען דורך דעם לאַגער־הויף און ער איז געווען באַשעפטיקט ביים קאַלכן די באַראַקן. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק געשטעלט די זעלביקע פראַגעס: פון וואַנען קומט איר? פון וואַנען זענט איר? און ענלעכע איינצל־הייטן. צעשמועסט זיך און עס איז געוואָרן צווישן אונדז אַ פריינדשאַפט (דאָס רעדן בעת דער אַרבעט מיט אַ פרוי איז געווען פאַרווערט). שפּעטער, ווען ער האָט געמאָלן אינעווייניק די ווענט, האָב איך מיט אים ווידער געשמועסט. ער פלעגט רעדן וועגן קונסט, וועגן זיינע פריינד פון דער קונסט־אַקאַדעמיע, און דערנאָך וועגן דעם אָרט אין פראַנקרייך פון וואַנען ייִדן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן. אָפט פלעגט ער איבעררייסן זיין דער־ציילן מיט אַ „פּאַרדאָן" מחמת דער זכרון האָט אים נישט געדינט. איך האָב אים טייל מאָל געפּרוווט אַרויסהעלפן ביים דערמאָנען פאַרשידענע עפּיזאָדן און פאַקטן, אָבער דער מענטש האָט זיך געפונען אין אַזאַ פאַר־לעגנהייט, אַז איך האָב אויפגעהערט אים אַרויסצוהעלפן אים דערמאָנען, כדי אים נישט צו פאַרשאַפן קיין פאַרדרוס. דאָס איז געווען די פּעולה פון דער דייטשישער דערנערונג.

אַ צייט שפּעטער איז מיר אויסגעקומען צו זיין מיט אַ גרופּע אינטע־ליגענטע פרויען. פרוי האַלינאַ איז געווען פּראָפעסאָר אין אַ הויכשול, פריילין ל., ד"ר כעמיע, פרוי כּץ, ד"ר פאַרמאַציע. אַלע זענען זיי געווען אויסערגעוויינלעך אויסגעצערט פון כּסדרדיקן הונגער, אַזוי אַז אין טייל מאָמענטן האָבן די חיהשע אינסטינקטן וואָס נעסטיקן סוף־כּל־סוף אינעם מענטש (ביי וועמען ווייניקער, ביי וועמען מער) דאָך גענומען דעם אויבן־אָן אין זייער לעבן. ס'איז ווייטיקלעך זיך צו דערמאָנען און עס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. איין מאָל בעתן פאַרטיילן ס'עסן האָט פרוי ד"ר קאַץ, אַ דערצויגענע אין פראַנקרייך, זיך זייער מיאוס אויפגעפירט. נעמלעך, זי האָט פאַרכאַפּט אַ פּאָרציע פון אַ לאַגערניצע וואָס איז צופעליק געהאַט אַוועק אויף אַ ווייל. פרוי קאַץ האָט געזאָגט אַז זי וועט די פּאָרציע אָפּגעבן דער פרוי, אָבער זי האָט עס נישט אָפּגעגעבן. ס'איז געוואָרן אַ טומל.

איך האָב זיך באַמיט צו פאַרטיידיקן דער פרוי קאַץ. זי איז, אַגב, געווען אָנגעגריפן פון דער באַזעדאָוו־קראַנקהייט און אָפּט פאַרלוירן די קאָנטראָל איבער זיך. זי איז אויך געוואָרן גייסטיק אָפּגעשוואַכט אַזוי אַז נישט שטענדיק איז זי געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אירע מעשׂים. נאָך יענעם אינצידענט האָב איך זיך באַמיט איינצושטילן די צערודערטע געמיטער. די פאַרמאַצעווטין איז צו מיר דערנאָך צוגעגאַנגען און זיך פאַרענטפערט, אַז דער הונגער פּייניקט זי שרעקלעך. דאָס וואָס זי באַקומט צום עסן ביי נאַכט פאַרן קומענדיקן טאָג, עסט זי גלייך אויף און צו מאָרגנס הונ־גערט זי אַ גאַנצן טאָג; זי האָט זיך באַקלאָגט אַז זי איז נישט אין שטאַנד צו טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש ווי וועגן עסן.

אַ צווייטע פון דער גרופּע איז געווען אַ פריילין פון אַ יאָר 50. אויף איר פּנים איז שטענדיק געווען אַ סימפּאַטישער שמייכל. אין דער פרייער צייט פלעגט זי רעציטירן פראַגמענטן פון פּרוסטס בוך „אין זוכעניש פון דער פאַרלוירענער צייט”, אָדער זי האָט, מעשׂה וואָרזאָגערין, אויס־געלייגט קאָרטן. חוץ דעם האָט זי, דאָס אַלטע פריילין, זיך דאָ פאַרנומען מיט דעם קראַנקן מיידל, וועלכע האָט פריִער מיט מיר געאַרבעט אין דער קיך. אַזוי האָבן זיך פאַר מיר געביטן די סביבות און מיך געטריבן צו יאוש, אָפּט אַפילו צו מעלאַנכאָליע, אָבער די האַרטע באַדינגונגען האָבן אויפגעצוווּנגען צו האַנדלען לטובת דער אַליין־דערהאַלטונג.

אויף דער נאַכט ווען איך בין געקומען צו דער אַרבעט, האָט די וואַך־מייסטערין רעקאָמענדירט דעם מייסטער ער זאָל מיך צוטיילן אַ לייכטערע אַרבעט. דער מייסטער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער ווו אַ סך פרויען האָבן געוויגן פּולווער. די אַרבעט איז געטאָן געוואָרן אונטער דער אויפזיכט פון דייטשקעס. מ׳האָט מיך געגעבן אַן אַפּטייק־וואָג, אַ קליינע לאָפּאַטקע און אויך אַנדערע כּלים. אָפּגעאַרבעט אַ קורצע צייט, האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן זייער שלעכט; כ׳האָב דערשפּירט אַ ביטער־קייט אין מויל און אין מאָגן האָבן מיך אָנגעהויבן דרייען קראַמפּן. ס׳איז באַשיימפּערלעך געווען פון דער אויסדאַמפּונג פונעם פּולווער. איך בין אַרויס אויף אַ ווײַלע פון דער האַלע אײַנצואָטעמען אַ ביסל לופט און זיך צוריק־געקערט צו דער אַרבעט. אָבער גיך האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע.

דערצו האָב איך נאָך אָנגעהויבן ברעכן. כ׳בין ווידער אַרויס אין דרויסן און פון ס׳נײַ צוריק אַריין צו דער אַרבעט. דאָס ברעכן האָט זיך איבער־געחזרט אין אַ שטאַרקערער פאָרעם. די דייטשקע האָט זיך געוווּנדערט: ס׳טייטש, אַ ייִדישקע אַרבעט נישט! זי האָט אַריינגעפירט דעם מייסטער וועלכער האָט זיך אויף מיר צעשריגן, באשר איך סימוליר. איך בין געווען מיד און נערוועז און כ׳האָב זיך צעוויינט. אַ צעכעסטער האָט דער מייסטער מיך מיט כּוח צוריקגעפירט צו דער אַרבעט. אַ פּאָר סעקונדעס שפּעטער האָב איך ווידער אָנגעהויבן שרעקלעך ברעכן. די ייִדישע פרויען און אויך די דייטשקעס האָבן זיך דאָס מאָל שוין דערשראָקן פאַר מיין צושטאַנד און געלאָפן ברענגען די פעלדשערקע. ווען די פעלדשערקע איז געקומען בין איך שוין געלעגן אַ האַלב־טויטע אין דרויסן פאַר דער האַלע. די פעלדשערקע האָט מיר געגעבן רפואות און אַריינגעפירט אין דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג ווו זי האָט מיר דערלויבט זיך צו לייגן און שלאָפן. אַז איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך האָט די פעלדשערקע זיך צוגעזעצט צו מיר און געפרעגט ווי איך פיל זיך. דערביי האָט זי געזאָגט אַז עפּעס אַן אַרבעט מוז איך טאָן. איך האָב איך געזאָגט אַז איך בין זייער אָפּגעשוואַכט, מיין האַרץ איז שוין עטלעכע יאָר קראַנק און אַז קיין פּולווער פאַרנעם איך נישט.

די קאָלאָנען־פירערין פון דאַנען איז געווען די אַמאָליקע ייִדן־עלצטע פון קלעטענדאָרף. זי האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן גוטן ווילן צו מערערע פון אונדז. טייל מאָל האָט זי אַפילו אַרויסגעוויזן מיטגעפיל. זי פלעגט פועלן ביי די דייטשן אַז די קראַנקע און אַלטע זאָל מען נישט אַרויסשיקן אויף אַרבעט מחוץ דעם לאַגער, מ׳זאָל זיי באַשעפטיקן ביי אינעווייניקסטע אַרבעטן. מיין ערנסטער מעמד האָט זי געשטעלט אין פאַרלעגנהייט און איך האָב איר געוואָלט העלפן געפינען אַן אויסוועג פאַר מיר. איך האָב איר געזאָגט אַז איך וועל נאָך אַ מאָל פּרוּוון אַרבעטן ביים וועגן דעם פּולווער. ס׳קען זיין אַז נאָר אין אָנהייב ווירקט עס שלעכט, כ׳וועל זיך אפשר צוגעוווינען. איך בין ווידער אַריין אין דער האַלע. אָבער אויך דאָס מאָל האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן שלעכט. מיין צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט און איך האָב שוין אַליין נישט געקאָנט אַרויסגיין פון דער האַלע. דאָס האַרץ מיינס האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן און די ביטערקייט פון

דעם פּולוועך האָט מיר ממש פאַרכאַפּט דעם אָטעם. מ׳האָט מיך ווידער אַריינגענומען אין דער סאַניטאַר־שטוב ווו איך בין געבליבן ביזן צוריק־גיין אין לאַגער. צוריקגיין האָב איך נישט געקאָנט. מיינע חברטעס האָבן מיך צוריקגעפירט שריט ביי טריט און געהאַלטן מיך אונטערן אָרעם. אין משך פון טאָג איז מיר געוואָרן בעסער און ביי נאַכט האָב איך ווידער געמוזט גיין צו דער אַרבעט. צו ערשט האָט מען מיך אַריינגעפירט אין דער אָפּטיילונג ווו מען פּראָדוצירט באָמבעס פאַר אונטערוואַסער־שיפן. מיר האָט מען צוגעשטעלט שטאָלענע פורעמס אָנגעפילטע מיט פּולוועך וועלכע איך האָב געמוזט גלייך אויסשטעלן אויף ברעטלעך. די אַרבעט איז געווען ענלעך צו דער אַרבעט אויף אַ שרייב־מאַשין. דאָ האָבן גע־אַרבעט נאָר צוויי פרויען. געזעסן זענען מיר אָפּגעטיילט און געאַרבעט ביים אויסשטעלן די פורעמס. מ׳האָט דאָס געמוזט מאַכן זייער גיך ווייל די דייטשישע מייסטערין איז די גאַנצע צייט געלאָפן פון איינער צו דער אַנדערער און אונדז אונטערגעיאָגט; די דייטשקע האָט אָן אויפהער צוגע־ברענגט נייע פורעמס און מיר האָבן אונדזער אַרבעט געמאַכט גענוג גע־שיקט. דער ריח פון שוועבל האָט טאַקע אַ ביסל געשטיקט, אָבער די גוטע לופט פון דער געגנט האָט פאַרלייכטערט דאָס אָטעמען.

באָמבעס און מענטשן

דער לאַגער האָט זיך געפונען אין איינעם פון דייטשלאַנדס שענסטע ווינקלען, אין די אַזוי גערופענע דייטשישע ריזענגעבירגע. די לופט איז געווען אַ וווּנדערלעכע. נאָענט פון מיין אַרבעט־טיש איז געווען די אַרויס־גאַנגס־טיר און איך פלעג פון מאָל צו מאָל אַרויס אין דרויסן שעפּן אַ ביסל פרישע לופט. מיר האָבן זיך אויך באַמיט צו האַלטן אָפן די טיר. די מייסטערין האָט דאָס באַמערקט און עס איז איר נישט געפעלן געוואָרן. ווען אָבער ס׳האָט אָנגעהויבן פאַלן די פּראָדוקציע פון די אַזוי גערופענע „צינדערס״ האָט זי מיך די ערשטע געהייסן גיין פון דאַנען.

מען האָט מיך דעמאָלט אַריבערגעפירט אין דעם אָפּטייל פון „באָמבען־גיסן". ווידער האָב איך געאַרבעט ביי אויפּשטעקן די ליידיקע פורעמס. די דאָזיקע באָמבעס זענען באַשטאַנען פון אַן אַנדערן פּולווער — אַ מין שוועבל. דער פּראָצעס פון אויסאַרבעטן די באָמבעס איז געווען אַ לאַנגער. ביז עס איז פאַרטיק געוואָרן אַ באָמבע האָט זי געמוזט אַדורכגיין אַ סך הענט. די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן מיטן אויפשטעלן און ציילן די פורעמס. דערביי האָט מען געדאַרפט שטיין אין קאָנטאַקט מיטן דייטשישן מייסטער. צוויי טשעכישע מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט ביי אַ דערבייַאיקן טיש, האָבן מיר דערציילט אַז דער מייסטער איז ערשט נישט לאַנג געקומען פון אַמעריקע און ער ווייזט זיך אַרויס צו זיין אַ גוטער מענטש אָבער אַ משוגענער.

ביי אַן אַנדערן טיש זענען געזעסן פּוילישע מיידלעך, וועלכע זענען אַהער געקומען נאָכן אויפשטאַנד פון גענעראַל באָר־קאָמאַראָווסקי אין וואַרשע. נאָענט פון יעדן טיש זענען געזעסן דייטשישע פרויען. אויסגעפאַרטיקט די באָמבעס האָבן צוויי פאָלקעס. די פאַרטיקע פּראָדוקציע האָט קאָנטראָלירט אַ דייטשקע. אויסגעפּרובירט אויף זיין אופן די שטאַרקייט פון דער באָמבע האָט דער דייטשישער מייסטער אין אַן אַנדערן צימער. דערצו פלעגט ער שטענדיק נעמען עמעצן צו הילף. דער מייסטער איז געוואָרן צו די יידישע פרויען זייער העפלעך. אָבער דאָ איז עס נישט געווען וויכטיק פאַר אונדז. אַלע פרויען, חוץ די דייטשקעס האָבן מיר געליטן פון די זעלבע צרות. מיר האָבן זיך צוזאַמען געפרייט ווען דער טאָג איז אַדורך בשלום און ווען מיר האָבן זיך צו מאָרגנס ווידער צוזאַמענגעטראָפן. אין אַלגעמיין האָט דער מייסטער ביי דער אַרבעט נישט געמאַכט קיין אונטערשיד צווישן יידישע אָדער נישט־יידישע אַרבעטערינס. ווען מיר האָבן געדאַרפט שלעפּן שווערע קאַסטנס מיט די פורעמס, פלעגט דער מייסטער אונדז העלפן. ער האָט אויסגעמיטן אונדז צו געבן שווערע אַרבעטן און זיך באַמיט אַז מיר זאָלן באַקומען מער עסן. זיין מילדקייט איז אָבער נישט געפעלן געוואָרן די דייטשישע פרויען. איך ווייס נישט וואָס זיי האָבן געטאָן, נאָר פּלוצלינג האָט ער געענדערט די באַציִונג צו אונדז, געוואָרן שטרענגער און ערגער.

דער כאַראַקטער פון דאָזיקן דייטש האָט מיך פאַראינטערעסירט. אַ מאָל אין אַ גוטער מינוט האָב איך אים געפרעגט, צי ער איז אַ דייטש? ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט דער פראַגע און געענטפערט: „יאָ, יאָ".

„אָבער, וואָס איסט דען?" האָט ער געפרעגט.

„יאָ, האָב איך אים געענטפערט, זי האָבען איין גאַנץ אַנדערעס בענע־מען". מיין ענטפער האָט אים שטאַרק דערפרייט.

איך האָב דעמאָלט געבעטן דעם דאָזיקן מייסטער ער זאָל צו דער אַרבעט נעמען מער יִדישע פרויען און ער איז נאָכגעקומען מיין ווונטש. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן דאָ שוין געאַרבעט דרײַסיק יִדישע פרויען. איך האָב געהאַט דאָס רעכט זיך פריי צו באַוועגן פון איין האַלע אין דער צווייטער. כ׳האָב אויך געמעגט ענדערן די אַרבעטן פאַר די פרויען; די וואָס זענען געווען נישט געזונט האָב איך אַוועקגענומען פון דער אַרבעט ביים פולווער.

אַליין פאַרצרהט, אָפּגעשוואַכט, שטענדיק אונטער דער בייטש, זענען אָבער מיינע אויגן און דאָס האַרץ געווען וואַך. איך האָב זיך צוגעקוקט און געזען אַז די דייטשקע פירט נישט אויס איר אַרבעט פּינקטלעך; זי מעסט נישט אַלע באָמבעס אַזוי ווי מ׳האָט איר געהייסן. פון צייט צו צייט מעסט זי איבער געוויסע פּאַרטיעס פון דער פּראָדוקציע, אָבער דערנאָך פוילט זי זיך און מעסט נישט איבער די גאַנצע פּראָדוקציע. איך האָב צוגעהיטן די מינוט ווען די דייטשקע איז נישט געווען און בין אַריין צו די פּוילישע פרויען מיט אַן אויסרייד. אומבאַמערקט האָב איך אַ שטויס געטאָן דאָס מאַשינדל וואָס האָט געבויערט לעכער אין די וואַסער־באָמבעס. אַזוי האָב איך געטאָן וואָכן לאַנג און דערפון זענען די באָמבעס אַרויסגע־קומען מיט דעפעקטן וועלכע די דייטשקע האָט נישט באַמערקט ביים מעסטן זיי. איך האָב נישט געוווסט וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען און כ׳האָב, פאַרשטייט זיך, מורא געהאַט פאַר עמעצן זיך צו פאַרטרויען. צוויי וואָכן שפּעטער איז מיר געשען אַן אומגליק: כ׳האָב צעבראָכן אַ האַנט און נישט געקאָנט גיין צו דער אַרבעט. כ׳בין געבליבן אין לאַגער. דעמאָלט איז צו מיר דערגאַנגען די ידיעה אַז אין אונדזער אָפּטיילונג איז אויס־געבראָכן אַ גרויסער סקאַנדאַל. ס׳איז געקומען אַ קאָמיסיע קאָנטראָלירן

די באַמבעס און עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן אַז אַ גרויסער טייל וואַסער־באַמבעס, אויסגעאַרבעטע פון אונדזער גרופּע, מוזן ווערן איבער־געגאָסן ווייל אַ סך פּאַרטיקע באַמבעס טויגן נישט.

געווען איז דאָס אין דעצעמבער 1944. דער ווינטער איז געווען זייער אַ שווערער. מיר האָבן געליטן הונגער און דער עיקר — קעלט. מיר האָבן נישט געהאַט קיין שיך און מ׳האָט אונדז געגעבן הילצערנע טרעפּעס. ביי אַ סך פרויען זענען די פיס קראַנק געוואָרן, זיי האָבן באַקומען געשווילעכצן מיט אייַטער אויף די פינגער. אויך איך האָב די טרעפּעס נישט געקאָנט אָנטאָן. כ׳האָב אָפּגעשניטן אַ שטיק סחורה פון דער קאָלדרע מיט וועלכער איך פלעג זיך צודעקן ביי נאַכט און דערפון זיך אויפגענייט אַ פּאָר „שיך". אין אָט די שיך בין איך יעדן טאָג געגאַנגען צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט אַ שטרעקע פון 6 קילאָמעטער. צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, פלעגט מען די סחורהנע שיך טרוקענען אַנטקעגן פייער און אָפט מאָל איז אַזאַ „שוך" פאַרברענט געוואָרן ביים טרוקענען אים אויפן אויוון.

די הילצערנע שיך האָבן אָבער אויך געהאַט פּאַר אונדז אַ מעלה. ווען מיר פלעגן אַרבעטן ביי טאָג און דורכגיין דעם הויף האָט די גרופּע וואָס האָט געאַרבעט אויפן הויף אונדז געפלעגט געבן אַ פּאָר קאַרטאָפל. אָבער די קאַרטאָפל האָבן מיר נישט געטאָרט נעמען. דערפאַר האָבן מיר זיי צעשניטן אויף דינע פּענעצלעך און די פּענעצלעך אָנקלעפּן אויפן לייַב און אַזוי אַרום ברענגען אין לאַגער אַריין. די שומרים פלעגן אונדז אָבער אָפט רעווידירן און באַשטראָפן אויב מ׳האָט ביי אונדז געפונען די קאַרטאָפל פּענעצלעך. זענען מיר געפאַלן אויף אַ המצאה: מיר האָבן צוגעקלעפּט די דינע קאַרטאָפל־פּענעצלעך צו די הילצערנע קלאָמפּעס פון די טרעפּעס און אַזוי אַרום זיי אַריינגעשמוגלט אין אונדזער באַראַק.

די כּסדרדיקע שפּאַנונג, די שטענדיקע יאָגעניש ביי דער אַרבעט האָט זיך זייער שטאַרק אָפּגערופן אויף מיין געזונט. דאָס ערגסטע איז געווען פאַר מיר די אַרבעט ביי נאַכט. איך דערמאָן זיך אַז דער גוטער דייטש

האָט אונדז דערזען ביי נאַכט אויסגעבלייכטע, שוואַכע, האָט ער אָפּגעקליבן די שוואַכערע און זיי געהייסן זיך זעצן און גאָרנישט טאָן. דעמאָלט האָבן מיר געמיינט אַז ס׳איז אַ חלום, אַז די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט... מיר האָבן נישט געגלייבט אונדזערע אייגענע אויערן, במילא נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די רייד פון אַ דייטש. און מיר האָבן סיי ווי געאַרבעט. אָבער ווען ער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט דאָס פּרי׳ערדיקע: „מעדעלס, איר זינד דאָך קראַנק, גייט דאָך צור זייטע, מאַכט ניכטס, מאַכט ניכטס" און אין אונדזער אָנוועזנהייט זיך געווענדט צו דער דייטשקע זי זאָל אונדז אָנקוקן, האָבן מיר פאַרשטאַנען אַז ער מיינט עס ערנסט און מיר האָבן אים שוין געפאָלגט.

דאָס געשפּענסט וואָס איז אונדז נאָכגעגאַנגען האָט אָבער אַלע מאָל זיך באַוויזן אין נייע פאָרמען. צום מערסטן האָבן מיר געליטן פון חשדים אין גנבה. געגנבעט וואָס? אַ באָמבע, אַ פּושקע מיט שוועבל, אַ זאַק מיט פּולווער? ניין, אין דעם האָט מען די פאַרחושכטע לאַגערניצעס נישט חושד געווען. מ׳האָט זיי נאָר פאַרדעכטיקט אין דורכשמוגלען אַ ביסן ברויט, אַ פּאָר קאַרטאָפל.

אָט איז געשען:

מיר זענען אַ מאָל געקומען פון דער אַרבעט, האָט מען גערופן צו אַן אַפּעל. די סיבה איז געווען אַ מעלדונג פון דער וואַך־מייסטערין, אַז מיר האָבן געגנבעט אויף דער בוי־שטעלע. מיר האָבן געמוזט שטיין גלייך און שטייף גאַנצע צוויי שעה. נאָכן אָפּשטיין אַ האַלבע שעה, איז מיר געוואָרן אַנגסטיק, פינצטער אין די אויגן און בין אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד. עמעצער האָט מיך אַריינגענומען אין לאַגער. איך בין געווען פאַרחלשט, אָבער כ׳בין געווען געגוג באַוווסטזיניק זיך קעגנצושטעלן אַז מ׳זאָל מיך נישט פירן אין דער „קראַנקען־שטובע". כ׳האָב געוואָלט ליגן אויף מיין געלעגער. מ׳איז נאָכגעקומען מיין ווונטש. נאָך דעם ווי די שטוב־חברטעס האָבן מיר געבראַכט עסן און אויך מעדיקאַמענטן, איז מיר בעסער געוואָרן, אָבער איך בין געווען פיזיש און גייסטיק צעבראָכן. כ׳האָב די גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן און דאָס האָט מיך נאָך מער אָפּגעשוואַכט. ווען די קאָלאָנען־עלצטע איז 4 אַ זייגער פאַר טאָג געקומען אונדז וועקן צו דער

אַרבעט, האָבן מיינע חברטעס זי געבעטן אַז זי זאָל מיך אויף דעם טאָג נישט פאַרשרייבן ווי אַן אַרבעט־פעיִקע מחמת קראַנקהייט, בפרט אַז אין לאַגער איז געווען באַוווּסט אַז איך סימוליר נישט. די קאָלאָנען־עלצטע האָט זיך געפֿילט אומבאַקוועם ווייל זייער אָפט האָט מען אויסגעשריבן צו דער אַרבעט קראַנקע פרויען מחמת די צאָל אַרבעטערס מוז זיין אין הסכם מיט דער פאָדערונג אויף אַרבעט־הענט. פון דעסטוועגן האָט די קאָלאָנען־עלצטע מיך באַפרייט. דעמאָלט האָב איך ערשט באמת אויסגעגלייכט מיינע גלידער און געפרווווט איינשלאָפן. אָבער פון דער וויטנס זענען צו מיר דערגאַנגען שאַרפע קולות וואָס באַפעלן „אַנטרעטן" צום אַפעל. אין באַראַק איז פלוצלינג אַריינגעפאַלן די לאַגער־דאָקטאָרין און מיט געשריי מיר באַפוילן תיכף זיך שטעלן צו דער אַרבעט. עס איז נישט געווען קיין אויסוועג און צוויי חברטעס האָבן מיך אָנגעטאָן, גענומען אונטערן אָרעם און מיך געפירט צו דער אַרבעט. מיט די לעצטע כּוחות בין איך אָנגעקומען אין „ווערק". די קאָלאָנען־פירערקע האָט געמאָלדן, אַז איך בין קראַנק געוואָרן און אַז איך מוז בלייבן אין דער סאַניטאַר־אָפּטיילונג. אַזוי איז טאַקע געשען. ווען אַלע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען צו דער אַרבעט האָט די קאָלאָנען־עלצטע מיר געבראַכט רפואות. די גאַנצע צייט בין איך געלעגן אויף דער באַנק און בעת די פויזעס האָבן די חברטעס מיר צוגעטראָגן עפּעס צום עסן. צום אַהיימגיין בין איך געווען אויסגערוט און בין געגאַנגען אָן קיינעמס הילף. ווען איך בין שוין געלעגן אויף מיין געלעגער, איז געקומען אַ שליח פון דער לאַגער־דאָקטאָרין, אַז איך דאַרף זיך גלייך ווייזן פאַר איר. איך האָב איר געשיקט זאָגן, אַז איך פיל זיך איצט גוט און זע נישט די נויטיקייט צו גיין צו איר. אַ ביסל שפּעטער האָט זי ווידער געשיקט נאָך מיר. אויך דאָס מאָל האָב איך איר געלאָזט וויסן דאָס זעלבע וואָס פריִער. דאָס האָט זיך אַזוי איבערגעחזרט אַ פּאָר מאָל און יעדעס מאָל האָט זי מיט דראָונגען מיך אויפגעפאָדערט צו קומען, אָבער איך בין נישט געגאַנגען צו איר. צו מאָרגנס ווען מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין דער ריי כּדי אָפּצומאַרשירן צו דער אַרבעט איז איין פרוי געווען צו פיל, וועדליק מען האָט געפאָדערט פון דעם „ווערק". אין בייזיין פון דער דייטשקע האָט די דאָקטאָרשע מיר באַפוילן אַרויסצוגיין פון דער ריי און נישט גיין צו דער

אַרבעט. דערויף האָב איך געענטפערט: „זאָל בלייבן אַזאַ פרוי אין לאַגער וואָס פילט זיך היינט אַזוי ווי איך נעכטן. היינט גיי איך צו דער אַרבעט!"

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט איז נעכטן נאָך אונדזער אַוועקגיין צו דער אַרבעט, געוואָרן אין לאַגער אַ גרויסער טומל בשייכות מיט דער דאָקטאָרשעס האַנדלונג. זי האָט עס היינט געוואָלט אויסבעסערן צוליב איר אייגענעם נוצן. די דאָקטאָרשע האָט געשמט פאַר אַ גרויסער עגאָיִסטקע וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן ביי יעדער געלעגנהייט. מחמת איר עגאָיִזם האָט זי צוגעהאָלפן די דייטשן אונדז צו פּייניקן.

מחמת דער שלעכטער דערנערונג האָבן כמעט אַלע פרויען געליטן פון געשווירן. דערצו האָבן אויסגעפּעלט באַנדאַזשן און די פורונקולן האָבן זיך שלעכט געהיילט. דער טאָג־שיכט פלעגט אַרויסגיין צו דער אַרבעט פאַר טאָג מיט נישט פאַרבאַנדאַזשירטע ווונדן. ביי דער אַרבעט איז דער פּולווער אַריינגעדרונגען אין די אָפענע ווונדן און געגעסן דאָס פליייש. פאַרן אָפּמאַרשירן צו דער אַרבעט האָבן די אומגליקלעכע פרויען געבעטן ביי דער דאָקטאָרשע זי זאָל זיי פאַרבינדן די ווונדן. אָבער זי האָט מיט רוגזה אַרויסגעשריגן פון איר וואַרעמען געלעגער אַז מ׳זאָל איר נישט שטערן. איר אַרבעט־טאָג הייבט זיך אָן ערשט 7 אַ זייגער. די פראַו דאָקטאָר עלזע ק. האָט בכלל געמאַכט פון איר פּראָפעסיע אַ „געשעפט". ווער עס האָט איר עפּעס געבראַכט דעם האָט זי בעסער באַהאַנדלט. דער עיקר איז זי געווען גוט צו די פרויען וואָס האָבן געאַרבעט אין קיך. די קעכינס האָבן איר צוגעטראָגן דאָס בעסטע עסן. אַ פאַקט איז אַז אין לאַגער וואָס איז שווער און ביטער פאַר די לאַגערניקעס איז די דאָקטאָרשע זייער דיק געוואָרן. איר פּנים האָט געבליט. איך האָב געזאָגט צו מיינע חברטעס אַז ס׳איז פּשוט אַ שאַנדע אַז אַ ייִדיש פּנים זאָל אין די באַדינגונגען אַזוי שייַנען. מיר אַלע אין לאַגער זענען געווען שטאַרק אויפגעבראַכט אויף איר גראָבהויטיקייט כּלפּי די געפּלאָגטע ייִדישע פרויען. מיר האָבן זיך גענומען בונטעווען קעגן איר און דאָס איז דערגאַנגען צו דער לאַגער־מאַכט. דער פּועל־יוצא איז געווען אַז מ׳האָט די „טייערע" דאָקטאָרשע איבערגעשיקט אין אַן אַנדערן לאַגער. אָבער שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז זי געפינט זיך אין אַ דערבייַיִאיקן מענער־לאַגער און אַז איר פּערזענלעכע

לאַגע איז פאַרבליבן נישט געענדערט. דאָס מזל האָט איר צוגעדינט און ווי איך האָב געהערט איז זי געבליבן לעבן אָבער אין פוילן האָט זי זיך מער נישט באַוויזן. כ׳ווייס אָבער נישט צי איך וואָלט זי היינט פאַראורטיילט אויב איך וואָלט זי ערגעץ געטראָפן. סוף־כּל־סוף האָט זי קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. זי האָט אויך קיינעם נישט געהאָלפן כאָטש זי האָט געהאַט מעגלעכקייטן דערצו. זי האָט בלויז געהיטן איר אייגענע פעל און זי געפלעגט. אמת, עס זענען נישטאָ קיין געשריבענע געזעצן וועגן דעם אַז מען מוז יענעמען העלפן. עס איז אַ פראַגע פון געוויסן. אין יענע אויסטערלישע צייטן האָט די דאָזיקע פרוי זיך נישט געקאָנט דערהייבן איבער דער דורכשניטלעכקייט. זי, דער דאָקטער, אַ געזונטע, שטאַרקע צווישן אָן אַ שיעור סקעלעטן־שאָטנס. דאָס אַליין איז שוין אַ גענוגנדיקע באַשולדיקונג קעגן איר און קעגן נאָך אַנדערע אַזעלכע וואָס די שיינע צייט האָט אָנגעמיסטיקט אין אונדזער לעבן.

פון לאַגער צו לאַגער

דעצעמבער 1944 איז געווען זייער אַ קאַלטער חודש אין די דייטשישע בערג. דער ווינטער האָט זיך פרי געשטעלט אין זיין נאַקעטער שאַרפקייט. עס איז אָנגעפאַלן אַ געדיכטער שניי און די קעלט און די פייכטקייט האָבן שטאַרק געפייניקט. ס׳איז ווי מיט אַ מאָל געוואָרן האַרבער ווינטער אַז אַפילו די דייטשן וואָס זענען געווען ממונה איבער די ייִדן האָט עס דערשראָקן. לויט אַ פאַראָרדענונג האָבן אַפילו מיר, די שקלאַפן, באַקומען יעדן טאָג צוגעטיילט עטלעכע שטיקלעך קוילן איינצוהייצן דעם אויוון. אָבער דערפון האָט די וואַרעמקייט אָנגעהאַלטן בלויז אַ קורצע ווײַלע.

אויך אין דער „קראַנקען־שטובע״ וווּ עס האָבן זיך געפונען אַ סך פרויען איז נישט געווען בעסער. דערצו האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן קלאַנגען אַז מיר וועלן אויפהערן צו אַרבעטן. די ידיעה האָט אונדז שטאַרק

באַאומרויִקט, ווייל דער אַרבעט־פּלאַץ איז געווען די איינציקע מעגלעכקייט זיך צו פאַרשאַפן עסן.

אין דער סביבה פון אונדזער לאַגער אויף אַן אָפּשטאַנד פון עטלעכע קילאָמעטער האָט זיך געפונען אַ נעץ פון ענלעכע שקלאַפן־לאַגערן און פון צייט צו צייט פלעגן זיך צו אונדז אַריבערכאַפּן פון דאָרט איינצלנע מענטשן. זיי זענען געקומען מיטן אויסרייד פון אַ ספּעציעלער שליחות. פון די דאָזיקע האָט מען זיך דערוווּסט אַז אויך אין אַנדערע לאַגערן האָט מען אויפגעהערט צו באַשעפטיקן די קאַצעטלערס. די אַרבעט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. דערפון האָבן מיר זיך משער געווען אַז די דייטשן וועלן אָנהייבן זייער ברייט פאַרמאָסטענע אַקציע צו פאַרטיליקן די געפאַנגענע ייִדישע שקלאַפן, זיי וועלן אויפלייזן די לאַגערן. מיר האָבן באַנומען ווי שטאַרק ס׳איז די דייטשישע בעסטיע און ווי זי איז פאַרביסן ספּעציעל קעגן די ייִדן. אויסטערליש: כאָטש ס׳איז נימאס געוואָרן דאָס מאַטערניש, דאָס לויפן פון דער טויטשרעק, דאָך האָט דעמאָלט זיך ערשט צעפלאַקערט דער ווילן איבערצולעבן היטלערן. וועלן מיר עס דערגרייכן ?! אין די דייטשישע צייטונגען וועלכע מיר פלעגן אַ מאָל געפינען, אַוועקגעוואָרפענע פון די דייטשן, פלעגן מיר לייענען: „אין אָסטן קיינע נויעס״, דאָס רוסישע מיליטער איז געבליבן שטיין אויף דער צווייטער זייט ווייסל און — סטאָפּ! חדשים לאַנג האָבן מיר געוואַרט אויף דער יאַנואַר־אָפענסיווע. מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן פאַרלירן די האָפענונג צו קאָנען זיך פון דאַנען אַרויסקריגן.

ווען מ׳האָט אונדז אין יוני 1944 געבראַכט קיין לודוויגסדאָרף, האָבן מיר נישט געוווּסט, צי מ׳האָט אונדז ווידער געפירט אין שקלאַפן־אָרט אָדער אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. מיר האָבן געוווּסט, אַז אין די ק.צ.־לאַגערן שערט מען אָפּ ביי די פרויען די האָר און מע צווינגט זיי אָנצוטאָן פּאַסן־קליידער. די ערשטע עטלעכע טעג האָט זיך גאָרנישט געענדערט אין לודוויגסדאָרף; מ׳האָט אונדז אָנגערופן ביי די נעמען, נישט געשוירן די האָר און נישט אָנגעטאָן קיין קאַצעט־קליידער.

נאָכן אָפּזיין צוויי וואָכן אין לאַגער האָבן מיר, די נישט אַרבעטנדיקע, אין אַ נאָכמיטיק שפּאַצירט איבערן לאַגער־הויף און פּלוצלינג דערזען

אַנקומען אַ גרופּע ס.ס.־לייט. „ס׳איז אַ שלעכטער סימן״, האָט עס מיר אַ זעץ געטאָן אין האַרץ. גלייך איז די ייִדן־עלצטע גערופֿן געוואָרן צו דער לאַגער־פירערין און ס׳האָט זיך פֿאַרשפּרייט די ידיעה אַז עס איז געקומען אַ קאָמיסיע, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט צו וואָס זי איז געקומען. יעדע פֿון אונדז איז אינסטינקטיוו געווען באַזאָרגט וועגן איר אויסערלעכן אויסזען. אַ בלאַס פּנים, אַ שלאַבעריק גיין אויף די פֿיס, אַ שטאַרקע אויסגעצערטקייט איז תּמיד אַ וויזע צום קאַנצלאַגער, אַ גיכער וועג צום קרעמאַטאָריע־פֿייער. אוי ווי מיר האָבן געציטערט! אַלע האָבן מיר געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק פֿון געזונטע, יונגע מענטשן. אַז איך דערמאָן זיך היינט, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן, דעם דאָזיקן „וויזיט״, הייב איך אַליין אָן צו צווייפֿלען צי דאָס איז טאַקע פֿאָרגעקומען אין דער אמתן.

אין אונדזער לאַגער זענען געווען ביי זעקס הונדערט פֿרויען אין עלטער פֿון 14 ביז 60 יאָר. אַלע 600 פֿרויען האָט מען באַפֿוילן אויסצוטאָן זיך נאַקעט און צעטיילט אין גרופּעס צו 20־25. גרופּעסווייז האָט מען אונדז געהייסן אַריינגיין אין אַ צימער ווו עס זענען געזעסן עטלעכע עלעגאַנט אוניפֿאָרמירטע ס.ס.־לייט און צווישן זיי אונדזער לאַגער־עלצטע. מ׳האָט אונדז אויסגעשטעלט אין אַ ריי מיטן אָפּשטאַנד איינע פֿון דער אַנדערער אויף אַ האַלבן מעטער. אַזוי האָט מען אונדז באַפֿוילן צו לויפֿן אַרום דעם צימער. אייניקע פֿון אונדז האָבן געפּרוּווט צו פֿאַרדעקן טיילן פֿון קערפּער, אָבער דאָס האָבן די דייטשן פֿאַרווערט. זענען מיר געלאָפֿן פּאַוואָליע איינע הינטער דער צווייטער, האָבן די ס.ס.־פֿאַרשווינען אונדז באַטראַכט און עפּעס פֿאַרצייכנט. מיר זענען געווען זיכער אַז מען באַטראַכט אונדז אויף אַזאַ אופֿן ווייל מען וויל פֿעסטשטעלן אויף וויפֿל מען קאָן אונדז נאָך אויסנוצן צו פֿאַרשידענע אַרבעטן און דערנאָך וועט מען אונדז אָפּשיקן ווי „ברען־מאַטעריאַל״. איך מוז מודה זיין אַז כאָטש מיר האָבן זיך געשעמט מיט דער נאַקעטקייט האָט די גאַנצע פּראָצעדור אויף אונדז נישט געמאַכט קיין גרויסן רושם. מיר האָבן דערשפּירט די ביליקייט פֿון אונדזערע אייגענע קערפּערס, אָבער מיר זענען גלייכצייטיק געוואָרן אָנגעפּולט מיט פֿאַר־

אַכטונג צו די עקלדיקע דייטשן. נאָכן אַרויסגיין פון דעם „בעשוי" האָבן מיר צווישן זיך ווינציק גערעדט, מיר האָבן אָבער זיך דערפילט זייער דערשלאָגן.

וואָס וועט זיין דערפון? צוליב וואָס מאַכן זיי אַזאַ דעפּילאַדע? יעדע פון אונדז האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ. אָבער ווער וועט אונדז ענטפערן? אין אָוונט האָט מען יעדער פון אונדז געגעבן אַ „מעדאַליאָן" פון זאַמש, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן אַ נומער. דער מעדאַליאָן איז געווען דורכגעצויגן מיט אַ שטריקל כּדי מען זאָל אים קאָנען אָנטאָן אויפן האַלדז; מ'האָט אונדז אויפגעקלערט אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט מען אונדז נישט רופן מיט אונדזערע נעמען, נאָר לויט די נומערן, צום ביישפּיל: „העפטלינג נומער 1, העפטלינג נומער 10" אאַז"וו. מ'האָט אונדז אויך אָנגעזאָגט אַז מיר טאָרן דעם נומער קיין מאָל נישט אַראָפּנעמען פון האַלדז, מיר מוזן אַפילו שלאָפן מיט דעם נומער. אויב מ'וועט עמעצן כאַפּן אָן דעם נומער אויפן האַלדז וועט מען אים אָפּשערן די האָר.

די פראַגע פון אָפּשערן די האָר איז אַלץ נישט אַראָפּ פון טאָג־אָרדענונג. מ'פלעגט אונדז שאַנטאַזשירן מיט דער דאָזיקער שטראָף. פאַר וואָס מ'האָט אונדז די האָר נישט אָפּגעשוירן איז פאַר אונדז געבליבן אַ רעטעניש. ס'איז געשען אפשר דערפאַר ווייל דער רוסישער פראָנט האָט זיך שוין דערנענטערט צו וואַרשע. די פּראַקטיק האָט באַוויזן אַז נאָך דעם ווי דייטשלאַנד פלעגט איינעמען אַ נייע שטאָט, דערגרייכט אַ נייע פּאָזיציע, פלעגן זיך שיטן גזירות קעגן ייִדן.

איצט איז קלאָר געוואָרן אַז מיר געפינען זיך אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. צוויי מאָל אַ טאָג האָט מען גערופן „אָנצוטרעטן" צום אַפּעל. ביז איצט פלעגן מיר זיך אויסשטעלן און מאַרשירן צו דריי אין דער ריי. פון איצט אָן האָבן מיר זיך געמוזט אויסשטעלן צו פינף אין אַ שורה. דאָס האָט געמוזט אויסגעפירט ווערן פּינקטלעך. אָבער דאָס מאַרשירן איז געוואָרן אַ נײַע צרה. ווען מיר זענען אָנגעהאָרעוועטע צוריקגעקומען פון דער אַרבעט, זיך אַ וואָרף טאָן אויף די געלעגערס, פלעגן מיר פּלוצלינג דערהערן אַ פייפן: דאָס האָט אָנגעזאָגט אַז מען מוז שוין ווידער „אָנטרעטן" (זיך שטעלן צום אַפּעל). ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אונדז געלערנט

די תּורה פון שטיין גלייך און פון מאַרשירן ריכטיק. די ייִנגערע פרויען האָבן זיך צו דעם שנעל צוגעוווינט, אָבער די עלטערע איז געווען שווער צו שטיין אַזוי לאַנג אויף די פיס און נאָך שווערער איז זיי געווען צו גיין אין טראָט. זייערע אַלטע שוואַכע פיס פלעגן שטרויכלען. די דאָזיקע עלטערע פרויען פלעגן מיר אַריינעמען אין דער מיט, כּדי די דייטשן זאָלן זיי וויניקער זען.

ווען ס׳פלעגט זיך דערנענטערן די שעה פון „אַנטרעטן" האָט די אַלטע פרוי פון קזשעפּיץ וואָס איז געווען צווישן אונדז, אָנגעהויבן זאָגן קאַפּיטלעך תּהילים. פון איר פאַרמאַטערטן זכּרון האָט זי אַרויסגעהויבן אַלע תּוכחה־קללות וועלכע זי האָט אַ מאָל געלייענט אין דער „צאינה וראינה" און מיט זיי געבענטשט די דייטשן. איך בין געווען מיט איר צוזאַמען עטלעכע יאָר. אַלע צרות האָט זי אויפגענומען מיט ווירדע. זי איז געווען אַ תּם, אָבער מיט איר תּמימות האָט זי ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַ טיפע אַכטונג. מיר האָבן אויסגעפּועלט אַז די צוויי אַלטע פרויען זאָל מען באַשעפטיקן אין לאַגער גופא. מ׳האָט זיי צוגעטיילט צו קיך־אַרבעט. עס איז אויך געווען אַ דריטע עלטערע פרוי און אויך זי האָט מען געהאַלטן ביי געלעגנהייטלעכע אַרבעטן אין לאַגער.

יענער ווינטער, ווי כ׳האָב אים שוין אויסגעוויטיקט פון מיין זכּרון, איז געווען זייער אַ פייַנלעכער. אַ סך פון אונדז זענען אַזוי קראַנק געוואָרן אַז דער קראַנקן־באַראַק איז כּסדר געווען פול. דאָס עסן האָט זיך פאַר־ערגערט פון טאָג צו טאָג. ווי לאַנג מ׳האָט אונדז געפירט אויף אַרבעט אויסערן לאַגער האָבן מיר נאָך געהאַט די מעגלעכקייט אויסצוטוישן עפּעס אַ זאַך פאַר ברויט. אָבער מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז אויך דאָס וועט זיך ענדיקן. מיר וועלן בלייבן פאַרשפאַרט הינטער די עלעקטרישע דראָטן אָן יעדער מעגלעכקייט זיך אַרויסצוקריגן פון דאַנען.

מיר איז געווען גאָר גאָר ביטער. כ׳האָב זיך געוואָלט האַלטן אָבער די כּוחות האָבן אָפּגעזאָגט. נאָך מיין קראַנק זיין האָט זיך מיין מראה אַזוי פאַרענדערט אַז די קראַנקן־שוועסטער האָט מיך אַ מאָל געפרעגט צי איך האָב זיך אָנגעקוקט אין שפּיגל. אַז איך האָב איר נישט געענטפערט האָט זי ווייטער געזאָגט: „ווען דו קוקסט זיך אָן וואָלסטו זיך צו מיר

געוווּנדט אַז איך זאָל דיר באַפרייען אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך פון דער נאַכט־אַרבעט". אויף דעם האָב איך איר שוין יאָ געענטפערט דאָס זי קען מיין איינשטעלונג אַז כּל זמן איך קאָן גיין אויף די פיס וועל איך נישט דערלויבן אַז מ׳זאָל אויף מיין אָרט שיקן אַן אַנדערן און אפשר גאָר אַן אַלטע, קראַנקע פרוי. איך האָב איר געדאַנקט און זי האָט מיר געגעבן מעדיציינען וואָס האָבן מיר געזאָלט שטאַרקן. כ׳בין, ווי אַלע געגאַנגען אין שפּאַן.

ווען איך פלעג צוריקקומען פון דער אַרבעט, האָב איך זיך באַלד אַוועקגעלייגט אויף מיין פּריטשע וואָס האָט זיך געפונען אין אַ ווינקל פון באַראַק ביי אַ פענצטער. איך האָב אַרויסגעקוקט צו די שיינע בערג וואָס זענען אויך אין ווינטער געווען גרין. אונטער מיין קישן האָב איך געהאַט ליגן אַ פּאָר ביכלעך און אַ תּהילימל. כ׳בין געלעגן אין ווינקל און אָפט מאָל אָבסערווירט דעם אַרום. אויף דעם אונטערשטן געלעגער זענען געשלאָפן צוויי שוועסטער און זייערס אַ שוועגערין. איינע פון זיי איז געווען אַ שניידערקע. זי פלעגט נייען פאַר די ייִדישע און דייטשישע לאַגער־פּני. די אַנדערע צוויי פלעגן איר אַרויסהעלפן אין דער אַרבעט. אין דעם זכות האָט מען זיי אָפט געגעבן אָפּרו און חוץ דעם האָבן זיי געהאַט מער צו עסן. ביים צוגרייטן פאַר זיך דאָס עסן האָבן די פרויען אַ סך מאָל זיך געקריגט און מיט דעם געשטערט די רו אין באַראַק. נאָכן צוריקקומען פון דער אַרבעט האָט יעדע פון זיי אַרויסגעשלעפּט פון בוזעם די פּראָדוקטן וואָס זיי האָבן באַקומען ווי שׂכר פאַר זייער אַרבעט און ביים פאַרטיילן זיי אויף חלקים פלעגן זיי זיך קריגן, באשר די פּאָרציעס זענען נישט גלייך. דאָס איז געשען על־פּי רוב ווען די קיך אין שטוב איז שוין געווען פאַרנומען מיט אַנדערע טעפּלעך און זייערע טעפּלעך האָבן שוין נישט געפונען קיין אָרט אויף דער קיך־פּלאַטע.

אין שטוב זענען געווען נאָך 16 פרויען און אַלע האָבן געוואָלט קאָכן אויף דער קליינער קיך. די שניידערקע האָט אָבער געפונען דערצו אַן עצה. היות זי האָט גענייט פאַר דער דאָקטאָרין האָט די לעצטע איר דערלויבט צו קאָכן אין דער אַמבולאַטאָריע. די נויט האָט יעדן געצוווּנגען צו געפינען מיטלען און וועגן כּדי דורכצוגיין דעם גיהנום. אין לאַגער האָט זיך אַרויס־

געוויזן אַז יעדע פרוי וואָס האָט געקענט עפּעס אַ פּאַך, האָט זדי גיכער אַן עצה געגעבן.

געווען פרויען וואָס האָבן פון די באַנדאַזשן וועלכע זיי פלעגן באַקומען פון דער לאַגער־פירערשאַפט, געשטריקט שקאַרפּעטן. די שקאַרפּעטן האָבן זיי אויסגעטוישט ביי דייטשן אָדער אַפילו ביי יִידן פאַר אַ טעלער זופּ אָדער אַ שטיקל ברויט. פאַר אַ פּאָר שקאַרפּעטן האָט מען געצאָלט 5 אָדער 6 זופּן. די פרויען וועלכע האָבן געלעבט נאָר פון דער לאַגער־צוטיילונג פלעגן די שקאַרפּעטן אויסצאָלן אין משך פון 6 וואָכן: יעדע וואָך — אַ ראַטע, אַ טעלער זופּ. זיי פלעגן אַרויפציִען אויף די נאַקעטע פיס די שקאַרפּעטן און זיי טראָגן פון שבת ביז זונטיק אין אָוונט און דאָס האָט דער פרוי געגעבן מער כוח, ווי דער טעלער זופּ, וואָס זי האָט אַוועקגעגעבן פאַר די זאָקן. שפּעטער האָט מען זיך גענומען צו די דעקעס. דאָס האָט מען, פאַרשטייט זיך, געטאָן בסוד סודות. אַ סך האָבן זיך פון דעם שטאָף גענייט שיך. די דעקע איז געווען אַ טייל פון אונדזער קליידונג.

די מיידלעך האָבן צעטרענט זייערע געשטריקטע זאַכן און ווידער דערפון עפּעס אויסגעשטריקט. שבת נאָך מיטיק פלעג איך ליב האָבן צו אָבסערווירן ווי אַלע מיידלעך פון דער „שטובע" האָבן זיך פאַרנומען מיט לופטערן, וואַשן און ריין מאַכן די שטוב. שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן דאָס צוואָגן די קעפּ. בעת דער דאַזיקער אַרבעט פלעגן זיי זיך שטופּן, קריגן, און נאָכן אויסוואַשן דעם קאָפּ, האָבן זיך די מיידלעך אַוועקגעשטעלט פאַרן שפּיגעלע קעמען און לויזן די אויסגעוואַשענע האָר. ווען מ׳איז געוואָרן פאַרטיק מיטן וואַשן, האָט מען זיך געפּודערט און געשמינקט. דעם פּודער און שמינקע וואָס זיי האָבן נאָך געהאַט ערגעץ אויסבאַהאַלטן. ערשט דערנאָך האָט מען זיך אָנגעטאָן דאָס שענסטע וואָס מ׳האָט געהאַט. דאָס איז געווען די חיי־שעה אין אָט דעם פינצטערן יאָמער־טאָל.

געבענטשט זאָל זיין די לייכטזיניקייט פון דער פרוי אין אַזאַ שווערער צייט! אַפילו דעם הונגער, די קעלט און די קראַנקייטן האָט מען פאַרגעסן אין די דאָזיקע שעהען. צו מאָל האָט מען די געשווירן וואָס האָבן צעאייטערט דאָס לייב געפּרוווט אַזוי קאָקעטיש פאַרבינדן, אַז מ׳זאָל זיי וואָס ווייניקער

אָנזען. אָ, אויף וויפל לייכטער די פּרויען האָבן אין די דאָזיקע „גליקלעכע" לאַגערן אַריבערגעטראָגן אַלע צרות!

אַוודאי, דאָס דאָזיקע „גליק" זעען מיר ערשט אין דער פּערספּעקטיוו פון יאָרן! מיר זעען ווי אין אונדז האָט געטליִעט אַ פונק האָפענונג צו קענען איבערלעבן.

איך האָב זיך דערמאָנט פון קלעטענדאָרף, לודוויגסדאָרף, פון וואַנען מיר האָבן דערנאָך, נאָך אונדזער אַוועקגיין פון דאָרט, געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַקומען ידיעות. נאָך דעם, ווי איך האָב אין הויף פון דער לופטוואַפע געפונען דעם צירונג, האָב איך אַ טייל פון דעם אוצר פאַרקויפט און אָנגעהויבן שיקן ברויט צו מיינע באַקאַנטע פון קלעטענדאָרף. דאָרט זענען געווען צוויי יונגע ייִנגלעך, באַקאַנטע פון לאָדזש וואָס זייערע עלטערן האָבן געהאַט אויף דער זעלבער גאַס וווּ מיר האָבן געוווינט אַ קאָנדיטאָריע. איך האָב זיך באַמיט זיי מיט וואָס עס איז צו העלפן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט וועגן נאָך אַנדערע באַקאַנטע וואָס געפינען זיך אין אַ טרויעריקער לאַגע און איך האָב אויך צו זיי איבערגעשיקט ברויט. דאָס ברויט האָט מען זיי איבערגעגעבן ווען זיי פלעגן צוריקגיין פון דער אַרבעט צום לאַגער. מ'האָט מיר דערציילט אַז ווען די מענטשן האָבן דערזען דאָס ברויט האָבן זיי זיך פונאַנדערגעוויינט.ביידע יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן צערייסן דאָס ברויט און עס עסן שנעל. אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען פון זיי אַ דאַנק־בריוו. אין מיין פּשוט־מענטשלעכער האַנדלונג האָבן זיי געפונען רמזים פון דערהויבנקייט... אַ שליחות פון גאָט־ברוך־הוא. ווייִ, ווי הונגער און פּיין קאָנען דערשלאָגן!

דער אמת איז אַז זיי זענען שטענדיק געווען הונגעריק און פלעגן זוכן עפּעס אָפּצועסן. זיי האָבן זיך געפרייט מיטן ברויט וואָס איך האָב זיי געשיקט, אָבער זייערע טרערן האָבן זיך געגאָסן צוליב דער פרייד נישט אַזוי צוליבן ברויט ווי צוליב דעם וואָס עמעצער געדענקט זיי. ס'איז אַ שטראַל פון אַ נייער האָפענונג. אָבער ביידע זענען שוין געווען קראַנק, פאַרלוירענע מענטשן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך געהערט אַז ביידע זענען זיי געשטאָרבן. ס'געשווילעכץ פון הונגער איז זיי צוגעטראָטן צום האַרץ.

אָבער דאָס לאַגער־לעבן איז זיך געגאַנגען זיין אָקסן־שריט. מיר זענען ווידער געגאַנגען צו דער אַרבעט; די קריסטינס, די דייטשקעס, האָבן זיך געגרייט צו זייערע חגאות — ס׳גייט אַ ניי, גוייִש יאָר. אַ פרייד אויף זייערע קעפּ! אין לאַגער האָט מען פון דעסטוועגן געזאַמלט געלט אויף אַ געשאַנק פאַר דער לאַגער־עלצטער. דאָס וויכטיקסטע איז געווען, אַז מ׳האָט געשמועסט דערפון גאָר־גאָר ערנסט אַז אין די חגא־טעג וועט מען אונדז געבן גוט צו עסן; ס׳וועט אַפילו זיין פלייש. פאַר די דאָזיקע יום־טובים האָבן די ייִדישע לאַגער־פירערס צוגעגרייט אַ פאָרשטעלונג אין וועלכער עס האָבן אָנטייל גענומען אַלע באַגאַבטע ייִדישע יוגנטלעכע פון לאַגער.

דעם 25סטן און 26סטן דעצעמבער 1944 איז גראַד געשטאַנען אַ שטאַרקער פראָסט. די קעלט האָט אַזש פאַרנעפּלט דעם בליק. גייענדיק אין לאַגער־הויף אין מיינע גרויסע, שווערע הילצערנע טרעפּעס האָב איך זיך אויסגעגליטשט און צעבראָכן די לינקע האַנט. מ׳האָט מיך גענומען אין דער קראַנקן־שטובע אַריין און מיר געגעבן איינשפּריצונגען, כּדי איך זאָל נישט פילן ווען מ׳וועט די צעבראָכענע האַנט איינשטעלן אין דער ריכטיקער פּאָזיציע. קיין גיפּס־באַנדאַזשן זענען אין לאַגער נישט געווען, האָט די קראַנקן־שוועסטער מיר צוגעבונדן נאָר מיט אַ טיכל די צעבראָכענע געשוואָלענע האַנט.

אין דער קראַנקן־שטובע זענען געלעגן אויך אַנדערע קראַנקע. לערך צוואַנציק קראַנקע פרויען; אין אַ דערבייַיִקן צימער זענען געלעגן די גאָר שווער קראַנקע. אַ ביסל ווייטער פון מיר איז געשטאַנען אַ גרויסער לאַגער־טיש מיט בענק. „די שטובע" איז געווען זייער ריין, די פענצטער מיט ווייסע פאָרהאַנגען. דאָ האָבן שטענדיק געאַרבעט צוויי מיידלעך. זיי האָבן געהיט די ריינקייט פון קראַנקן־באַראַק.

אויף רעכטס פון מיר, אין שכנותדיקן בעט, איז געלעגן שווער קראַנק דאָס ייִדישע מיידל גערדאַ פון קלעטענדאָרף. דאָס מיידל גערדאַ האָט געהאַט איר ספּעציעלע לאַגער־געשיכטע.

אין וועלכן לאַגער גערדאַ פלעגט אָנקומען, האָבן די דייטשן וועגן דעם געוווּסט פון פריִער. עס איז מעגלעך, אַז זי האָט מיטגעבראַכט אַ רעקאָמענ־

דאַציע־בריוו פון אירע פריִערדיקע דייטשישע „באַלעבאַטים”. אין די לאַגערן, ווו מיר זענען געווען צוזאַמען מיט איר, איז זי תּמיד געווען פּריווילעגירט. זינט אַ לאַנגער צייט איז זי קראַנק, זי געפינט זיך מער אין דער קראַנקן־פּאַלאַטע ווי ביי דער אַרבעט. מ׳דערציילט, אַז זי איז שטענדיק געווען אַ לונגען־קראַנקע. דאָ אַהער איז זי געקומען אויך אַ קראַנקע. אַזוי ווי זי איז געלעגן אין מיין נאָענטער שכנות, האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט זי צו באַקענען. זי איז געווען אַ הויכע, שלאַנקע, זייער אַ שיינע. די אויגן, דאָס פּנים האָבן געכאַפּט אַן ענלעכקייט אויף די אַזיאַטן — מאָנגאָלן. די אויגן קרום־געשניטן, גרויס, דער קאָליר פון פּנים גרין־ווייס און דער אויסדרוק — פאַרעקשנטקייט. דער שוואַרצער קאָפּ לאָקן האָבן איר צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן. אַ גאַנצן טאָג איז זי געלעגן אויף אַ זייט און — פאַרטראַכט. זי האָט אַ סך געלייענט. צוליבן אויסבראָך פון דער מלחמה האָט זי נישט געקאָנט ענדיקן די שול, זי האָט אָבער באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן אין אַ ביוראָ. זי האָט ליב געהאַט שמועסן וועגן פּאָליטיק. זי פלעגט זיך שטאַרק זאָרגן וועגן דעם צי זי וועט איבערלעבן היטלערס מפּלה.

אין שפּיטאָל־באַראַק האָט מען זיך מיט איר שטאַרק אינטערעסירט. די סאַניטאַרקע פלעגט איר ברענגען ספּעציעלע עסנס און מעדיקאַמענטן. איר שיינער אויסזען און איר יונגקייט האָבן געהאַט אַ ספּעציעלן רייץ און האָבן פאַרנעפּלט איר אויפפירונג אין די ערשטע לאַגער־יאָרן. ווען איך האָב געוווּנען איר צוטרוי האָט זי מיר דערציילט וועגן איר פאַרגאַנגענהייט. יאָ, כאָטש אַזוי יונג, האָט זי שוין געהאַט הינטער זיך אַ פאַרגאַנגענהייט.

זי האָט געשטאַמט פון קאַטאָוויץ. אירע עלטערן זענען געווען מער דייטשן ווי ייִדן. פון קינדווייז אָן האָט מען זי געלערנט ליב צו האָבן און שעצן אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיטן דייטשישן פאָלק, מיט דער דייטשישער קולטור. איר מוטערשפּראַך איז געווען דייטש און זי האָט זיך געלערנט צוזאַמען מיט דייטשישע קינדער. אַפילו נאָך 1933, דאָס יאָר פון היטלערס קומען צו דער מאַכט, האָט מען זי נישט אויפגעהערט צו דערציִען אין דעם דאָזיקן גייסט. איר טאַטע־מאַמע האָבן געלעבט מיט דער האָפענונג אַז די דאָזיקע פיינלעכע צייט איז אַ פאַרבייגייענדיקע. עס האָט אויסגעע־

בראָכן די מלחמה האָט מען זי צוזאַמען מיט אַנדערע מיידלעך פאַרשיקט אין אַ לאַגער. איצט האָט זי מיט טרערן אין די אויגן מודה געווען, אַז אין אָנהייב האָט זי זיך געפילט מער דייטשקע ווי ייִדישקע. איך האָב זי דערמאָנט וועגן אַן עפּיזאָד וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר און מיט עטלעכע ייִדישע פרויען ווען מ׳האָט אונדז געשיקט — אונטער אַ וואַך — פון קלעטענדאָרף קיין ברעסלע, צו ברענגען שיך פון צענטראַלן מאַגאַזין. אָנגעלאָדן אַן אויטאָ מיט שיך זענען מיר דאַן צוריקגעקומען קיין קלעטענדאָרף, און זי, גערדאַ, האָט דעם טראַנספּאָרט גדאַרפט איבערנעמען. דעמאָלט האָט זי זייער שלעכט זיך אויפגעפירט לגבי אונדז. זי האָט אַלעמען דערנידעריקט מיטן רעווידירן אונדז. ווען מיר האָבן זי געבעטן זי זאָל אונדז געבן יעדן אַ פּאָר שיך, האָט זי זיך שטאַרק אויפגערעגט און איינע פון אונדז אַפילו געשלאָגן. מיר האָבן איר צוריקגעוואָרפן די שיך אין פּנים אַריין. דאָס האָט גערדאַן נאָך מער אויפגעברויזט, זי איז געוואָרן אַזוי ווילד, אַז אונדז איז באַפאַלן אַ מורא פאַר איר. ווייל אַזוי אויפשטורעמען קאָן נאָר אַ דייטשקע אַנטקעגן אירע שוואַכע קרבנות.

איצט האָב איך זי געפרעגט: פאַר וואָס האָט זי אַזוי געהאַנדלט? זי האָט נישט געקאָנט ענטפערן. זי האָט נאָר אויסגעקרעכצט: נאַרישקייטן, נאַרישקייטן... דער אמת איז, אַז דערצו האָט זי געשטויסן דער באַגער נישט צו פאַרלירן צו זיך דעם צוטרוי מצד דעם דייטשישן שעף. זי האָט איצט מודה געווען אַז דעמאָלט האָט זי זיך נישט געפילט ווי אַ ייִדישע געפאַנגענע נאָר זי האָט דעם לאַגער באַטראַכט ווי איר נאָרמאַלן אַרבעט־פּלאַץ. זי האָט געוואָלט בלייבן אַ גוטע באַאַמטע. איצט איז די זעלביקע גערדאַ געלעגן אַ צעטראָטענע, כאָטש זי האָט נאָך געגאָסן פון איינזעעניש מצד די דייטשן. זי האָט זיך דערשפּירט ווי אַ ייִדישקע קעגן איר ווילן.

די ערשטע פּאָר טעג בין איך געלעגן אין גרויסע ווייטיקן. מען האָט מיר שלעכט צוזאַמענגעשטעלט די צעבראָכענע האַנט. זי איז נאָך מער געשוואָלן געוואָרן. איך בין געלעגן איינגעדרייט אין דער קאָלדרע און געוויינט. דאָס ערגסטע זענען געווען די נעכט. די אויסערגעוויינלעכע ווייטיקן און דאָס ביטערע געפיל אַז אויב איך וועל יאָ איבערלעבן די מלחמה וועל איך בלייבן אַ קאַליקע האָט מיך נאָך מער קראַנק געמאַכט.

מיינע חברטעס האָבן זיך מיט מיר שטאַרק אינטערעסירט. ווען זיי האָבן מידע זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט פלעגן די מיידלעך גלייך קומען צו מיר און מיר געבראַכט צו עסן. איינע פון זיי האָט געאַרבעט ביים שעדלעכסטן מין פולווער. ביי דער דאָזיקער אַרבעט האָבן די דייטשן אַפילו די יידישע אַרבעטערס געגעבן מילך. ווען איך האָב זיך איבערוועקט איז ביי מיין בעט געשטאַנען די צאַרטע, בלאַסע ריוועטשע פון כזשאַנאָוו. זי האָט מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן טרינקען די מילך וואָס איז אַרויסגעשמוגלט געוואָרן פאַר מיר פון „ווערק”. איך האָב נישט געוואָלט אויסטרינקען איר פאַרציע מילך, האָט זי זיך פונאַנדערגעוויינט און אַזוי אַרום מיך געצווונגען צום טרינקען. די טרערן פון דער בלאַסער ריוועטשע וועלן מיך באַגלייטן דאָס גאַנצע לעבן. זי האָט מיר דעמאָלט מוסר־סוד געוועזן אַז דער „לאַמער קליינער” האָט איר צוגעזאָגט עפּעס צו ברענגען פאַר מיר.

דער „לאַמער קליינער” איז געווען דער מלאך פון דער בוי־שטעלע. ער איז געווען מייסטער פון אַן אָפּטיילונג. דאָס איז געווען אַ גוטער מענטש. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט יעדן פון אונדז. דער לאַמער קליינער מייסטער איז געווען קראַנק און אָרעם. ער האָט געהאַט אַ פרוי וועלכע איז געווען זייער ענלעך צו אים. קיין קינדער האָבן זיי נישט געהאַט. יעדן טאָג פלעגט ער עפּעס מיטברענגען פאַר אַן אַנדערע פון אונדז. ווען ער האָט די פרויען גאָרנישט געהאַט צו געבן, האָט ער זיך פאַרעפּנטפערט אַז אויך ער האָט היינט נישט באַקומען זיין צוטיילונג. כּלאחר־יד האָט ער שעמעוודיק געגעבן אָנצוהערן אַז אויך אים קומט אויס צו הונגערן. דאָך האָט ער זיך באַמיט אונדז צו טרייסטן און זיך געעדותט מיט פּסוקים פון דער „עוואַנגעליע”. מיר האָבן אים גערופן „דער פעטער פון זשאַן קריס־טאָף”. ער איז שטענדיק געווען אַ פאַרחלומטער. די היינטיקע וועלט איז אים נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט זיך געקלאָגט אַז עס איז שוין נימאס די אַרבעט אין דער פאַבריק ווו מ'האָט צוגעגרייט אונטערוואַסער־באָמבעס. ער וואָלט ליבערשט אַוועק אין די בערג מיט זיין פייפל און אַזוי שפּילן, אַז אַלע שעפּסעלעך זאָלן זיך צונויפקומען כּדי צו הערן זיינע לידער. ער האָט געשטאַמט פון דייטשישן טיראָל. מ'האָט אים דערקלערט ווי אומפעיִק פאַרן מיליטער. דערפאַר האָט מען אים געשיקט אַרבעטן אין דער אַמוניציע־

פאַבריק. ער בענקט שטאַרק צו זיין היים, ער האָט מורא פאַר היטלערן. ער האָפט אָבער, אַז גאָט וועט נאָך דער מלחמה נישט שטראָפן אים און אַלע דייטשן דערפאַר ווייל היינט האָט ער מורא פאַר היטלערן ווי פאַר גאָט.

איין מאָל ווען מיר זענען אין דער פרי געקומען צו דער אַרבעט האָט דער לאַמער אונדז מיט צייכנס צוּוויסן געטאָן אַז בעת דער הפסקה זאָלן מיר אַלע זיך פאַרזאַמלען הינטער דער געביידע פון דער פאַבריק ווו ער האָט געאַרבעט. דער בנין איז געשטאַנען אויף אַ באַזונדערן פלאַץ און איז געווען מער אָנזעעוודיק ווי די אַנדערע געביידעס. די אַנדערע געביידעס זענען געווען אַזוי געשטעלט, גלייך ווי זיי וואָלטן געווען איינגעבויט אין די בערג און זייערע דעכער זענען געווען באַוואַקסן מיט גרינס און מיט ביימער. די פאַבריק האָט זיך געפונען אויף אַ צענטראַלן פלאַץ. ווער ס׳איז באַשטימט געוואָרן דאָרט צו אַרבעטן האָט געהאַט אַ באַזונדער מזל. ווען מיר זענען 10 אַ זייגער געקומען צום אָנגעוויזענעם אָרט, האָט דער „לאָמער קליינער״ שוין געוואַרט אויף אונדז און אַלעמען אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן זאַל, ווו עס זענען געשטאַנען ליידיקע קאַסטנס. ער האָט זיך איבערגעצלמט און אונדז געגומען דערציילן זיין אויסטערלישן חלום פון דער לעצטער נאַכט. ווען ער איז איינגעשלאָפן האָט ער דערזען דעם הייליקן מאַטעוס. יענער האָט אים אָנגעהויבן גלעטן דאָס פּנים און ווען ער האָט אים געוואָלט אָננעמען ביי דער האַנט, האָט ער זיך אָפּגערוקט פון אים און אָנגעהויבן פלוצלינג שוועבן, פליִען צום הימל. אָך, ווי דער הימל איז געווען בלוי און אונטן אויף דער ערד האָט זיך צעשפּרייט אַ שיין גרין גראָז. ער האָט געזען ווי ס׳איז געוואַקסן און ס׳האָט אים געצויגן די שטילקייט ווי דאָס פּנים פון דעם הייליקן מאַטעוס. „איך האָב זיך געצלמט — האָט ער שוין געשעפּטשעט פאַר שרעק — איך האָב אויפגעוועקט מיין ווייב און איר דערציילט דעם חלום ווייל ביז אין דער פרי וואָלט איך אויפגעהערט צו גלייבן אַז איך האָב באמת געהאַט אַזאַ גרויסן חלום. ס׳איז אַ צער וואָס עס געשעט איצט מיט די מענטשן. ס׳איז אימהדיק צו טראַכטן דערפון. דעם הייליקן מאַטעוס לאָזן נישט צו רו די געשעענישן וואָס קומען פאַר אויף דער ערד. דאָס איז דאָך אַ טרייסט פון הימל; אויב ער איז שוין געקומען אַהער, זאָלט איר וויסן זיין, מיידלעך, אַז ער וועט שוין ברענגען

דעם שלום אויף דער וועלט. דער הייליקער מאַן איז אַ שליח פון גאָט. ער וועט אַלע פעלקער באַפרייען".

„פאַר וואָס האָט ער עס ביז היינט נישט געטאָן?" — האָט אים גע־פרעגט אַ קליין מיידל.

„איך ווייס נישט, איך ווייס נישט — האָט דער פאַרחלומטער דייטש אַרויסגעשטאַמלט — אָבער אַ מאָל מוז זיך דאָך דאָס ענדיקן" — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שטים פון אַ מיטשולדיקן.

ס'האָט זיך דערהערט דער פייף מען זאָל צוריקגיין צו דער אַרבעט. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט גענומען ערנסט דעם חלום פון „לאָמען קליינעם" מייסטער. מיר זענען בעת אַ נאַכט־שיכט, אין עטלעכע טעג שפּעטער, אַרויסגעגאַנגען אויפן פאַבריק־הויף אָטעמען פרישע לופט, מיר האָבן דערזען אַ וווּנדערלעך־בלויען, אויסגעשטערנטן הימל און אַרום דער לבנה — אַ גרויס ראָד (מיר פון פוילן האָבן דאָס ערשטע מאָל געזען אַזאַ נאַטור־דערשיינונג). דאַן האָבן מיר אין אונדזער פאַנטאַזיע דאָס אַלץ פאַר־בונדן מיטן חלום פון דעם „אָרעמען קליינעם". איך מוז זיך מודה זיין אַז די דאָזיקע נאַטור־דערשיינונג האָט אונדז אַזוי באַווירקט, אַז איך האָב דערין געזען סימנים פון ענדערונגען צום גוטן, נאָר צום גוטן, ווייל ערגער ווי ס'איז אונדז געווען (אַזוי האָבן מיר געמיינט) קאָן שוין נישט זיין.

איך בין אַריין אין דער קראַנקן־שטובע סוף דעצעמבער 1944. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָבן די מיידלעך גענומען ברענגען ידיעות וועגן דער גרויסער אָפענסיווע. יעדע שעה האָט מען אונדז געבראַכט אַנדערע נייעסן. אין עטלעכע טעג אַרום איז די מיידלעך געלונגען צו באַקומען ערגעץ אַ צייטונג און זיי האָבן זי אַריינגעשמוגלט אין לאַגער. דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסער טאָג ווייל מיר האָבן אין איר געלייענט וועגן דעם ערשט געעפנטן מערב־פראָנט; ווי אויך אַז דאָס רוסישע מיליטער דערנענטערט זיך צום אָדער און אַז ברעסלע ווערט טאָג און נאַכט באָמבאַרדירט.

מיר האָבן זיך געפונען אַן ערך אַ 150 קלמ. פון ברעסלע. די געגנט איז געווען פאַרזייט מיט אַרבעט־לאַגערן און קאָנצענטראַציע־לאַגערן און

אַלע זייערע איינוווינערס האָבן געאַרבעט אין די אַמוניציע־פאַבריקן. איצט האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק היטן אַז מ׳זאָל ביי נאַכט נישט אַרויסזען פון זיי קיין ליכט. ביי דער אַרבעט האָט מען פאַרגרעסערט די צאָל וועכטערס און אין אונדזער לאַגער איז געוואָרן ערגער. נאָך דער אַרבעט פלעגן די מיידלעך אַריינקומען צו מיר איבערגעבן וואָס עס הערט זיך. ווען זיי זענען דאָס לעצטע מאָל אַריינגעקומען האָבן זיי דערציילט, אַז אונדזער מייסטער, „דער גוטער דייטש״, לאָזט זיך שוין אויך פילן. היינט האָט ער שוין באַנוצט דאָס זאַפטיקע וואָרט „פאַרפלוכטע יודען״. עס איז שוין נישט אויסצוהאַלטן. די מיידלעך בעטן גאָט אַז איך זאָל געזונט ווערן. זיי מיינען אַז אפשר וועל איך קאָנען ווירקן אַז דער פריִערדיקער צושטאַנד ביי דער אַרבעט זאָל צוריקגעשטעלט ווערן. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אויפגעהערט צו נוצן די ייִדן צו דער אַרבעט און דאָס איז פאַר אונדז געווען זייער אַ שלעכטער סימן. דאָס אויסשליסן אונדז פון דער אַרבעט איז געווען ווי דער אָנהייב פון דעם סאַמע טרויעריקן סוף. איצט וועט מען אונדז ערגעץ ווו אַוועקשיקן צו ליקווידירן, אָדער מיר וועלן דאָ איינציקווייז אויסגיין. אייניקע פרויען האָבן אַפילו געפּרוווט אַנטלויפן מיט דער הילף פון אַ דייטש, אָבער עס איז זיי נישט געלונגען. זיי זענען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג און מען האָט זיי געכאַפּט און „צום גליק״ צוריקגעשיקט אין לאַגער. דאָס איז געשען דערפאַר ווייל דער וועג צו אוישוויץ איז געווען פאַרנומען און דער קרעמאַטאָריום אין גראָס־ראָזן, וואָס מען האָט געגרייט פאַר אונדז, איז נאָך נישט געווען פאַרטיק.

די לאַגע פון די קראַנקע אין שפּיטאָל איז געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלע. עס איז געווען שרעקלעך קאַלט און ס׳איז נישט געווען מיט וואָס צו הייצן. פון קעלט האָבן מיר געפילט אַ ווייטיק אין אונדזערע גופים. מיר האָבן אַרויפגעלייגט אויף זיך אַלע אונדזערע קליידער אָבער ס׳האָט קנאַפּ גע־האָלפן. די קעלט האָט געפייניקט מער ווי דער הונגער. צוויי וואָכן נאָכן צעברעכן די האַנט האָט זיך מיין צושטאַנד פאַרערגערט: די פינגער זענען געוואָרן שוואַרץ און די הענט אָנגעדראָלן.

אין יענער צייט איז אין שפּיטאָל־באַראַק אויך געווען אַ יונג, שיין מיידל, וועלכע האָט געהאַט אַ בלוט־פאַרגיפטונג אין אַ קני. איר צושטאַנד

איז געוואָרן געפערלעכער. עס איז געווען אַ געפאַר פאַר איר לעבן. נישט ווייט פון אונדז איז געווען אַ מענער־לאַגער. אונדז איז געווען באַוווּסט אַז צווישן די דאָרטיקע ייִדישע לאַגערניקעס געפינט זיך אַ באַרימטער האָלענ־דישער כירורג. אונדזער לאַגער־שוועסטער און אַנדערע האָבן אָנגעהויבן צו בעטן ביי דער דייטשישער לאַגער־אָנפירונג אַז זיי זאָלן דערלויבן דעם דאָזיקן דאָקטער אַהערקומען צו אונדז. נאָך לאַנגע בקשות האָט די לאַגער־עלצטע דערלויבט דעם האָלענדישן פּראָפעסאָר צו קומען זען דאָס קראַנקע מיידל און עווענטועל זי אָפּערירן. דער דאָקטער איז געקומען צו אונדז דעם זעלביקן טאָג און ער האָט אָפּערירט די קני פון דעם אומ־גליקלעכן מיידל. נאָך דער אָפּעראַציע איז דער דאָקטער אַריין אין צימער, ווו איך בין געלעגן. ער איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון דער לאַגער־עלצטער און דער סאַניטאַריק. ער איז געבליבן שטיין אין דער געעפנטער טיר און גענומען באַטראַכטן די קראַנקע. אין אַ מאָמענט האָט ער זיך עפּעס געווענדט צו זיינע באַגלייטערס, עפּעס גערעדט מיט זיי און אָנגעוויזן אויף מיר. ווייזט אויס אַז אַ גרימאַסע אויף מיין פּנים האָט אים עפּעס געזאָגט. ווען איך האָב דאָס באַמערקט האָב איך מיט מיינע צודרינגלעכע בליקן אים גענומען בעטן צוקומען צו מיין בעט. אַליין דאָס טאָן איז אים נישט געווען דערלויבט. דעמאָלט האָט ער זיך ווידער געווענדט צו זיינע באַ־גלייטערס, זיי עפּעס געזאָגט און ענדלעך צוגעקומען צו מיר. איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט. ער האָט מיך געפרעגט: פאַר וואָס וויינסטו? איך האָב אים געוויזן מיין שלעכט־פאַרבונדענע, צעבראָכענע האַנט און זיך נאָך שטאַרקער פונאַנדערגעוויינט.

דער דאָזיקער פּראָפעסאָר האָט זיין דיסטינגירטן אויסזען נישט פאַר־לוירן אַפילו נאָכן אָפּזיצן עטלעכע יאָר אין לאַגער. ער איז געווען אַ בלאָנ־דער, אַ הויכער, מיט אַ פאַרטראַכט פּנים. זיין קליידונג איז נאָך געווען סאָליד. אָבער דער ייִדן־צייכן אויף דער לינקער ברוסט, דאָס כּסדרדיקע גיין אין באַגלייטונג פון אַ דייטשישן וועכטער, האָט אים געהאַלטן אין דער מדרגה פון אַלע געפאַנגענע. מיך האָט געווונדערט ווען כ׳האָב געזען ווי די דייטשן האָבן זיך צו אים דאָך באַצויגן מיט באַשיימפּערלעכער איינזעעניש. קענטיק, נישט אַזוי ווייט צוליב דרך־ארץ פאַר דער קולטור,

וועלכע דער דאָקטער האָט רעפּרעזענטירט. די באַציִונג צו אים, גלייב איך, איז געווען אַ רעזולטאַט פון די לעצטע באָמבאַרדירונגען וואָס זענען געקומען אויף ברעסלע.

דער דאָקטער האָט מיך באַרויִקט. ער האָט געזאָגט אַז אויך די דער־נעבנדיקע זאָלן עס הערן: ווײַן נישט. ס'וועט זײַן גוט. די מלחמה וועט שוין לאַנג נישט דויערן. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען דעם שלעכטן באַנדאַזש פון מײַן האַנט און זיך געווענדט צו דער סאַניטאַרקע זי זאָל אים דערלאַנגען אַנדערע באַנדאַזשן און מעדיקאַמענטן. ביים איבערבינדן מײַן האַנט, האָט ער זיך אויסגעפרעגט פון וואַנען איך קום? ווי לאַנג איך בין שוין אין לאַגער? איך האָב אים געענטפערט אויף זײַנע פראַגעס און ער האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון זײַן בוזעם אַ פלעשל מיט אַ רפואה און אַ צײַטונג און געזאָגט: „אָט די בײדע זאַכן וועלן דיך געזונט מאַכן. נאָך אַ ביסעלע מוט!" און ער איז אַוועק.

ווען דער פּראָפעסאָר איז שוין נישט געווען האָב איך געבעטן מײַן קראַנקע שכנה זי זאָל מיר באָרגן אַ שפּיגעלע. שוין זייער לאַנג האָב איך זיך נישט געשפּיגלט. דאָס ליגן די צוויי וואָכן אין שפּיטאָל־באַראַק האָבן מיך שטאַרק אויסגעמאַטערט. דאָס לײַדן קעלט און די יסורים פאַר אַ צולאָג האָבן אין גאַנצן פאַרענדערט מײַן פּנים. איך האָב זיך אָנגעקוקט אין שפּיגעלע און דערקענט בלויז מײַנע אויגן. דאָס פּנים איז געווען ווייס ווי קרייד און עס איז געווען באַצויגן ווי מיט אַ דינער גאַזע; אַזוי דין און דורכזיכטיק איז געווען מײַן הויט. קוקנדיק אויף די אַנדערע קראַנקע האָב איך אַלע מאָל געהאַט רחמנות צוליב זייער אויסזען. איצט האָט מײַן אויס־זען אַרויסגערופן מיטלייד צו מיר אַליין.

ווען כ'בין געלעגן קראַנק האָב איך ערשט דערזען ווי גוט און ווי טרויעריק עס איז אָט דער מצב. ראשית איז גוט — מ'ווערט נישט געטריבן צו קאַטאָרגע אָדער צו די אַרבעטן וואָס זענען מוראדיק דערווידער. אָבער ס'איז ביטער — מ'האָט צו פיל צײַט צו טראַכטן. און געטראַכט האָב איך: ווי לאַנג קאָן עס אַ מענטש אויסהאַלטן אין דעם צושטאַנד פון פאַרלירן וואָג פון לײַב? פון פאַרלירן דעם מוט? יעדע וואָך האָב איך געדאַרפט שמעלער מאַכן מײַנע קליידער. די פיס זענען מיר געוואָרן שווערער, גע־

שוואָלענער; און נאָך אַ פּיינלעך געפיל: מ׳האָט אָפּט דעם איינדרוק אַז ס׳האַרץ הערט אויף צו קלאַפּן.

נייך, ס׳איז גלייכער נישט צו ליגן אין בעט. אַזאַ טראַכטן איז די ערגסטע קאַטאָרגע!

דעם אָפּעריִרטן מיידל איז געוואָרן בעסער. אויך מיין האַנט האָט פּאַוואָליע אויפגעהערט ווי צו טאָן. דער פּראָפעסאָר האָט נישט פאַרגעסן זיינע ביידע קראַנקע אין אונדזער לאַגער. ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער איבערגעשיקט עצות וואָס ווייטער צו טאָן פאַר אונדזער געזונט.

דאָס אונטערגעריסענע געזונט איז טאַקע נישט געשטאַרקט געוואָרן, אָבער די צעבראָכענע גלידער האָבן זיך געהיילט. אין לאַגער איז אַלע מאָל געוואָרן ערגער, ערגער. מען האָט שוין קיינעם נישט געשיקט צו דער אַרבעט און מ׳האָט געגומען שמועסן אַז מען וועט אונדז עוואַקויִרן אין טיף־דייטשלאַנד. ס׳איז אַפילו שוין אַרומגעגאַנגען אַ דראָענדיקע דאַטע: דעם ערשטן פעברואַר ביי נאַכט זאָלן מיר אָפּמאַרשירן. נו, ס׳איז טאַקע געווען אמת.

צו אַ נייעם גלות

מיר האָבן פאַרפּאַקט אונדזערע רוקזעק. די נישט נייטיקע זאַכן האָבן מיר פאַרברענט. מיר איז דאָס פּאַקן אָנגעקומען זייער שווער. מיין פאַר־באַנדאַזשירטע האַנט מאַכט מיר נאָך ערנסטע וואָרענונגען: געלאַסן! גע־דענק זיך צו היטן! אין אָוונט האָבן מיר שוין באַקומען אונדזער ראַציע שפּייז אויפן אומבאַוווסטן וועג, אָבער אין אַ האַלבער שעה אַרום איז גע־קומען אַ באַפעל אַז מיר בלייבן דערווייל אויפן אָרט.

עטלעכע טעג נאָך אַנאַנד זענען מיר געשלאָפן אויף אונדזערע רוקזעק. דערנאָך האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז אונדזער אַרויסמאַרש איז אָפּגערופן

געוואָרן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט. און אפשר איז דאָס געשען צוליב דעם וואָס די מלחמה האָט זיך שטאַרק צעפלאַקערט אויף עטלעכע פראָנטן מיט אַ מאָל און גאַנץ דייטשלאַנד ווערט אַן אויפהער באָמבאַרדירט. מיר האָבן צוריק אויפגעפאַקט אונדזערע פעקלעך און געבליבן אויפן אָרט. איצט, אַז מיר זענען נישט אַרויס פון לאַגער האָט דער הונגער אונדז העפטיק געפייניקט און מיר האָבן נאָך געליטן פון דער מוראדיקער קעלט. מ׳איז דאָך אין סאַמע מיטן ווינטער! מיר האָבן באַקומען וואָס אַ מאָל ווייניקער צו עסן, נאָך ווייניקער — צום הייצן. עס איז אַפילו נישט געווען מיט וואָס אָפּצוקאָכן די עטלעכע איבערגעבליבענע קאַרטאָפל. די מיידלעך האָבן מיר דערציילט אַז אין אַ דערבייַיאיקער שטוב שטייען פאַרשלאָסן עטלעכע הילצערנע שענק, וועלכע מ׳וואָלט געקאָנט צעהאַקן און מיט זייער האָלץ אײַנהייצן דעם אויוון. זיי האָבן זיך מיט מיר מיישב געווען וואָס צו טאָן ווייל איך בין געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער שטוב. איך בין איצט אין לאַגער געווען די אַזוי גערופענע שטובן־עלצטע. איך האָב מסכים געווען מיט די מיידלעך אַז מ׳דאַרף פאַר יעדן פרייז זען אַרויסצוקריגן די שענק.

ווען ס׳איז טונקל געוואָרן, האָבן די מיידלעך זיך אַרײַנגעגנבעט אין דער פאַרשלאָסענער דירה און אָנגעהויבן צענעמען די שענק און זיי אַרײַנ־טראָגן צו אונדז אין שטוב ווו מיר האָבן זיי באַהאַלטן אין די ווינקעלעך. דערווייל האָבן עטלעכע מיידלעך אײַנגעהייצט דעם אויוון און אַנדערע צוויי האָבן געשלעפּט די טיילן פון דער צווייטער שאַנק. ווען מ׳האָט שוין גע־האַט אַרײַנגעשמוגלט דאָס האָלץ פון צוויי שענק און מען האָט זיך געלאָזט „אין וועג אַרײַן״ נאָך דער דריטער שאַנק, איז אָבער אומגעריכט אַרײַנ־געפאַלן צו אונדז די קאָלאָנען־פירערקע מיט געשרייען, הלמאי מיר האָבן זיך דערוועגט צו שעדיקן די שענק. באַלד האָט זי זיך דערנענטערט צו מיר און מיך אָנגעהויבן שלאָגן. אַ קליין מיידעלע וועלכע האָט געזען טראָגן דאָס האָלץ פון די שענק האָט עס פאַרמסרט פאַר דער קאָלאָנען־פירערין. ס׳האָט געהאַלטן דערביי אַז זי זאָל וועגן דעם דערציילן דער דייטשישער לאַגער־פירערין.

ווען די יידישע קאָלאָנען־פירערין האָט מיך געשלאָגן, האָב איך אויפ־הויבן מיין פויסט מיט אַ וואָרענונג צו איר און האָב אויסגערופן : „דו קענסט מיך שלאָגן, אָבער ווי וועט זיין צו דיר, אויב דו וועסט וועגן דעם דערציילן די דייטשן״. זי האָט גאָרנישט געענטפערט און איז אַרויס פון צימער. אין אַ ווײַלע שפּעטער איז זי צוריקגעקומען מיט אַ כאַפּטע ייִדישע לאַגערניקעס און מיר באַפוילן מיטצוגיין מיט זיי. איך האָב נישט געשטעלט קיין ווידער־שטאַנד און גענומען זיך אָנטאָן. אָבער די מיידלעך פון אונדזער „שטובע״ האָבן מיך אַרומגערינגלט און נישט געלאָזט מיך אַרויסגיין. די מיידלעך האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן גיין אַנשטאָט מיר. זיי האָבן איר „אויפגעקלערט״ אַז אייגנטלעך זענען זיי די שולדיקע אין דער געשעעניש מיט די שענק און חוץ אַלעמען — בין איך קראַנק. אויך האָבן זיך די לאַגער־מיידלעך געבעטן ביי מיר אַז איך זאָל נישט גיין. אָבער עס העלפט נישט זייער בעטן, איך מוז גיין און מיט מיר גייען אַלע אַכצן מיידלעך.

די נאַכט איז געווען אַ פּראַסטיקע. קיין תּפיסה־קאַמער איז ביי אונדז אין לאַגער נישט געווען, האָט מען אונדז אַלע אַריינגעזעצט אין אַ האָלץ־קאַמער. מיר אַלע זענען געווען פיזיש צעבראָכן און שלעפעריק און אין קאַמער איז נישט געווען וווּ זיך אַנידערצוזעצן. אין די ווענט זענען געווען ברייטע שפּאַרעס דורך וועלכע עס איז אַריינגעדרונגען אַ שאַרפע, שניידיקע קעלט. מיר האָבן געקאָנט עפענען די טיר מיט איין שטופּ. אָבער מיר האָבן עס נישט געטאָן ווייל מיר האָבן געוווּסט אַז אין דרויסן שטייען אויף דער וואַך דייטשן און ביי יעדן פאַרדעכטיקן רויש וועלן זיי שיסן. דאָך זענען מיר נישט געפאַלן ביי זיך. אדרבא, איבערטרעטנדיק די שוועל פון דער קאַמער האָבן מיר דערפילט אין זיך עפּעס אַ נייעם כּוח. די גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך געטוליעט איינע צו דער אַנדערער און געזונגען. און גע־זונגען האָבן מיר הויך גלייך מיר וואָלטן מיט דעם געזאַנג געוואָלט פאַר־טויבן אונדזער צער און אויך ברענגען צום אויסדרוק אונדזער שטאַנד־האַפטיקייט.

ענדלעך האָט גענומען טאָגן. דעמאָלט האָבן מיר דערהערט טריט. עס זענען צוגעקומען עטלעכע קאָלאָנען־פירערינס זען וואָס עס טוט זיך ביי אונדז. מיר האָבן צו זיי נישט גערעדט. איינע פון זיי איז אַריינגעקומען

צו אונדז, אַרויסגעלייענט פון אַ פּאַפּיר דעם „אורטייל״, אַז מיר ווערן צעטיילט אין באַזונדערע באַראַקן. אַזוי אַרום איז צעריסן געוואָרן די אחדות פון אַ גרופּע אומגליקלעכע יידישע לאַגער־פרויען. פון איצט אָן וועלן מיר וווינען אין באַזונדערע באַראַקן.

פאַר אונדז איז דאָס געווען שרעקלעכער ווי דאָס זיצן די גאַנצע נאַכט אין דער קאַלטער קאַמער. שוין עטלעכע יאָר ווי מיר האַלטן זיך צוזאַמען. אונדזער באַראַק האָט מען גערופן „די יחוס־שטוב״. די שטוב פון די אָנשטענדיקסטע מיידלעך. מ׳האָט אונדז שטענדיק גענומען פאַר אַ ביישפּיל ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן מאָראַלישע חברישע ענינים.

בעת די קאַלאָנען־פירערין האָט איבערגעלייענט דעם פּסק־דין, האָט זי גלייך געמאָלדן צו וועלכער גרופּע יעדע פון אונדז ווערט צוגעטיילט.

אין דעם לאַגער איז איין באַראַק געווען באַרימט ווי דער ערגסטער צוליב דער שלעכטער שטובן־עלצטער. דאָס איז געווען אַ מיטל־יאָריקע פרוי פון דייטשלאַנד, וועלכע האָט פאַר דער מלחמה געוווינט אין שלעזיע. איר מיטהעלפערין איז געווען דאָס מיידל ג. וועלכע האָט געוואָלט זיך איינקויפן אין לייטזעליקייט ביי די דייטשן און דערפאַר געפּייניקט די 14 מיידלעך פון איר „שטובע״. די ערשטע פאָדערונג אירע איז געווען אַז אויב איינע פון „אירע״ פרויען האָבן עפּעס „אָרגאַניזירט״ פאַר זיך, האָט מען זיך מיט איר געמוזט טיילן, אָפּגעבן איר אַ חלק. ווען זי האָט פאַרטיילט די פּאָרציעס עסן איז שוין געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט אַז זי זאָל זיך צוטיילן אַ צוגאָב־פּאָרציע אויף אַלעמענס חשבון. אין איר באַראַק האָט געהערשט אַ „דיקטאַטאָרישער רעזשים״. אַלע זײַנען געווען אונטערגע־וואָרפן די באַפעלן פון פרוי העלער. די פרויען פון באַראַק פלעגן כסדר זיך באַקלאָגן. דער דאָזיקער שטובן־עלצטער האָבן אַלע גערופן „מעפּיסטאָ״. אירע האָר און דאָס פּנים זײַנען געווען פון איין קאָליר, שטרוי ווייס, נאָר די קעצישע אויגן האָבן שטענדיק געבלישטשעט.

ווען די קאָלאָנען־עלצטע האָט שוין אַלעמען געהאַט צוגעטיילט צו זייערע באַראַקן, האָט זי זיך געווענדט צו מיר: „און דו, שטאַרק (דאָס איז געווען מיין לאַגער־נאָמען), גייסט אַריבער אין דער „שטובע״ פון די פרוי „ה״.

ס׳איז מיר געוואָרן פינצטער אין די אויגן. ווי וועל איך איצט מיט אַ צעבראָכענער האַנט גיין צווישן פרעמדע מענטשן? כ׳האָב נישט געקאָנט רעדן נאָר כ׳האָב זיך פונאַנדערגעוויינט. די מיידלעך האָבן מיך גענומען טרייסטן און יעדע איינע האָט זיך אָנגעבאָטן צו קומען אין דער פרי מיר העלפן זיך אָנטאָן און זאָרגן פאַר מיר. דאָס האָט מיר נאָך מער גערירט. מיר זענען אַלע אַריין צוריק אין אונדזער שטוב און גענומען איינפּאַקן אונדזערע זאַכן. מיר זענען געווען טרויעריק. נאָך דריַי יאָר האָבן מיר געמוזט זיך צעשיידן. מיר האָט צוגעהאָלפן די קליינע אסתר און זי איז מיט מיר מיטגעגאַנגען. זי איז געווען דאָס ליבסטע פשוטסטע מיידל פון אונדזער חברה. זי איז נישט געווען שיין, אָבער זי האָט פאַרמאָגט חן. זי האָט געלעבט אין לאַגער אַזוי ווי אין איר קליינעם שטעטל וואָס איז געוואָרן איר גאַנצע וועלט. זי האָט שטאַרק געבענקט נאָך איר ייִנגל, דעם חתן וועלכער האָט זיך געפונען אין לאַגער קלעטענדאָרף, אַ 50 קילאָמעטער פון אונדז. עס פלעגט געגנוג זיין אַז עמעצער זאָל אָנרופן איר ייִנגלס נאָמען כּדי איר שטימונג זאָל זיך ענדערן, זי האָט באַלד אָנגעהויבן צו לאַכן און דערציילן קאָמישע עפּיזאָדן פון דער ערשטער צייט פון זייער באַקאַנטשאַפט. זי פלעגט אַליין לאַכן און מיר אַלע האָבן מיט איר מיטגעלאַכט.

אין די לאַגער־באַדינגונגען פלעגן באַקאַנטשאַפטן מיט מענער זיך שאַפן נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט. די מענער אין קלעטענדאָרף האָבן געאַרבעט ביי סאָרטירן שטאַבעס אייזן. זיי פלעגן צוקומען צו דער דראָט־פאַרצוימונג וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם מענער־לאַגער פון דעם פרויען־לאַגער און אָנגעהויבן אויספרעגן, רעדן, שמועסן, און אָט אַזוי האָט זיך פאַוואָליע פאַרבונדן אַ באַקאַנטשאַפט. טייל מענער וואָס פלעגן אַרויסגיין אַרבעטן מחוץ דעם לאַגער האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט אַריינצושמוגלען שפּייז און זיך צו דערוויסן נייעסן. די מענער פלעגן אָפט מאָל ברענגען עסנוואַרג פאַר זייערע באַקאַנטע פרויען און זיי אויך איבערגעבן די נייעסן פון טאָג. מ׳פלעגט אַזוי לאַנג שטיין ביז דער דייטשישער פּאַטראָל האָט פונאַנדערגעלאָזט די פאַרלעך. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אויך די קליינע אסתר באַקאַנט מיט איר ייִנגל און זיי האָבן זיך צוגעבונדן איינער

צו דער אַנדערער. זי האָט פּאַר אים געוואַשן די שמוציקע מלבושים און געקאָכט ווען ער האָט געשיקט פון דער בוי־שטעלע אַ ביסל פּראָדוקטן.

אַפילו ווען די לאַגע האָט זיך פאַרערגערט און מ׳האָט די פרויען, ווי אויך די מענער צעשיקט אין פאַרשיידענע אַנדערע לאַגערן, האָבן זיי אויסגעפונען מיטלען ווייטער אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט.

איך בין אַריבער אין אַ „נייער דירה״

איך האָב זייער ליב געהאַט דאָס מיידל צוליב איר פּשוטקייט. איך האָב באַוווּנדערט איר גוטן ווילן צו העלפן יעדן איינעם. אסתר האָט איינ־געפּאַקט מיינע זאַכן און איז אַריבערגעגאַנגען מיט מיר אין דער „נייַער דירה״. די נייע בלאָק־עלצטע האָט מיך, די הויפּט־פאַרברעכערין, אויפ־גענומען מיט אַ שטרענגן בליק און פון דער ווייטנס אָנגעוויזן דאָס ווינקל וווּ עס וועט זיין מיין געלעגער. ס׳איז געווען אין דער הויך, ביים פענצטער, אַזוי אַז די גאַנצע נאַכט האָט אויף מיר געבלאָזן אַ קאַלטער ווינט. אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען דאָס ערגסטע. ערגער איז געווען דאָס אַרויפ־קריכן צום געלעגער. איך בין נאָך נישט אין גאַנצן געזונט געווען און נאָך אַלץ מער געלעגן ווי כ׳בין אַרומגעגאַנגען. אָבער כ׳האָב זיך געמוזט ברענגען דאָס עסן פון קיך און אַראָפּגיין דערליידיקן די מענטשלעכע באַדערפעענישן און ווען איך האָב געדאַרפט צוריק אַרויפגיין אויף מיין געלעגער, האָב איך געמוזט באַנוצן מיין קראַנקע האַנט און דאָס האָט מיר פאַרשאַפט גרויסע ווייטיקן. נאָכן אָפּזיין עטלעכע טעג אין נייעם בלאָק, האָב איך זיך געווענדט צו מיין אונטערשטער שכנה אַז זי זאָל מיר טאָן די טובה און זיך בייטן מיט די געלעגערס. זי האָט זיך געגומען פאַרענטפערן, אַז זי האָט עס געוואָלט גלייך טאָן ווי באַלד כ׳בין געקומען, אָבער די בלאָק־עלצטע האָט אַלעמען אָנגעזאָגט אַז קיינער זאָל זיך מיט מיר נישט בייטן מיט די געלעגערס. איך בין דערשטוינט געוואָרן פון דער דאָזיקער זאַך.

דאָס קלעטערן אַרויף און אַראָפּ האָט מיך נאָך מער אָפּגעשוואַכט. עס האָט מיך אַרומגענומען אַן אימה ווען כ׳האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן ווענדן זיך צו דער בלאָק־עלצטער וועגן דעם ענין און איך האָב עס טאַקע נישט געטאָן. מיינע מיידלעך פון פריערדיקן באַראַק האָבן מיט איר גערעדט וועגן דעם, אָבער זי האָט ציניש געענטפערט: „דאָס באַקומט זי פאַר איר שלעכטן אויפפירן זיך אין לאַגער. דאָס איז פאַר איר אויך אַ שטראָף״.

דאָס לעבן אין דעם באַראַק איז פאַר מיר געוואָרן אַ גיהנום. נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך האָב זיך באַמיט וואָס ווינציקער אַראָפּגיין פון געלעגער, האָט מיר די בלאָק־עלצטע יעדעס מאָל געהייסן טאָן עפּעס אַנדערש. איין מאָל — אַז מיין געלעגער איז שלעכט געמאַכט און איך מוז עס איבערבעטן. אַ צווייט מאָל — אַז ס׳איז מיין ריי צו רייניקן דעם באַראַק, אַ דריטן מאָל — כ׳זאָל ברענגען וואַסער אאַז״וו. מיינע חברטעס האָבן געוואָלט אויספירן די אַרבעט פאַר מיר, אָבער זי, די מרשעת, האָט עס נישט דערלויבט. מיין לאַגע איז באַוווּסט געוואָרן צווישן אַלע פרויען. דעם שוחטס פרוי און נאָך אַ פרוי, מיינע אַ באַקאַנטע פון קלאָבוצק — האָבן געאַרבעט אין קיך. יעדן טאָג האָבן זיי מיר אַריינגעבראַכט אָדער אַריינגעשיקט אַ זעקעלע קאַרטאָפּל־שאָלעכץ אָדער שאָלעכץ פון רויטע ריבן. אָפּט פלעגן זיי אַריינשמוגלען אַ גאַנצע קאַרטאָפּל אָדער אַ גאַנצע ריב. ליגנדיק אויפן געלעגער פלעג איך איבערשיילן דאָס שאָלעכץ און עס אָפּקאָכן. דאָס איז געווען מיין רעקאָנוואַלעסצענץ־פּאָרציע. פאַרן שלאָפן גיין פלעג איך זי עסן. די טעג אין וועלכע איך האָב גאָרנישט באַקומען, פלעג איך ביי נאַכט נישט קאָנען איינשלאָפן פון הונגער און דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק געקלאַפּט...

דער באַראַק איז גראָד געווען איינער פון די ריינסטע. די ווענט פריש געקאַלכט. די פּריטשעס זענען געווען אָפּגעמאָלט אויף גרין, אין מיטן שטוב איז געשטאַנען אַ לאַנגער ווייס־געשײַערטער טיש און אַרום דעם טיש — בענק. אין איין ווינקל האָט זיך געפונען דער אויוון און צוליב אים זענען דאָ אַרויסגעקומען אַלע צרות. פרוי ה. האָט קאַטעגאָריש פאַרווערט צו קאָכן אויף דעם אויוון און אַז זי האָט יאָ דערלויבט, האָט מען אַ טייל פון דעם געקעכטס געמוזט אָפּגעבן איר. אָבער נישט אַלע מאָל איז מעגלעך

געווען פון דעם אָפּגעקאָכטן אויסצוטיילן צוויי חלקים. ס׳איז געווען קוים איין פּאָרציע. טאָקע צוליב דעם פלעגן די וועלכע עס איז געלונגען זיך „איינצוהאַנדלען״ עפּעס ביי די גליקלעכע קיך־אַרבעטערינס, זיך אַרויסשאַרן פון באַראַק כּדי די „מעדנים״ אָפּצוקאָכן אויף אַן אַנדער אָרט.

די דערנערונג איז איצט געווען נישטיק. אויף אַ מעת־לעת האָט יעדער באַקומען אַ פערטל ליטער זופּ און 180 גראַם ברויט. צו דעם פלעגן מיר פון צייט צו צייט קריגן אויך אַ לעפל מאַרמעלאַד. צו דער אַרבעט האָט מען אונדז נישט געשיקט. מען איז געוואָרן נידערגעשלאָגן מחמת דער טרויעריק־געשאַפענער לאַגע אויף די פראָנטן. דער הונגער האָט אַלעמען אויסגעצערט. די פּאָרציע שפּייז פלעגט מען פאַרטיילן פאַר נאַכט. כּמעט אַלע פרויען האָבן די פּאָרציע באַלד אויפגעגעסן אויף איין מאָל און דעם גאַנצן קומענדיקן טאָג ביזן באַקומען די נייע פּאָרציע געפאַסט. איין מאָל ווען איך האָב צוגעגרייט מיין עסן אין אַ טעפּעלע, כ׳האָב געררייניקט דאָס שאָלעכץ וואָס מ׳האָט מיר געברענגט פון דער קיך, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ פרוי פון שכנותדיקן בעט און געבעטן איך זאָל איר געבן דאָס אָפּפאַל, וואָס מיר איז פאַרבליבן נאָכן אַרויסשיילן פון דעם שאָלעכץ די גאַנץ דינע שיכטן געבליבענע קאַרטאָפל. זי האָט געזאָגט, אַז זי קען זיך שוין נישט שעמען ווייל זי ליידט מוראדיק פונעם הונגער. דער הונגער האָט זי אויס־געלערנט עסן אַלץ.

איך האָב געזען אַז דאָס בעטן ביי מיר דאָס אָפּפאַל קומט איר אָן גענוג שווער. זי האָט מיר דערציילט אַז אין דער פרי גייט זי אַרויס אויפן הויף זוכן עפּעס וואָס צו עסן און וואָס זי געפינט דאָט עסט זי. נישט געקוקט אויף דעם וואָס איך בין שוין מיט איר געווען אין איין באַראַק אַ לענגערע צייט האָב איך זיך מיט איר באַזונדערס נישט באַקענט. כ׳האָב זי געקענט פאַר אַ שווערע אַרבעטערין ביים גרינעם פולווער. מ׳פלעגט זאָגן אויף איר אַז זי פירט אויס יעדע אַרבעט וואָס מען הייסט זי. זי שטעלט זיך קיינעם קיין מאָל נישט אַנטקעגן. צוקוקנדיק זיך איצט צו איר האָב איך נישט באַמערקט אַז פאַר מיר שטייט אַ יונגע, שיינע פרוי וועלכע האָט ביי אַזאַ שווערער אַרבעט ווי ביי דעם סמיקן פולווער נאָך באַוויזן איינצוהיטן אין זיך די פרישקייט. אירע בלאָנדע האָר זענען נישט געווען אויפגעגעסן פון

דער פּולווער־שאַרפקייט. זי האָט זיך בלויז געראַנגלט מיטן הונגער וואָס איז זי באַפאַלן ווי אַ גזלן. זי האָט מיר געזאָגט אַז עס איז איר נישט קיין חילוק וואָס זי טוט און וואָס זי עסט. דער עיקר איז צוצושטעלן דעם אָרגאַניזם דעם מינימאַלן סכום קאַלאָריעס כּדי איבערצולעבן... אַגב: זי האָט געהערט אַז איר מאַן לעבט אין אַן אַנדער לאַגער. דאָס האָט דער דייטשישער שאַרפירער וועלכער איז דאָ געווען מיט אַ וואָך צוריק עס איר דערציילט. אויך האָט דער דייטש געזאָגט אַז אין אוישוויץ געפינט זיך אַ גרופּע קינדער אין אַ קינדער־היים און אַז ס׳איז זיי דאָרטן גוט. לויט די רייד פונעם דאָזיקן שאַרפירער איז אין אוישוויץ פאַראַן אַ ייִנגעלע וואָס, לויט ווי ער האָט דערציילט, איז דאָס איר בעניקל. איצט וועט איר זיך שוין נישט וואונדערן, האָט זי געזאָגט, הלמאי איך טו אַלץ כּדי צו קענען בלייבן לעבן.

איך האָב זי געוואָלט פאַרשטיין. אייגנטלעך האָבן מיר אַלע אַזוי געטראַכט. אויב איך בין נאָך דאָ, קאָנען דאָך אויך מיינע נאָענטסטע האָבן די זעלבע שאַנסן. דעמאָלט האָבן מיר נאָך נישט געוווּסט וועגן דעם אונטער־שייד, ס׳הייסט וועגן דעם אַז מיר געפינען זיך נישט אין קיין טויטן־לאַגער... אמת, מיר האָבן זיך נישט געוווּנדערט וואָס מיר זעען דאָ נישט קיין טויטע. מיר האָבן זיך געמאַטערט, געהונגערט. אַצינד האָבן מיר אין דעם לאַגער פאַרהעלטנישמעסיקע רו: מען פּייניקט אונדז נישט מיט די אַפּעלן. אָבער וואָס וועט זיין ווייטער? די פראַגע האָט נישט געגעבן קיין רו, ווייל יעדער פון אונדז האָט געגלייבט, געהאָפט, געוואָלט איבערלעבן.

אין יענער צייט איז אַ חלום געווען אַ גאַנצע איבערלעבעניש. ווען עס האָט זיך געחלומט אַ גוטער חלום איז מען אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. דאָס איז פול געווען מיט אומקלאָרע האָפע־נונגען. אָבער עס פלעגן אויך קומען שלעכטע חלומות, חלומות וואָס האָבן דערדריקט. מ׳פלעגט זיך ווענדן צו חברטעס אַז זיי זאָלן אויסטייטשן די חלומות. די אויסטייטשונג פון די חלומות פלעגט אַלע מאָל אַרויסקומען וועדליק דער שטימונג פון דער אויסטייטשערין. שפּעטער האָט מען זיך

געגומען וואַרפֿן גורל. אַ שפּיל אַזאַ. אויפֿן טיש האָט מען אויפֿגעצייכנט אַ ראָד, דאָס ראָד האָט מען צעטיילט אויף 24 גלייכע קעסטלעך און אין יעדן קעסטעלע — אַן אַנטשפּרעכנדיקע ציפֿער. אין מיטן דעם ראָד איז געווען געמאַכט אַ ווייזער. יעדער האָט זיך געגומען אין זינען אַריין אַ ציפֿער. יעדע האָט אַוועקגעלייגט אַ שטיינדעלע אויף דעם פּאַרטראַכטן ציפֿער און בעת־מעשׂה זיך עפּעס געווּנטשן אָדער עפּעס געפֿרעגט שטילער־הייט. דאַן פֿלעגט מען לאָזן אין באַוועגונג דעם ווייזער וועלכער האָט באַוועגט אַ שטיינדל. אויב דאָס שטיינדל איז געפֿאַלן און זיך צוגעקייקלט צו דער ציפֿער, וועלכע איר האָט פּאַרטראַכט, איז עס געווען אַ סימן אַז דער ווּנטש וועט פֿאַרווירקלעכט ווערן. אַזוי האָב איך דרײַ מאָל נאָך אַנאַנד געשפּילט און געפֿרעגט די פֿראַגע צי מײַנע צוויי טעכטערלעך לעבן? דרײַ מאָל איז דאָס שטיינדעלע געפֿאַלן אויף דעם נומער וואָס איך האָב געהאַט אין זינען. ווען מ׳האָט מיך מיט אַ חודש שפּעטער איבערגעשיקט אין אַן אַנדערן לאַגער (שוין דעם לעצטן!) האָב איך דאָרט זיך געטראָפֿן מיט מענטשן וואָס האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן מיט עטלעכע חדשים פֿריִער זיך געטראָפֿן אין אַ לאַגער מיט מײַנע טעכטערלעך. זיי האָבן אַפֿילו מיר אָפּגעשילדערט ווי אַזוי זיי זענען געווען אָנגעטאָן; די מענטשן האָבן אָבער נישט געוווּסט אַז מײַן ייִנגערע טאָכטער איז, נאָך זייער פּאַרלאָזן דעם לאַגער, געשטאָרבן פֿון אַ לונגען־קראַנקהייט און מײַן עלטערע טאָכטער איז געראַטעוועט געוואָרן פֿון אַ קרובה. מיט כּוח האָט די קרובה אַרויס־געשלעפּט מײַן טאָכטער פֿון צווישן די קרבנות וועלכע זענען שוין געווען באַשטימט פֿאַר דעם קרעמאַטאָריום. שפּעטער ווען מ׳האָט זי געפֿירט אין אַ צווייטן לאַגער איז זי אַנטלאָפֿן און אויף אַזאַ אופֿן ניצול געוואָרן פֿון די נאַצישע חיות.

מ׳וואַרפט גורל —
מ׳וואַרט אויפן געהאָפטן טאָג

זייער אָפט האָבן מיר אין אונדזער פאַנטאַזיע זיך געפונען אין די שטעט פון דער גרויסער וועלט. איך גלייב אַז דאָס אומנאָרמאַלע וואַנדערן פון טייל ייִדן וואָס האָבן איבערגעלעבט די מלחמה איז אַ פּועל־יוצא פון די לאַנגע יאָרן פאַרשפּאַרט זיין אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין דער געפּאַנגענשאַפט האָט יעדער זיך געזען אין דמיון ווי אַ בירגער פון ניו־יאָרק, פון לאָנדאָן, פון פּאַריז.

אונדזער כּישוף־שפּיל איז געוואָרן אַ ליידנשאַפט. מיט אומגעדולד האָבן מיר געוואַרט אויפן אָוונט כּדי מיר זאָלן קאָנען פּאַרטונקלען די פענצטער, פאַרשליסן די טיר און אָנהייבן „דאָס שפּיל". מיר האָבן מורא געהאַט אַז די דייטשן זאָלן אונדז נישט כאַפּן ביי דעם דאָזיקן שפּיל. אַזוי האָבן מיר געשפּילט ביז מיר האָבן פאַרלאָזט דעם לאַגער. צום הונגער, צו דער קעלט און צו די קראַנקהייטן וואָס האָבן אונדז געמאַטערט איז צוגעקומען די מוראדיקע לאַנגווייליקייט. דער לאַנגווייל האָט אונדז נאָך מער דער־שלאָגן. דאָס וואָס מיר האָבן נישט געמוזט אויפשטיין צו אַ באַשטימטער צייט, וואָס מיר האָבן נישט געדאַרפט גיין ברענגען דאָס ביסל עסן (איין חברטע האָט עס אָפּגענומען ביים קיך־פענצטערל פאַר אַלעמען) האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ צושטאַנד פון אַפּאַטיע און רעזיגנירטקייט. מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט אויפן לאַגער־הויף ווי שאָטנס. די געציילטע מיידלעך וואָס פלעגן אַרויסגיין אַרבעטן מחוץ דעם לאַגער, האָבן געבראַכט מיט זיך אַ ביסל אינטערעס צום לעבן.

צו עסן האָט מען אונדז געגעבן אַ שיטערע זופּ פון נישט געוואַשענעם שפּינאַק. נישט געקוקט וואָס דער זאַמד האָט געקנאַקט אונטער די ציין, האָבן מיר די זופּ פון דעסטוועגן אויפגעגעסן מיט אַפּעטיט. יעדן טאָג האָבן מיר באַקומען דאָס זעלבע עסן און כּמעט אַלע האָבן גענומען ליידן פון צירות.

אין לאַגער האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע אַלטע פרויען וועלכע האָבן אויסגעזעען ווי מתים. אין קיך האָבן כּסדר געאַרבעט די זעלבע פרויען וואָס זייער מצב איז ווי פריִער געווען אין שרײַענדיקן קאָנטראַסט צו דער מערכה פון אַלע אַנדערע לאַגער־פרויען. די מיידלעך פון דער קיך־קאָמפּאַניע זענען געווען אויסגעפּאַשעט, געהאַט רויטע באַקן. די אַנדערע זענען געווען בלאַס און איינגעהויקערט. איצט איז די קיך געווען דאָס איינציקע אָרט ווו מ׳האָט זיך געקאָנט בעסער דערנערן. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם וויסטן מעמד און געזוכט אַן עצה. איך בין געפאַלן אויף אַ המצאה. כ׳האָב פאָרגעלייגט אַז יעדע אַכט טעג זאָלן די אַרבעטערינס אין קיך זיך בייטן. אַזוי אַרום וועט איטלעכע פון אונדז קאָנען זיך אַ ביסל דערנערן און וועט אפשר קאָנען דורכהאַלטן די שרעקלעכע צייט... מיינע מיט־חברטעס האָבן עס געהאַלטן פאַר ריכטיק. מיר זענען אָבער נישט געווען זיכער צי די געלע קעכין וועט וועלן אָפּטרעטן פונעם פעטן ביין. מיר האָבן באַנומען אַז כּדי דורכצופירן אַזאַ ענדערונג וואָלט מען געדאַרפט זיין ענערגיש און קעמפן. אָבער איך האָב זיך געפילט זייער נישט באַקוועם אין לאַגער ווייל שטענדיק האָב איך געהאַט עפּעס „אַ פאַרברעכן" אויף מיין קאָפּ און דער רעזשים איז געווען אַ האַרטנעקיקער. ערשט מיט אַ פּאָר טעג פריִער איז פאָרגעקומען אַזאַ געשיכטע: רוזשע ה. האָט ביי נאַכט באַקומען שטאַרקע בויך־ווייטיקן און נישט באַוויזן צוצולויפן צום קלאָזעט. צו מאָרגנס האָט זי דערפאַר נישט באַקומען איר טעלער זופּ. איך בין געוואָרן דערפון זייער אויפגערעגט. רוזשקע, ווידער, האָט נישט פאַר־שטאַנען די סיבה פון דער שטראָף און זי האָט פאַרצווייפלט געפרעגט: פאַר וואָס? זי האָט דאָס געפרעגט מערערע מאָל און געוויינט. דעמאָלט האָט מען איר געזאָגט: „ווייל דו האָסט... אין בעט". קיין שום פאַרענטפער האָט נישט געהאָלפן. איך האָב געפּרוּווט אָנרעדן אַלעמען אַז מ׳זאָל זיך אָפּזאָגן פון עסן. ס׳איז געוואָרן אַ טומל און דאָס אַרויסגעבן דאָס „מיטאָג" האָט זיך פאַרצויגן געגנוג לאַנג און דאָס האָט געשטערט דער אָרדענונג אין דער גרויסער קיך־ווירטשאַפט. איך האָב זיך נישט געוואָלט ווענדן וועגן דעם ענין צו דער ייִדן־עלצטער, ווייל זי איז געווען אַ בוזעם־פריינדין פון דער „געלער קעכין". אויך האָב איך געוווּסט אַז די ייִדן־עלצטע וועט

מיר נישט אַנטקעגן קומען. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָבן מיר באַ־שלאָסן (פּרוי ק., נאָך אַ פּרוי און איך) צו גיין צו דער ייִדן־עלצטער און איר דערציילן וועגן דער מעשׂה־רע פון דער קעכין.

צוגעקומען צו דער ייִדן־עלצטער האָט זי אַלע אָפּגעמאָסטן מיט איר בייזן בליק, באַלד זיך פאַרקרימט און ציניש געזאָגט אַז דאָ איז נישט קיין סאַנאַטאָריום. איר ענטפער האָט מיך אויפגעקאָכט: „אָבער פריילייַן יודן־עלצטע, עס גייט דאָך נאָר דערין מ׳זאָל דעם קריג קענען איבערלעבן״. איך בין דאַן אַריבער אויף ייִדיש און געזאָגט: „ווען מיר זאָלן יעדע וואָך טוישן דעם קיך־פּערסאָנאַל, וואָלטן זיך אין משך פון עטלעכע וואָכן אַלע פרויען אַ ביסעלע אונטערגעהאַלטן ס׳געזונט״.

„אָבער זעען זי דאָך ניכט בלעד, פראַו ס.״ — האָט זי זיך צעלאַכט און זיך דערווייַטערט. „אַזאַ גראָבקייט״, האָבן מיר געביסן די ליפּן. עס איז געבליבן נאָר די ברירה ווייטער צו ליגן אויף די געלעגערס און... הונגערן. דאָס קליינע מיידעלע שׂרה און איך האָבן אָנגעהויבן צו רעכענען, ווי לאַנג קאָן אַ מענטש אויסהאַלטן אין דעם דאָזיקן צושטאַנד. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געלעגן אויף די פּריטשעס און ביי נאַכט פלעגן מיר זיך אויפ־הייבן צו שפּילן אונדזער „כּישוף־שפּיל״. אַזוי האָבן מיר געוואַנדלט צווישן לעבן און אומלעבן, ווייל לעבן האָט מען אַזאַ כּמו־עקסיסטענץ נישט געקאָנט אָנרופן.

אַ מאָל, אין מיטן נאַכט, ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען אין קלאָזעט וועלכער האָט זיך געפונען בערך 3 מעטער ווייט פון די עלעקטרישע דראָטן האָב איך אומגעריכט באַמערקט אין דער פינצטער אַ מענטשן־סילועט. כ׳האָב זיך דערנענטערט און געהערט אַז עמעץ רעדט צו מיר: „דאָברי וויעטשור, פּאָוויעדזשטשע מניע, פּאַני פּרענדקאָ, צאָ טאָ יעסט״ (זאָג מיר, פרוי, גיכער, וואָס איז דאָ?). כ׳האָב זיך זייער איבערשראָקן, אָבער פון דעסטוועגן געענטפערט, אַז דאָ איז אַ ייִדישער פרויען־לאַגער. יענער האָט ווידער זיך געלאָזט הערן: „זאָג קיינעם נישט, אַז דו האָסט מיט עמעצן גערעדט. דאָבראַנאָץ״ (אַ גוטע נאַכט) און איז פאַרשוווּנדן. אַ האַלב־טויטע פון שרעק בין איך אַריינגעפאַלן אין שטוב און דערציילט פון דער אויס־טערלישער טרעפונג; כ׳האָב געבעטן אַז עמעצער זאָל פּרוּוון אַרויסגיין

אַ בליק טאָן. אפשר וועט מען ווידער זען עמעצן און עפּעס זיך דערוויסן. ס׳מוזן זיין ערנסטע נייעס. עטלעכע פרויען זענען אַרויס אין הויף, אָבער קיינעם מער נישט געזען. איך האָב שוין געמיינט אַז דאָס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אָבער צו מאָרגנס אין דער פרי איז דער גאַנצער לאַגער געווען אַרומגערינגלט פון ס.ס.־לייט.

אַ גרויסער אומרו האָט גענומען אַרומבלאָנדזשען אין דער געגנט און אַן אימה האָט זיך באַזעצט אין יעדער פון אונדז.

אין אַן אינדערפרי ווען כ׳בין געלעגן אויף מיין פּריטשע האָב איך דערהערט אַ טומל פון הויף. דורכן פענצטער האָב איך דערזען אויפן הויף פרעמדע דייטשן און צוויי יידישע לאַגערניקעס. כ׳בין אַרויס אין דרויסן צו זען וואָס עס געשעט. עס איז געקומען אַ קאָמיסיע אָפּקלייבן פון אונדז פופציק שטאַרקע פרויען צו שווערער אַרבעט. מיט די דייטשן זענען מיט־געקומען צוויי יידישע יינגלעך. איך האָב זיך מיט זיי פונאַנדערגערעדט. זיי האָבן דערציילט אַז אין דעם לאַגער וווהין מען וועט שיקן די אָפּגע־קליבענע פרויען געפינען זיך אַ סך לאַדזשער. צווישן די נעמען וואָס זיי האָבן אויסגערעכנט זענען געווען אַ סך באַקאַנטע. צוויי שעה שפּעטער האָט מען גערופן צו אַן אַפּעל און מ׳האָט אויסגעקליבן נאָר יונגע, קרעפטיקע פרויען. ווען מ׳האָט די „אויסגעקליבענע" געהייסן נאָך אַ מאָל „אָנטרעטן" האָב איך זיך אויך אַריינגעשטעלט אין דער ריי. די לאַגער־פירערין מיטן שטורמאַן וואָס זענען געקומען אונדז נעמען האָבן זיך דערנענטערט צו מיר. די לאַגער־פירערין, דערזעענדיק מיך האָט פון איבערראַשונג אויסגערופן: „אויך דו, שטאַרק, ביזט היר? דו ביזט דאָך זאָ שוואַך!" דער שטורמאַן האָט מיך אָנגעהויבן באַטראַכטן פון קאָפּ ביז פיס. צו מיין איבערראַשונג האָט דער שטורמאַן מיך געפרעגט צי איך האָב נישט קיין שיך־בענדלעך צו מיינע שיך. און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער איז ער אַוועק צוזאַ־מען מיט דער לאַגער־פירערין. אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מען ווידער גערופן זיך אויסצושטעלן צום אַפּעל און איך האָב זיך ווידער צוגעשטעלט. די לאַגער־פירערין האָט מיך ווידער באַמערקט און געזאָגט צום שטורמאַן אַז איך בין נישט פעיִק מער צו שווערער אַרבעט. דער שטורמאַן האָט איר דערקלערט אַז דאָרט זענען נייטיק מענטשן אויך צו לייכטערע אַרבעטן.

די ייִדן־עלצטע איז באַלד צוגעקומען און אונדז געזאָגט אַז היינט פאַר נאַכט פאָרן מיר אין אַ נייעם אַרבעט־אָרט. מיר דאַרפן זיין גרייט. זי איז ספּעציעל צוגעגאַנגען צו מיר, אַנגעשטעלט אַ כּלומרשט שמייכעלע און מיר אָנגעהויבן צו גראַטולירן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס זי ווינטשט מיר. אַזאַ גליק האָט מיך געטראָפן? זי האָט געענטפערט: „דו ווייסט נישט וואָס פאַר אַ שטרייט עס איז פאָרגעקומען צוליב דיין מיטפאָרן. איר וועט האָבן גאָר אַ גוטן לאַגער. אַ סך האָבן געוואָלט מיטפאָרן, אָבער די קאָמיסיע האָט זיי אָפּגעוואָרפן. פרוי ק. פאָרט אויך מיט אייך. ווי די מענטשן דער־ציילן, געפינט זיך דאָרט איר מאַן. לעבע וואויל און צום ווידערזען!" — האָט זי מיך געזעגנט.

איצט איז מיר געוואָרן קלאָר אַז אין נייעם לאַגער געפינען זיך טאַקע מענטשן פון לאָדזש און כ'בין געוואָרן פול מיט האָפענונג אַז אפשר וועל איך זיך עפּעס דערוויסן וועגן מיינע קינדער. איך האָב אַפילו געהערט אָנרופן נעמען פון באַקאַנטע וואָס געפינען זיך נישט ווייט אין די לאַגערן בשכנות פון לודוויגסדאָרף. אַ האָפענונג וואָס האָט מיך געשטאַרקט. פאַרן אָפּפאָרן האָבן מיר באַקומען גענוג צו עסן. מיר האָבן געדאַרפט מאַרשירן צום וואָקזאַל. די באַן־סטאַציע איז געווען אַ דריַי קילאָמעטער פון לאַגער. דאָרטן האָבן שוין געוואַרט פאַר אונדז אָפענע און פאַרמאַכטע לאַסט־וואַגאָנען. דער שטורמאַן האָט אונדז העלפעד געהאָלפן אַרויפגיין אין די וואַגאָנען און געזאָגט אַז אין דער פרי דאַרפן מיר אָנקומען אויפן אָרט. ווען עס איז געוואָרן קאַלט אין די אָפענע וואַגאָנען, האָט ער אונדז אַריבער־געפירט אין די פאַרמאַכטע וואַגאָנען אַריין. ער האָט אונדז אויך געגעבן הייסע קאַווע. די וואַגאָנען זענען געווען הויך פון דער ערד: עס איז אונדז געווען שווער דאָס אַרויפגיין אין וואַגאָן. דער שטורמאַן האָט אונטערגע־שטעלט זיין האַנט כּדי אונדז צו העלפן. מיר זענען שוין נישט געווען געוווינט צו אַזאַ איידלקייט פון אַ דייטש און מיר האָבן געזוכט די מעג־לעכקייט אים צו פרעגן וועגן דער סיבה פון זיין אויפפירונג כּלפּי אונדז. אָבער מיר האָבן נישט געפרעגט. אָנגעקומען אויפן אָרט האָבן מיר געהערט וועגן אים אַ גאַנץ אַנדערע מיינונג. ער איז געווען פאַררעכנט פאַר איינעם פון די ערגסטע ייִדן־פרעסערישע נאַציס. דער פּחד פאַר אים איז גאָר גרויס.

ער האָט ליב אַרומצוגיין צווישן די אַרבעטנדיקע ייִדן און נאָך יעדע פּאָר טריט צו שיסן מיט זיין רעוואָלווער. אָפּט מאָל שיסט ער אויך אין עמעצן און טאַקע אויף טויט. אמת, מיר זענען שוין געוווינט צו טרעפן דייטשן מיט קאָמפּליצירטע כאַראַקטערן, אָבער מיר האָבן נישט באַנומען, פּאַר וואָס דער דאָזיקער שטורמאַן איז בעת דער רייזע געווען צו אונדז אַזוי גוט. אָבער דאָס איז אויפגעקלערט געוואָרן נאָכן אָנקומען אויפן אָרט, קיין גערליץ.

אין לאַגער גערליץ

ווען עס איז געוואָרן טאָג האָבן מיר אַרויסגעקוקט דורך די וואַגאָן־שפּאַרעס כדי זיך צו אָריענטירן ווו מיר זענען. מיר האָבן געזען באָמבאַר־דירטע, דייטשישע שטעט און שטעטלעך. דאָס האָט אונדז אָנגעפילט מיט בטחון. דאָ און דאָרט זענען געלעגן צעשטערטע דייטשישע עראָפּלאַנען. מסתמא אַראָפּגעשאָסענע בעת די שלאַכטן. די איינוווינערס זענען געווען עוואַקויִרט און ס׳רוב הייזער צעשמעטערט. ווען מיר האָבן זיך דערנענ־טערט צום שיינעם קוראָרט הירשבערג, האָט דער שטורמאַן אונדז דער־לויבט זיך אויפצושטעלן און אַרויסקוקן. ער האָט אונדז דערציילט וועגן דעם אַז די שטאָט איז באַרימט. היות ער איז געווען זיכער, אַז דעם גאַנצן וועג האָבן מיר גאָרנישט געזען, האָט ער אונדז אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז „מען דערקענט גאָרנישט" אויף דער שטאָט, אַז עס איז אַ מלחמה. קאָן זיין אַז די רוסן האָבן די שטאָט נישט באָמבאַרדירט מיט אַ ספּעציעלער כוונה.

10 אַ זייגער פרי זענען מיר אָנגעקומען אויף דער באַן־סטאַציע גערליץ. אונדזער עשאַלאָן האָט מען אַרויפגעפירט אויף אַ זייטיקער ליניע. דאָרט זענען מיר אַרויס פון די וואַגאָנען און גלייך זיך אויסגעשטעלט צום אָפּמאַרש. דער וועג צום לאַגער איז נישט געווען ווייט. אויפן וועג האָבן

מיר זיך אָנגעטראָפן אויף מערערע לאַגערן. דער ייִד, וואָס איז געווען מיט אונדז האָט געזאָגט אַז דאָס זענען לאַגערן פון איטאַליענער און פראַנצויזן וועלכע אַרבעטן אין די וואָפן־פאַבריקן אין דער שטאָט גערליץ. ווען מיר זענען אַריין אין לאַגער, האָבן מיר געזען ייִדן וואָס ווערן געפירט צו דער אַרבעט. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין פּאַסן־קליידער. מיר האָבן געהערט דאָס בילן פון הינט. מיר האָבן איבערגעוואַרט ביז דער וועג וועט ווערן פריי פון די אָפּמאַרשירנדיקע לאַגערניקעס. דערווייל האָט דער שטורמאַן גענומען אונדז איבערקלייבן. די פרויען וואָס האָבן בעסער אויסגעזען — האָט ער געשטעלט אין דער ערשטער ריי. מיר האָבן געהערט פּלוצלינג אַ פייף און אַן אויסגעשריי: „אַב לינקס!" אין אַ גלייכער ריי האָבן מיר דעמאָלט אַריינמאַרשירט אין לאַגער. מ׳האָט אונדז אָפּגעשטעלט פאַר די אונדז באַשטימטע באַראַקן ווו עס האָט אונדז שוין אָפּגעוואַרט דער לאַגער־עלצטער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין ציווילע קליידער, אָבער אויף דער לינקער לאַץ האָט ער געהאַט אַן אָפּצייכענונג פון אַ געפאַנגענעם (העפטלינג) און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן דאָס „העפטלינג"־היטעלע. ביז איצט האָבן מיר פאַר לאַגע־עלצטע געהאַט נאָר ייִדן. אַז אַ לאַגער־עלצטער זאָל זיין נישט קיין ייִד איז פאַר אונדז געווען אַ נייעס. מיר האָבן זיך פאַר דעם דערשראָקן. אונדזער עלצטער איז געווען אַ דייטש, אַ פאַרברעכער, וועלכער איז שוין אָפּגעזעסן זיין שטראָף אין תּפיסה און אים האָט מען געפונען ווי דעם פּאַסיקן מענטש צו קאָמאַנדעווען מיט ייִדן אין לאַגער. צו דעם האָט מען אים געבראַכט אַהער. וועגן זיינע פאַרברעכנס האָט מען דערציילט פאַרשידענע מעשׂיות. ס׳איז אָבער געווען קלאָר אַז ער איז באַגאַנגען שווערע זינד. צי ער איז געווען אַ מערדער, אָדער געהערט צו אַ באַנדע גזלנים — בכל אופן האָט ער נישט געהאַט קיין שייכות מיט פּאָליטיק. ער איז געווען בלאָנד, הויך און דער אמת איז אַז דער לאַגער איז אים ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. די ס.ס. האָט אויף אים אַרויפגעלייגט די פליכט צו געבן אַ באַזונדערע, דייטשישע באַהאַנדלונג „די יודן". און ער האָט טאַקע געוואָלט דערגרייכן כּבוד מיט זיין באַציִונג צו די ייִדן. אָבער דאָס איז אים לחלוטין נישט געלעגן אין זינען. ער האָט נאָר געהאַט חשק אָנצוראַבעווען זיך מיט חפצים און געפינען שיינע ייִדישע מיידלעך.

פאַר אונדז איז געווען צוגעגרייט אַ באַראַק, וועלכער האָט געהאַט 23 גרויסע צימערן. אין יעדן צימער זענען געווען ענגע צוגעפעסטיקטע פּריטשעס. 150 פרויען האָבן דאָ געדאַרפט וווינען, עסן און שלאָפן. אין אַ דערבײַיאיקן באַראַק האָבן זיך געפונען פרויען פון אונגאַרן.

נאָך דעם ווי מיר האָבן פונאַנדערגענומען אונדזערע פּעקלעך האָט מען אונדז אַרויסגערופן אויפן הויף, געהייסן זיך אויסשטעלן אין אַ ריי בדי צו באַקומען די פּאַרציע זופּ. בעת איך בין געשטאַנען אין דער ריי זענען צו מיר צוגעקומען עטלעכע יונגע־לייט וועלכע האָבן מיך געקענט פון לאָדזש. איך האָב זיך דערפרייט מיט זיי, ווייל נאָכן אָפּזיין יאָרן אין לאַגערן, האָב איך ווידער דערזען באַקאַנטע מענטשן פון די אַמאָליקע יאָרן. זיי האָבן מיך אַרויסגענומען פון דער ריי און געבראַכט פאַר מיר אַנדער עסן. איינער פון זיי איז געווען דער לאַגער־עלעקטראָ־מעכאַניקער און דער צווייטער — אַ געהילף אין קיך.ביידע האָבן דערציילט אַז דאָ געפינען זיך אַ סך לאָדזשער און אויך צוויי לאָדזשער דאָקטוירים. זיי זענען אַהער געקומען נאָך דער עוואַקואַציע פון אוישוויצער לאַגער. אויך די מענער פון יענער זייט דראָטן־פאַרצוימונג וואָס האָבן דערהערט אַז עס איז אָנגעקומען אַ פּאַרטיע נייע מענטשן האָבן אויף פאַרשידענע אופנים זיך אַריבערגעקראָגן אויף אונדזער זייט. צו מיר איז אויך צוגעקומען אַ לאָדזשער יינגל וועלכער איז צוזאַמען מיט מיינע קינדער געוואָרן פאַרשיקט קיין אוישוויץ. ער האָט מיר פאַרזיכערט אַז פון דאָרטן זענען מיינע קינדער, פּונקט ווי ער, אָפּגע־שיקט געוואָרן ווייטער. ער האָט מיר אַפילו אָנגעגעבן סימנים ווי אַזוי זיי זענען געווען אָנגעטאָן. נאָך דער מלחמה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס וואָס דער בחור האָט דערציילט איז געווען אמת. ער האָט נעבעך נישט געוווּסט אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך זיין אַוועקגיין, איז מיין קליינע טאָכטער געשטאָרבן. צו מיין ווייטיק האָב איך שפּעטער געהערט ווי שטאַרק דאָס קינד האָט געבענקט צו אירע נאָענטע. זי איז דערפירט געוואָרן צו פאַרצווייפלונג ווען זי האָט דערזען וואָס ס׳טוט זיך אַרום. זי האָט אין גאַנצן פאַרלוירן די האָפענונג ווען עס איז נאָך צו זען טאַטע־מאַמע. זי האָט פּשוט געוואָלט שטאַרבן. איר שווינדזוכטיקן יונגן גוף האָט זי געטראָגן ווי אַ

פלאַקערנדיקע משאַ. זי איז דערצו פאַרפּייניקט געוואָרן פון הונגער און אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט ביי אירע 13 יאָר.

אין אָוונט האָט מען אונדז באַפוילן זיך אויסצושטעלן צום אַפּעל. ס׳זענען געקומען דער לאַגער־פירער און דער ייִדן־עלצטער. דער לאַגער־פירער איז געווען אַ יונגער ס.ס.־מאַן מיט אַ שם פון אַ בייזן כּלב. מיר האָבן געזען אַז דער לאַגער־פירער שמועסט מיט אַ שיינער, בלאָנדער פרוי. דאָס איז געווען די ייִדן־עלצטע. צוקוקנדיק זיך צו זיי, האָט זיך אויסגע־דאַכט אַז זיי פירן אַ געמיטלעכן שמועס. די ייִדישקע איז געווען עלעגאַנט. מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז אַזעלכע פרויען זענען באַשאַפן געוואָרן ספּע־ציעל פאַר די דאָזיקע אויסטערלישע באַדינגונגען כּדי דורכצופירן עקסטרע מיסיעס. די אַפּעלן האָט זי דורכגעפירט מיט אַן אויסערגעוויינלעכער גוט־מוטיקייט. זי האָט קיין מאָל נישט געפּרוווט עפּעס איבערצופרעגן, נאָכ־צופאָרשן. ווען די קאָלאָנען־פירערקע האָט איר געמאָלדן וועגן פאַרשיידענע פאַלן וואָס האָבן געטראָפן ביי די פרויען — זי פלעגט נאָר אַ לייכט באַוועג טאָן מיט דער האַנט צו דער קאָלאָנען־פירערקע און זאָגן: „אַב!״

איין מאָל, ווען מיר זענען געשטאַנען אויף דעם פרימאָרגן־אַפּעל און ס׳האָט אָנגעהויבן רעגענען זענען זיך עטלעכע פרויען צעלאָפן, כּדי זיך אויסצובאַהאַלטן אין די קלאָזעטן. זיי זענען אָבער אַ ביסל שפּעטער גע־כאַפּט געוואָרן פון דעם שטורעמפירער. ער האָט זיי באַשטראָפט מיט קייקלען זיך אַ האַלבע שעה אין דער בלאָטע.

עס איז געווען אַ גרויער מערץ־טאָג. פּונקט דעם טאָג בין איך געווען קראַנק און נישט אַרויס צום אַפּעל. ווען איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער האָב איך דערזען אַ שוידערלעך בילד: די ערד איז געווען פול מיט קאַלו־זשעס וואַסער, עס האָט נאָך גערעגנט און אַ קליינע, פאַרדאַרטע פרוי, איינגעוויקלט אין שמאַטעס, מיט הילצערנע טרעפּעס אויף די פיס און אַ זאַק אויפן קאָפּ, האָט זיך געקייקלט אין דער בלאָטע אויף אַ שטח פון 6 מעטער. אַ פּאָר טריט ווייטער איז געשטאַנען די ייִדן־עלצטע. זי האָט געדאַרפט צוהיטן אַז די באַשטראָפטע זאָל אויספירן דעם שטראָף־באַפעל:

דאָס קייקלען זיך פון אַ לעבעדיקן מענטש אין בלאָטע, דאָס האָט געדאַרפט דויערן אַ האַלבע שעה. ווען כ׳האָב דאָס דערזען האָב איך אָנגעהויבן שרעקלעך שרייען און איך האָב זיך פונאַנדערגעוויינט. איך ווייס נישט צי דער געשריי מיינער האָט באַווירקט דער יִדן־עלצטער, צי דאָס וואָס אויפן אָרט זענען זיך צונויפגעקומען נאָך פרויען. עפּעס האָט גערירט דער יִדן־עלצטער. זי האָט געהייסן דער פרוי אויפשטיין פון דער בלאָטע. גאָט, וואָס פאַר אַ בילד דאָס איז געווען! פון אַלע מיינע איבערלעבונגען וועט די דאָזיקע פרוי שטענדיק שטיין פאַר מיינע אויגן. דאָס וואָס אַ יִדישע פרוי האָט געדאַרפט צוזעהן אַ צווייטע יִדישע פרוי אַז זי זאָל אויספירן אַ משונהדיקן באַפעל, צוקוקן זיך, ווי אַן אַנדערער מענטש ווערט געפּייניקט און דערנידעריקט, דאָס איז געווען שוידערלעך.

ווען עס איז צו אונדז געקומען אויף אַן אינספּעקציע דער אוישוויצער סאַדיסט מענגעלע איז ער דורכגעגאַנגען אַלע באַראַקן. דעם זעלביקן טאָג האָב איך געהאַט דיזשור, שטובן־דינסט. תּמיד נאָך דער אַרבעט פלעג איך אָנטאָן אַ ריינעם פאַרטעך און מיך צוקעמען. ווען מענגעלע איז אַריין אין באַראַק ווו איך בין געווען האָט די יִדן־עלצטע ביים אַריינקומען אין באַראַק אויסגעשריגן „אַכטונג!”. אָנווייזנדיק אויף מיר האָט דער רוצח מענגעלע זי געפרעגט, צי איך בין אויך געווען אין אוישוויץ; די יִדן־עלצטע האָט אים געענטפערט אַז ניין. דעמאָלט האָט ער מיט באַדויערן אַ זאָג געטאָן: „איינע שאַדע” — דערצו האָט ער אַ ר׳גע שפּעטער צוגעגעבן: „ווי אַנשטענדיק זי זיט נאָך אויס!”

פאַר נאַכט האָט די יִדן־עלצטע מיך געטראָפן אויפן הויף און קעגן איר טבע איז זי צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט: „שטאַרק, וויסטו, ווער דאָס איז געווען? דאָס איז דער ערגסטער נאַצי פון דער דייטשישער אַרמיי. ווען איך קען, צעשנייַד איך אים אויף שטיקלעך לעבעדיקערהייט און באַזאַלץ זיין פלייש. אָ, ווי גוט וואָלט דאָס געווען!”

אין לאַגער גערליץ האָט מען אונדז געבראַכט כּדי דאָרט צו גראָבן שוץ־גריבער אַרום דער שטאָט. נישט כּדי צו מאַכן באָמבעס, נישט צו קיין געווער, נאָר צו שאַפן שוץ פאַר דער שטאָט. פאַר טאָג, אַ זייגער 5, האָבן מיר זיך געמוזט שטעלן צום אַפּעל. ווען מ׳האָט אונדז אַרויסגעפירט פון

לאַגער, האָבן מיר זיך צונויפגעטראָפן מיט אַ גרופּע מענער, וואָס זענען אויך געווען באַשטימט פאַר דער זעלבער אַרבעט. צוגעקומען צו אַ וועלדל, האָט מען אונדז געגעבן לאָפּעטעס און מיר האָבן געדאַרפט אָנהייבן צו גראָבן. די לאָפּאַטעס זענען געווען זייער שווערע. בלויז דאָס אויפהייבן אַזאַ לאָפּאַטע איז פאַר מיר שוין געווען אַ לאַסטיקע אַרבעט. דאָך האָב איך זיך אָנגעשטרענגט צו טאָן די אַרבעט. נאָך אַ שעה פּלייסן זיך האָב איך זיך געשטעלט אַ ביסל אָפּרוען. אַזוי האָב איך מיין אָפּרו איבערגעחזרט נאָך דער צווייטער שעה. דאָס האָט קענטיק דענערווירט די וועכטערס און איינער פון זיי האָט גענומען שרייען אויף מיר. איך האָב זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען. די כּוחות האָבן נישט געקלעקט.

ס׳איז שוין געווען דאָס יאָר 1945. די דייטשן האָבן אַליין שוין נישט געגלייבט אין אַ נצחון. אָבער זיי האָבן אונדז געהיט. זיי האָבן געמוזט אויספירן די דאָזיקע פונקציע. געזען אַז איך קאָן טאַקע נישט אַרבעטן האָבן זיי צוגעשיקט צו מיר די קאָלאָנען־פירערקע וועלכע האָט מיך אַראָפּגענומען פון דעם אַרבעט־פּלאַץ, מיך אַריינגעפירט טיפער אין וועלדל ווו איך בין שוין פאַרבליבן ביזן סוף פון דעם אַרבעט־טאָג.

אין אָוונט ווען מיר זענען צוריק געקומען אין לאַגער האָבן מיר מיינע באַקאַנטע אָנגעזאָגט אַז פון מאָרגן אָן וועל איך אַרבעטן אין דער שייל־קאָמער פון מענער־לאַגער. צו מאָרגנס אין דער פרי איז געקומען די קאָלאָנען־פירערקע פון דער שייל־גרופּע און מיך טאַקע מיטגענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט. זי איז געווען אַן עלטער אונגאַריש מיידל. קאָלאָנען־פירערקע איז זי געווען אַ דאַנק דעם וואָס זי איז געווען די געליבטע פון קאָלאָנען־פירער אינעם מענער־לאַגער.

אין מיטן הויף, ווייט אָפּגערוקט פון די פּרויען־באַראַקן, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ באַקאַנטן און זיין זון פון מיין געבוירן־שטאָט. אַ ייִד, אַ מילנער, האָט ער דאָ געאַרבעט ביי גערטנעריי. באַגעגנט האָב איך אים ביי זיין אַרבעט. ווען איך בין אים פאַרבייגעגאַנגען האָט מיר די קאָלאָנען־

פירערין דערלויבט זיך מיט אים דורכצושמועסן. איך האָב זיך געוווּנדערט פון וואַנען ער קומט צו אַזאַ אַרבעט. בלויז מיט צייכנס פון די הענט (אַזוי ווי מען ציילט געלט) האָט ער געענטפערט אויף מיין פראַגע. גייענדיק ווייטער, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ לאָדזשער אינזשיניער וועלכער האָט אויך געאַרבעט צוזאַמען מיט זיין זון. נענטער צום מענער־לאַגער האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ סך אַרבעטנדיקע יידן. אין לאַגער האָב איך געזען אַ סך מענער באַשעפטיקטע אין לאַגער גופא. אויף דער טעריטאָריע פון לאַגער האָט זיך מיר אָבער אַנטפּלעקט אַ גרויליק בילד פון וועלכן איך קען זיך נאָך היינט נישט באַפרייען. נישט ווייט פון דער שייל־קאַמער האָב איך געזען אַ גאַנצע גרופּע מענער, וועלכע האָבן געפּויזעט אויף דער ערד, זיך געראָיעט אין מיסטקאַסטן; זיי האָבן עפּעס שנעל, שנעל געזוכט... יעדער פון זיי האָט געפּרוּווט איבערשטייגן דעם צווייטן מיט זיין פלינקייט.

דאָס געזעענע האָט מיך נישט געלאָזט זיצן רויִק. עס האָט מיך גע־צויגן זיך אַרויסצוקריגן פון דער שייל־קאַמער כאָטש אויף עטלעכע מינוט. איך האָב זיך וועגן דעם פאַרטרויט פאַר מיין נאָענטסטער מיטאַרבעטערין. זי האָט מיר געזאָגט, אַז דער קלאָזעט געפינט זיך נישט ווייט פון דאַנען. דאָרט קען מען זען... דערויף האָט זי זיך געווענדט צו דער קאָלאָנען־פירערין אַז זי וויל מיר וויזן ווו עס געפינט זיך דער קלאָזעט. די קאָלאָנען־פירערין האָט עס דערלויבט מחמת איך בין דאָך אַ נייע. דערנענטערט זיך צו דער גרופּע מענער בין איך געוואָרן איבערגעראַשט דערפון וואָס איינער פון די מענער איז מיר אַנטקעגנגעלאָפן: ער האָט מיך דערקענט. ער איז געווען מיינער אַ קרוב. אוי וויי! צו וואָס די נויט קאָן דערפירן?! דאָס זענען שוין געווען „מוסולמענער", ד"ה כמעט טויטע וואָס באַוועגן זיך ווי שאָטנס. אָנגעקוקט מיין קרוב, וועלכער איז פאַרן קריג געווען אַ הויכגע־וואַקסענער בחור, איז מיך באַפאַלן אַן אויסטערליש געפיל. איצט איז ער געווען קליין, דאַר, טרוקן, מיט פאַרגלאָזטע אויגן. אויך די אַנדערע פון דער גרופּע האָבן געהאַט אַן ענלעכן אויסזען. אייגנטלעך זענען דאָס שוין נישט געווען מער קיין מענטשלעכע געשטאַלטן. אויף זייערע גופים איז שוין נישט געווען קיין פלייש. דאָס זענען געווען גייענדיקע שקעלעטן, באַצויגן מיט אַ שמוציקער, קרעציקער הויט. אויך פּסיכיש זענען זיי געווען

אין גאַנצן אויסגעשעפּט. אויף אַלץ האָבן זיי רעאַגירט מיט טרערן. אין דער פּראַקטיק פון די נאַצישע לאַגערן האָט מען די דאָזיקע אויסגעדאַרטע, שמוציקע, גייסטיק דערשלאָגענע געקרוינט מיטן נאָמען „מוסולמענער". פאַר וואָס מ׳האָט זיי אָנגערופן דווקא מיט דעם דאָזיקן נאָמען האָט מיך דעמאָלט נישט אינטערעסירט. איך האָב פאַר זיך געזען יונגע מענטשן וואָס לויט זייער געבוי זענען זיי אַ מאָל געוויס געווען שטאַרקע מענער. איצט זענען זיי געלעגן אויף דער ערד ביים מיסטגרוב און געזוכט דאָרט עפּעס צום עסן. נישט ווייט פון זיי איז געשטאַנען אַ דייטשישער וואַך־פּאָסטן וועלכער האָט זיי פון צייט צו צייט אַוועקגעטריבן פון מיסטגרוב.

ווען מיין קרוב האָט מיך דערזען איז ער אויסגעבראָכן מיט אַ שטיל שוואַך געוויין. ער האָט זיך רק באַקלאָגט אויף די ייִדישע לאַגער־אָנפירערס. „זיי ווילן אונדז אומברענגען! זיי ווילן צונעמען אונדזערע פּאָרציעס! אין די קעלערס געפינט זיך אַ סך שפּייז, אָבער זיי, די ייִדן, היטן צו, אַז מ׳זאָל פון דעם גאָרנישט צונעמען!" דער האַס צו די ייִדישע לאַגער־פירערס איז געווען גרעסער ווי צו דער דייטשישער מאַכט.

אמת, אין דעם לאַגער גערליץ זענען געווען מעגלעכקייטן צו פאַר־לייכטערן די שרעקלעכע מערכה פון די קאַצעטלערס. דער הויפּט־לאַגער־פירער איז געווען אַן אונגאַרישער ייִד, און ווי עס פירט זיך האָט ער נאָר געשטיצט די אונגאַרישע לאַגער־מענטשן. די לאַגערניקעס וואָס האָבן גע־שטאַמט פון פּוילן, האָבן דאָרט נישט געהאַט קיין מזל.

צווישן די לאַגערניקעס פון פּוילן האָבן זיך אויך געפונען צוויי דאָקטוי־רים וועלכע האָבן דאָך מיט זייערע באַגרענעצטע מעגלעכקייטן געהאָלפן פּוילישע ייִדן.

ווען איך בין געשטאַנען און גערעדט מיט מיין קרוב האָבן זיך דער־נעענטערט אויך אַנדערע „מוסולמענער". צווישן זיי האָב איך דערקענט עטלעכע. איינער איז געווען אַ ברודער פון אַ מיידל וואָס איז געווען מיט אונדז אין קלעטענדאָרף. אַלע האָבן זיי שוין געוווסט אַז איך אַרבעט אין שרייל־קאַמער. איך האָב זיי געפרעגט מיט וואָס איך קאָן זיי העלפן. איינער האָט מיר באַלד דערקלערט אַז אין דעם וועגטל אין קלאָזעט וואָס איז באַ־שטימט פאַר די פרויען איז פאַראַן אַ שפּאַרע און דורך דער שפּאַרע קאָן

מען זיי איבערגעבן שטיקלעך מערן און בוראַקעס וואָס זיי האָבן געוווסט אַז מיר האָבן עס געגוג אין דער שייל־קאַמער. איך בין צוריקגעגאַנגען אין דער שייל־קאַמער טאָן מיין אַרבעט. מיר איז אָבער שוין געווען ענג די וועלט. איך האָב נישט געקאָנט איינזיצן און געזוכט אַ געלעגנהייט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ; כ׳האָב געמוזט זיך אויפשטעלן, זיך באַוועגן. איך האָב אָנגעשטאָפּט מיין בוזעם מיט שטיקלעך מערן און בוראַקעס און ווידער אַרויס אין קלאָזעט. די מענער האָבן פאַרשטאַנען אַז איך קום נישט ליידיק, איך ברענג זיי עפּעס. אין קלאָזעט האָב איך אַוועקגעלייגט אַלץ אויפן אָפּגערעדטן אָרט. דעם טאָג האָב איך אָבער נישט געקאָנט אַרויס־טראָגן נאָך עפּעס פאַר די הונגעריקע. איך האָב געפּרוווט אָנרעדן די מיטאַרבעטנדיקע מיידלעך אַז זיי זאָלן אויך טאָן דאָס זעלביקע וואָס איך. און ווען מיר האָבן געקראָגן אונדזער מיטיק־עסן — די זופּ, האָב איך דאָס נישט געקאָנט אַראָפּשלינגען און געפּרעגט ביי די מיידלעך וואָס מען קאָן טאָן, כדי די זופּ אַרויסצוגעבן די מענער, ווייל מיר זענען געווען זאַט פון דעם גרינס. די מיידלעך האָבן מיר אָבער געזאָגט אַז דאָס טאָר מען נישט; אויב מ׳זאָל זיך דערוויסן דערפון, וועט מען אונדז אַלעמען אַרויסשיקן פון דאַנען. איך האָב זיי פאָרגעלייגט אַז מ׳זאָל אַריינרופן אַהער איינעקע מענער און אַוועקגעבן זיי אונדזער זופּ. „אָ, ניין!" — האָט זיך אָנגערופן אַ יונג מיידל — „מיר קאָנען דאָ עסן וויפל מיר ווילן, אָבער מיר טאָרן נישט אַריינרופן קיינעם פון דרויסן. כאַ, כאַ, כאַ — האָט זי זיך נאָך פונאַנדערגעלאַכט — גאַרסיה (דאָס האָט זי געמיינט די אונגאַרישע אויפ־זעערקע) זאָגט, אַז ס׳איז אַ שאָד די מענער פון דרויסן עפּעס צו געבן, סיי ווי וועלן זיי נישט אויסהאַלטן מער ווי נאָך אַ פּאָר טעג".

דאָס האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ געדריקטער שטימונג. עס וועט באַלד זיין פינף אַ זייגער און מיר וועלן זיך מוזן צוריקקערן אין לאַגער. אויך דאָרט זענען פאַראַן צוויי אַלטע, קראַנקע פרויען, פאַר וועלכע מ׳דאַרף עפּעס מיטנעמען. אָבער די דרויסן וואַרטנדיקע מענער קאָן מען נישט איבערלאָזן אָן גאָרנישט! די קעלערס זענען פול מיט קאַרטאָפל און גרינסן. מ׳באַהאַלט דעם אָ אוצר פאַר וועמען? סיידן פאַר די שדים? דעם מענער־לאַגער טיילט מען נישט צו קיין שום סכום קאַרטאָפל. וויפל מ׳גיט אונדז

אָפּצושיילן, איז אַלץ פאַר אונדזער לאַגער. וואָס מער מיר גרייטן צו, אַלץ געדיכטער איז די זופּ. דערפאַר דאַרפן מיר טאַקע זיך צואַײלן און אָפּשיילן וואָס מער. איך האָב באַדויערט וואָס איך האָב היינט אַזוי לאַנג זיך פאַר־זאַמט אין שמועס מיט מיינע לאַנדסלייט. וואָלט איך נישט אומזיסט געפּטרט די צייט, וואָלטן אפשר אַריינגעפאַלן צו יעדן פון זיי אין טעלער זופּ נאָך אַ קאַרטאָפל אָדער צוויי. אָבער דאָס איז שוין געשען. איך בין היינט דאָ צום ערשטן מאָל. מאָרגן וועל איך שוין אַרבעטן פלייסיקער.

אַ ווײלע פאַר פינף אַ זייגער האָב איך ווידער אָנגעפּאַקט מיין בוזעם מיט גרינוואַרג און בין אַרויס אויפן הויף. די „מוסולמענער" זענען גע־שטאַנען פון דער ווייטנס און געקוקט צו דער טיר דורך וועלכער איך בין אַרויסגעקומען. אָבער ווען איך בין צוריק אַריין אין דער קיך, האָבן מיר שוין געדאַרפט אָפּמאַרשירן צום פרויען־לאַגער.

צוריקגעקערט זיך אין לאַגער האָבן מיינע חברטעס שטאַרק זיך גע־פרייט מיט מיר. זיי האָבן זיך געפרייט וואָס מ׳האָט מיך באַשטימט אין דער שייל־קאָמאַנדע פאַרן מענער־לאַגער. איך האָב באַלד אַוועקגעגעבן דאָס גרינצייג וואָס איך האָב מיטגעבראַכט. אויך דערמיט איז געווען אַ גדולה. אין אַלגעמיין איז דאָס עסן דאָ נישט געווען אַזוי שלעכט. די מענטשן וואָס פלעגן אַרבעטן מחוץ דעם לאַגער, אויף דער בוי־שטעלע, האָבן אויך דאָרטן באַקומען צום עסן. דערפאַר האָט זיך פאַר מיר געשטעלט די פראַגע: פון וואַנען נעמען זיך דאָ אַזוי פיל „מוסולמענער", אויב דאָס עסן איז נישט שלעכט? מ׳האָט מיר דערציילט, אַז פריִער איז דאָ געווען אַ שלעכטער לאַגער־פירער, אַ טשעך. ער פלעגט שלאָגן און פייניקן די לאַגער־מענטשן. אָבער דער גרעסטער קריזיס איז געקומען פאַרן לאַגער ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די עוואַקואַציע־צייט. אַזוי ווי דער רוסישער פראָנט האָט זיך דערנעענטערט מיט אַן אויסערגעווײנלעכער שנעלקייט, האָט הימלער באַפוילן צו עוואַקויִרן די לאַגערן און קאַצעטלערס וועלכע האָבן נאָך געטויגט צו אַרבעט אַריבערפירן טיף קיין דייטשלאַנד.

אין אַ פראָסטיקן יאַנואַר־טאָג איז טאַקע אויך געקומען די עוואַקואַציע ריי אויפן לאַגער גערליץ. לויטן באַפעל האָבן אַלע מענטשן וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען געמוזט אַוועקגעשיקט ווערן אין „פאָטערלאַנד". יעדן האָט

מען מיטגעגעבן אַ קליין פּעקעלע שפּייז. דאַן האָט מען אָנגעהויבן צו טרייבן די ייִדן מיט דער הילף פון גרויסע ווילדע הינט. נאָכן מאַרשירן דריַי טעג נאָכאַנאַנד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישטאָ קיין אָרט, וואָס זאָל קאָנען אויפנעמען די געטריבענע קאַצעטלערס, ווייל דייטשלאַנד ווערט באָמבאַרדירט אויך פון דער אַנטקעגנגעזעצטער זייט און דאָס לאַנד ווערט פאַרנומען פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער אַרמיי. אַ סך פון די געטריבענע ייִדן זענען אומגעקומען פון אויסמאַטערונג אין מיטן וועג און אַ טייל איז צוריקגעקומען קיין גערליץ. טייל פון די צוריקגעקומענע האָבן אָבער שוין נישט געקאָנט קומען צו זיך. מיט יעדן טאָג זענען זיי געוואָרן שוואַכער און מער נישט געקאָנט אַרבעטן. פון דער דאָזיקער גרופּע האָבן זיך עס געפונען די שפּעטערדיקע „מוסולמענער״. נאָך היינט, אַן אָפּשטאַנד פון 30 יאָר, קאָן איך די דאָזיקע ייִדן, די דאָזיקע אויסגעמאַטערטע פּנימער נישט פאַרגעסן.

נאָכן טאָג אַרבעט האָבן מיר זיך ערשט געגומען איינאָרדענען. אין אַלע פריִערדיקע לאַגערן האָבן מיר געהאַט געלעגערס וואָס זענען געווען געפּאַרבט אויף גרין. יעדער האָט געהאַט זיין באַשטימטן פּלאַץ. דאָ האָט מען אין געאייַל צוגעגרייט פאַר אונדז דריַי שטאָקיקע פּריטשעס, צוזאַמענגעשטעלט פון נישט־געהובלעוועטן האָלץ. די פּריטשעס האָט מען אָנגעשאָטן מיט שטרוי און באַדעקט מיט אַ קאָץ (קאָלדרע). מיר האָבן אויך געמוזט שלאָפן צו צוויי אויף איין געלעגער. מיר זענען געווען אַזוי באַגרענעצט אין אָרט, אַז אונדזער קליידונג, אויך די צוגעטיילטע ברויטפּאַרציע האָבן מיר געמוזט האַלטן אויף אונדזערע געלעגערס. אין באַראַק איז געווען אַזוי ענג, אַז אין דער פרייער צייט איז נישט געווען קיין אָרט וווּ זיך צו באַוועגן און מיר האָבן געמוזט זיצן אויף די געלעגערס. ביים אַריינגאַנג אין באַראַק איז געשטאַנען אַן אייזערנער אויוון אויף וועלכן מ׳פלעגט אָפּקאָכן די אַריינגעשמוגלטע קאַרטאָפל. אָבער דער אויוון איז שטענדיק געווען פאַרנומען פון די זעלביקע מענטשן, מענטשן וואָס האָבן געהאַט שטאַרקע פויסטן און געשריגן, געשריגן... על־פּי רוב האָט מען

געזעגן ביים אויוון דאָס ברונעטע מיידל מיטן אויסגעבראָכענעם צאָן, העלענע פון קראַשניק. זי האָט זיך איינגערעדט אַז זי איז פּריווילעגירט. זי איז געווען די רוימערקע ביי דער יִדן־עלצטער און דערפאַר געהאַט די מעג־לעכקייט זיך צו „אָרגאַניזירן”. זי פלעגט פאַרנעמען דעם אויוון מיטן אויס־רייד אַז זי קאָכט נישט נאָר פאַר זיך. זי האָט צו „פאַרזאָרגן” עטלעכע יִינגלעך. דערנאָך האָט זי אַרויסגעטראָגן דאָס געקעכטס און עס פאַר־טיילט. זי האָט זיך נישט געקאָנט דעצידירן וועלכער בחור עס געפעלט איר מער. ווען מיר האָבן אין אַ פרייען זונטיקדיקן טאָג געוואָלט זיך אַ ביסל פריילעך מאַכן, פלעגן מיר זיך וויצלען אויף העלענעס חשבון. זי איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון איר היים כמעט נאָך אַ קינד. זי האָט געהאָפט, אַז איר פאָטער לעבט ערגעץ אין אַ לאַגער. ער איז געווען אַ שוסטער און זי פלעגט זאָגן: „מיין טאַטע האָט געוווסט ווי אַזוי אומצוגיין מיט די דייטשן. ער איז געווען אַ שיינער — האָט זי צוגעגעבן — און נאָך מיין מאַמעס טויט האָבן אַ סך פרויען געוואָלט מיט אים חתונה האָבן. איך וועל אויך וואַרטן מיט מיין חתונה אויף נאָך דער מלחמה; מיין טאַטע וועט באַשליסן מיט וועמען איך זאָל חתונה האָבן”. זי פלעגט דאָס זאָגן מיט אַזאַ נאַיִווקייט, אַז מיר פלעגן איר אַלץ מוחל זיין. איך וויל האָפן אַז נאָך דער מלחמה האָט זי זיך געטראָפן מיט איר פאָטער און ער האָט איר אויסגעקליבן דעם ריכטיקן זיווג. דעמאָלט אין לאַגער האָט איר הערצעלע נעבעך געצאַפּלט איבער עטלעכע יונגע־לייט מיט אַ מאָל.

נאָר עטלעכע וואָכן האָבן מיר געאַרבעט אין דער שייל־קאַמער. אונ־דזער „אָרגאַניזאַציע” האָט גוט פונקציאָנירט. מיר האָבן באַקומען אַ דער־לויבעניש אַז די „מוסולמענער” זאָלן אַריינקומען צו אונדז אין דער שייל־קאַמער כדי אַרויסצוטראָגן דאָס אָפּפאַל. בעת־מעשה פלעגן מיר אָנשטופּן זייערע טאַשן מיט גרינצייג און אַנדערן כל־טוב, מישטיינס געזאָגט. אַפילו איינע פון אונדזערע מאָלצייטן איז אונדז דערלויבט געוואָרן זיי אַוועקצו־געבן. אָבער די מענטשן זענען שוין געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט אַז וויפל מיר האָבן זיי געגעבן איז פאַר זיי געווען צו ווייניק. דאָך האָט אונדזער הילף פאַמעלעך זיך געגומען אָנזען אויף זיי. אין די שיסלען זופּ פאַר זיי פלעגן מיר אַריינלייגן אָפּגעשיילטע מערן, בוראַקעס, קאַרטאָפל. מיט דער קליינער

פיזישער פאַרבעסערונג אין אויסזען פון די „מוסולמענער״ איז אויך געקומען זייער גייסטיקע דערוואַכונג און דאָס אויף אַזוי ווייט אַז זיי האָבן אויפגעהערט מורא האָבן פאַר יעדן איינעם. אַנדערע זענען אַפילו געוואָרן חוצפּהדיק. זיי זענען שוין צוגעשטאַנען מ׳זאָל זיי געבן נאָך און נאָך. איין מאָל נאָך דער אַרבעט, האַרט פאַרן צוריקגיין אין פּרויען־לאַגער, האָט זיך פאַר דער שייל־קאַמער באַוויזן אַ „מוסולמאַן״. איך האָב אים אַריינגערופן מיטן אויסרייד ער זאָל אַרויסטראָגן דאָס אָפּפאַל פון קאַרטאָפל־שיילן, און אין צווישן האָב איך אים אָנגעשטופּט די קעשענעס מיט גרינצייג. ביים אַרויסגאַנג פון אונדזער קאַמער האָט ער געטראָפן אַ פּאָליציאַנט וועלכער האָט אים באַזוכט. ער האָט ביי אים געפונען פולע טאַשן גרינצייג. ער האָט אים געפרעגט פון וואַנען ער האָט דאָס. דער „מוסולמאַן״ האָט צוגעפירט דעם פּאָליציאַנט צו מיר און אָנגעוויזן אַז איך האָב עס אים געגעבן. איך האָב געשטוינט אָבער נאָך מער זיך דערשראָקן. אַ קלייניקייט, אַזאַ פאַרברעך!

דער דאָזיקער געוועזענער „מוסולמאַן״ לעבט היינט אין ישׂראל. ער איז אַ פּיינער, באַשיידענער מאַן און נישט איין מאָל האָט ער פאַר מיר אויסגעדריקט זיין באַדויערן פאַר יענעם אומבאַרעכנטן שריט. דעמאָלט האָב איך געוווסט וואָס מיך דערוואַרט. איך האָב אין יענער מינוט זיך שוין געזען אַ האַלב נאַקעטע זיך קייקלען אין דער בלאָטע. דאָס בילד וואָס איך האָב אַנומלט צוגעזען מיט דער באַשטראָפטער פרוי איז קיין מאָל נישט אַוועק פון מיין רעיון. אָבער די אַרומיקע האָבן מיך געטרייסט אַז מ׳וועט מיר נאָר אָפּשניידן די האָר. דערנאָך האָט מען מיר געזאָגט, אַז מען וועט מיך איבערפירן אויף אַן אַנדער אַרבעט־פּלאַץ. כ׳האָב געציטערט. בינו לבינו זענען אַוועק עטלעכע טעג און מ׳האָט מיר גאָרנישט געטאָן. מ׳האָט מיר נאָר נישט דערלויבט צו גיין אין מענער־לאַגער שיילן קאַרטאָפל. מ׳האָט מיך אויך נישט געפירט צו קיין אַנדערער אַרבעט. מיין גליק — דייטשלאַנד איז אָן אויפהער באָמבאַרדירט געוואָרן, די דייטשן האָבן געהאַט צו טאָן מיט זיך. עס איז שוין געווען סוף אַפּריל 1945.

אין דייטשלאַנד, אין נידער־שלעזיע קומט דער פרילינג אַ סך פריִער ווי אין צענטראַל־איראָפּע. אין אַפּריל זענען שוין די פעלדער געדיכט באַדעקט מיט יונגן גראָז. נישט געקוקט אויף דעם וואָס די רוסישע אָפענ־סיווע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאַנואַר האָבן די דייטשן געהאַט אַרויסגע־געבן אַ באַפעל צו באַאַרבעטן די פעלדער. אין אַפּריל ווען די רוסן זענען שוין געהאַט אַריינגעדרונגען טיף אין נידער־שלעזיע און אין אַנדערע דייטשישע פּראָווינצן, האָט מען גענומען די ייִדן פון די לאַגערן און זיי באַשעפטיקט ביים אַראָפּנעמען פון די פעלדער דאָס גערעטעניש. אויך די דייטשישע שטאָטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך געווענדט צו דער לאַגער־מאַכט אַז מ׳זאָל זיי אויסבאָרגן ייִדישע אַרבעט־הענט. איך בין דעמאָלט באַשטימט געוואָרן מיטצוגיין מיט אַ קליינער גרופּע ייִדן צו פעלד־אַרבעט. מיר זענען געפאָרן אַהין אין אַ פאַרמאַכטן אַרעסטאַנטן־אויטאָ אין באַ־גלייטונג פון אַ דייטשישן וועכטער און אַ וועכטערין. נאָכן אָפּפאָרן אַ שטיק וועג, האָט מען אונדז אַראָפּגעלאָזט אויף אַ פעלד. דאָרט האָבן מיר שוין געטראָפן דייטשן וועלכע זענען נישט געווען פעיִק צו טראָגן קיין געווער און גיין אויפן שלאַכטפעלד. אויף אַ נידעריק בענקל איז געזעסן אַן אַלטע דייטשקע און געשניטן דעם ראַבאַרבער־געוויקס. אַ ביסל ווייטער זענען געזעסן נאָך עטלעכע דייטשן, וואָס האָבן געבונדן דעם ראַבאַרבער אין בינטלעך. אונדז האָט מען געוויזן וואָס מיר דאַרפן טאָן. מיר זענען אָבער געווען אַזוי הונגעריק אַז מיר האָבן קודם גענומען גיריק עסן דעם רויען ראַבאַרבער. מיר האָבן אַגב געמיינט, אַז קיינער זעט עס נישט. אָבער פּלוצלינג האָט זיך דערנענטערט צו אונדז אַ דייטש אין אַ בלויען אַרבעט־כאַלאַט און אַ בלויען אַרבעט־הוט. נאָך פון ווייטנס האָט ער געגריסט צו אונדז מיט דער האַנט. ווען ער איז צוגעקומען זענען מיר געבליבן שטיין דערשראָקענע. דעמאָלט האָט ער צו מיר געזאָגט שטיל, כמעט שעפּטשענ־דיק: „עסט נישט דעם ראַבאַרבער. איך וועל אייך ברענגען אַן אַנדער עסן״. ער האָט מיר אָנגעוויזן אַז איך זאָל איבערגיין אַרבעטן צום ראַנד פון פעלד. איך בין מיטגעגאַנגען מיט אים. אויך האָט ער מיר געזאָגט וואָס איך זאָל טאָן. דערנאָך האָט ער מיך איבערגעלאָזט אַליין און איז אַוועק. אַ ווײַלע שפּעטער איז ער ווידער געקומען און געבראַכט אַ סך צעשניטן ברויט מיט

פוטער, אויך ווייסן קעז. ער האָט עס מיר דערלאַנגט און געזאָגט אַז איך זאָל עסן. זינט אָנהייב־מלחמה האָב איך נאָך נישט געהאַט אַזאַ געפיל פון עסן ברויט צו דער זעט. בין איך טאַקע מיטן ברויט געלאָפן צו מײַנע חברים און עס צעטיילט צווישן זיי. מיר זענען אָבער געוואָרן נײַגעריק און זיך געוואָלט עפּעס דערוויסן וועגן דעם גוטן דײַטש. ווען איך בין געקומען צוריק צו מײַן אַרבעט־פּלאַץ, האָט דער דײַטש איבערגעריסן מײַן אַרבעט און פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס. ער האָט מיך געפרעגט וואָס איך האָב געטאָן פאַרן קריג? פון וועלכער שטאָט איך בין? גלײַכצײַטיק האָט ער מיך אויפמערקזאַם באַטראַכט. ער האָט געזוכט אויף מײַן האַנט דעם אויסגעברענטן נומער. איך האָב אָבער אויף מײַן האַנט נישט געהאַט קיין לאַגער־נומער. איך האָב מײַן העפטלינג־נומער געהאַט אויסגענייט אויפן פאַרטעך אויף אַ באַזונדערער געלער שמאַטע. אויך האָב איך געהאַט מײַן העפטלינג־נומער אָנגעהאָנגען מיט אַ שטריקל אויפן האַלדז. מײַן נומער איז געווען 58566 און ער האָט עס נישט געזען. ער האָט נישט אויפגעהערט מיך מער צו אָבסערווירן. איך האָב געזען אַז ער זוכט מײַן קאַצעט־נומער. איך האָב עס געשפּירט ביז ווייטיק. מיך האָט פּלוצלינג באַהערשט אַן אויסטערליש געפיל: איך האָב זיך געשעמט וואָס איך שטיי דאָ אויג אויף אויג מיט דעם דײַטש אײנע אַליין, אָפּגעטיילט פון מײַנע חברים אויף אַ שטח פון 20 מעטער. ער האָט באַמערקט מײַן פאַרלעגנהייט און אומגעריכט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיר. ער האָט מיר געזאָגט אַז ער איז אַ נײַ־אײַנ־געוואַנדערטער. ער האָט אָנגעגעבן זײַן נאָמען (איך געדענק אים שוין נישט); ער האָט דערציילט אַז ער איז מיט עטלעכע טעג צוריק געקומען פון מאָסקווע. אים האָט מען אַהער געשיקט ווי אַ באַוווסטן אַלטן דײַטשן סאָציאַליסט. דאָרט, ווײַזט ער מיר אויף אַ בוים, אַן ערך אַ קילאָמעטער פון דאַנען הינטערן וועלדל, געפינט זיך שוין דאָס רוסישע מיליטער. גאָר נאָענט האָט זיך פאַרפעסטיקט דער פראָנט. איך בין שוין דאָ עטלעכע טעג, זאָגט ער מיר, און איך האָב זיך שוין צוגעוווינט צו די קוילן, וואָס פליִען איבער מײַן קאָפּ. ער האָט בשעת־מעשׂה זיך אַרויסגעכאַפּט: „ס'איז אַ מערקווערדיקע זאַך, שוין אַ שעה, ווי עס הערט זיך נישט קיין שיסערײַ. עס וועט קומען אַ טאָג און דאָ וועט אַרײַן דאָס סאָוויעטישע מיליטער און

פֿאַר דיר וועט זיך אַנטפּלעקן אַ נײַע שיינע וועלט. וועסט מער נישט דאַרפֿן טראָגן דעם נומער. עס וועט פֿון דיר וויכן די שרעק. אַ גוטע וועלט וועט קומען איצט פֿאַר אייך, ייִדן.

פֿון די רייד וואָס דער מאַן האָט צו מיר גערעדט איז מיר געוואָרן אומהיימלעך. כ׳האָב אָנגעהויבן ציטערן, כ׳בין געוואָרן נערוועז. כ׳האָב אים געוואָלט עפּעס פֿרעגן, ענטפֿערן, אָבער מיין מויל האָט זיך נישט געעפֿנט. כ׳האָב אים נאָר געפֿרעגט מיט אומצוטרוי: „אָבער היטלער לעבט נאָך? נאָר אים וויל איך איבערלעבן!" דער דייטש איז אַוועקגעגאַנגען. איך בין געבליבן אַליין און אין דער שטיל געקליבן דעם יונגן ראַבאַרבער. מיינע לאַגער־חברטעס האָבן דערזען אַז איך בין אַליין זענען זיי צוגעקומען צו מיר כּדי צוזאַמען צו אַרבעטן. זיי האָבן באַמערקט מיין אויפֿרעגונג און מיך געפֿרעגט וואָס עס איז געשען און וואָס ער האָט געוואָלט פֿון מיר? אָפּגע־אַרבעט ביז אָוונט זענען מיר צוריקגעפֿירט געוואָרן אין לאַגער אַריין. ווען מיר זענען שוין געזעסן אין וואַגאָן איז אָנגעקומען „מיין" דייטש (אַזוי האָבן איס אַ נאָמען געגעבן מיינע חברטעס). ער האָט געטראָגן אַ גרויסן זאַק און ער האָט זיך געווענדט צו דער דייטשישער וואַך־מייסטערין, אַז זי זאָל דערלויבן אונדז דעם זאַק מיטצונעמען. די מייסטערין האָט שוין פֿאָרויס־געפֿילט דעם נאָענטן סוף פֿון איר קאַריערע. די דאָזיקע פֿרוי וואָס פֿלעגט אונדז פּייניקן פֿאַרן רעדן נישט נאָר מיט אַ דייטשישן מאַן, נאָר אויך מיט אַ ייִדישן לאַגער־העפֿטלינג, האָט איצט דערלויבט אַז מיר זאָלן דאַנקען דעם דייטש און מיטנעמען דעם זאַק. דער זאַק איז געווען פֿול אָנגעפּאַקט מיט פּראָוויאַנט און מיט אַ... הון. דאָס וואָס דער דייטש האָט אונדז מיט־געגעבן האָט אונדז געקלעקט ביזן סוף פֿון קריג. דעם דייטש האָבן מיר מער נישט געזען. אפֿשר איז ער היינט איינער פֿון די וואָס העלפֿן בויען אַ נײַ דייטשלאַנד. און אפֿשר איז ער געווען איינער פֿון די דייטשן, וואָס שוין זעענדיק זייער וויסטן סוף האָט ער זיך געוואָלט אויסקויפֿן מיט „גוטסקייט" ביי עטלעכע ייִדישע לאַגער־פֿרויען?

שפּעטער האָבן מיר דעם דייטש געזוכט אין פֿאַרשידענע ערטער. מיר האָבן אים מער נישט געפֿונען.

טעג שפּעטער איז אויסגעפאַלן דער ערשטער מאַי 1945. אַ האַלב שיכּורער איז אין אונדזער באַראַק אַריינגעקומען דער פֿאַרברעכערישער לאַגער־עלצטער וואָס האָט געוואָלט זיך פאַרוויילן מיט די ייִדישע מיידלעך. שיכּורערהייט האָט ער אַרויסגעפּלאַפּלט אַז היינט איז געפאַלן בערלין און אַז היטלער איז שוין טויט. מיר האָבן אויפגענומען זיינע ווערטער מיט אומצוטרוי. מ׳האָט אים נישט געגלייבט. אויך צו מאָרגנס האָבן מיר אין לאַגער נישט געזען קיין שום ענדערונגען. ערשט מיט דריי טעג שפּעטער זענען מיר גערופן געוואָרן צום אַפּעל. דער אַפּעל האָט שוין אויסגעזען גאָר אַנדערש ווי פריִער. דער צווייטער לאַגער־פירער, אַ יונגער ס.ס.־מאַן, וועלכער האָט געהאַט אין לאַגער אַ ייִדישע געליבטע, האָט זיך צו אונדז געווענדט אין גאָר אַ מילדן טאָן. ער האָט זיך פאַר אונדז אַנטשולדיקט וואָס זיין באַציִונג צו אונדז איז אין געוויסע פאַלן געווען נישט קיין געהעריקע. ער האָט גערעדט אין אַ טאָן, ווי ער וואָלט איצט געווען אונדזער אַפּוטרופּוס. היינט, מאָרגן, האָט ער צוגעגעבן, דאַרף דאָ אַריין די רוסישע אַרמיי און ער עצהט אונדז מיטצוגיין מיט אים אויף דער אַמעריקאַנער זייט. ער האָט געזאָגט: „איר ווייסט דאָך זיכער וואָס די רוסן זענען, וואָס זיי טוען, ווען זיי קומען אַריין אויף אַ פרייַ אָרט!" ער האָט גערעדט וועגן דער גרויזאַמקייט פון רוסישן סאָלדאַט, וועגן זיין פּרימיטיווקייט. נישט געקוקט אויף דעם וואָס די רייד זענען געקומען פון אַ דייטשישן מערדער, זענען אַ סך ייִדישע פרויען באַאייַנפלוסט געוואָרן פון זיי און זיך גענומען גרייטן נאָכצוגיין דעם דייטש.

איך בין געווען צווישן די וואָס האָבן גענומען פירן אַ קעגן־פּראָפּאַגאַנדע: נישט צו האָרכן דעם רוצח וואָס פון זיין מויל טריפט אַצינד סאַמע בוימל. די נאָענטע שכנים פון מיין געלעגער האָב איך דערקלערט אַז לאַנגע יאָרן האָבן מיר געוואַרט באַפרייט צו ווערן פון דייטשישן גזלן, זאָל מען אַצינד גיין מיט אים? ווייזט אויס אַז די אויסלייזונג איז שוין נאָענט און זי קומט אַהער. וואָס שייך מיר וועל איך דאָ וואַרטן. איך האָב בשעת־מעשה טאַקע אָנגעהויבן חלומען מיט אָפענע אויגן, באשר איצט וועט זיך פירן אַנדערש צווישן די מענטשן. נאָך אַזאַ פחדימדיקער מלחמה וועט זיך עפענען אַ שענערע, בעסערע וועלט. עס וועלן נישט זיין קיין גרענעצן און

קיין אַמעריקע וועט מען קאָנען פאָרן פראַנק און פריי. קענטיק אַז מיין שטילע אַגיטאַציע האָט געווירקט און אַז עס איז געקומען צום אָפּמאַרש פונעם לאַגער, האָט זיך צו די דייטשן צוגעשטעלט נאָר די יידישע געליבטע פון ס.ס.־מאַן און נאָך צוויי יידן וואָס זייער געוויסן איז נישט געווען אין גאַנצן ריין. פאַרן אַוועקגיין האָבן די דייטשן געעפנט אַלע מאַגאַזינען פון לעבנס־מיטל ווו עס זענען געווען גרויסע רעזערוון. אָבער אַפילו נאָך זייער פאַרלאָזן דאָס אָרט האָבן מיר נאָך אַלץ זיך געפילט, אי פּסיכיש, אי פיזיש פאַרשלאָסן אין לאַגער. מיר האָבן אַפילו נישט געפּרוווט אַרויסצוגיין פון לאַגער, מחמת מיר זענען נישט געווען זיכער צי עס איז טאַקע וואָר דאָס אַלץ וואָס מ׳האָט אונדז דערציילט. קאָן מען דען גלייבן דעם נאַצי? מעגלעך אַז ס׳איז גאָר אַ פּאַסטקע פון די נאַציס. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהערט באָמבאַרדירן. דורך די שפּאַרעס פון לאַגער־פּאַרקאַן האָט מען אַפילו געזען איינצלנע מונדירטע דייטשן וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דעם שטח ווי די פאַרסמטע מייז. מיר האָבן זיך געפונען אין אַן אויסטערלישער אָנגעשטרענגטער דערוואַרטונג.

אָבער אויף מאָרגן, אין דער מיטאָג־שעה, האָבן מיר ענדלעך דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין לאַגער־טויער. דאָס קלאַפּן איז געקומען גלייכצייטיק מיט קולות וועלכע האָבן גערופן אין פראַנצויזיש: „עפנט! שוין פון נעכטן אָן האָט איר געדאַרפט זיין פריי! לאָזט אונדז אַריין!" דאָס זענען געווען האָלענדישע סטודענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין שכנותדיקן לאַגער. זיי האָבן אַריינגעשטראָמט צו אונדז און מיט פיבער אין זייערע שטימען געזאָגט אַז די דייטשן האָבן געדאַרפט אויפשליסן דאָס לאַגער־טויער איידער זיי זענען אַוועק; פאַר וואָס זיי האָבן דאָס נישט געטאָן איז באמת אַ רעטעניש. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז אין אַ סך לאַגערן האָבן זיך די יידן נוקם געווען אין די דייטשן. יידן האָבן זיך געוואָרפן אויף זייערע פּייניקערס און זיי פשוט דערהרגעט. דערפאַר האָבן די דייטשן ביים אַנטלויפן הינטער זיך פאַרשלאָסן דאָס טויער.

גרופּעסווייז זענען מיר אַרויס פון לאַגער, אָבער דאָך נאָך מורא געהאַט זיך צו דערווייטערן פון אונדזער „היים". אין דער לופט האָבן געשוועבט

רוסישע עראָפּלאַנען און דאָ, אין די גאַסן פון דער שטאָט גערליץ זענען נאָך געווען אָפן די דייטשישע געשעפטן. ווער עס האָט נאָר געהאַט אַ פּאָר דייטשישע פעניג, האָט געקאָנט עפּעס קויפן. איך בין אַריין אין אַ געשעפט קויפן וואַש־פּולווער. דאָס פּנים פון דער דייטשישער פאַרקויפערין האָב איך געזען פאַר מיר אַ לאַנגע צייט נאָך דעם. איך ווייס נישט אָדער נאָר מיר האָט עס אויסגעזען אַזוי שרעקלעך, אָדער דער דייטשקעס שרעק פאַר אונדז איז געווען אַזוי גרויס; מיר האָבן אין יענע שעהען געטראָפן איילב־דיקע דייטשן, זיי האָבן זיך געפּאַקט כּדי צו פאַרלאָזן זייערע היימען, כּדי צו אַנטלויפן ערגעץ אין אַ באַהעלטעניש. מיר האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף סצענעס וואָס האָבן מיך דערמאָנט אין די ייִדן וועלכע זענען אין סעפּטעמ־בער 1939 אַנטלאָפן אין בהלה פאַרן דייטשישן מחבל.

די דייטשישע בהלה האָט אָבער געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער ווי ביי אונדז ייִדן. כּמעט אין יעדער דייטשישער שטוב געפינט זיך אַ קליין וועגעלע, וואָס זיי באַנוצן צו ברענגען אַהיים פאַרשידענע זאַכן. יעדעס קינד אין דייטשלאַנד איז צוגעוווינט (פון 4טן לעבנסיאָר) צו באַנוצן זיך מיט אַ רוקזאַק בעתן זונטיקדיקן אויספלוג. איצט האָבן די דייטשן אויס־גענוצט זייערע קליינע וועגעלעך און די רוקזעק. אַרייַנגעפּאַקט אין זיי און אָנגעלאָדן אויף זיי זייער האָב־און־גוטס און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די גאַסן פון גערליץ זענען געווען פול מיט זיי מחמת די ערד פון זייער „פאָטערלאַנד" האָט איצט געברענט זייערע טריט. די דייטשן זענען גע־פּרוווט געוואָרן מיט אונדזער פּיין. זיי האָבן פאַרלאָזט זייערע היימען און געזוכט אין אַ מהומה ערגעץ אַ באַהעלטעניש. רייכערע דייטשן האָבן שוין עטלעכע טעג פריִער פאַרלאָזט גערליץ, ווייל זיי האָבן געוווּסט אַז דער פראָנט דערנענטערט זיך. די קריגס־קאָמאַנדע האָט אין די גרעסערע שטעט געשטעלט אין רשות פון די איינוווינערס אַ צוג פאַר עוואַקואַציע פון דער באַפעלקערונג. דער דייטש איז בטבע אַ פּאַמעלעכער, בפרט איילט ער זיך נישט צו פאַרלאָזן זיין אויסגעוואַרעמטע היים! אויב ס'ברענט שוין, וואַרט ער ביז דער לעצטער מינוט ווען עס איז שוין נישטאָ קיין שום ברירה. אַ סך שטאָטישע באַאַמטע און אַרבעטערס האָבן טאַקע נישט פאַרלאָזט גערליץ. די דאָזיקע אַרבעטערס האָבן אַפילו געפּרוווט פאַרטשע־

פּען דאָס ביסל בלאָנדזשענדיקע לאַגער־ייִדן און זיי איינגעלאַדן צו זיך.

וואָגלענדיק איבער די גאַסן פון גערליץ האָבן מיר אַ ביסל געבלאָנדזשעט און נישט געקאָנט טרעפן צוריק דעם וועג צום לאַגער. מיר זענען געווען אַ גרופּע פרויען וואָס האָבן אין לאַגער זיך געהאַלטן צוזאַמען. מיר האָבן מורא געהאַט צו בלייבן אַליין. פאַרלוירענע האָבן מיר זיך געפּלאָנטערט איבער די גאַסן פון שטאָט. אַ דייטשישער אַרבעטער האָט באַמערקט אונדזער פאַרלעגנהייט און ער האָט אונדז פאָרגעלייגט עפּעס צו ווייזן און דערנאָך וועט ער אונדז צוריקפירן אין לאַגער. מיר זענען אים נאָכגעגאַנגען מיט טעמפּן נייגיר. ער האָט אונדז קודם אַריינגעפירט צו זיך אַהיים. מיט אַ בינטל שליסלען אין האַנט האָט ער אונדז געפירט צום אַריינגאַנג אין אַ קעלער. ווען מיר זענען אַריין אין דעם קעלער האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ משונהדיק בילד. אַ גרויסער טונקעלער רוים און אין אים — אָן אַ צאָל אַקוואַריומס מיט פאַרשיידענע מינים פיש, ווי אויך כלערליי ווערעם. אין קעלער האָט זיך געפונען זיין פרוי וועלכע האָט זיך פאַרנומען מיטן שפּייזן די פיש און די ווערעם. דער דייטש האָט זיך באַרימט אַז אין משך פון דער גאַנצער מלחמה האָט ער די באַשעפענישן אויסגעהיט פון די דייטשן. דער אַקוואַריום וואַנדערט שוין אַזוי פון אָרט צו אָרט צום 5טן מאָל. ער און זיין פרוי האָבן אָפּט זיך אָפּגעזאָגט פון עסן און עס אַוועקגעגעבן פאַר די פישעלעך. ער האָט מורא געהאַט זיך צו ווענדן צו דער דייטשישער מאַכט וועגן שפּייז פאַר די פיש. די לאַגע איז געווען אַזאַ אַז אין דייטש האָט זיך געהיט פאַרן צווייטן. ער איז עטלעכע מאָל גערופן געוואָרן צו מעלדן זיך צום מיליטער כדי אָפּגעשיקט צו ווערן אויפן פראָנט, אָבער ער האָט מיט קאָמבינאַציעס אויסגעמיטן דאָס מיליטער־דינסט אַבי צו קענען איינהיטן די טייערע קאָלעקציע. אַ פאָר שעה האָבן מיר פאַרבראַכט אין דעם אויסטערלישן קעלער. אַז מ׳האָט דערהערט אַ שאָס פון דרויסן האָט דער דייטש אונדז געוויזן ווי די פישלעך רעאַגירן אויפן שטאַרקן קנאַל. פאַראַן פישלעך, האָט ער געזאָגט, וואָס נאָך דער באָמבאַרדירונג האָט ער זיי געפונען טויט.

מיר האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ חשד אַז דער דאָזיקער קליינער דייטש האָט דעם אַקוואַריום ווי אַ פאַרמעגן זיך פאַראייגנט פון אַ מלוכה־אינסטי־

טוציע כּדי זיך אָנצוגרייטן אויסלייז־געלט ווען עס וועט אַריינקומען די רוסישע אַרמיי. דער חשד האָט זיך נאָר מער פאַרשטאַרקט ווען ער האָט אונדז אין עטלעכע טעג אַרום איינגעלאַדן אין זיין וווינונג. דאָס איז געווען נאָר איין צימער אויף אַ הויכן שטאָק. אין דעם צימער איז שוין געהאָנגען דאָס בילד פון דער הייליקער מאַריאַ און ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער אַקאָרשטיקער פאַרגאַנגענהייט, האָט ער דעם אין בהלה אַנט־לאָפענעם נאַצישן דייטש געקרוינט מיטן נאָמען „דער היידע". ער האָט געזאָגט: „די היידע־עפּאָכע איסט צו ענדע געקאָממען אונד יעצט ווערדן וויר פיר דאָס בעצאַלן מוססן!" ווי אַן אויסקויף פון זיין אייגענער שולדי־קייט, האָט ער אונדז קודם־כּל געגעבן צו עסן. ווי מאָדנע עס האָט געווירקט אויף אונדז וואָס דער דאָזיקער דייטש האָט אָן אויפהער געהאַלטן אין איין טענהן, אַז ער איז אָרעם אָבער ער וועט אונדז ווייזן, ווי אַזוי די רייכע דייטשן האָבן געוווינט און דאָרט וועלן מיר זיך קאָנען נעמען וואָס מיר ווילן. דער אָנזאָג וועגן אַ הפקר אין וועלכן מיר קאָנען זיך אַריינלאָזן האָט מיך שטאַרק דערשראָקן. עטלעכע פון אונדז האָבן די געלעגנהייט יאָ אויס־גענוצט. איך בין געשטאַנען אַ צעטומלטע און געזען ווי עס שטרעקן זיך הענט צו די דייטשע זאַכן. מיינע לייט האָבן נאָר „צוריקגענומען" אַ „ביסל" „דייטשישן פאַרמעגן" און עס באַהאַלטן ביי אונדזער באַקאַנטן דייטש ביז זיי האָבן עס געקאָנט אַריבערפירן אין זייערע היימשטעט.

מיר זענען אַריין אין אַ ווירוואַר וואָס האָט אונדז צעטומלט אין דער נייער וועלט, אָבער טראַכטן? ווער איז געווען אין שטאַנד שׂכלדיק צו טראַכטן! נאָר די אינסטינקטן האָבן געפירט מיט אונדז.

מיר זענען פריי

דעם 8טן מאַי האָבן מיר ענדלעך דערפילט אַז מיר זענען פריי פון דייטשישן יאָך. ערשט האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרישע צרה. די רוסישע דיוויזיע וואָס האָט איינגענומען גערליץ האָט אַרויסגעוויזן צו די באַפרייטע

ייִדן אַן אויסערגעוויינלעכן אומצוטרוי. מ׳האָט אונדז גענומען אויספרעגן און פאָרשן וואָס מיר האָבן אַזוינס געטאָן און אין וועלכער זכות מיר זענען געבליבן לעבן. זיי האָבן נישט געקאָנט גלייבן אַז די דייטשן האָבן סתם אַזוי געלאָזט לעבן 1100 ייִדן! זיי קומען, האָבן זיי געזאָגט, פון לעניגראַד, און מיר זענען עס די ערשטע ייִדן וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן אויפן וועג.

פון דער דאָזיקער פראַגע זענען מיר געווען צעמישט און — דער־שטוינט. אויב, הייסט עס, ס׳האָבן זיך אָפּגעפונען אַ ביסל ייִדן, מוזן זיי זיין טויטע ייִדן... מיר האָבן זיי קוים מיט צרות קלאָר געמאַכט אַז אויך אונדזער ריי פאַרברענט צו ווערן האָט סוף־כל־סוף געדאַרפט קומען מחמת נישט ווייט פון גערליץ, אין שטעטל גראָסראָזען האָט מען געפונען אַ נישט־פאַרענדיקטן קרעמאַטאָריום. ערשט נאָך דעם ווי די רוסן האָבן געפונען דעם נישט פאַרענדיקטן קרעמאַטאָריום, האָט זיך די באַציִונג צו אונדז אַ ביסל געענדערט.

אין די ערשטע טעג זענען מיר געווען באַהערשט פון אימה פאַרן רוסישן זעלנער. ער האָט זיך געוויזן פראָסט, אומגעהובלט, אַפילו אָנגריי־פעריש, ספּעציעל אַנטקעגן די פרויען. אין דער פרייער צייט האָבן זיי רק געשיכורט, געשפּילט אויף דער האַרמאָשקע און זיך געיאָגט נאָך דעם שיינעם מין. זיי האָבן געראַבעוועט אין די דייטשע שטובן און זעלטן אַ דייטשע פרוי אַז זיי זאָלן זי נישט פאַרגוואַלדיקן. די ווילדע צעלאָזנקייט האָט די סאָוויעטישע זעלנערס אויך געפירט צו אונדזער לאַגער אין וועלכן עס האָבן געלעבט העכער 300 פרויען. די רוסן פלעגן אַריינקומען אין לאַגער שיכורע און געוואָרפן זיך אויף די אומבאַשיצטע צעבראָכענע פרויען. אונדז האָט באַהערשט אַ נייער גרויל. די מענער וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער האָבן זיך געווענדט צו דער רוסישער מיליטער־מאַכט, אַז זי זאָל ביים לאַגער אַוועקשטעלן אַ וואַך־פּאָסטן. אָבער די רוסן האָבן זיך נישט צוגעהערט צו דער דאָזיקער בקשה. די צייטווייליקע ייִדישע לאַגער־מאַכט האָט דעריבער באַשלאָסן אַליין איינצושטעלן אַ וואַך ביי אונדזער לאַגער. דאָס האָט אַ ביסל געהאָלפן. אויף אַ קורצער צייט האָט זיך באַרויִקט. שפּעטער איז, זאָגט מען, געקומען אַ באַפעל פון מאָסקווע אַז מען זאָל נישט דערלאָזן צו די ווילדע מעשים און זיי האָבן טאַקע אויפגעהערט. דער

דאָזיקער באַפעל האָט אָבער שוין געבראַכט צו אַ צווייטן עקסטרעם: מען האָט נישט געטאָרט טשעפּען קיין דייטש, אָדער קיין דייטשקע, אַפילו ווען מען האָט געוווּסט אַז זיי זענען נאַצי־פאַרברעכערס. פאַר אונדז איז דער דאָזיקער באַפעל געבליבן אומפאַרשטענדלעך. מיר האָבן געזוכט נקמה אין די דייטשן. אָבער די רוסישע זעלנערס האָבן נישט געלאָזט באַוועלן די דייטשן. אונדז, די אומגליקלעכע ייִדישע פרויען, האָט דער באַפעל אויסגעמיטן. מיר זענען ווייטער אויסגעשטעלט געווען אויף דער צעלאָזנ־קייט פונעם רוסישן סאָלדאַט. מיר האָבן אויף אַן אמת געהאַט אַ גרונט צו זיין אומרויִק.

די מאַכט איבער אונדזער לאַגער האָט לסוף איבערגענומען אַ רוסיש־ייִדישער קאַפּיטאַן. ער האָט געזאָרגט פאַר אונדזער באַשפּייזונג און פאַר דער ריינקייט פון לאַגער. דער ערשטער באַפעל זיינער איז געווען אַז אַלע דאַרפן מיר זיך באָדן. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ „לאַזניע” (אַ באָד) ביים ברעג פון טייך ניסע, וואָס שניידט אַדורך דער שטאָט גערליץ. מיר האָבן אויסגענוצט די דאָזיקע באָד, אָבער אין אונדז איז געוואַקסן דער אומרו: וואָס וועט דאָך זיין מיט אונדז?!

פאַר אַ נייעם תהום

צווישן די רוסישע זעלנערס האָבן מיר געטראָפן מערערע ייִדן. זיי האָבן געשטאַמט פון קאָוונע, קיִעוו און טיף רוסלאַנד. זיי האָבן נאָך געדענקט זייערע פרומע מוטערס, דאָס צינדן שבת־ליכט און אַנדערע ייִדישע מנהגים. דער רוסיש־ייִדישער סאָלדאַט האָט זיך צו אונדז באַצויגן מיט אַן אויסער־געוויינלעכער האַרציקייט. זיי האָבן אונדז געטרייסט אַז איצט וועלן זיך שוין ענדיקן אונדזערעליידן און מיר וועלן זיך צוריקקערן אַהיים. שפּעטער, שוין אויפן וועג אַהיים, האָבן מיר געטראָפן אַ ייִדיש־סאָוויעטישן קאַפּיטאַן. ער איז צוגעקומען צו אונדז און געזאָגט, אַז ער איז אַ ייִד. ער האָט זיך

פּאַרטרויט, אַז זיין פֿאָטער האָט אַ מאָל געוואָלט פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. די רעוואָלוציע האָט אים דערין געשטערט. איצט האָבן מיר אייך באַפּרייט — האָט ער גערעדט מיט פּאַטאָס. זיין אײדל פּנים האָט עדות געזאָגט אַז עס רעדט צו אונדז אַ זון פֿון געליטענעם ייִדישן פֿאָלק. ער האָט זיך באַלד דערוויטערט פֿון אונדז און נאָך לאַנג האָט ער פֿון דער ווייטנס געפֿאָכעט צו אונדז מיט דער האַנט. מיר האָבן אין אים דערפֿילט אַ ברודער וועמענס גורל עס איז געקניפּט מיט אונדזער גורל.

איצט האָט זיך פֿאַר אונדז אָנגעהויבן אַ נייע וואַנדערונג. נישט געקוקט אויף דעם וואָס עס איז נאָך נישט אין גאַנצן געווען רויִק, אין דער לופֿט האָט זיך נאָך געטראָגן דער רעש פֿון די שיסערייען, האָבן די ייִדישע לאַגער־לייט נישט געהאַט ווו זיך אַהינצוטאָן אין דעם אויסגעליידיקטן פֿרעמדן גערליץ. אומעטום האָבן מיר געטראָפֿן אָפֿענע שטובן און אַפֿילו געפֿונען אין זיי טייערע זאַכן. אָבער דאָך ווו אַוועקצולייגן דעם מידן קאָפּ האָבן מיר נישט געהאַט. בלית ברירה האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין לאַגער אַריין, כאָטש באַלאָדענע מיט כּל־טוב. איינער פֿון אונדזערע „מוסול־מענער", וועלכן איך האָב ביים אָנקומען אין לאַגער געטראָפֿן קריכן אויף אַלע פֿיר ביים מיסטקאַסטן, האָט זיך איצט געלאָזט אין שטאָט אַריין און ער איז שפּעטער צוריקגעקומען מיט אַ זאַק עסנוואַרג. דעם זאַק האָט ער אַוועקגעשטעלט פֿאַר מיר און מיך גענומען בעטן אַז איך זאָל אים נעמען. ער האָט געזאָגט אַז דעמאָלט בעת איך האָב אים געטראָפֿן ביים מיסטקאַסטן און איך האָב אים געבראַכט אַ רויטע ריב, האָט ער זיך באַשוווירן אַז אויב ער וועט איבערלעבן, וועט ער מיר ברענגען דעם ערשטן ביסן ברויט. געזאָגט דאָס וואָס איז שווער געלעגן אויף זיין האַרץ האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק וויינען.

„פֿון וואַנען זענט איר געווען אַזוי זיכער אַז מיר וועלן איבערלעבן די מלחמה?" האָב איך מיט אַ געלעכטער איבערגעריסן זיין געוויין.

„דאָס איז געווען פֿאַר אונדז גאַנץ פּשוט. מיר, די חבֿרה „מוסולמענער", האָבן ביי יעדן ביס וואָס מיר האָבן באַקומען פֿון דער שייל־שטובע גע־טראַכט, אַז איר, די פּרויען פֿון דער שייל־שטובע, זענט די מלאָכים וואָס ראַנגלען זיך פֿאַר אונדזער לעבן מיטן מלאך־המוות".

אַז די לאַגערניקעס זענען ענדלעך געוואָרן זאַט פֿון דעם עסן וואָס זיי האָבן געפֿונען אין די דייטשישע הייזער, האָבן זיי אָנגעהויבן פֿון די דייטשישע היימען אַרויסנעמען וואָס עס האָט זיך געלאָזט. דאָס האָבן געטאָן נישט בלויז די ייִדן וואָס זענען איבערגעבליבן אין לאַגער, נאָר אויך די רוסישע מיליטער־לייט און די ווינציקע דייטשן וואָס זענען נישט אַוועק פֿון גערליץ.

מ׳האָט זיך געלאָזן אין שטאָט אַריין, געבלאָנקעט אין די פֿאַרלאָזטע היימען און „אַהיימגעשלעפּט" וואָס ס׳האָט זיך פֿאַרגלוסט. אין טעג שפּעטער האָט דער לאַגער אויסגעזען ווי אַן אַנטיקן־געשעפֿט. אויף אַלע פּריטשעס זענען געווען אָנגעלייגט פֿאַרצעלאַן־סערוויסן, טעפּיכער און אַנדערע ענלע־כע חפצים. מ׳האָט גענומען טרינקען אין איידעלע „ראָזענטאַל"־פֿאַרצעלאַן־טאַסן, עסן אין קרישטאָל־געפֿעסן, שלאָפֿן אין עלעגאַנט בעטגעוואַנט.

אָבער עס האָבן זיך געפֿונען לאַגער־מענטשן וואָס האָבן נישט געהאַט קיין לוסט צו דעם אַלעמען. זיי האָבן געטראַכט נאָר פֿון דעם ווי אַזוי גיכער זיך צוריקצוקערן אין זייערע היימען. אַנדערע האָט אַפֿילו געעקלט צו גע־ניסן פֿון דייטישן גוטס.

אַגב, פֿון פֿאַרבייפֿאָרנדיקן פּוילישן מיליטער האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן דעם וואָס עס איז נאָכן בלוטיקן מבול געבליבן אין פּוילן וואָס מיר האָבן געלאָזט הינטער זיך. אונדזער גרעסטע פֿרייד איז דעמאָלט געווען די ידיעה אַז אין לאָדזש געפֿינען זיך אַ ביסל ייִדן און אַז דאָרט שאַפֿט זיך אַ נייע קהילה. אַ שטראָם פֿון פֿרייד האָט אויך געוועקט די שמיעה, אַז קיין לאָדזש קומען אָן יעדן טאָג מערערע ייִדן און אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ ביוראָ וואָס רעגיסטרירט יעדן אָנקומענדיקן ייִד. ס׳הייסט: מ׳קוקט אַרויס אויפֿן אָנקום פֿון יעדן ייִד, גלייך ער וואָלט געברענגט די בשׂורה פֿון יענער וועלט... אָ, ווי אַנדערש איז עס געוואָרן מיט אַ מאָל!

מיט טעג צוריק ווען קיין גערליץ זענען אַריין די רוסן וואָס האָבן אונדז געטראָפֿן אין פֿאַרמאַכטן לאַגער, האָבן זיי זיך געחידושט הלמאי מיר זענען געבליבן לעבן. אין זייער לעבנגראַד פֿון וואַנען זיי קומען זענען קיין ייִדן שוין נישט געווען. אַזוי האָבן זיי געזאָגט, מיר זענען די ערשטע ייִדן וואָס זיי באַגעגענען. איצט ווען מיר האָבן געהערט אַז אין לאָדזש איז דאָך

געבליבן אַ הייפל ייִדן, האָט עס אין אונדז אַריינגעבראַכט אַ נייעם חשק צו לעבן. מיר האָבן אָבער מורא געהאַט צו פאַרלאָזן דעם לאַגער און צו לאָזן זיך אין דעם אומבאַקאַנטן וועג אַריין צו אַ וועלט ווו עס זענען מער נישטאָ קיין ייִדן. גאָטעניו, ווי איז דאָס מעגלעך? — האָבן מיר געפרעגט. דערפאַר האָט די ידיעה פון די פּוילישע זעלנערס אַז ס׳זענען פאָרט פאַראַן ערגעץ ייִדן אונדז געבראַכט אַזאַ פרייד. די זעלנערס האָבן נישט געוווּסט צו ענטפערן אויף די פראַגעס וואָס האָבן אונדז געמוטשעט. זיי האָבן געקוקט אויף אונדז ווי מיר וואָלטן געווען נישט ביים זינען. זיי האָבן זיך ממש אַרויסגעריסן פון אונדז און אַוועקגעריטן אויף זייערע פערד. מיר האָבן זיי נאָכגעשריגן אונדזערע נעמען אַז זיי זאָלן זיי איבערגעבן אין דער לאָדזשער ייִדישער גמינע.

מיט איין מאָל האָבן מיר אַלע זיך גענומען פּאַקן אין וועג אַריין. מיר האָבן זיך געווענדט צו דער מאַכט אַז זי זאָל אונדז געבן טראַנספּאָרט־מיטלען אַהיימצופאָרן. דרייסיק קילאָמעטער פון גערליץ איז געווען אַ נישט־צעשטערטע באַן־סטאַציע. מ׳האָט געדאַרפט דורכמאַכן די דרייסיק קילאָמעטער צו פוס כּדי דאָרטן צו וואַרטן ביז עס וועט אָנקומען אַ באַן. אָבער די רוסישע מאַכט האָט אונדז נאָך נישט געוואָלט פרייל אָזן. זי האָט אויסגעפונען פאַרשיידענע תּירוצים אונדז נישט צו לאָזן אַוועקגיין פון לאַגער וועלכער איז אונדז געווען אַזוי דערווידער. אין לאַגער איז אַריינ־געקומען דער גאַנצער רוסישער מיליטער־שטאַב, גענעראַלן און פּולקאָווניקעס; ס׳זענען געקומען אויך לייט פון דער פעלד־פּרעסע, און כּמעט מיט יעדן פון אונדז האָבן זיי געשמועסט. אַלע רוסישע זעלנערס, וואָס האָבן סטאַציאָנירט אין גערליץ, האָבן זיך אויסגעקליבן אונדזער לאַגער ווי אַ פאַרווײלונג־אָרט. די זעלנערס זענען געקומען דאָ שפּילן זייער פּאָפּולער רוסיש שפּיל „מאַכנע״. איינער האַלט עפּעס באַהאַלטן אין האַנט און דער אַנדערער דאַרף טרעפן, וואָס אין איר איז פאַרהוילן. בינו לבינו האָבן זיי אָנגעהויבן פאַרטשעפּען די פרויען. איין מאָל ביי נאַכט זענען זיי אָנגעפאַלן אויף לאַגער־פרויען. מ׳האָט געמוזט דרינגלעך אַלאַרמירן די מיליטערישע אָנפירונג אַז זי זאָל די כוליגאַנעס באַזייטיקן. אויף מאָרגן איז אונדזער

לאַגער שוין. געוואָרן געשלאָסן פאַר זייטיקע. דעם לאַגער האָבן געהיטן סאָוויעטישע זעלנערס בײַנאַנד מיט לאַגער־מענטשן.

אין לאַגער זענען אויך געבליבן קראַנקע. די געזונטע לאַגער־לײַט זענען געגאַנגען אין שטאָט אַרײַן. אָבער וואָס טוט מען מיט די קראַנקע? צום גליק זענען אין לאַגער נאָך פאַרבליבן דרײַ דאָקטוירים. צוויי פון זיי זענען געווען לאָדזשער ייִדן און איינער אַ טשעכישער. היות איצט האָט מען געמוזט זאָרגן פאַר די קראַנקע, האָבן מיר פאַר דעם צוועק אויסגעקליבן דאָס בעסטע לאַגער־הויז, אַהין אַרײַנגעשטעלט די בעטן און מיר האָבן די קראַנקן־שטובע איבערגעטראָגן אַהינצו. נאָך דעם ווי מיר האָבן די קראַנקע אויסגעבאָדן, אָנגעטאָן רײנע וועש און געגעבן גוט צו עסן, זענען טייל פון זיי געזונט געוואָרן און פאַמעלעך האָבן זיי זיך געשטעלט אויף די פיס. אין מײַן זכרון איז געבליבן דאָס בילד פון די ערשטע נאָך־מלחמה־טעג, ווען מיר האָבן געקאָנט אומגעשטערט אַרײַנקומען אין דער קראַנקן־שטובע, וווּ מ'פלעגט פריִער יעדן טאָג געפינען אויף די געלעגערס טויטע ייִדן, אַנטשלאָפענע אויף אייביק, אויסגעגאַנגענע אין זייערע לײַדן. פאַר מײַנע אויגן שטייט דאָס בילד פון אַ ייִנגל וואָס איז געלעגן שטיל און שוין גאָרנישט געבעטן. מיר האָבן געטאָן אַלדאָס מעגלעכע אים צו ראַטעווען, אָבער נאָך אַ פּאָר טעג האָבן מיר אים געפונען אַ טויטן. איך געדענק אַ ייִד, בערך פון אַ יאָר פערציק. ער איז געלעגן אין דער קראַנקן־שטובע אין שכנות פון דעם פאַרשטאָרבענעם יונגן בחור. לאַנגע טעג האָט ער מיט קענטיקער עקשנות געפירט שמועסן מיטן מלאך־המוות. ער האָט גערעדט צום מלאך־המוות ווי צו אַ פרײַנד און אַ מאָל ווי צו אַ שונא. ער פלעגט פראָסט־פּשוט שרײַען: מלאך־המוות, איך וועל זיך נישט לאָזן פון דיר. איך בין אַ טאַטע פון פיר קינדער, איך מוז לעבן! אָבער — ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. דרײַ וואָכן האָט ער זיך אַזוי געפּײַניקט, געראַנגלט זיך מיטן טויט. דעם אמת געזאָגט: מיר האָבן זיך יעדן פרימאָרגן געוווּנדערט, ווען מיר האָבן אים נאָך געטראָפן אָטעמען, עפענען די אויגן, רירן מיט די ליפּן. מיר האָבן אָנגעהויבן גלייבן אַז מיט זײַן שטאַרקן ווילן צום לעבן וועט ער בײַקומען דעם טויט. ער פלעגט אַפילו אַ מאָל אויפברויזן: גיט מיר צו עסן! ער האָט געשריגן און עסן פלעגט ער בעטן תּמיד, פון פרי ביז נאַכט.

אָבער זיינע קישקעס זענען שוין געווען פאַרפוילט, דאָס עסן האָט זיך נישט פאַרהאַלטן אין זיין קערפּער. עס איז געווען שווער צו זיין אין דער שטוב ווו ער איז געלעגן. די לופט איז געווען פאַרסמט. מיט זיינע לעצטע כּוחות האָט ער זיך אַליין געוואַשן, אָבער ער האָט געמוזט שטאַרבן און זיינע פיר קינדערלעך, אויב זיי זענען ערגעץ געבליבן לעבן, ווייסן נישט ווי אַזוי עס איז געשטאָרבן זייער פאָטער.

מיר האָבן געוווּסט אַז נאָענט אין די וועלדער פון גערליץ געפינען זיך מענטשן וואָס האָבן זיך באַהאַלטן פאַר די נאַציס, צווישן זיי — אויך נישט יידן. מיר האָבן אָרגאַניזירט עטלעכע גרופּעס וואָס פלעגן יעדן טאָג אַרויסגיין אין די וועלדער זוכן די יידן וואָס ווייסן נאָך נישט אַז די מלחמה איז שוין פאַרענדיקט. די זוכנדיקע האָבן אָפּגעפונען און טאַקע געבראַכט עטלעכע מענטשן. אין זכּרון איז מיר געבליבן דאָס געפיל וואָס ס׳האָט ביי מיר אַרויסגערופן ווען מ׳האָט אַריינגעבראַכט צו אונדז אַ געפונענעם אין וואַלד, אַ נישט־ייד. זיין קערפּער איז געווען באַשאָטן מיט לייז. מ׳האָט פון אים אַראָפּגעצויגן די מלבושים און באַלד זיי פאַרברענט אין וואַלד. מ׳האָט אים געבראַכט צו אונדז אַן איינגעוויקלטן אין אַ קאָלדרע. מיר האָבן אים תּיכּף אויסגעבאָדן און געלייגט אין בעט אַריין. דער מענטש האָט געברענט אין גרויסער היץ. ווי די דאָקטוירים האָבן פעסטגעשטעלט האָבן די לייז אויך פון אינעווייניק אים שוין געגעסן. דער מענטש האָט אַרויס־גערופן גרויס מיטלייד און מיר אַלע האָבן אים געוואָלט העלפן. מיר האָבן זיך אַפילו אונטערגענומען עקסטראַ אים צו פלעגן. איך געדענק ווי דער פאַל האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט ביי די אַנדערע קראַנקע הלמאי מיר אינטערעסירן זיך ספּעציעל מיט איינעם, כאָטש ער איז נישט קיין ייד. מיר האָבן געגלייבט אַז דער דאָזיקער קראַנקער וועט געזונט ווערן. אָבער ער אַליין האָט געפילט אַז ער וועט זיין קראַנקייט שוין נישט בייקומען. ער האָט גערעדט דערפון אין זיין שוואַכקייט. דערציילט אַז ער איז אַן אינזשיניער. ער האָט אַלע זיינע יאָרן געלעבט צוזאַמען מיט דער מוטער. אין אָנהויב קריג האָבן די דייטשן דערהרגעט זיין מוטער און אים האָבן זיי פאַרשיקט באַנאַנד מיט אַ גרופּע פּוילישע אינטעליגענטן קיין דייטשלאַנד. אים איז געלונגען צו אַנטלויפן און זינט צוויי יאָר וואַנדערט ער אַרום

מיט פאַרשידענע וואָגלערס איבער די וועלדער. די לעצטע גרופּע מיט־גייערס זענען זיך צעלאָפן און ער וואָס די כּוחות האָבן אים שוין פאַרלאָזן, איז געבליבן איינער אַליין אין וואַלד. ביי יעדע פּאָר ווערטער וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, האָט ער נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט אויסצודריקן זיין דאַנקבאַרקייט צו אונדז. אין דעם טאָג אין וועלכן מיר האָבן אים געפונען, האָט ער געמיינט אַז ער וועט שוין מער נישט אויפשטיין פון דעם אָרט, ווו ער איז אַנידערגעפאַלן. עס איז אָבער געשען אַ נס. נאָך עטלעכע טעג זיין ביי אונדז איז ער געקומען צו זיך. איך מיין אַז די פּסיכישע טעראַפּיע וועלכע ער האָט געפונען ביי אונדז האָט אים מער געהאָלפן ווי אַלע רפואות און אַפילו דאָס בעסערע עסן.

די שטובע ווו דער אינזשיניער איז געלעגן האָט זיך געגרענעצט מיט דעם צימער פון דער הויפּט־שוועסטער וועלכע האָט אויך געפירט די אַדמי־ניסטראַציע פון דעם פּראָוויזאָרישן שפּיטאָל. זי גופא איז נאָך דער מלחמה געווען קראַנק און די שפּיטאָל־דאָקטוירים האָבן איר פאַרגעוואָרפן הלמאי זי זאָרגט נישט פאַר איר אייגן געזונט. די מלחמה־באַדינגונגען האָבן גאָר שטאַרק באַשעדיקט אירע פיס. זיי זענען געוואָרן אָנגעשוואָלן און איר באַשווערט דאָס גיין. כּדי צו העלפן איר היילן די פיס האָבן די דאָקטוירים זי אַריבערגעפירט אין אַן אַנדערן טייל פון דעם קליינעם שפּיטאָל, כאָטש זי האָט עס נישט געוואָלט. צוזאַמען מיט איר האָט מען אַריבערגעפירט די רו־שטובע.

די קראַנקע זענען פון דעם אַריבערפירן די דאָזיקע שוועסטער געווען אומצופרידן. עס האָט שלעכט געווירקט אויף זייער געזונט. צווישן די וואָס האָבן זיך צום שטאַרקסטן איבערגענומען מיט דעם איז געווען דער אינזשי־ניער זשאַק. ער איז אַ גאַנצן טאָג געלעגן מיטן פּנים צו דער וואַנט און געוויינט. נערוון־אויפטרייסלונגען פון די קראַנקע יידן זענען נישט געווען קיין נייעס. אָבער ביי אַ קראַנקן וואָס האָט זיך געקרעפטיקט האָבן די אויפטרייסלונגען געוועקט חשד ביי די דאָקטוירים. זיי האָבן אָנגעהויבן אויספרעגן די קראַנקע צוליב וואָס זייער צושטאַנד האָט זיך פאַרערגערט. די קראַנקע האָבן געענטפערט, אַז זיי ווילן אַז די קראַנקן־שוועסטער זאָל צוריקקומען ווינען נעבן זיי: איר צערטלעך אומגיין מיט זיי איז פאַר זיי

אַ גייסטיקע רפואה. איר שטענדיק לאַכעדיק פּנים האָט זיי געגעבן מער כּוח ווי די רפואות. איבערהויפּט האָט דאָס איבערגעחזרט דער אינזשיניער. ער האָט אויף זיין שטייגער אויפגעקלערט אַז עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס בלויז זייער בייזיין איז גענוג אַז זיי זאָלן דערמוטיקן אַנדערע. אַזעלכע איז אונדזער קראַנקן־שוועסטער. אַגב האָט די קראַנקן־שוועסטער דערציילט אַז פון ערשטן טאָג אָן זינט דער אינזשיניער איז אַריינגעקומען צו אונדז האָט ער איר אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער האַרציקייט. ער האָט אַפילו פאַרגעלייגט אָפּשרייבן איר זיין פאַרמעגן, וואָס באַשטייט פון אַ הויז מיט אַ שטיק באָדן נישט ווייט פון קאַטאָוויץ. אָבער דאָס איז צו איר נישט דערגאַנגען. זיין ברייטגיביקייט האָט זי אָנגענומען פאַר אַ צייכן פון זיין נערוון־שוואַכקייט. מחמת ער האָט זיך צוזאַמענגעבראָכן האָט זי באַשלאָסן צו אים אַריינצוגיין און אים צו זאָגן אַז אין דער פרייער צייט וועט זי זיין נאָר אין דער קראַנקן־שטובע. סיי ווי האָט דאָס שוין אָבער נישט געהאַט קיין פּעולה. דער מלאך־המוות האָט שוין געטשאַטעוועט אויפן אינזשיניער.

אין צוויי וואָכן אַרום האָבן מיר געמוזט, אויפן באַפעל פון רוסישן מיליטער־שטאַב ליקווידירן דעם לאַגער־שפּיטאָל, און אַלע קראַנקע אַריי־בערפירן אין דערביַיאיקן רוסישן מיליטערישן שפּיטאָל. די ידיעה האָט אַלע קראַנקע אויפגערעגט און אונדז פאַרשאַפט נייע פּראָבלעמען. אָבער באַפעל איז באַפעל. מיר האָבן גענומען צוגרייטן די קראַנקע צום נייעם שפּיטאָל. די וואָס זענען געווען געזונט אויף אַזוי פיל אַז זיי האָבן געקאָנט גיין, האָבן נישט געוואָלט אַריבערגיין אין רוסישן שפּיטאָל. זיי זענען געבליבן אין לאַגער ביינאַנד מיט אַלע אַנדערע לאַגער־מענטשן. כּדי אַריי־בערצופירן די וואָס קאָנען זיך נישט באַוועגן אַליין, האָבן מיר באַקומען הילף פון אַ רוסישן קראַנקן־פּערסאָנאַל. אויף לאַסט־אויטאָס פון סאָוויעטישן מיליטער האָבן מיר אַריבערגעפירט די קראַנקע אין רוסישן שפּיטאָל אַריין. די צוויי לאַגער־דאָקטוירים און איך האָבן באַקומען אַ דערלויבעניש יעדן טאָג צו באַזוכן די קראַנקע.

די קראַנקע לאַגערניקעס האָט מען אין שפּיטאָל באַהאַנדלט צו גלייך מיט די קראַנקע זעלנערס: ווען מיר זענען צו מאָרגנס געקומען אין שפּיטאָל אַריין האָט די שפּיטאָל־דינערשאַפט מיך אָנגערופן ביי מיין נאָמען. זיי האָבן

דערציילט אַז די קראַנקע האָבן זיי אויסגעלערנט נאָכזאָגן מיין נאָמען. די קראַנקע האָבן אַפילו זיך צוגעגרייט מיך אויפצונעמען און ווען איך בין אַריינגעקומען אין זייער קראַנקן־שטוב האָבן זיי אַלע אָנגעהויבן מיך באַגיסן מיט קעלניש־וואַסער און באַגייסטערטע גערופן מיין נאָמען. איך בין גערירט געוואָרן דערפון און שטאַרק זיך צעוויינט. ווען די רוסישע דאָקטוירים זענען אַריינגעקומען האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר און אָנגעהויבן פרעגן וואָס סאיז געשען. ערשט אַז אונדזערע דאָקטוירים האָבן זיי דערקלערט אַז איך בין מיט די מענטשן צוזאַמען שוין אַ פּאָר וואָכן נאָכן קריג און אַז כ׳האָב געטאָן עפּעס זיי צוריק צו ברענגען צום לעבן, האָבן די רוסן באַנומען די דאָזיקע דאַנקבאַרקייט.

דער רוסישער דורכשניט־מענטש איז בטבע אַ פּשוטער. אויך זייערע דאָקטוירים זענען נישט אַנדערש אין זייער פּשטות. איך האָב זיך אין דעם איבערגעצייגט ווען איך בין ווידער געקומען באַזוכן די קראַנקע. איך בין גערופן געוואָרן צום הויפּט־דאָקטער פון שפּיטאָל. ווי שטענדיק אין די ביטערע מלחמה־יאָרן האָב איך זיך איבערגעשראָקן פאַר דער „פאַרבע־טונג״: באשר ווער ווייסט וואָס מיך דערוואַרט? אָבער ווי גרויס איז געווען מיין פאַרוווּנדערונג ווען דער הויפּט־דאָקטער האָט זיך מיט מיר אויסטער־ליש דערפרייט. ער האָט מיך גוטברודעריש אַרומגענומען און אָנגעהויבן קושן און מיטן ענטוזיאַזם פון רוסישן פאָלקס־טיפּ מיר געגומען פאַרלייגן אַז איך זאָל מיט זיי מיטפאָרן קיין רוסלאַנד, ווייל זיי נויטיקן זיך אין אַזעלכע ווי איך. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב געדאַנקט פאַר דער ליבלעכ־קייט און געענטפערט אַז איך מוז צוריקפאָרן אין מיין היימשטאָט צו גע־פינען מיינע קינדער. דער אַרגומענט האָט אים איבערצייגט. ער האָט מיך דערנאָך מיטגענומען צום עסן אין דער סטאָלאָווקע ווו עס ווערן דערנערט די דאָקטוירים.

מיינע געדערים זענען נאָך נישט געווען געוווינט צו אַ נאָרמאַלן מיטיק וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן אין דער רוסישער סטאָלאָווקע. פאַר מיר איז געווען צו שווער צו פאַרדייען זייערע מאכלים. איך דערמאָן זיך באַזונדערס יענעם רוסישן מאָלצייט נאָכן אויסצערונג. נאָכן מיטיק האָט מען מיר נאָך געגעבן צו טרינקען אַ גלאָז מילך. כאָטש איך האָב דאָס פלייש נישט

געגעסן האָט מיר דאָס מיטיק פֿאַרשאַדט. איך האָב געמוזט צוריקגיין אין שפּיטאָל אַריין בעטן אַ רפֿואה פֿאַר מיין שוואַכן מאָגן. דאָס מאָל האָב איך אין שפּיטאָל געטראָפֿן דיזשורירן אַ דאָקטערקע מיט דעם מיליטער־ראַנג פֿון אַ קאַפּיטאַן. איך ווייס נישט, צי זי איז געווען אַ ייִדישע צי נישט, אָבער זי האָט זיך צו מיר באַצויגן מיט אַ סך סימפּאַטיע און מיך צוגערעדט, אַזוי ווי דער דאָקטער, איך זאָל מיטפֿאָרן מיט איר קיין רוסלאַנד, ווו איך וועל קאָנען לערנען און אַרבעטן. זי האָט עס פֿאַרגעלייגט אַזוי האַרציק אַז אָנשטאָט איר ענטפֿערן, האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק וויינען. מיט טרערן אין די אויגן האָב איך איר דערנאָך אויפֿגעקלערט, אַז איך מוז צוריקפֿאָרן אין מיין היימשטאָט לאָדזש ווו איך האָב דאָך אַ האָפֿענונג צו געפֿינען מיינע קינדער. דערויף האָט די דאָקטערקע זיך צעקושט מיט מיר מיט אַן אויפֿ־ריכטיקן „פֿאָר געזונט" און „פֿאַרגעס נישט אין אונדז" און זיך צעשיידט מיט מיר.

אָבער דער וועג אַהיים, פֿיר וואָכן נאָכן פֿאַרענדיקן די מלחמה, איז נאָך געווען זייער אַ שווערער. באַזונדערס שווער איז עס געווען ווייל צו אַ באַן איז געווען מוראדיק ווייט. די 30 קילאָמעטער פֿון גערליץ ביז צו דער באַן־סטאַציע בונצלאַו האָט מען געמוזט דורכמאַכן צו פֿוס און מיינע פֿיס זענען געווען אָנגעשוואָלן און כ'האָב זיך נישט געקאָנט באַוועגן. אָבער די לאַגער־מענטשן זענען געווען אומרויִק. די ערגעץ־היים האָט מאַג־נעטיש, ווילד געצויגן. ממש יעדע שעה זענען זיי אַוועק אין דער אומ־באַוווּסטקייט אַריין. ווער ס'איז אַוועק קיין דייטשלאַנד, ווער קיין פּוילן. מיינע קראַנקע פֿיס האָבן מיך נאָך אַלץ צוגעבונדן צום אָרט. די צוויי באַקאַנטע לאָדזשער דאָקטוירים און די צוויי ייִנגלעך פֿאַר וועלכע איך האָב אַ לאַנגע צייט געזאָרגט אין לאַגער האָבן מיך נישט געוואָלט איבערלאָזן אַליין. זיי האָבן דאָס געמאָלדן דער רוסישער מאַכט און זי האָט באַוויליקט אונדז צו געבן אַ בריטשקע מיט אַ פֿערד כּדי אונדז צוצופֿירן קיין בונצלאַו צום וואָקזאַל.

דאָס איז געווען אַ קליין ווענעלע. מער ווי אונדזער ביסל זאַכן און מיך האָט מען נישט געקאָנט דערויף אויפלאָדן. אָבער מ׳האָט געוואָלט מיט־נעמען אַלע פון דער גרופּע. ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן עטלעכע קילאָ־מעטער בין איך אַראָפּ פון דער ברישקע, אַ ביסל געגאַנגען און די אַנדערע מיטוואַנדערערס האָבן זיך אויפגעזעצט און זיך אַ ביסל אָפּגערוט. אַזוי זענען מיר אין אַ פינצטערן אויפדערנאַכט אָנגעקומען קיין בונצלאַו, דאָס אָרט פון וועלכן מען האָט געקאָנט נעמען אַ באַן וואָס פאָרט... אַהיים.

אָבער אויף אַ צוג האָט מען געמוזט לאַנג וואַרטן. און דאָ איז נישט געווען וווּ אַריינצוגיין. די צוויי דאָקטוירים־מיטפאָרערס, האָבן זיך געמאָלדן אין שטאָטישן שפּיטאָל פון בונצלאַו. זיי האָבן געבעטן צו לאָזן אונדז איבער־נעכטיקן. די שפּיטאָל־אָנפירונג האָט דאָס באַוויליקט און אונדז אַריינגע־נומען אין שפּיטאָל־בנין. די קראַנקן־שוועסטערס האָבן אונדז געבראַכט עסן און בעטגעוואַנט. מיר האָבן אויסגעבעטן אַ געלעגער פאַר די יינגלעך און זאַלבעדריט זענען מיר געבליבן זיצן אין האָל ביז עס איז געוואָרן טאָג.

די האָפענונג אַז אין גיכן וועלן מיר ווידער זיין אין אונדזערע היימען האָט אונדז אַריינגעבראַכט אין אַ פריילעכער שטימונג. די גאַנצע נאַכט האָבן מיר זיך געמינטערט מיט וויצן, געזונגען. אָבער דאָס וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין די גרויליקע יאָרן איז אונדז געלעגן אין די ביינער. דאָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. מיר האָבן אָנגעהויבן שפּינען פּלענער פאַר אונדזער צוקונפט. בינו לבינו האָבן מיר פאַרטראַכט אונטערוועגס צו קויפן מתנות פאַר אונדזערע טייערע וועלכע מיר האָבן דאָך געהאָפט צו טרעפן אין דער היים.

אין דער דאָזיקער נאַכט, אין אַ רוסיש פעלד־שפּיטאָל, האָט זיך אונדז אַלץ געדאַכט, אַז דאָס פריערדיקע, דאָס מאיומדיקע איבערגעלעבטע, איז געווען נאָר אַ חלום וואָס איז פאַרביי. אָקאָרשט קומען מיר צוריק צום לעבן, צו אונדזערע טייערע, טאָ פאַר וואָס טאַקע, אין אַזאַ שעה (האָבן די מענער געזאָגט) נישט אויסטרינקען לכבוד דער גרויסער געשעעניש? זיי האָבן געפאָדערט פון דער קראַנקן־שוועסטער אַ ביסל משקה. די „שוועס־טער" האָט זיך שטאַרק פאַרוואונדערט. כאַפּן אַ שאַרפן טרונק האָט זי אויך ליב, אָבער זי האָט קיין געטראַנק נישט געבראַכט. דערווייל איז געוואָרן

טאָג און מיר זענען אַרויס צום ברונעם זיך אַ ביסל אָפּוואַשן. דערנאָך האָבן מיר אין גרויס אײַלעניש באַקומען צו עסן און זענען אַוועק צו דער באַן־סטאַציע וואַרטן אויף דער געהאָפטער באַן. אָבער עס איז געגאַנגען אַנדערש ווי מען האָט געהאָפט.

ערשט דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז אַ נייער גלות און ער האָט געדאַרפט אָנהאַלטן לאַנגע, פּײַנלעכע טעג.

האָב איך נאָך אַ היים?

אויף דער באַן־סטאַציע בונצלאַו זענען געווען פאַרזאַמלט טויזנטער מענטשן. אַלע האָבן געוואַרט אויף די דורכפאָרנדיקע באַנען וואָס האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט. אַלע אָנקומענדיקע און אָפּפאָרנדיקע באַנען זענען געווען פול געפּאַקט מיט פּליטים, וועלכע עס האָט געצויגן צוריק אין זייערע היימלענדער אַריין. דאָ זענען געשטאַנען עטלעכע משׂא־צוגן, אָבער אויך זיי זענען שוין געווען פול באַזעצט מיט מענטשן. נאָר איינצלנע האָבן נאָך געקאָנט מיט כּוח זיך אַריינקוועטשן אַהין. אַז אַ גרופּע מענטשן זאָל נאָך דאָרט געפינען אַן אָרט פאַר זיך, האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד.

בלית ברירה האָב איך געמוזט בלייבן מחוץ די גליקלעכע, וואָס האָבן זוכה־געווען צו אַן אָרט אין דער באַן־ענגעניש. אַזוי אָפּוואַרטנדיק אויף די צוגן האָב איך אָנגעהויבן באַטראַכטן די רייזנדיקע. צו מיין ווייטיק האָב איך קיין ייִד נישט געזען צווישן די המונים צוריקפאָרנדיקע. פאַמעלעך האָב איך דורכגעשפּאַצירט אַלע באַן־ליניעס ווו עס איז נאָר געשטאַנען אַ צוג. אין איין וואַגאָן וואָס ס׳איז שוין געווען איבערפולט האָב איך אויסגעפונען אַז נאָך עטלעכע מענטשן וואָלטן געקאָנט אַהין אַריין. איך האָב דעריבער געבעטן די רייזנדיקע זיי זאָלן פאַר אונדז מאַכן אַן אָרט. מ׳האָט געמוזט דאָס טאָן, אַ נישט וואָלט מען געקאָנט פאַרפאַלן ווערן אין דעם כאַאָס. צו מיין שטוינונג האָב איך דערפילט אויף מיר אַ סך דורכדרינגלעכע בליקן.

קענטיק, איך האָב געפּונען חן אין די אויגן פון די פּאַרנדיקע און כ׳האָב געהאָפּט אַז זיי וועלן אונדז מיטנעמען. זיי האָבן באמת מיך געוואָלט באַלד אַריינגעמען, אָבער איך האָב די מענטשן געזאָגט אַז איך בין נישט אַליין, מיר זענען אַ גרופּע פון פינף פּאַר וועלכע עס איז דאָ אָרט אין וואַגאָן. איך האָב בעת־מעשׂה אָנגעוויזן אויף אַ פרייען ווינקל פון וואַגאָן און געזאָגט אַז מיר וועלן זיך באַנוגענען מיט דעם פּלאַץ. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן מסכּים געווען. אַ פּאָלאַק אין די מיטעלע יאָרן איז אַפילו אַראָפּ פון וואַגאָן און מיר פּאַרגעלייגט מיטצוגיין מיט מיר ברענגען מיין גרופּע, כּדי איך זאָל ביים צוריקגיין נישט בלאָנדזשען. דער פּאָלאַק איז מיט אַ מאָל געוואָרן צוגע־לאָזן, ווי יעדער רעפּאַטריאַנט האָט ער דערציילט זיינע מלחמה־איבער־לעבענישן. אָבער ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן ווען כ׳האָב באַמערקט ווי דער פּאַרשוין האָט זיך מיט אַ מאָל געענדערט ווען ער האָט דערזען מיינע לאַגער־פריינד. כ׳האָב פּאַרשטאַנען אַז אים איז קלאָר געוואָרן אַז מיר זענען ייִדן. ער האָט נישט געוואָלט האָבן אונדז פּאַר מיטפּאָרערס. ער האָט אָנגעהויבן עפּעס רעדן, אַזוי אַז איך האָב אים תּחילת נישט פּאַר־שטאַנען. אָבער דערנאָך האָט דער „פיינער פּאָלאַק" זיך שוין נישט געשעמט און שטיל מיר געזאָגט אין אויער אַריין: „דאָס זענען דאָך ייִדן! דו ביזט אויך אַ ייִדיש קינד?"

דערהערט זיין פראַגע האָב איך גענומען שרעקלעך שרייען, זידלען און מיין האַרץ איז איבערפולט געוואָרן מיט גרויסן ווייטיק. נאָך דעם אַלעם וואָס מיט ייִדן איז געשען אין די טרויעריקע יאָרן זאָלן אונדזערע שכנים נאָך אַלץ נישט האָבן פּאַרגעסן זייער שׂינאה צו אונדז? איך האָב אים געפרעגט צי ער שעמט זיך נישט היינט, נאָך דעם ווי מ׳האָט ייִדן אומ־געבראַכט, ווייטער אַזוי צו האַנדלען?

מיין נערוון־אויסברוך האָט, ווייזט אויס, אויף אים געווירקט. ער האָט זיך גענומען פּאַרענטפערן, אָבער זיין פּאַרענטפער איז פּאַר אונדז געווען נאָך טרויעריקער, ווי די פראַגע אַליין, צי מיר זענען ייִדן. ער האָט זיך פּאַרענטפערט מיט דעם וואָס אין די וועלדער פון פּוילן געפינען זיך באַנדעס ויאָס ווילן אומברענגען די לעבן־געבליבענע ייִדן; עס איז אויך ווייטער אַ מורא פּאַר אַ פּאָלאַק צו העלפן אַ ייִד.

די אַנטוישונג האָט מיך ווי פּאַראַליזירט. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן אַז אפשר איז נישט כּדאַי ווייטער צו פאָרן? אפשר איז בעסער צו בלייבן דאָ ערגעץ אונטערוועגס? אָבער ניין, דאָס טאָר איך נישט טאָן. אין מיין היים ווי זי זאָל נישט זיין איז פאַראַן אַ האָפענונג עמעצן צו געפינען... אַזוי האָב איך זיך אַליין געטרייסט אין מיין גרויסן צער.

מיר האָבן זאַלבעפינף ווידער צוזאַמענגענומען די קלומעקלעך און זיך אַנידערגעזעצט נישט ווייט פון די באַן־שינעס. מיר האָבן געהאָפט, אַז אַ פאַרבייפאָרנדיקע באַן וועט אונדז סוף־כּל־סוף מיטנעמען. אַזוי וואַרטנדיק פלעגן מענטשן אָפּזיצן צו אַכט און צען טעג. אָבער קיין אַנדערע מעג־לעכקייט צו פאָרן איז נישט געווען.

אָפּגעזעסן אַזוי אַ פּאָר שעה האָבן מיר געזען ווי אַ פּוילישער אָפיציר קוקט זיך גוט צו צו אונדז. דערנאָך איז ער צוגעקומען. עס האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז דער דאָזיקער אָפיציר האָט געדינט צוזאַמען מיט אַ דאָקטער פון אונדזער גרופּע. ביידע האָבן זיך אויסטערליש דערפרייט. „אונדזער" דאָקטער האָט ביי דער געלעגנהייט דערציילט דעם אָפיציר וועגן אונדזער טרעפונג מיט דעם פּאַלאַק. דער אָפיציר האָט זיך פון דעם אויסגעלאַכט און געגומען אונדז באַרויקן. „אין פּוילן — האָט ער געזאָגט — איז איצט דאָס לעבן זייער גוט. עס איז דאָ גענוג צו עסן און די קאָמוניסטן היטן די אָרדענונג. און איך, יידן, וועט אין איצטיקן פּוילן גאָרנישט פעלן. וואַרט דאָ צו — האָט דער פריינד פון דאָקטער ווייטער געזאָגט — באַלד וועט פאַרבייגיין אַ צוג קיין טשענסטאָכאָוו און איך וועל אייך דאָרט אַריינ־זעצן".

עס האָט באמת נישט לאַנג גענומען און מיר האָבן דערהערט דאָס פייפן פון אַ זיך דערנענטערנדיקער באַן. דער אָפיציר האָט געגעבן אונדז אַ צייכן מיט דער האַנט און אַ וואַגאָן־טיר האָט זיך געעפנט. מיר זענען מידע און נערוועזע איינגעשטיגן.

עס איז געווען אַ וואַגאָן וואָס אין נאָרמאַלע צייטן פירט מען אין אים פערד. דאָרט זענען שוין געווען איינגעאָרדנט: אין דער רעכטער זייט פון וואַגאָן אַ רוסישע משפּחה, וועלכע האָט געדאַרפט צוריקפאָרן אין וואָראָניעזשער געגנט. אויף דער אַנדערער זייט וואַגאָן זענען געפאָרן פאַ־

לאַקן, צוויי ברידער מיט אַ שוועסטער. דאָס זענען געווען משפּחות וועלכע די דייטשן האָבן בשעת דער מלחמה אַרויסגענומען פון זייערע היימען און פאַרשיקט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. די מענטשן האָבן זיך אַזוי אינסטאַלירט אין וואַגאָן אַז יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ קיך צום קאָכן. די רוסישע משפּחה האָט אויך מיטגעפירט אַ פאַס מיט זויערקרויט. די דאָזיקע פּאַסאַזשירן האָבן זיך צו אונדז גוט באַצויגן. קודם האָבן זיי אונדז אָפּגעגעבן אַן אָרט צו „וווינען" אין מיטן וואַגאָן. זיי האָבן אונדז אויך געבראַכט עסן און אויסגעבעט געלעגערס צום שלאָפן. אַזוי זענען מיר מידע אַנידערגעפאַלן און איינגעשלאָפן. זיך איבערוועקט איז שוין געווען דער צווייטער טאָג פון אונדזער נסיעה און מיר האָבן זיך געפונען אויף דער באַן־סטאַציע ליגניץ וואָס אין נידערשלעזיע. היות מיר האָבן נישט געהאַט מיטגענומען קיין שפּייז האָבן מיר געדאַרפט זאָרגן פאַרן עסן פון די יינגלעך וואָס זענען געווען מיט אונדז. געהערט אַז מיר בלייבן דאָ שטיין עטלעכע טעג, ווייל אַלע באַן־ליניעס זענען פאַרנומען מיטן צוריק־פאָרנדיקן מיליטער קיין פּוילן און רוסלאַנד, איז פאַר אונדז ערשט אויס־געוואַקסן אַ גרויסע זאָרג. קיין געלט האָבן מיר נישט געהאַט אָבער ס'איז געווען אַ טרייסט וואָס פאַר זאַכן ווי אַ קלייד אָדער וועש באַקומט מען עסן. אויך האָט מען אונדז אויפגעקלערט אַז נאָענט פון דער סטאַציע פליסט אַ טייך ווו מיר קאָנען זיך אויסבאָדן און אויסוואַשן אונדזערע קויטיקע זאַכן.

אַראָפּ פון וואַגאָן האָבן מיר אָנגעהויבן זוכן מענטשן. צו אונדזער אַנטוישונג האָט מען קיינעם נישט געזען און מיר האָבן אויך קיין עסן זיך נישט געקאָנט פאַרשאַפן. מיר האָבן געעפנט אַ סך טירן, פון וואָקזאַל, פון בופעט, אָבער אומעטום האָבן מיר געטראָפן נאָר קלאָזעטן. ווייזט זיך אַרויס אַז „נאָרמאַלע ערטער" זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בתי־שימוש.

עס איז זייער שווער זיך פאָרצושטעלן ווי דער ליגניצער וואָקזאַל האָט אויסגעזען אין יוני 1945. אַ ריזיקער גרויסער שטח איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומגעהייער גרויסן שמוציקן קלאָזעט. אויך אַלע שטיבער וועלכע מ'האָט געעפנט אין דער געגנט פון באַן־הויף זענען געווען דורכוי־סיקע קלאָזעטן. אַזוי זענען מיר אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג, אין זוכעניש דאָך עמעצן צו געפינען, אָבער געפונען האָבן מיר נאָר קאַרטאָפל וואָס זענען

געלעגן ביי די באַן־רעלסן. מיר האָבן זיי אַלע אויפגעקליבן און מיט פרייד צוריקגעקומען אין וואַגאָן אַריין. דאָ האָבן אונדזערע שכנים אונדז דער־לויבט די קאַרטאָפל אָפּצוקאָכן. זיי האָבן אונדז נאָך געגעבן גרויפּן און אַ ביסל פעטס.

די שכנים פון ביידע זייטן וואַגאָן האָבן אַ גאַנצן טאָג געקאָכט עסן. זיי האָבן אונדז אַלע מאָל מיט עפּעס מהנה געווען, אָבער מיר האָבן ביי זיי גענומען נאָר אַ ביסל עסן פאַר די צוויי יִינגלעך.

אַזוי זענען מיר יעדן טאָג אַראָפּ פון וואַגאָן און אַלע מאָל געפונען אַ פּאָר קאַרטאָפל. מיר האָבן זיי אָפּגעקאָכט, אָבער קיין פעטס האָבן מיר נישט געהאַט. ווען מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן נאָך אַ פּאָר טעג האָב איך באַמערקט ביי איינעם פון אונדזער גרופּע אַ פּעקל מאַרגאַרין. דאָס דאָזיקע פּעקל מאַרגאַרין האָט באַהאַלטן פאַר אונדז אַ מענטש מיט צוויי דאָקטאָ־ראַטן, דערצו אין אַ צייט וואָס אָט, אָט, קומען מיר צוריק אין אונדזערע היימען! איך האָב זיך עס נישט געקאָנט גלייבן: ווי דער מענטש איז עגאָיִסטיש! דאָס איז ביי מיר געווען די צווייטע שווערע אַנטוישנדיקע איבערלעבעניש נאָך דער מלחמה: דער גוי, דער אַנטיסעמיט וואָס איך האָב געטראָפן אין בונצלאַו און דער דאָקטאָר וואָס כ׳האָב אים רעכט דערזען ערשט אין ליגניץ.

אַזוי זענען מיר נאָך זיבן טעג פאָרן אָנגעקומען אויף דער סטאַציע אָסטראָווו, נאָענט פון קאַליש. דאָ האָבן מיר געמוזט נעמען אַן אַנדערן צוג. ווען מיר זענען אָפּגעשטיגן, האָבן מיר אויפן וואָקזאַל געטראָפן זיך אַרומ־דרייען הענדלערס וואָס האָבן יעדע זאַך אויסגעטוישט אויף ברויט. אויף דער סטאַציע קאַליש איז שוין געווען אַ נאָרמאַלער באַן־בופעט. עס איז אויך געווען אַ צייטונג־קיאָסק און כ׳האָב פון ווייטנס באַמערקט יִידישע אותיות. נאָך לאַנגע יאָרן געדרוקטע יִדישע אותיות!

אָה, ווי גערן איך האָב געוואָלט קויפן די צייטונג. אָבער כ׳האָב נישט געהאַט קיין געלט. איך האָב נישט באַמערקט ווי פון דער ווייטנס שטייט אַ יִיד, אַ פרומער יִיד מיט אַ באָרד און ער זעט אויף מיין פּנים מיין אַנטציקונג מיט די יִדישע אותיות. דער יִיד איז טאַקע צוגעקומען צו מיר און מיך אויסגעפרעגט פון וואַנען איך קום, וווהין איך דאַרף פאָרן.

ער האָט מיר אָנגעבאָטן עסן. אפשר ווייל איך בין אים באַרגן געלט? אפשר ווייל איך גאָר קויפן אַ צייטונג? און ער האָט אותו־רגע מיר צוגע־ברענגט די צייטונג. ווען איך האָב נאָך פינף יאָר ייִדישער שטומקייט ווידער גענומען אין האַנט אַריין דאָס בלאַט האָב איך פאַרגעסן אין מיין ערשטן אַנטיסעמיטישן אינצידענט, וואָס האָט געטראָפן אין די טעג פון דער נסיעה. ס׳אַראַ גליק! אַ ייִדישע צייטונג מיטן צוזאָגנדיקן נאָמען: „דאָס נײַע לעבן״. צי איז דאָס אַלץ אמת — אַ נײַ לעבן פאַר אונדז? ריכטיק, האָב איך געטראַכט, אַזוי דאַרף זיין, אָבער וועט מען זיין פעיִק דערצו? איך האָב נישט געזען ווי נאָענט צו אונדז שטייט אַ רוסישער קאַפּיטאַן — ער פרעגט ווער מיר זענען, פון וואַנען מיר קומען? דער קאַפּיטאַן האָט מיר איבערגעריסן דאָס לייענען די צייטונג און געזאָגט אַז באַלד קומט אָן אַ באַן וואָס גייט קיין לאָדזש. איר וועט קאָנען אַריין אין דעם צוג און אַהיימפאָרן — האָט ער דערקלערט.

ווען דער קאַפּיטאַן האָט זיך דערווייטערט פון אונדזער גרופּע, איז צוגעקומען איינער פון די באַן־באַאַמטע און אויך געפרעגט, צי מיר ווייסן מיט וועמען מיר האָבן גערעדט.

„דאָס איז דער באַרימטער קאַפּיטאַן מענדעליעוו, איינער פון די אויס־געצייכנסטע רוסישע מענטשן״ — האָט ער געזאָגט מעשה־אַלצווייסער. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און ס׳איז ווירקלעך אָנגעפאָרן מיט רעש אַ פּאַסאַזשיר־צוג און מיר זענען אַריין אין אים.

מיר זענען ווידער אויף דער פּוילישער ערד. מיר זענען פאַרבייגע־פאָרן קאַליש, שעראַדז, מיין געבורט־שטאָט זדונסקאַ־וואָליאַ. איך בין צו צום פענצטער. מ׳זעט נישט קיין ייִד. ס׳איז נישט קענטיק קיין צעשטערונג. אויבנאויפיק איז אַלץ אומגעענדערט, אַזוי ווי עס האָט אויסגעזען אין 1939. אָבער אָן ייִדן. עטלעכע נישט־ייִדן האָב איך דערקענט. מיטיק־צייט זענען מיר אָנגעקומען קיין לאָדזש אויפן קאַלישער וואָקזאַל. אויך דאָ איז כּלומרשט נישט געווען צו זען קיין סימן פון צעשטערונג. איז טאַקע אַלץ אַזוי נאָר־מאַל? עס חידושט מיך און מיין נייגיר גליט. אויפן וואָקזאַל איז אַ שטיל־

קייט. מיר גייען אַרויס פון וואַגאָן און בלייבן אַ ווײַלע שטיין. אין דער מינוט ווייסן מיר נישט וואָס ווײַטער צו טאָן. מיט אַ מאָל דערוואַכט אין אונדז אַן אָנגרײַפנדיקער צווייפל, צי מיר האָבן דאָ עמעצן און צו וועמען זאָלן מיר דאָ גיין? איינער פון אונדזערע דאָקטוירים פאָרט אין שטאָט אַרײַן. ער וועט זען וואָס עס איז מיט זײַן וווינונג; ער האָט אונדז צוגעזאָגט צו זאָרגן פאַר אַן אָרט ווו מיר וועלן זאָלבעפינף נעכטיקן. נאָך אַ שטיקל צײַט קומט ער צוריק מיט אַ שטראַלנדיק פּנים. אין זײַן דירה וווינען זײַנע צוויי שוועגערינס, און זיי גיבן אָפּ פאַר אונדז צוויי צימערן. שווײַגנ־דיקע מיט פאַרקלעמטע הערצער גייען מיר אַרײַן אין טראַמוויי. אויך לאָדזש זעט אויס אין ערשטן אויגנבליק נישט באַשעדיקט. אפשר האָבן נאָר גע־וויסע געגנטן געליטן? — טראַכט איך. ווען דער טראַמוויי שנײַדט זיך אַרײַן אין דער נאַרוטאָוויטש־גאַס, זע איך פאַרבײַגיין צוויי באַקאַנטע מענטשן און עס גיט אין מיר אַ גלי אַ פונק פון האָפענונג. צו באַצאָלן פאַרן טראַמוויי האָבן מיר נישט אָבער פאַרן קאָנדוקטאָר איז דאָס נישט קיין נײַעס. רעפּאַטריאַנטן נעמט מען אויף אויך אָן געלט.

איצט איז שוין קלאָר: גאַנץ לאָדזש איז פאַר מיר טויט. וואָלט כאָטש דאָ אַלץ געווען צעשמעטערט, וואָלט עס פאַר מיר געווען ווי איין גרויסער חורבן וואָס ווייסט נישט קיין חילוק צווישן ייִד און גוי. אָבער מיט די געדאַנקען בין איך אַרײַן אין ריטעם פון לעבן. עס איז דאָ אַ ייִדישע גמינע, אַ ייִדיש רעפּאַטריאַנטן־הויז. מ׳דאַרף זיך גיין רעגיסטרירן אין ייִדישן קאָמיטעט.

איך האָב זיך אַ ביסל געקווענקלט. איך האָב מורא געהאַט פאַר דער ווירקלעכקייט, פאַרן טרויעריקן אמת. אָבער נאָך אַ צײַט פון ווײַטיקלעכער פּאַסיוויטעט האָב איך דאָך אָנגעהויבן האָפן אַז אפשר וועל איך עמעצן טרעפן. איך גיי אַרײַן אין טויער אויף נאַרוטאָוויטשאַ־גאַס 32, ווו עס געפינט זיך דער רעגיסטראַציע־אַמט פאַר ייִדישע פּליטים. פּלוצלינג הער איך ווי עמעצער רופט מיך ביים מיידלשן נאָמען. עס רופט אַ פרוי, זי קוקט זיך גוט אײַן אין מיר און זי רעדט צו זיך: „יאָ, דאָס איז זי, דאָס איז פעלע״.

זי רעדט און איך פאַרשטיי נישט אירע רייד. ענדלעך שרייט זי אויס מיט ציטערניש אין איר שטים: „פעלע, דיין טאָכטער איז דאָ, דיין שוועסטער איז דאָ...״

— מיין טאָכטער, מיין שוועסטער?! וויל איך העפטיק שרייען, נאָר מיין קול איז פאַרקלעמט, מיין שטים איז דערוואָרגן און טויב הילכט אין מיינע אויערן:

— דיין טאָכטער איז דאָ...

נעמען פון שטעט, געטאָס און לאַגערן ווו די שרײַבערין איז געווען אין יענע יאָרן

שטעט: לאָדזש, ווישניאָוואַ־גוראַ, וואַרשע, אָטוואָצק, זדונסקאַ־וואָליאַ, טשענסטאָכאָוו, בונצלאַו, ליגניץ, אָסטראָוו.

אַרבעט־לאַגערן: זאַגוזשע, וואָליאַ האַנקאָווסקאַ, קאַמיק, קלאָבוצק, קזשעפּיץ, בלאַכשטאַט, בלעכהאַמער.

דורכגאַנגס־לאַגערן: קלעטענדאָרף, לופּטוואַפּע.

קאָנצענטראַציע־לאַגערן: לודוויגסדאָרף, גערליץ.

אינהאַלט:

7 אַ וואָרט פריִער
9 אַריינפיר
11 עס שטעלט זיך אַ שווערער ווינטער
19 אונטער אַ פיינטלעכער מאַכט
23 דער טויט האָט געשפּרייזט צווישן אונדז
25 ייִדן האָבן מורא צו בלייבן אין לאָדזש
27 דער ערשטער ווינטער
47 מען מויערט אַרום די ענגשאַפט פון די וואַרשעווער ייִדן
60 קינדער אין הפקר און קינדערישע באַנדעס
66 אין טשענסטאָכאָווער געטאָ
70 איך פאָר אויף „גוטע פּאַפּירן"
74 די מענטשן פון קלאָבוצק
89 מוראדיק איז פאַרענדערט מיין היימשטאָט
95 אין היימישן קרייז
106 איך פאַל אַריין אין תּפיסה
118 אין תּפיסה־קאַמער
140 אין אַרבעט־לאַגער
157 ייִדן־ריינע שטעטלעך
163 צייכנס פון היטלערס מפּלות
167 געטאָ וואַרשע האָט געברענט און...
172 טאָג אויס, טאָג איין אין קליינעם לאַגער
182 גייען מיר אַנטקעגן דעם אומהיימלעכן סוף?
191 אַ נייער נסיון — לאַגער־לופּטוואַפּע
203 לאַגער לודוויגסדאָרף
211 „אָרדענונג" האָבן ליב די דייטשן!
219 באָמבעס און מענטשן
226 פון לאַגער צו לאַגער
243 צו אַ נייעם גלות
248 איך בין אַריבער אין אַ „נייער דירה"
253 מ׳וואַרפט גורל — מ׳וואַרט אויפן געהאַפטן טאָג.
258 אין לאַגער גערליץ
278 מיר זענען פריי
280 פאַר אַ נייעם תּהום
291 האָב איך נאָך אַ היים?